STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06040

MAME YIDISH

Jacob Botoshansky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב
באָטאָשאַנסקי

מאַמע יידיש

(עסייען און לעקציעס)

פאַרלאַג דוד לערמאַן

בוענאָס איירעס ה'תש"ט
1949

משה פייגענבלום

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
J. Botoshansky

JACOBO BOTOSHANSKY

M A M E   I D I S C H

(M A D R E   I D I S C H)

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Buenos Aires, 1949
INDUSTRIA ARGENTINA

זוך־צעטל

אַלט־יידיש און יידיש אין מיינע דריי היימען (אַ וואָרט פאָרויס) — 5

די אַלטע יידישע ליטעראַטור — — — — — — — — — — 11

יידישע ליטעראַטור אין בעסאַראַביע און אליעזר שטיינבאַרג — — 118

יידישע פּרעסע און ליטעראַטור אין אַלט־רומעניע — — — — 135

דאָס יידישע וואָרט אין אַרגענטינע — — — — — — — — 159

נעמען־רעגיסטער — — — — — — — — — — — — — 277

איך בין נישט קיין קונסט־
קריטיקער נאָר אַ קונסט־
גענוסער.

יעקב באָטאָשאַנסקי

אַלט-ייִדיש און ייִדיש אין מיינע דרייַ היימען

(אַ וואָרט פאָרויס)

אין דעם שטעטל, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן, האָט מען גערעדט פיר לשונות. ביים ברעג פון טייך, איבערן בערגל, אויפן בערגל און פון יענער זייט בערגל, האָט מען גערעדט מאָלדאַוואַניש, אָדער וואָלעכיש, ווי ייִדן האָבן עס גערופן. אייגנטלעך איז דאָס רומעניש און טאַקע דער מאָלדאַוואַנישער דיאַלעקט פון רומעניש, נישט דער וואָלעכישער (וואַלאַכישער, אָדער מונטעניִשער), אָבער ייִדן האָבן דאָס גערופן אי מאָלדאַוואַניש, אי וואָלעכיש. דאָס איז אַלציינס, ווי מען זאָל דעם פּוילישן דיאַלעקט אונדזערן רופן אי פּויליש, אי — ליטוויש. אָבער גיי קריג זיך מיט ייִדן — זיי האָבן די רומענער פון אונדזער שטעטל גערופן אי מאָלדאַוואַנעס, אי וואָלעכן און זייער שפּראַך האָבן זיי גערופן אי מאָלדאַוואַניש, אי וואָלעכיש. און צום סטעפּ־צו האָט מען פון איין זייט גערעדט אוקראַיניש, וואָס מען האָט גערופן „כאַכליש", אָדער סתם „גויאיש" און פון דער אַנדערער זייט האָט מען גערעדט „קאַצאַפּיש" — וואָס איז דאָס עכטע גרויס־רוסיש. און אין דער מיט שטאָט, אין צענטר, האָט מען גערעדט — ייִדיש.

יעדע פון די פיר שפּראַכן האָט זיך געהאַט איר חן און איר רייץ. און דאָס מערקווירדיקע דערביי איז געווען, וואָס ייִדן האָבן געקענט ביסלעכווייז אַלע דרייַ פרעמדע שפּראַכן. אייניקע האָבן גערעדט גאָר גוט אין זיי, אַנדערע מיטלמעסיק און אַנדערע גאָר שלעכט, אָבער אינגאַנצן נישט גערעדט אין זיי האָט אפשר נאָר דער אַלטער דיין. און אַ גוי, וואָס האָט געקענט אַביסל ייִדיש איז געווען אַ חידוש. אָט איך אַליין האָב

אַביסל פאַרשטאַנען די דריי פרעמדע שפּראַכן פון סאַמע קינדוױיז אָן. כאָטש אַרום אונדז האָבן געוווינט נאָר ייִדן. איך האָב עפּעס געגאַשט פון די דאָזיקע דריי שפּראַכן ביי די דינסטן וואָס מיר האָבן געהאַלטן און ביי די דינסטן, וואָס זיינען געקומען קוילען עופות ביי מיין טאַטן און פון די האַלצהעקערס, וואָס פלעגן אַ פּאָר מאָל אין יאָר ביי אונדז האַקן האָלץ.

ביי אונדז האָט מען נישט גערעדט דעם „מאַמאַליגאַרישן" ייִדיש (פון וואָרט מאַמאַליגע), ווי מיין טייערער חבר, דער זייער טאַלאַנטירטער און זייער בעסאַראַבישער דיכטער אפרים אויערבאַך רופט אָן דאָס בע־סאַראַבישע ייִדיש. ביי אונדז האָט מען טאַקע גערעדט מיט „קמצן" אָנשטאָט מיט „פּתחן" און מען האָט געזאָגט „טאָטע", „מאַמע". ווען איך האָב שפּעטער מיט יאָרן גענומען ריידן ליטעראַריש און רופן מיין פאָ־טער „טאַטע" (מיט אַ פּתח), האָט ער געזאָגט, אַז איך רייד דייטש... אָבער מען האָט געזאָגט „אַרוים", „דרויסן", נישט „אַרום" און נישט „דרוסן", ווי מען זאָגט אין גאַנץ בעסאַראַביע. און מען האָט ביי אונדז גענוצט וויניק מאָלדאַוואַנישע ווערטער. מען האָט נישט געזאָגט „טשור־טרע", נאָר „עמער" א. א. וו. און דאָך האָט אונדזער ייִדיש געהאַט מער פון אַלץ די השפּעה פון מאָלדאַוואַניש. מען האָט ביי אונדז אין די שולן קיינמאָל נישט געזונגען „כאַכליש" און „קאַצאַפּיש" און אַ וואָלעכל האָט מען געזונגען. דאָס בענטשן „טל" און „גשם" איז אינגאַנצן געווען מיט אַ וואָלעכישן נוסח. די חזנים ביי אונדז פלעגן אַ זאָג טון אַ „וואָלעכל", אַז זיי האָבן דאָס חיהם אַרויסגענאָגט. נאָך כל נדרי פלעגט דער חזן אַ זינג טון „אַ יעלה" מיט אַזאַ וואָלעכל, וואָס האָט אַרויסגע־צויגן דעם מאַרך פון די ביינער. דאָס „וואָלעכל" איז אייגנטלעך געווען די רומענישע פאָלקס־דאָינע, וואָס פּאַסטוכער (טשובאַנעס) שפּילן דאָס אויף הילצערנע פייפלעך, אָבער עס איז דאָך געווען אַנדערש. צום מאָלדאַוואַנישן טרויער און בענקשאַפט איז צוגעקומען אַ ייִדישער קרעכץ.

אָבער ווי שטאַרק די השפּעה פון וואָלעכיש זאָל נישט געווען זיין אויף אונדזער ייִדיש, איז אונדזער ייִדיש מער פון אַלץ געווען — ייִדיש. מיר האָבן אין אונדזער לשון אַריינגעמישט ווערטער פון אַלע דריי אַרו־מיקע שפּראַכן. מיר האָבן אין אונדזער געזאַנג אויסער מאָלדאַוואַניש געהאַט אויך בולגאַריש, כאָטש אין שטאָט זיינען קיין בולגאַרן נישט געווען, זיי זיינען געווען אין אייניקע דערפער, דאָך איז בשעת חדוה

און פרייד אונדזער געזאַנג געווען בולגאַריש. מען וועט אַמאָל דאַרפֿן אויספאָרשן פאַר וואָס בעסאַראַבישע יידן האָבן געטרויערט און געבעטן גאָט דורך וואָלעכישע מעלאָדיעס און געפרייט זיך און געטאַנצט האָבן זיי — „בולגאַריש".

מיר האָבן אין אונדזער יידיש אַריינגעמישט ווערטער און קלאַנגען פון אַלע אַרומיקע שפּראַכן און דאָך איז אונדזער יידיש געווען — יידיש. און מיר האָט זיך קינדערווייז געדאַכט, אַז קיין ריינערע שפּראַך ווי יידיש איז נישטאָ.

געלערנט האָב איך אין חדר חומש, פּסוק און גמרא און מיר האָט קיינמאָל זיך נישט געדאַכט, אַז עס איז עפּעס פאַראַן אַ חילוק צווישן לשון קודש און יידיש. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז יידיש איז באַלד גע־בוירן געוואָרן אינאיינעם מיט לשון קודש, בכדי מ'זאָל קענען פאַרטייטשן און פאַרשטיין. וואָרום לשון קודש אַליין, פאַרשטייט מען דאָך נישט. קינדערווייז וואָלט איך מסתמא גרייט געווען צו שווערן, אַז אויף דעם באַרג סיני שוין האָט מען געלערנט אויף לשון קודש און פאַרטייטשט אַלע ווערטער אויף יידיש...

וועגן אָפּשטאַם פון יידיש האָב איך זיך דערוווסט ערשט אַ סך, אַ סך שפּעטער און דערוווסט האָב איך זיך וועגן דעם פון די דאָזיקע, וואָס האָבן געוואָלט אָפּקילן מיינע געפילן צו יידיש און זיי אַוועקפירן צו העברעאיש און צו רוסיש. און איך האָב טאַקע אַ שטיק צייט גערעדט, געלייענט און געשריבן נאָר אויף רוסיש און העברעאיש — לויט דעם אָדעסער אוסישקין־רעצעפּט... אָבער אין דער קליינער עפּאָכע פון שפּראַך־אַנטיטעזע האָב איך שטענדיק גערעדט און געשריבן ווי מיט אַ האַלב מויל. איצטער גיב איך זיך חשבון, אַז איך האָב פון איין זייט גענומען אַ שטיפמאַמע און פון דער אַנדערער זייט די באָבע און איך האָב זיי גערופן מאַמע... אויך דעמאָלט, ווען איך האָב גערעדט און געשריבן רוסיש און העברעאיש, האָב איך געפילט, אַז יידיש איז מיין עיקר און דער עיקר פון די אַלע מיליאָנען ברידער צווישן וועלכע איך לעב. איך האָב אויך דעמאָלט געגלויבט, אַז פאַר מיר און מיינס גלייכן איז יידיש געגעבן געוואָרן שוין אויפן באַרג סני...

אין אָט אין דעם וועט מיין לייענער געפינען די סיבה פאַרוואָס איך רוף מיינע עסייען, לעקציעס און אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער און ביכער „מאַמע־יידיש". שוין פינף־און־דרייסיק יאָר, אַז איך שרייב און

לייען לעקציעס וועגן יידישער ליטעראַטור און יידישן פאָלקלאָר און איך קריג ערשט איצטער די געלעגנהייט אַרויסצוגעבן אַ טייל פון מיינע עסייען און לעקציעס אין בוכפאָרם. און כאָטש איך האָב געדעדט און געשריבן אויך וועגן דער העברעאישער ליטעראַטור און וועגן ליטעראַ־טור אין אַנדערע שפּראַכן, וועל איך אַלע מיינע עסייען, לעקציעס און אָפּהאַנדלונגען רופן „מאַמע־יידיש", וואָרום זיי זיינען דאָך אַלע געשריבן אין „מאַמע־יידיש". און די מחיצה צווישן יידיש און העברעאיש איז פאַר מיר קיינמאָל נישט געווען אַזוי גרויס, ווי ביידע צדדים האָבן זי געוואָלט מאַכן. אָפּהאַנדלונגען וועגן העברעאיש, וואָס איז ביז נישט־לאַנג געווען די באָבע און היינט איז זי ווידער געוואָרן אַ יונגע מויד קענען זיך גאַנץ גוט אַריינפּאַסן אין ביכער, וואָס הייסן „מאַמע־יידיש".

דער גורל וויל, אַז דער ערשטער באַנד פון „מאַמע יידיש" זאָל דערשיינען נאָך איידער עס איז געוואָרן אַ יאָר זייט מען האָט פּראָקלאַ־מירט אין מוזיי פון תל אביב די יידישע מדינה און אַ טייל פון ארץ ישראל. און דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל האָבן געהאַט די זכיה צו זיין אויפן פּלאַץ בעת דער דערמאָנטער פּראָקלאַמירונג און איבערלעבן פון דער נאָנעט די גרעסטע געשעעניש אין לעבן פון אונדזער פאָלק זייט 1870 יאָר. און איך האָב נישט פּאַרוואָס צו פּאַרלייקענען, אַז איך האָב אין ארץ ישראל זייענדיק זיך איבערצייגט, אַז די הויפּט־שפּראַך מוז און דאַרף דאָרט זיין העברעאיש און אַז איך האָב דאָרט גערעדט זייער אָפט העברעאיש — אויף וויפל מיינע פיזישע כוחות האָבן מיר דאָס דער־לויבט... — און אַז איך רייד זייט דעמאָלט פון צייט צו צייט פּריוואַט און עפנטלעך עברית, און אַז איך טו דאָס מיטן באַוווסטזיין, אַז עס גייט דערצו, אַז די יידישע אינטעליגענץ וועט דאַרפן ווייזן דעם ביישפּיל פון קענען ריידן אין דער שפּראַך פון דער מדינת ישראל. אָבער אָט דער פאַקט רויבט ביי מיר נישט אַוועק מיין ליבע צו און שוין אוודאי נישט מיין אָרגאַנישע פאַרבינדונג מיט יידיש. און אפשר האָב איך מיינע לעקציעס, עסייען און אָפּהאַנדלונגען אַ נאָמען געגעבן „מאַמע יידיש" טאַקע דערפאַר, ווייל איך האָב אָנערקענט עברית! הלוואי זאָלן די פאַ־נאַטישע העברעאיסטן אַזוי אָנערקענען יידיש, ווי יידישיסטן אין זייער רוב אָנערקענען דעם ריכטיקן ווערט פון העברעאיש!

איך האָב לאַנג געקלערט וועגן דעם וועמען זאָל איך געבן די בכורה אין מיינע ביכער, וואָס הייסן „מאַמע יידיש" און עס איז געווען די האַנט

פון מיין ליבן עלטערן און גרעסערן חבר אברהם רייזען, וואָס האָט מיך אויפגעפאָדערט אַרויסצוגעבן מיינע לעקציעס וועגן דער אַלטער יידישער ליטעראַטור אין אַ בוך. נישטאָ קיין מער פּאַסיקער אָנהויב פאַר מיינע ביכער ווי אָט אָ די אַרבעט, וואָס וועט — האָף איך — ווערן אַ שטיק האַנט־בוך פאַר לערער, תּלמידים און די דאָזיקע יידישע לייענער, וואָס ווילן וויסן עפּעס נישט נאָר וועגן נעכטן און היינט פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך וועגן איר אייערנעכטן.

און עפּעס האָב איך דערפילט, אַז נאָך דער אַרבעט וועגן דער אַלטער יידישער ליטעראַטור דאַרפן קומען אַרבעטן וועגן דער יידישער ליטעראַטור און יידיש בכלל אין מיינע דריי היימען — בעסאַראַביע, אַלטרומעניע און אַרגענטינע. ליידער האָב איך נישט געקענט באַווייזן צו געבן וועגן די ערשטע צוויי געגנט אויסשעפּנדיקן מאַטעריאַל און איך בלייב זיי אַ בעל חוב.

איך געפין פאַר נייטיק צו דאַנקען דעם יידישן קולטור־מענטש דוד לערמאַן, וואָס האָט שוין אַרויסגעגעבן עטלעכע וויכטיקע ביכער פון אויסלענדישע און היגע יידישע שרייבער און ער האָט אויך מיר אָנגעטון דעם כבוד און ער גיט בפועל ממש אַרויס אָט דאָס בוך מיינס און ער איז גרייט צו ציילן צוויי נאָך איינס...

איך וויל באַמערקן, אַז דעם מאָטאָ: „איך בין נישט קיין קונסט־קרי־טיקער, נאָר אַ קונסט־געניסער", האָט מיר סוגערירט מיין פריינט, דער דיכטער און פּובליציסט נ. ב. מינקאָוו און איך האָב אים פולשטענדיק אַקצעפּטירט. איך געניס אַליין און לערן מיין לייענער צו געניסן.

און צום סאַמע לעצט וועל איך דאָ דערקלערן, אַז איך ווידמע אָט דאָס בוך מיינס:

צו אַ ב ר ה ם ר י י ז ע ן פאַר זיין פריינטשאַפט צו מיר און פאַר זיין עצהן מיר אַרויסצוגעבן די אַרבעט וועגן דער אַלטער יידישער ליטעראַטור אין אַ בוך.

צו י ע ק ב פ י כ מ אַ ן, דעם העברעאיש־יידישן פּאָעט, וואָס האָט מיר אין תּל אביב גערעדט מיט אַזוי פיל הארץ וועגן יידיש אין דער סאַמע עפּאָכע פון בראשית פון מדינת ישראל, אַז איך האָב דערפאַר נאָך מער ליב באַקומען יידיש, העברעאיש, ארץ ישראל און טאַקע פיכמאַנען אַליין.

און איך ווידמע אויך מיין בוך צו מיין ליבן און טייערן חבר אפרים אויערבאַך, וואָס איז דער בעסאַראַבישסטער צווישן די טאַלאַנטירטע יידישע דיכטער.

אַט אָ דעם מאָדנעם „חוש המשולש״ ווידמע איך דעם ערשטן באַנד פון מיין „מאַמע יידיש״, אין וועלכן איך דערצייל וועגן שטאַם און וועגן זיינע דריי צווייגן, וואָס איינער איז ליידער אינגאַנצן פאַרדאַרט און צוויי קענען בליען — — —

אַז יידיש אַליין וועט אייביק לעבן און אַז אפילו די ערגסטע מלאָכים און די פינצטערסטע שוואַרצזעער, וועלן מוזן, פריער אָדער שפּעטער, ענטפּערן אָמן און איינזען די גרויסע ליכט, וואָס שטראַלט פון מאַמע־לשון, אין דעם בין איך איבערצייגט און איך גלויב באמונה שלימה, אַזוי ווי אַ פרומער ייד גלייבט אין יידישקייט.

✶

די אַלטע יידישע ליטעראַטור

אַ ר יי נ פ י ר

אויף דעם געביט פון דער אַלטער יידישער ליטעראטור האָב איך נישט קיין צו גרויסע פּרעטענזיעס. מיין סטיכיע איז די נייע יידישע ליטעראטור. אין דער אַלטער פיל איך זיך פּערזענלעך ווי אויף אַ בוידעם פון אַן אַלטן בית המדרש. עס אינטערעסירט מיך און איך פיל אַ ריח פון שטויב און שימל.

מיר איז אָבער אויסגעקומען צוויי מאָל צו האלטן לעקציעס וועגן דער געשיכטע פון אונדזער אַלטער ליטעראטור אין דעם פאָלקס־אוני־ווערזיטעט פון „פאַרבאַנד פון איינגעבירגערטע יידן אין רומעניע" (און־יונגע עווריאָר פאַמענטעני) אין בוקאַרעשט און אויף די קורסן פאַר דערוואַקסענע אין דער „געזעלשאַפט פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע", אין ב. איירעס. און אויסגעקומען איז דאָס מיר דערפאַר, ווייל אַן אַנדערער האָט אויף זיך די אַרבעט נישט געוואָלט נעמען. איך האָב מיינע לעקציעס קאָמפּילירט איבערהויפּט לויט די אַרבעטן פון ד"ר מאַקס וויינרייך, ד"ר מאַקס עריק און זלמן רייזען. צוהילף זיינען מיר געקומען אויך געוויסע אַרבעטן פון ב. באָראָכאָוו, נח פּרילוצקי, נחום שטיף און י. שיפּער.

אייניקע פון אָט די לעקציעס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „די פרעסע" און אַברהם רייזען האָט מיר שיר־נישט באַפוילן זיי צו אַרויס־געבן אין בוכפאָרם, בכדי פּשוטע לייענער, וואָס זיינען נישט בכח צו שטודירן שווערע פאָרשונגען, זאָלן אויך וויסן, אַז די יידישע ליטעראטור הייבט זיך נישט אָן מיט מענדעלע מוכר ספרים, ווי עס האָט געמיינט צוריק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט דער גרעסטער יידישער ליטעראטור־קריטיקער בעל מחשבות. און איך בין זייער דאַנקבאַר דעם דערמאָנטן

גרויסן יידישן דיכטער, וואָס ער האָט מיר סוגערירט דעם דאָזיקן געדאַנק און איך פיל זיך גליקלעך, וואָס מיין בוך „מאַמע יידיש" הייבט זיך אָן מיט אַן ארבעט וועגן יענער תקופה, אין וועלכער אונדזער מאַמע איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע.

פון וואַנען ווייסט מען?

דאָס ערשטע, וואָס איר וועט פרעגן, וועט געוויס זיין: פון וואַנען ווייסט מען וועגן דער אַלטער יידישער ליטעראַטור? ווו זיינען פאַראַן די מאַטעריאַלן? און אַן ענטפער פעלט נישט אין דעם פּרט. פאַראַן אַ סך מאַטעריאַלן אין די פאַרשידנסטע ביבליאָטעקן פון מערב־אייראָפּע און איבערהויפּט אין דער אָקספאָרדער ביבליאָטעק. די העברעאיש־יידישע אָפּטיילונג פון דער אָקספאָרדער־ביבליאָטעק האָט זייער אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע.

צווישן די יאָרן 1664 און 1736 האָט אין פּראַג געלעבט אַ באַרימטער רב דוד אָפּנהיימער, וואָס איז געווען אַ גרויסער ביבליאָפיל. ער האָט געהאַט אַ ריזיקע ביבליאָטעק נישט נאָר פון העברעאישע ביכער און כתבים, נאָר אויך פון יידישע. אין זיין ביבליאָטעק זיינען געווען אַ סך פאַרבאָטענע ביכער (פּאָלעמישע שריפטן קעגן קריסטנטום) און מורא האָבנדיק פאַר אַן איבערפאַל מצד דער מערישער (טשעכישער) רעגירונג, האָט ער זיין ביבליאָטעק אריבערגעפירט קיין דייטשלאַנד, צו זיין שוואָגער אין האַנאָווער. אָפּנהיימערס קינדער זיינען שוין נישט געווען אַזעלכע ביבליאָפילן, ווי דער פאָטער און איינער פון זיינע זין האָט פאַרזעצט די גאַנצע ביבליאָטעק פאַר פופציק טויזנט מאַרק און ווען עס איז געקומען די צייט פון אויסלייזן, האָט דער יונגער אָפּנהיימער נישט געהאַט קיין געלט און דער מלווה האָט געשטעלט די גאַנצע ביבליאָטעק צו אַ ליציטאַציע. אָפּגעקויפט האָט די אַלע ביכער און כתבים די ביבליאָטעק פון דער ענגלישער אוניווערסיטעט־שטאָט אָקספאָרד, וואָס הייסט „ביבליאָטעקאַ באָדעליאַנאַ", אויפן נאָמען פון איר גרינדער, דעם באַרימטן ביבליאָפיל טאָמאַס באָדעלי. אָפּנהיימערס ביבליאָטעק איז געוואָרן די יודאַיקאַ־העברעאיקאַ־אָפּטיילונג פון דער „ביבליאָטעקאַ באָדעליאַנאַ" און די דאָזיקע אָפּטיילונג איז די וויכטיקסטע פאַר דער פאָרשונג פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור.

די „ביבליאָטעקא באָדעליאַנא" האָט געהאַט מזל מיט איר „יודאיקא העבראַיקא". דעם קאַטאַלאָג פון די העברעאישע און יידישע ביכער האָט געמאַכט סך־הכל מאָריץ שטיינשניידער, וואָס איז געווען איינער פון די גרעסטע ביבליאָגראַפן אין דער וועלט און געווים דער גרעסטער העברע־איש־יידישער ביבליאָגראַף. מאַכן אַ קאַטאַלאָג איז גאָרנישט אַזוי לייכט, פון אַלטע ביכער איז עס שוין גאָר שווער. אויף די אַלטע ביכער פעלט צומאָל דאָס יאָר פון דער אויסגאַבע און מען דאַרף זיך אָנשטויסן לויט דעם כתב, אָדער דרוק, צי גאָר לויט אַנדערע ביכער. און מאָריץ שטיינ־שניידער איז געווען אַ גרויסער געלערנטער און אַ גרויסער קענער אין ענינים פון האַנטשריפט און דרוק. מאָריץ שטיינשניידער איז געבוירן גע־וואָרן אין יאָר 1816 אין פּראָסניץ (מערן, אָדער ווי מען רופט עס היינט, טשעכיע) און ער האָט געהאַט אַ לאַנג און פרוכטבאַר לעבן. 91 יאָר האָט ער געלעבט און ער איז געווען ביי זיין אַרבעט ביז אַ פּאָר וואָכן פאַר זיין טויט. מאָריץ שטיינשניידער איז באַקאַנט מיט זיין פּאָלעמיק קעגן היס־טאָריקער גרעץ. ער האָט געזאָגט, אַז מען טאָר נישט נעמען און שרייבן קיין יידישע געשיכטע, מען דאַרף פריער זאַמלען די מאַטעריאַלן. ער איז געווען אַ סך אַ גרעסערער געלערנטער, ווי גרעץ, אָבער צוליב זיין פּינקטלעכקייט, האָט ער נאָר געטראָגן ציגל, אָבער נישט געבויט. מאָריץ שטיינשניידער האָט אכט יאָר דורכאַנאַנד געאַרבעט אויף דעם העברעאיש־יידישן קאַטאַלאָג, וואָס איז פאַרטיק געוואָרן אין 1860. דער דאָזיקער קאַטאַלאָג, געשריבן אין לאַטיין, איז היינט אַ יקר־המציאות, אָבער פאַר פּופציק פונט קריגט מען אים נאָך צו קויפן. שטיינשניידער האָט די הע־ברעאישע נומערן באַשריבן אויספירלעכער אָבער צו די יידישע האָט ער זיך אויך באַצויגן מיט נישט ווייניק ליבע און דרך־ארץ.

פאַראַן נאָך באַרימטע ביבליאָטעקן, ווו עס געפינען זיך איצט די אוצרות פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, ווי: דער בריטישער מוזיי אין לאָנדאָן, די קעמברידזשער ביבליאָטעק, דאַן די ביבליאָטעקן פון אַמ־סטערדאַם, פּאַריז, מינכען, פראַנקפורט אַם מיין, לייפּציק, ברעסלאַו, ווילנע. דער עלטסטער מאַנוסקריפּט אין יידיש געפינט זיך אין דער בער־לינער שטאַטס־ביבליאָטעק. (אויב עס געפינט זיך דאָרט נאָך היינט, ווייס איך נישט). דאָס איז אַן אַנאָנימע תהלים־איבערזעצונג. עמיצער האָט צוגעשריבן אויף דער איבערזעצונג אין לאַטיין, אַז מען האָט דעם מאַ־

נוסקריפּט געקויפט אין יאָר 1490. געשריבן האָט מען די איבערזעצונג געווים פריער.

אָט די אַלע ביבליאָטעקן האָבן די באָראָכאָווס, שטיפס, עריקס און וויינרייכס גרינטלעך שטודירט און זייערע אַרבעטן גיבן אונדז היינט די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך טיילווייז מיט די אָנהייבן פון דער יידישער ליטעראַטור און פון דעם, וואָס זיי דערציילן אין גרויסע, שווערע אַר־בעטן, וויל איך אייך איבערגעבן דעם תמצית אין מיינע לייכטע שמועסן.

ווי אַלט איז יידיש?

איך וואָלט מיין ערשטע לעקציע געדאַרפט אָנהייבן מיט אַ שטיקל געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך, אָבער אויב עמיצער וועט אייך זאָגן, אַז ער קען די דאָזיקע געשיכטע, וועט ער אייך זאָגן אַ גוזמא. ב. באָראָ־כאָוו האָט זיך געמאַכט אַ סכעמע פאַר דער געשיכטע פון יידיש, אַ גלענ־צנדיקע, הגם נישט קיין אויסשעפּנדיקע סכעמע, אָבער ער האָט זיין אַר־בעט אפילו נישט אָנגעהויבן. זייער באַרופן וואָלט געווען פאַר אַזאַ אַרבעט נחום שטיף; אָבער ער האָט אַ גאַנץ לעבן נישט געהאַט קיין אַר־בעטס־מעגלעכקייטן און ווען ער האָט די לעצטע יאָרן זיי יאָ געהאַט, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דעם היינטיקן יידיש און אַריינגעבראַכט אַ סך מזל ברכה און אויך אַ היפּש ביסל צערודערונג, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסוואַרפן דעם העברעאישן עלעמענט פון יידיש.

עס וועט אייך קיינער נישט קענען זאָגן גענוי, ווי אַלט איז יידיש און עס וועט אייך קיינער נישט זאָגן גענוי פאַרוואָס, ווען יידן האָבן אויסגעוואַנדערט פון פאַרשידענע לענדער, ווו זיי האָבן זיך אָנגעאייגנט די לאַנד־שפּראַכן, האָבן זיי מיט דער צייט די דאָזיקע שפּראַכן אַוועקגע־וואָרפן „אחרי גוים" און די שפּראַך, וואָס זיי האָבן אָנגעאייגנט אין דייטשלאַנד, האָבן זיי מיטגענומען פריער אין די סלאַווישע לענדער אַריין און דערנאָך אין דער גאַנצער וועלט. עס זיינען געווים געווען סבות דער־פאַר — קיין זאַך ווערט נישט געבוירן פון הימל —; אַ הויפּט־סיבה איז מסתמא אויך, וואָס אין די סלאַווישע לענדער האָבן זיי געטראָפן פעלקער מיט אַ נידעריקערן קולטור־ניוואָ און אין פּוילן האָט גאָר אינגאַנצן גע־הערשט דעמאָלט דייטש, אָבער קיין גענויער מאַטעריאַל איז וועגן דעם נישטאָ. און וועגן דעם ווי אַלט יידיש איז, איז שוין גאָר קיין מאַטעריאַל

נישטאָ. נחום שטיף האָט געשריבן אין יאָר 1917, אַז יידיש איז אַלט טויזנט יאָר, אָבער כאָטש שטיף איז געווען זייער אַ פּינקטלעכער, האָט ער דאָס דאָך נישט געקענט דערווייזן און ס׳איז געווען זיינע אַ השערה.

עס איז איבעריק צו באַמערקן, אַז יידן האָבן פון תמיד אָן אַ נטיה איבערצונעמען שפּראַכן פון אַנדערע פעלקער. נאָך זייענדיק אין ארץ־ישראל האָבן יידן אויפגעהערט צו ריידן העברעאיש און אָנגעהויבן ריידן אַראַמיש (די שפּראַך פון קרובישן שבט „ארם נהרים״). די דאָזיקע שפּראַך רופט מען איצט „תרגום לשון״ און זי איז אַריין אין העברעאיש, כאָטש העברעאיש איז פאַר אונדז היינט גרינגער. (אַז איינער רעדט מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך, זאָגט מען, אַז ער רעדט תרגום־לשון). און דערנאָך האָבן יידן אַ סך מאָל איבערגענומען שפּראַכן ביי אַנדערע פעלקער, איבערגענומען גריכיש, לאַטיין, אַראַביש, שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, איטאַליעניש. אָנקומענדיק קיין דייטשלאַנד, האָבן יידן איבערגענומען דייטש און ווייל זיי זיינען אַהין אָנגעקומען אין גרויסע מאסן, האָבן זיי באַלד אָנגעהויבן ריידן דאָס דייטש אַנדערש. זיי האָבן אין דעם אַריינגעמישט די העברעאישע קולטוס־ווערטער, די שכנים זאָלן נישט פאַרשטיין; האָבן ווערטלעך איבערגעזעצט העברעאישע ווערטער אין דייטש (צום ביישפּיל „מלוך״ — קיניגן) און זיי האָבן אַריינגעטון די אייגענע נשמה אין דער פרעמדער שפּראַך און זי געמאַכט פאַר אַן אייגענער. שטעלט אייך פאָר אַ שבת־צונאַכט אין אַ דייטשן געטאָ. באָבעס און מאַמעס זיצן ביי פייכטע שויבן און שרעקן זיך און זייערע ליפּן שעפּטשען אַ תפילה: „נעם דעם כוס אין דער רעכטער האנט, מאך אַ ברכה איבערן גאנצן לאנד״... מענער האָבן גֿעדאַוונט נאָר אויף העברעאיש, ווייבער האָבן זייערע תפילות גענומען זאָגן אין דער לאַנד־שפּראַך און אין אַ תפילה טוט מען אַריין די אייגענע נשמה און די פרעמדע שפּראַך ווערט אייגן. הייסט עס, אַז דייטש האָט אָנגעהויבן ווערן יידיש אין די מאַמעס, ווען די מענער האָבן געהאַנדלט און נישט געוואָלט די שכנים זאָלן פאַרשטיין, אין די מאַמעס, ווען מאַמעס און באָבעס האָבן גֿעדאַוונט, ווען מיידלעך האָבן געזאָגט מודה אני און אפשר גאָר געזונגען אַ ליבע־לידל און אין די מאַמעס, ווען קינדער האָבן געזונגען. איך האַלט, אַז דאָס לידל „אויפן הויכן בארג״, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען שוין אין אַ נייעם יידיש, שטאַמט פון אמאָל, אמאָל...

אין אַזאַ פאַל קאָן מען זאָגן אַז יידיש איז כמעט אַזוי אַלט — וויפל ס'איז דאָ זייט יידן זיינען געקומען קיין דייטשלאַנד און אָט אַ דאָס ווייסט מען נישט. מען זאָגט, אַז יידן זיינען געקומען קיין דייטשלאַנד נאָך צוריק מיט צוויי טויזנט יאָר. ס'איז כמעט זיכער, אַז אין פערטן יאָרהונדערט פון אונדזער צייט־רעכענונג, איז שוין געווען אַ יידישע קהילה אין דייטשלאַנד. אָבער פעסטע יידישע ישובים הייבן זיך אָן אין דייטשלאַנד ערשט אין צענטן יאָרהונדערט. מיר ווייסן, אַז אין 1096 האָבן די „צלם־טרעגער" אויסגעהרגעט קרוב צו צוועלף טויזנט יידן אין די ריינישע שטעט. און טאַקע אַדאַנק די דאָזיקע פּאָגראָמען און אַדאַנק דער באַרימטער מגפה, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער שווארצער טויט", זיינען געבליבן ווייניק דאָקומענטן וועגן יידישן לעבן פון יענער צייט בכלל און וועגן דער רעוואָלוציע, וואָס דייטש האָט דורכגעמאַכט אויפן וועג צו יידיש. אין צענטן, אין עלפטן יאָרהונדערט האָבן יידישע חדר־קינדער געוויס געזונגען לידלעך און געפרעגט רעטענישן אין דער פרעמדער שפּראַך, וואָס זיי האָבן געמאַכט פאַר אַן אייגענער; אָבער די אַלע לידלעך און רעטענישן זיינען נישטאָ.

יידן זיינען אין צענטן און אין עלפטן יאָרהונדערט געווען איבערהויפּט סוחרים. ס'איז געווען אַ צייט ווען דאָס וואָרט ייד איז געווען אידענטיש מיט סוחר. (קאַרל מאַרקס האָט זיין גאַנץ לעבן אַזוי פאַרשטאַנען און אין דעם זין געברויכט דאָס וואָרט ייד; דערפאַר האָט ער אַזוי פיל שנאה אויסגעדריקט צום „יידן"). מיט דער צייט האָט מען די יידן באַגרענעצט אין די רעכטן סיי ביים מסחר, סיי ביי מלאכה און מען האָט זיי געגעבן אַן אַנדער פּריווילעגיע: „וווכער". מען האָט זיי דערלויבט צו נעמען פּראָצענט. אַזוי ווי די קריסטלעכע קירכע האָט נישט דערלויבט צו נעמען קיין פּראָצענטן און אַזוי ווי די יידן זיינען געווען אויסער דער קירכע, האָט מען זיי דערלויבט צו נעמען פּראָצענט און ווערן רייך און אין איין וועג האָט מען דורך דעם געהאַט אַ שטענדיקן בליצאָפּלייטער פאַר פאָלקס־צאָרן. מאַקס עריק באַמערקט, אַז די דייטשע פירשטנטומס האָבן די יידן געהאַלטן אַזוי ווי מען האַלט קי, אָדער הינער, בכדי צו האָבן מילך און אייער. דאָס געזעץ האָט עקזיסטירט פאַר זיי ביז אַ גרענעץ, אַז מען האָט געוואָלט האָט מען אַרויפגעלייגט אויף זיי אַ שטייער, אָדער מען האָט גאָר צוגענומען ביי זיי דאָס געלט און זיי אַרויסגעטריבן. אין דעם פּרט איז זייער כאַראַקטעריסטיש שעקספּירס

„שיילאָק״. פּאָרציא מאַכט דעם אָנשטעל, אַז פּאַר שיילאָקן עקזיסטירט אויך דאָס געזעץ, אָבער פּאַקטיש טוען די ווענעציאַנער לעב־יונגען וואָס זיי ווילן מיט אים: נעמען אים צו דאָס געלט, די טאָכטער און דאָס גאַנצע לעבן...

אַדאַנק דעם, וואָס דאָס יידישע לעבן איז אין מיטלאַלטער געווען אַזוי הפקר, זיינען געבליבן פון דעמאָלט ווייניק דאָקומענטן וועגן אונדזער לעבן בכלל און וועגן די ערשטע עטאַפּן פון יידיש און דער יידישער ליטעראַטור בפרט.

עס הייסט, אַז די ערשטע סמנים פון יידיש־דייטש האָט אונדז געבראַכט רשי, וואָס האָט געלעבט פון 1040 ביז 1105. רשי האָט געלעבט אין פראַנקרייך און האָט זייער אַ סך ווערטער פאַרטייטשט אין זיינע קאָמענטאַרן פון ביבל און תלמוד אין פראַנצויזיש, אייניקע ווערטער האָט ער אָבער פאַרטייטשט „בלשון אשכנז״, אין דייטש, הייסט עס. זיינען אָבער אייניקע ביי דער מיינונג, אַז רשי האָט קיין דייטש נישט גערעדט און די דייטשע ווערטער האָבן אַנדערע צוגעשריבן צו זיינע כתב־ידן אַ סך שפּעטער. געוויסע דייטש־יידישע ווערטער טרעפט מען ביים „מהרם״ (ר׳ מאיר פון ראָטנבערג, וואָס האָט געלעבט אין דרייצנטן יאָרהונדערט). ביי אים טרעפט מען צום ערשטן מאָל דאָס וואָרט „יאָר־צייט״, פאַר וועלכן ס׳איז עד־היום נישטאָ קיין העברעאיש וואָרט. עס זיינען געווים דאָ נאָך אַ סך יידישע ווערטער אין די אַלטע העברעאישע כתב־ידן, אָבער די דאָזיקע ווערטער — שרייבט וויינרייך — ליגן באַהאַלטן בחדרי־חדרים אין די ביבליאָטעקן פון אָקספאָרד, לאָנדאָן, מינכען א. א. וו. און זעלטן ווער עס אינטערעסירט זיך מיט זיי. שוין אין עלפטן יאָרהונדערט האָט זיך די שפּראַך, וואָס יידן האָבן גערעדט אָנגעהויבן אָפּטיילן סיי פאָנעטיש, סיי אין די גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען פון דייטש, אָבער געבליבן זיינען קוים־קוים סמנים. וויינרייך איז זיכער, אַז די ערשטע אָנהייבן פון אונדזער שפּראַך דאַרפן מיר זוכן נישט נענטער ווי 7־800 יאָר צוריק. שוין צוריק מיט 7־800 יאָר האָבן די יידן גענומען פאָנעטיש און גראַמאַטיקאַליש נאַטוראַליזירן די דייטשע שפּראַך און אין איר אַריינמישן העברעאישע און אויך רוימישע עלעמענטן. „יענטע״, אַ שטייגער, שטאַמט פון רוימישן „גענטיליא״, „שפּרינצע״ פון „ספּעראַנצא״, „בענטשן״ פון „בענעדיצערע״, „טשאָלנט״ פון „סצאַלדאַטא״ א. אַ. וו.

ווען האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע ליטעראַטור?

ווען יידן זיינען געקומען קיין דייטשלאַנד, האָט נאָך דאָרט געהערשט מיטל־הויכדייטש, צווישן די יאָרן 1455 ביז 1550 האָט די דייטשע שפּראַך דורכגעמאַכט אַ רעוואָלוציע. זי איז איבערגעגאַנגען פון „מיטל הויכ־דייטש" צו ניי „הויכדייטש" און יידיש האָט מיטגעמאַכט די זעלביקע איבערקערעניש און — אויף אַן אַנדער שטייגער. יידיש איז אַלזאָ נישט קיין טאָכטער־שפּראַך פון היינטיקן דייטש, נאָר אירע אַ שוועסטער־שפּראַך. די ערשטע עפּאָכע פון יידיש ענדיקט זיך, הייסט עס, אין דער סאַמע מיט פון פופצנטן יאָרהונדערט. אָבער ווען דער דאָזיקער עפּאָכע ווייסן מיר כמעט גאָרנישט. די געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין דער ערשטער עפּאָכע איז, לײדער, זייער גרינג צו לערנען, ווייל ס'איז נישטאָ וואָס...

אָבער געווען איז אַ יידישע ליטעראַטור שוין אין עלפטן און צוועלפטן יאָרהונדערט, ווייל דאָס ביסל ליטעראַטור פון פערצנטן יאָרהונדערט, וואָס איז געבליבן, מאַכט נישט קיין איינדרוק פון קיין ערשטן שפּראָץ. פאַראַן שוין דאָ אַ געוויסע רייפקייט, פאַראַן טעכניק, נוסח און נישט פון קיין נידעריקער קוואַליטעט. פאַראַן אויך אַנדערע באַווייזן, אַז עס איז שוין געווען אַ ליטעראַטור אין יידיש. ר' יהודה החסיד, וואָס איז געשטאָרבן אין אָנהייב דרייצנטן יאָרהונדערט (אין 1217) האָט פאַרבאָטן „צוצודעקן הייליקע ספרים מיט פּאַרמעט־בלעטער, אויף וועלכע ס'זיינען געשריבן „ראָמאַנען". הייסט עס, אַז יידישע ראָמאַנען זיינען שוין געווען אין צוועלפטן יאָרהונדערט.

מאַקס עריק האַלט, אַז די אָנהייבן פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען אין אַ היפּשער מאָס, דאַרף מען צורע־כענען צו די לעצטע דריי יאָרהונדערטער פון מיטלאַלטער — צום 14טן, 15טן און 16טן יאָרהונדערט. די ליטעראַטור פון די דאָזיקע דריי יאָר־הונדערטער איז אינטערעסאַנטער אַלס דאָקומענט און אַלס קולטור־גע־שיכטע; דער ליטעראַרישער ווערט אירער איז אַ זייער אָרימער. ס'איז אַ ליטעראַטור, טאַקע ווי מאַקס עריק זאָגט: „פאַרן שבתדיקן נאָכמיטיק, מיט גאָר אַ שוואַכן הויש פאַר די רעאַלע דאגות און פאָדערונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן". על־פּי־רוב איז זי אַנאָנים, זעלטן ווען מיר ווייסן אַ נאָמען פון אַ שריפטשטעלער און ערשט ווייסן מיר ווען שריפטשטעלער

נישט מער ווי זיין נאָמען. אין גרעסטן רוב איז די דאָזיקע ליטעראַטור געשאַפן געוואָרן אויף באַשטעלונג און באַשטעלט האָט מען — אָדער תפילות פאַר ווייבער און מיידלעך, אָדער ראָמאַנען פאַר פאַרווײַלונג. אַזאַ ליטעראַטור שפּיגלט זייער ווייניק אָפּ דאָס רעאַלע לעבן.

אין 11טן, 12טן, 13טן יאָרהונדערט האָבן אין אייראָפּע געהערשט די ריטערישע געשיכטעס וואָס האָבן דערציילט וועגן העלדישקייטן און כאָטש יידן האָבן פון תמיד אָן געהאַט מער נייגונגען צו גייסטיקע העלדישקייטן, ווי צו פיזישע, האָבן זיי דאָך איבערגענומען ביי די דייטשן און איטאַליענער זייער העלדישע מעשׂהס.

ווי אַזוי זיינען די שריפטן פאַרשפּרייט געוואָרן?

קיין דרוק איז נישט געווען, דערצו האָבן נישט אַלע געקענט לייענען, טאָ ווי אַזוי־זשע זיינען די שריפטן געקומען צו די מאַסן? אַ לאַנגע צייט איז אויף דעם קיין ענטפער נישט געווען. מאַקס עריק האָט דער ערשטער געשאַפן און באַגרינדעט די אַזוי גערופענע „שפּילמאַן־טעאָריע". אין מיטלאַלטער זיינען געווען שפּילליט — טרופּעס אַזעלכע, וואָס זיינען אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און געגעבן פאָרשטעלונגען. אייניקע האָבן געפירט מיט זיך אַ בער און דער בער האָט געטאַנצט; אַנדערע האָבן געוויזן קונצן, געשלעפּט סטענגעס און פייער פון מויל און איינער פון זיי איז געווען אַ „פירלייענער". ער האָט געזאָגט און געזונגען — דער חילוק צווישן זאָגן און זינגען איז דעמאָלט נישט געווען שטאַרק גרויס, ווייל דאָס זאָגן איז אויך געווען רעטשיטאַטיוו און מיט אַ געוויסן נוסח. אפשר, אַז די פירלייענער זיינען געווען קינסטלער, ווייל מען האָט זיי אָפּט געהערט אַ סך מאָל איין און די זעלביקע זאַך, פּונקט ווי מיר הערן היינט אַ סך מאָל איין און די זעלביקע פּיעסע. אַמאָל האָבן זיי פירגעלייענט קורצע מעשׂיות און לידער און אַמאָל האָבן זיי פירגעלייענט אַ גרויסן ראָמאַן אין משך פון דריי אָוונטן.

מאַקס עריק האָט דערוויזן, אַז ביי יידן זיינען אויך געווען שפּילליט, כאָטש דער חילוק צווישן יידיש און דייטש איז דעמאָלט נישט געווען קיין גרויסער. מסתמא האָבן יידן זיך נישט געפילט שטאַרק גוט צווישן גויים און געווים האָבן די קריסטלעכע שפּילליט אַריינגעבראַכט קריסטלעכע פּראָפּאַגאַנדע אין זייערע פירלייענונגען און אפשר טאַקע אויך

חוזק פון יידן, און חוץ דעם אלעמען האָבן די שפּיללייט פּאַרווײַלט אויך אויף חתונות און דאָ האָט מען שוין געמוזט האָבן יידישע זאכן. שטעלט מען זיך פאָר, אז די יידישע שפּיללייט האָבן אָנגעהויבן זייערע פאַרוויי־לונגען מיט אַ יידיש ליד וועגן יעקב מיט די צוועלף זין, אסתר המלכה און דערנאָך ערשט האָבן זיי געזונגען און געזאָגט אַן אייראָפּעאישן ראָ־מאַן. פירגעלייענט האָבן זיי איבערהויפּט די ריטער־מעשיות וועגן „דיטריך בערן״, אָדער „הילדענבראַנט״ און די געשיכטעס וועגן דעם קיניג ארטור.

די עלטסטע ווערק אין יידיש, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען

די עלטסטע ווערק, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען, צייכענען זיך נישט אויס מיט קיין איבעריקער אָריגינעלקייט. זיי זיינען על־פּי־רוב איבערדיכטונגען פון אייראָפּעאישע ווערק פון יענער עפּאָכע, אָדער פון דער ביבל. און אפילו די איבערדיכטונגען פון דער ביבל זיינען אויך באַאיינפלוסט געוואָרן פון די פּאָפּולערע דייטשישע ווערק פון יענער עפּאָכע און בכדי צו קענען זיך חשבון געבן וועגן דעם זין און מהות פון די דאָזיקע ווערק, מוז מען זיך באַקענען מיט דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן כאַראַקטער פון יענער צייט און מיטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן אָפּשטאַם פון דער אַלגעמיינער אייראָפּעאישער ליטעראַטור אין יענער צייט. און דאָס דאָזיקע געפינען מיר, לײַדער, נישט ביי אונדזערע ביידע היסטאָריקער פון אונדזער אַלטער ליטעראַטור, נישט ביי ד״ר מ. וויינרייך און נישט ביי ד״ר מאַקס עריק (ביים לעצטן עפּעס אויפן שפּיץ מעסער).

אָבער ווען עס האנדלט זיך נישט וועגן יידישע ענינים, געפינט מען געשיכטלעכע מאַטעריאַלן וויפל מ׳וויל נאָר אַליין און איך בין בכוח אייך צו באַקענען מיט יענער עפּאָכע אין אַלגעמיינעם לעבן און מיט איר לי־טעראַטור. ביי די דייטשן האָבן די שפּיללייט אָנגעהויבן בליען נאָך אין דער ערשטער העלפט פון צענטן יאָרהונדערט. אין פערצנטן יאָרהונדערט איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער איבערגאַנג ביי די דייטשע שפּיללייט. אין די יאָרן 1348-9 האָט אין דייטשלאַנד געבושעוועט אַ מגפה, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער שוואַרצער טויט״. די דאָזיקע מגפה האָט זיך פאַרענדיקט מיט פּאָגראָמען אויף יידן, אויף וועלכע מען האָט אויס־

געטראַכט אַ בלבול, אַז זיי האָבן פאַרסמט די ברונימער. נאָך דעם „שוואַרצן טויט“ איז געקומען אַ וואַקכאַנאַליע־עפּאָכע. דורך טרויער איז מען געקומען צו פרייד. מען האָט איינגעאָרדנט טאַנץ־לאָקאַלן, ווו מענער און פרויען האָבן געהוליעט גאַנצע נעכט און די פאָרשטעלונגען פון די שפּיללייט זיינען וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ מער באַליבט. די וואַקכאַנאַליע האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך אויף דער יידישער גאַס, כאָטש יידן האָבן פון „שוואַרצן טויט“ געליטן טאָפּלט — אי זיי זיינען געשטאָרבן פון דער פּעסט, אי מ'האָט זיי געהרגעט אַלס „שולדיקע“. נישט נאָר אין לידער פון וועלטלעכן כאַראַקטער (אין העברעאיש און יידיש) הערן זיך קוהלתדיקע און עפּיקורעאישע טענער, נאָר אַפילו אין די פרומע ספרים פון יענער צייט, זיינען פאַראַן אָנרעגונגען צו וויין און פרייד. אין אַזאַ פרומען ספר ווי „ספר המדות“ ווערט דער וויין באַזונגען.

הייסט עס, אַז אויך די שפּילמאַן־ליטעראַטור האָט זיך אויך ביי יידן צעבליט אין דער צווייטער העלפט פון פערצנטן יאָרהונדערט. אָבער דעם שורש פון דער יידישער ליטעראַטור דאַרף מען זוכן פריער. אַ ליטעראַטור ווערט נישט געבוירן אין איין טאָג, זי שפּראָצט, אַנטוויקלט זיך און ווערט רייף אין משך פון צענדליקער און טאַקע הונדערטער יאָרן.

דער שורש פון דער שפּילמאַן־ליטעראַטור

דער שורש פון דער שפּילמאַן־ליטעראַטור בכלל און פון דער יידישער ליטעראַטור בפרט שטעקט אין דרייצנטן יאָרהונדערט. אין דעם דאָזיקן יאָרהונדערט האָט עקאָנאָמיש געהערשט דער נאַטוראַל־ווירטשאַפטלעכער סיסטעם און סאָציאַל — דער מיליטעריש־פּריצישער סיסטעם. פּראָדוקטן זיינען אין יענער צייט געשאַפן געוואָרן נאָר פאַר דעם אייגענעם געברויך, נישט פאַר אויסטויש. דער מענטש איז געווען אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דער ערד און פון דער נאַטור און ווייל קעגן דער נאַטור איז דער מענטש דעמאָלט געווען זייער הילפלאָז, איז ער אַבערגלויבעריש און ער האָט כסדר געהויבן די אויגן צום הימל און דאָרט געבעטן און געזוכט נסים און ער האָט מער געלעבט אין אַ וועלט פון פאַנטאַסטיק און חלומות, ווי אין דערווירקלעכער וועלט. מיט דער הערשאַפט האָבן זיך געטיילט צוויי ערליי פּריצים — סיזערנס און וואַסאַלן. די ערשטע זיינען געווען די גאָר רייכע, די צווייטע זיינען געווען די אָרעמע און זיי זיינען געווען

אין דינסט ביי די ערשטע. געהייסן האָט עס, אַז זיי זיינען מיליטערלייט, אָבער פּאַקטיש זיינען זיי געווען פּשוטע רויבער און באַנדיטן. אויך די גייסטלעכע, די גלחים זיינען געווען אין דינסט ביי די פּריצים און וואָס די וואַסאַלן האָבן נישט געקאָנט נעמען מיט פיזישן כוח, האָבן די גייסט־לעכע צוגענומען מיט „גייסטלעכן" כוח.

די ליטעראַטור פון יענער צייט האָט אייגנטלעך געטון דאָס זעלביקע, וואָס די וואַסאַלן און די מאָנאַכן — זי האָט פּאַרוויגט די מאַסן אין נישט־געשטויגענע מעשיות וועגן ווילדע העלדישקייטן און וועגן חלומות און האָט זיי געהאָלפן אָפּרייסן פון רעאַלן לעבן. הויפּטזעכלעך איז די ליטעראַטור פון יענער צייט געווען אַ ריטערלעכע. זי האָט דערציילט מעשיות און וואונדער וועגן ריטערס און באַזונגען קריג און מאָרד און גע־טריישאַפט צום פּריץ, וועלכן מ׳דאַרף פּונקט אַזוי דינען, ווי גאָט. אין באַרימטן ליד וועגן ראָלאַנדן זיינען פאַראַן אַזעלכע אַ שורהס:

ס׳איז מחויב יעדער ריטער פאַר זיין סעניאָר
ליידן היץ און ליידן קעלט און ליידן צרות
ער דאַרף נישט זשאַלעווען דאָס בלוט זיינס
און נישט דעם קערפּער זיינעם.
און אַז דער ריטער איז מחויב, איז דער פּויער אוודאי מחויב.

חוץ דעם קריגערישן מאָטיוו, איז אין די ריטערלעכע ראָמאַנען און לידער געווען אויך אַן עראָטישער מאָטיוו, אָבער די עראָטיק איז געווען אַ זייער אַבסטראַקטע. זייער אָפט האָט דער ריטער זיין האַרצנס־געליבטע אפילו נישט געזען, ער האָט נאָר געהערט פון איר און צוליב איר באַוויזן אַלערליי גבורות און ערשט אין דער נאַכט פון דער אַנטשיידנדיקער שלאַכט, האָט ער געהאַט דאָס רעכט צו זיין איינציקעם מיט זיין געליב־טער, אָבער זיך נישט צורירן צו איר. צווישן אים און איר האָט געדאַרפט זיין אַ שווערד. סערוואַנטעסעס דאָן קיכאָט, וואָס איז פאַרטראַכט געוואָרן אַלס פּאַראָדיע אויף די אַלע ריטערלעכע מעשיות און וואָס האָט זיי ליק־ווידירט און איז דערביי געוואָרן אַ גרויסע עפּאָפּעע פון מענטשלעכן שטרעבן און חלומען און קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן, סערוואַנטעסעס דאָן קיכאָט באַווייזט אויך אַלע זיינע העלדישקייטן צוליב דער דולצינעאַ, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געזען.

חוץ דער ריטערלעכער ליטעראטור איז אין דרייצנטן יארהונדערט געשאפן געווארן אויך א רעליגיעזע ליטעראטור. מאנאכן, מאנאשקעס און גלחים האבן באשריבן, ווי אזוי מען באשטראפט די זינדיקע אין גיהינום. איייניקע רעליגיעזע ראמאנען זיינען געווען פשוט שאנטאזשיסטיש, זיי האבן געשילדערט ווי ניען בראט מענטשן אין גיהינום, ווייל זיי האבן נישט געבויט קיין קלויסטערס און נישט ערלעך געהאלטן די גייסטלעכע. (ענלעכע זאכן האבן נישט איין מאל געשריבן אויך יידישע לומדים און רבנים, אבער מיט באשיידענע מיטלען און די מערסטע האבן געגלייבט אין דעם, וואס זיי האבן דערציילט).

די קרוין פון די פעאדאל־מאנאכישע ווערק איז בלי שום ספק דאנטעס „געטלעכע קאמעדיע", וואס איז פון די שענסטע פערלען אין דער וועלט־ליטעראטור, איז אבער פארט נישט אויסן געווען עפעס אנדערש, ווי מאכן גלויבן מער אין יענער וועלט, ווי אין לעבעדיקן לעבן און וואס איז א פאליטיש־פארטייאישער פאמפלעט — דאנטע האט אפגעשיקט אלע זיינע קעגנער אין גיהנום אריין. דאנטע איז נישט תמיד געווען רעליגיעז. ער האט געהאט א מאמענט פון אפיקורסישן אויפבליץ און ער האט דעמאלט באזונגען נישט די רעליגיע, נאר די פילאזאפיע, אבער פארענדיקט זיין לעבן האט דאנטע אלס רעליגיעזער אסקעט און אלס געטרייער דינער פון די פריצים.

עס איז געווען אויך אן אנהויב פון א פויערים־ליטעראטור אין דרייצנטן יארהונדערט, א ליטעראטור וואס איז אויך געווען קאנסערוואטיוו־רעליגיעז, אבער זי האט דערביי באזונגען די ארבעט און די ערלעכקייט. פאראן א פאעמע פון יענער צייט וואס הייסט „דער פויער העלמברעכט" (פון דייטשן שריפטשטעלער ווערנהער), שילדערט די דאזיקע פאעמע, ווי א פויערס א זון ציט צום פריצישן לעבן און ער וויל ווערן א וואסאל. דער פאטער זאגט אים מוסר און ער שרייט, אז ס'איז נישטא קיין בכבודיקערע ארבעט, ווי „גראבן די ערד און אקערן דאס פעלד". אבער ער פאלגט נישט, גייט אוועק, ווערט א באנדיט און נאך א סך קאמפן און נצחונות, שטעכט מען אים אויס די אויגן און ער ווערט א בעטלער, קומט אן אין זיין אייגענעם דארף. די פויערים דערקענען אים און הענגען אים אויף. א בארימטער פויערים־ראמאן איז אין פערצנטן יארהונדערט געווען „די זעאונגען פון פעטער דעם אקערער" פון וויליאם לענגלער. אין דעם דאזיקן ראמאן לעבן איבער פילגרימען (עולה רגלניקעס)

אַ גערעגעלטע צווישן גירזקייט, אָפּנאַרעריי און אמת און ווען זיי שטייען שוין ביי די נסיונות און זיינען שוין גרייט צו גיין צום אמת, ווייסן זיי ערשט נישט דעם וועג, ווייזט מען זיי דעם וועג פון דעם אָנגעבויגענעם פעטער דער אַקערער, ער גייט אויף דעם ריכטיקן וועג — ער לעבט נאָר פון זיין שווערער אַרבעט.

די דייטשישע שפּיללייט האָבן אין זייער רעפּערטואַר אריינגענומען די מאָטיוון פון ריטערלעכע גבורות און קריגן, די עראָטישע מאָטיוון האָבן זיי אויסגעטון פון ראָמאַנטישן שלייער און געוויזן פּראָסטע און וואול־גאַרע ליבע און זיי האָבן אריינגענומען אויך די רעליגיעזע מאָטיוון. כמעט יעדע פּאָעמע, וואָס זיי האָבן געזונגען און יעדן ראָמאַן, וואָס זיי האָבן דערציילט, האָבן זיי אָנגעהויבן מיט אַ לויבגעזאַנג צו גאָט און געענדיקט מיט דעם זעלביקן לויבגעזאַנג, כאָטש די זאַך גופא איז געווען פול מיט העלדישע מערדערייען און פּאָרנאָגראַפיע.

ווי ס'האָט זיך געקריסטלט, אַזוי האָט זיך געיידלט

און אַזוי ווי ס'האָט זיך געקריסטלט, אַזוי האָט זיך געיידלט. די יידישע שפּיללייט האָבן געשעפּט פון זעלביקן קוואַל. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן אויף אַלץ געלייגט אַן אייגענעם שטעמפּל. די העלדישקייטן זיינען ביי די יידישע שפּיללייט געוואָרן וויניקער פיזיש און מער גייסטיק. צומאָל האָבן די העלדישקייטן אָנגענומען אַ סוחרישן כאַראַקטער: דאָרט וו ביי די קריסטן איז דער שכר פון זיג געווען אָדער טריומף, אָדער די ליבע, איז ביי יידן דער שכר געווען — געלט. דאָס וויכטיקסטע יידישע ווערק פון דער שפּילמאַן־עפּאָפּע איז דאָס „שמואל־בוך". דאָס דאָזיקע בוך דערציילט דודס העלדישקייט און נאַטירלעך ווערט דאָרט דערציילט וועגן דודס זיג איבער גליתן. ווען דוד באַזיגט גליתן יובלט ער, אָבער זיין גאַנצע פרייד איז דאָס, וואָס ער וועט פאַרדינען געלט. ער וועט פאַרקויפן גליתעם געווער — האָט זיך דוד געפרייט — און וועט האָבן געלט. אין אַ קריסטלעכער ריטער־פּאָעמע וואָלט אין אַזאַ פאַל דער העלד געשטאָל־צירט מיטן באַזיגטנס געווער און עס געהאַלטן, ווי אַ טראָפעי און ווי אַ הייליקייט, אין „שמואל־בוך" אָבער זאָגט זיך:

דוד צאָך*) אָפּ דעם ריזן,

---

*) צאָך — אַראָפּגעצויגן.

זיין האַרניש און זיין שווערד,
ער שפּראַך איך וועל עס פאַרקויפן,
עס איז פיל געלט ווערט.

יידן האָבן טאַקע אָנגעאייגנט די ריטער־מעשיות, אָבער קיין אַנדער ווערט חוץ געלט־ווערט האָט פאַר זיי קיין געוועז דאָך נישט געהאַט.

די עראָטישע מאָטיוון האָבן די שפּיללייט נישט ווייניקער געניצט, ווי די נישט־יידישע און בפירוש אויך גאַנץ גראָב און פּאָרנאָגראַפיש. ווען איר זאָלט לייענען אין שמואל־בוך די סצענעס צווישן דודן און אבישג השונמית, דאָס יונגע מיידל וואָס מען האָט געבראַכט צו דערוואַרעמען דעם קעניג, ווען ער איז שוין געווען אַלט און די קליידער האָבן אים שוין נישט געוואַרעמט, וואָלט איר געזאָגט, אַז די סצענע צווישן ניעשעווער און מלכהלען אין י. י. זינגערס „יאָשע קאַלב" איז די צניעות אַליין.

און אויך די רעליגיעזע מאָטיוון האָבן נישט געפעלט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס קריסטלעכע האָט מען פאַרביטן מיט יידישקייט, אָבער רעליגיע און מוסר האָבן די שפּיללייט נישט געקאַרגט און יעדער ראָמאַן און יעדע פּאָעמע, וואָס האָט באַזונגען גבורה און ליבע האָט זיך אָנגעהויבן און געענדיקט מיט מוסר. אָט ווי עס הייבט זיך אָן דער „שמואל־בוך": (איך ציטיר נישט אין אָריגינאַל, אין אַלטן יידיש פון צוריק מיט 600 יאָר, וואָס עס וועט אייך זיין שווער צו פאַרשטיין, נאָר אין דר. מ. וויינרייכס אַ פּראָזאַאישער איבערזעצונג).

1) ווער עס האָט מיטן גאַנצן האַרצן געוועגדט זיין זינען צו אונדזער ליבן האַר — ווי אָפט ראַטעוועט ער אים! זיין גנאָד און זיין צוזאָג האָבן נאָך קיינמאָל נישט אָפּגענאַרט; ער העלפט זיינע קנעכט סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט;

2)זיין גנאָד קען קיינער נישט אויסדערציילן, נישט פרוי און נישט מאַן. דעריבער זאָל מען שווייגן, ווייל מען קען עס נישט דערענדיקן; ער האָט אונדז אָפט געהאָלפן אין אונדזער אומגליק און האָט אונדז פאַרגעבן אונדזערע זינד און חטאים;

3) מיר האָבן אים אָפט דערצערנט און געטון קעגן אים; דעריבער פלעגט ער אונדז אויף אַ צייט איבערלאָזן צו אונדזערע פיינט. ווען מיר פלעגן ווידער רופן צו אים און טון זיין געבאָט, פלעגט ער אונדז העלפן דערלייזן פון אונדזער אומגליק.

די דאָזיקע הקדמה האָט אַ געוויסע שייכות מיט דעם, וואָס עס ווערט דערציילט אין „שמואל־בוך", אָבער דער עיקר איז אין טעקסט פאָרט נישט דער ליבע צו גאָט, נאָר די גבורה און די עראָטיק.

ווי געזאָגט, איז די גאַנצע שפּילמאַן־ליטעראַטור אַן איבערגעפּלאַנצטע אויף דער יידישער גאַס און זי האָט נישט געקאָנט אויסן זיין צו אויסאיבן דאָ די זעלביקע ווירקונג, וואָס אויף דער נישט יידישער גאַס, ווייל מען האָט דאָ נישט געהאַט דעם עקספּלואַטירטן עלעמענט, וואָס אויף דער קריסטלעכער גאַס. אויף דער יידישער גאַס האָבן די פאַנטאַסטישע מעשיות געקאָנט נישט אַזוי אָפּנאַרן ווי פאַרוויילן.

אין פערצנטן יאָרהונדערט האָט זיך די עקאָנאָמישע ווירטשאַפט געענדערט. זי איז שוין נישט געווען קיין נאַטור־ווירטשאַפט, נאָר אַ געלט־ווירטשאַפט. און אויך דער סאָציאַלער סיסטעם האָט זיך טיילווייז געענדערט. דער סוחר האָט אָנגעהויבן טיילן די הערשאַפט מיטן פּריץ און דאָס לעבן איז געוואָרן רירעוודיקער און ראַציאָנעלער. דער אויסדרוק פון אָט דער עפּאָכע געפינט זיך איבערהויפּט אין באָקאַטשיאָס „דעקאַמעראָן", וואָס באַשטייט מערסטנס פון כמעט נאָר עראָטישע מעשיות און אָפט וואולגאַרע און פּאָרנאָגראַפישע, אָבער וואָס אַנטהאַלט אויך אַ ראַציאָנעל־אויפקלערנדיקן און אפּיקורסישן כאַראַקטער. דער נישט־יידישער שפּילמאַן האָט אַריינגענומען דעם גאַנצן „דעקאַמעראָן"־מאָטיוו, דער יידישער שפּילמאַן האָט אים אַריינגענומען נאָר טיילווייז. זעלטן ווען מען געפינט ביים יידישן שפּילמאַן אַביסל אפּיקורסות. נאָר אין איינעם געפינט זיך אפּיקורסות, דאָס איז „יהושוע" — אַ פּאַראַפראַזע פון דעם ביבלישן בוך, וואָס מאַכט חוזק איבערהויפּט פון די פרומע טייטשן, וואָס מען האָט צוגעטשעפּעט צו דער ביבל. אַזוי לאַכט ער פון מדרש, וואָס זאָגט, אַז „רחב הזונה" איז געווען אַ שפּייזערן (פון וואָרט „מזון" — שפּייז) און ער זאָגט, אַז זי איז געווען אַ זונה. דער מדרש זאָגט, אַז יהושוע האָט חתונה געהאַט פאַר רחבן, זאָגט דער אַנאָנימער שפּילמאַן: „איך וועל זיך בעסער פריער גוט דערפרעגן, איידער איך וועל עס אַריינשרייבן". אָבער די דאָזיקע אפּיקורסות איז אַן אויסנאַם, בכלל איז די יידישע שפּילמאַן־ליטעראַטור געבליבן נישט מיטן אויפקלערנדיקן כאַראַקטער פון דער נישט־יידישער שפּילמאַן־ליטעראַטור אין פערצנטן יאָרהונדערט, נאָר מיט איר פאַנאַטישן כאַראַקטער פון דרייצנטן יאָרהונדערט.

איך האָב גערעדט וועגן אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון דער יידישער שפּילמאַן־ליטעראַטור און איצטער וועט אונדז שוין גרינגער זיין צו קומען צו באַזונדערע ווערק. אַלע ווערק פון דער דאָזיקער עפּאָכע צו אַנאַליזירן וועט אונדז די צייט נישט קלעקן. איך האָב שוין געזאָגט, אַז איך וועל געבן ראשי פּרקים און ווער עס וויל גענויער שטודירן — איז די ביבליאָ־טעק אָפן. איך וועל דאָ אָנרופן די נעמען פון די ווערק פון דעם שפּילמאַן רעפּערטואַר. דאָס זיינען:

1) הערצאָג ערנסט
2) דיטריך פון בערן און מייסטער הילדענבראַנדט
3) דאָס הילדענבראַנד־ליד
4) דער יידישער אַרטור־ראָמאַן
5) שמואל־בוך און מלכים־בוך
6) „יהושוע" און „שופטים"
7) עקדות יצחק
8) אסתר־פּאָעמען.

די צוויי וויכטיקסטע און גרעסטע (סיי לויט דער גרויס, סיי לויטן ווערט) זיינען: דער אַרטור־ראָמאַן און דאָס שמואל־בוך.

דער קיניג אַרטור ראָמאַן

דער קיניג אַרטור ראָמאַן איז קודם כל אַ בולטער באַווייז, אַז עס האָט עקזיסטירט אַ יידישע שפּילמאַן־ליטעראַטור. דער דאָזיקער ראָמאַן איז פאַראַן אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן און די יידישע באַאַרבעטונג, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען פולשטענדיק איז אונטערן איינפלוס פון אַ סך נוסחאות, אָבער גענוי איז ער נישט ענדלעך צו קיין שום אַנדערער ווערסיע. עס איז דאָ נישט פאַראַן קיין איין קריסטלעכער מאָמענט, עס פעלן דאָ באַשרייבונגען פון די קליידער און כלי־זין וואָס האָט דעם יידישן צוהערער נישט אינטערעסירט און עס פעלט דאָ דער פּאַטאָס פון די נישט יידישע ווערסיעס. די קריסטן האָבן דערציילט די העלדישקייטן און זיי באַזונגען, די יידן האָבן נאָר דערציילט אָבער נישט באַזונגען, ווייל זיי זיינען אַפנים אליין נישט געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר זיי.

דעם אינהאַלט פון אַרטור־ראָמאַן קאָן מען איבערגעבן זייער קורץ. אין הויף פון קיניג אַרטור פלעגן זיך צונויפנעמען די שענסטע ריטער און

שמועסן און פאַרברענגען. און איינגעפירט איז געווען, אַז איידער מען איז געגאַנגען עסן, האָט מען געמוזט דערציילן נייעסן און אויב ס'איז קיין נייעס נישט געווען, איז מען נישט געגאַנגען עסן און מען האָט זיך געמוזט לייגן הונגעריק. איינמאָל איז צום הויף צוגעקומען אַ פרעמדער ריטער און ער האָט געבעטן, אַז די קיניגין זאָל ביי אים נעמען אַ גילדענעם גאַרטל פאַר אַ מתנה. די קיניגין האָט אַריינגעבעטן דעם גאַסט און געפרעגט ביים קיניג און זיינע יועצים, צי זי זאָל אָננעמען די מתנה. האָבן אַלע געענטפערט: ניין! און איבערהויפּט האָט נישט געלאָזט נעמען די מתנה דער שטאַרקסטער ריטער פון קיניג אַרטור — דער ריטער גאַביין. דער פרעמדער האָט זיך געפילט באַליידיקט און אַרויסגערופן גאַביינען אויף אַ געשלעג און ער האָט באַזיגט דעם שטאַרקסטן ריטער און לויט די ריטערלעכע געזעצן האָט ער אים גענומען צו זיך. מען האָט דעם פרעמדן געוואָלט געבן אַזוי פיל גאָלד, וויפל גאַביין וועגט, אָבער ער האָט דערפון נישט געוואָלט הערן. דער פרעמדער האָט מיטגענומען גאַביינען מיט זיך און אים געבראַכט אין דעם לאַנד אַריין, וואו ער איז געווען קיניג און וואָס איז געווען דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט. דער פרעמדער האָט זיך אין זיין באַליידיקער נישט נוקם געווען, נאָך ער האָט אים געלאָזט פריי און אים אפילו געגעבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. אָבער נאָך אַ פּאָר יאָר האָט גאַביין זיך פאַרבענקט אַהיים און איז אַוועק. פאַרן אַנטלויפן האָט אים די פרוי געזאָגט, אַז זי איז שוואַנגער און אים געפרעגט ווי אַזוי זי זאָל אַ נאָמען געבן זייער קינד. האָט ער געענטפערט ווי דו ווילט (ווילסט). איז געבוירן געוואָרן אַ זון און די מוטער האָט אים אַ נאָמען געגעבן „ווי דו ווילסט". און ווען „ווי דו ווילסט" איז געגאַנגען זוכן דעם פּאָטער, און איז אָנגעקומען צום קיניג אַרטור אין הויף, איז ער דאָרט שטאַרק געפעלן געוואָרן און מען האָט אים געגעבן גאַביינען פאַר אַ לערער, אָבער ער האָט אים נישט אויסגעזאָגט, אַז ער איז זיין זון. און דאָ פּלאָנטערט זיך און פּלאָנטערט זיך די געשיכטע ביז „ווי דו ווילסט" האָט חתונה...

ס'איז אַ טיפּישע ריטער־מעשה, וואָס אינטריגירט, באַגייסטערט פאַר העלדישקייט, ווייזט, אַז די ריטער זיינען זייער איידל און האָבן שיין ליב און האָבן אַ סך אייגנליבע.

רבנים האָבן דעם דאָזיקן ראָמאַן נישט איינמאָל אַריינגעלייגט אין

חרם אַריין, כאָטש ער האָט גאָרנישט קיין אפּיקורסות און איז נישט מער ווי אַ מעשה.

ווער עס איז דער מחבר פון דעם יידישן קיניג ארטור־ראָמאַן, ווייסט מען נישט. זיכער איז, אַז ער שטאַמט פון פערצנטן יאָרהונדערט. ער האָט אַ סך ווערטער, וואָס זיינען אין 15טן יאָרהונדערט שוין נישט געווען נישט אין דייטש און נישט אין יידיש. דער ראָמאַן איז אין פערזן און מ׳האָט אים געזונגען מיט דייטשע און איטאַליענישע מעלאָדיעס, וואָס זיינען מיט דער צייט פאַריידישט געוואָרן און האָבן זיך אפילו אַריבער־געטראָגן אין די תפילות אַריין.

דאָס שמואל-בוך

דאָס כאַראַקטעריסטישסטע ווערק פון יענער עפּאָכע איז דאָס „שמואל־בוך". די יידישע שפּיללייט האָבן געזוכט אַ יידישע ריטער־מעשה און זי געפונען אין תנך. איז דען דוד נישט קיין לעגענדאַרער העלד און ריטער? אַ פּאַסטוך, וואָס האָט געשפּילט פידל און דער קעניג איז אויף אים אייפערזיכטיק געוואָרן און מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ העלד און גענומען דעם קיניגס טאָכטער פאַר אַ ווייב, אויסגעשטאַנען אַלע פּרואוון, האָט באַזיגט די שונאים, געמוזט אַנטלויפן, ווייל ער איז געווען אַ צו גרויסער העלד און איז סוף כל סוף געוואָרן מלך. און ליבעס האָט ער געפירט אָן אַ שיעור, ער האָט אַוועקגעשיקט אַ קריגער אין פייער אַריין און צוגענומען זיין ווייב בת שבע, ווייל ער האָט זי געזען זיך באָדן און זי איז אים געפעלן. און אין הויף ביי דודן זיינען פאָרגעקומען ליבעס און אינטריגעס. די געשיכטע פון אמנון מיט תמר, דער רעוואָלט פון זיין זון אבישלום א. א. וו. א. א. וו.

אַז מען לייענט דעם „שמואל־בוך" דוכט זיך, אַז מען לייענט נישט קיין יידישע ריטער־מעשה, כאָטש זייער אָפט האָבן מיר אַ פּינקטלעכע אי־בערזעצונג פון דער ביבל. דער מחבר פון „שמואל־בוך" האָט אַריינגענומען טיילן פון מדרש, די מעשה מיט בת שבע איז אַ פריער צוגעגרייטער נסיון, וועלכן דוד קען נישט ביישטיין. די עראָטישע מאָמענטן ווערן דאָ צע־שמירט, ווי אין אַ ריטער־מעשה און זייער אָפט פּראָסט און גראָב. בת שבעס נאַקעטקייט ווערט געשילדערט ווייט נישט אַזוי באַשיידן, ווי אין תנך. און ווען אמנון נעמט זיך צו תמרן, שילדערט דער מחבר ווי אַזוי די

דינער שטייען הינטער די טירן און לאַכן און ריידן נבול־פּה און זאָגן: „דאָ ווערן קיכלעך געבאַקן אָן פייער״. אין תנך ווערט דערציילט, אַז דוד האָט געבראַכט די 200 ערלות פון די פּלישתים צום קעניג שאול, אין „שמואל־בוך״ ווערט דערציילט, אַז ער האָט זיי געבראַכט צו זיין כלה מיכל, די טאָכטער פון שאול המלך...

אויך דער מחבר פון „שמואל־בוך״ איז אומבאַקאַנט. אייניקע האָבן געוואָלט אָנגעבן אליהו בחור אַלס מחבר, אָבער עס איז דערוויזן געוואָרן, אַז דאָס ווערק איז געשאַפן געוואָרן איידער אליהו בחור איז געבוירן געוואָרן. דייטשע געלערנטע האָבן אַ צייט גערענקט, אַז אַ פרוי ליטאַ פון רעגנסבורג האָט אָנגעשריבן דאָס דאָזיקע מערקווירדיקע ווערק, אָבער שפּעטער האָט מען זיך איבערצייגט, אַז דאָס ווערק האָט איבערגעשריבן, (נישט פאַרפאַסט) נישט ליטאַ, נאָר ליוואַ (לייב) פון רעגנסבורג.

צוויי דייטשע געלערנטע האָבן אַ לאַנגע צייט געפירט אַ פּאָלעמיק וועגן דעם אין וואָסאַרא שפּראַך דאָס „שמואל־בוך״ איז געשריבן געוואָרן. איינער האָט געזאָגט אין יידיש, דער אַנדערער — אין דייטש. דר. מאַקס וויינרייך באַמערקט, אַז געלערנטע האָבן געקענט פירן אַ לאַנגיעריקע פּאָלעמיק וועגן דעם וויפל ציין אַ פערד האָט און זיי איז נישט איינגעפאַלן אַריינצוקוקן אַ פערד אין מויל אַריין. דאָס זעלביקע איז געווען מיט די צוויי דייטשע געלערנטע, אַנשטאָט דיסקוטירן וואָלטן זיי געדאַרפט נעמען דאָס „שמואל־בוך״ און לייענען און דאַן וואָלטן זיי זיך ביידע געווען איבערצייגט, אַז די שפּראַך איז יידיש. אוודאי וועלן היינט די בעסטע יידישע קענער נישט פאַרשטיין די דאָזיקע שפּראַך, אָבער די בעסטע שפּאַניש קענער פאַרשטייען אויך נישט די שפּאַנישע שפּראַך פון צוריק מיט 600 יאָר, אויב זיי לערנען זי נישט.

בכדי אייך צו פאַרשאַפן אַ געוויסע אַנונג וועגן דעמאָלסדיקן יידיש, וועל איך אייך ציטירן אַ פּאָר שורהס פון „שמואל־בוך״:

נון דאָס אין זעלבן צייטן
צו רמה אין דער שטאָט
איין מאַן דער היש אלקנה,
דער מאַכט די אָרעמען זאַט,
דער זעלביק מאַן אלקנה
האָט צו זיינעם לייב

חנה און פנינה
געגומען צו צוויי ווייב.

פאַרשטייט זיך, אַז הײַנט פרעגט שוין קיינער נישט אין וואָסאַרא שפּראַך דאָס „שמואל־בוך" איז געשריבן, ס'איז אַ שפּראַך, וואָס איז נישט אַזוי ווייט פון דייטש, ווי דאָס הײַנטיקע יידיש איז, אָבער דעמאָלט איז האָלענדיש אויך נאָך נישט געווען אַזוי ווייט פון דייטש, ווי הײַנט. דאָס „שמואל־בוך" איז דאָס ערשטע גרעסטע ווערק אין יידיש. דער מאָטיוו איז אַ ביבלישער, אָבער די פאָרם, דער אינהאַלט, דער ריטם און דער ציל דערפון זײַנען דיזעלביקע, ווי אין רוב מיטלאַלטערלעכע ווערק אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן. און ס'איז אַ קלאָרער באַווייז, אַז נאָך צוריק מיט זעקס הונדערט יאָר האָבן יידן פאַנטאַזירט, זיך פאַרווײַלט ראָמאַנטיש און פּאַטריאָטיש, איידל און גראָב און זיך געזאָגט מוסר אין יידיש.

אליהו בחור

אליהו בחור (אליהו הלוי בן אשר אשכנזי), דער לעצטער שפּילמאַן און אויך דער טאַלאַנטירטסטער און באַדייטנדיקסטער, איז געבוירן געוואָרן אין דײַטשלאַנד, אין שטעטל נײַ־שטאַט, נעבן נירנבערג, אין יאָר 1449. ער איז, הייסט עס, אַ פּראָדוקט פון 15טן יאָרהונדערט, ער איז געווען אַ העברעאישער גראַמאַטיקער און אַ יידישער ראָמאַניסט. זײַנע יידישע ראָמאַנען האָט ער געשאַפן (אָדער ריכטיקער קאָמפּילירט און געשאַפן) ביים סוף פופצנטן און אָנהייב זעכצנטן יאָרהונדערט.

אין אָט דער צייט, ווי מיר האָבן שוין געשמועסט, האָט אָנגעהויבן אויפבליען דער האַנדל. איינער פון די לאָזונגען פון דער אויפקומענדיקער סוחרישער בורזשואַזיע איז געווען — לעבן און הנאה האָבן. דער אויפקומענדיקער סוחר איז עפּעס ווי נישט געווען זיכער מיט זײַן פאַרמעגן. שעקספּירס שײַלאָק זאָגט: „שיפן זײַנען דאָך בלויז ברעטער און מאַטראָסן זײַנען בלויז מענטשן. און אויף דער וועלט זײַנען פאַראַן יבשה־שטשורעס און וואַסער שטשורעס און אויך יבשה־גנבים און וואַסער־גנבים. און אַ חוץ דעם זײַנען פאַראַן געווײַנלעכע כוואַליעס, ווינטן און פעלזן". אַ דאַנק אָט דער ניט זיכערקייט זײַנען די סוחרים געווען פאַרגלויבט אין גורל (פאַטום) און האָבן פאַר אים געציטערט מער ווי פאַר גאָט און אַ דאַנק אָט דער ניט זיכערקייט האָבן זיי געהוליעט און געלעבט אַ גוטן

טאָג. דער איטאַליענישער שריפטשטעלער לאורענציוס וואַלא (15טן יאָר־הונדערט) האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצן בוך, וואָס הייסט „וועגן הנאה האָבן" און אין וועלכן ער דערווייזט, אַז דער מענטש דאַרף לעבן און לאַכן. דער הימן פון די דעמאָלסדיקע קאַרנאַוואַל־פייערונגען האָט געהייסן „זיך פרייען, ווייל קיינער קאָן נישט זיין זיכער מיטן מאָרגנדיקן טאָג". די גרענעצלאָזע און טיילווייז פעסימיסטישע אַגיטאַציע שטראָמט פון אַלע ווערק פון יענער עפּאָכע. איר געפינט זי אין די פּאָעמעס פון גרויסן איטאַליענישן דיכטער אַריאָסטאָ (און איבערהויפּט אין זיין ווערק אָרלאַנדאָ פוריאָזאָ), אין דייטשן שריפטשטעלער, עראַזמוס „אַ לויב דער נאַרישקייט" און אין די ווערק פון גרויסן פראַנצויזישן שריפטשטעלער ראַבלע. דער לעצטער פלאַקער פון אָט דער פרייד איז געקומען שפּעטער אין שעקספּירס בליצנדיקע און שאַרפזיניקע קאָמעדיעס „חלום אין אַ זומער־נאַכט", „אַ סך טומל צוליב גאָרנישט" א. אַ.

אין דער דאָזיקער עפּאָכע האָט די אינטעליגענץ אָנגעהויבן שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָליע. דער האַנדלסמאַן האָט געדאַרפט האָבן ביוראָ־קראַטן און אפילו אַסטראָלאָגן און לערער פאַר די קינדער האָט ער געדאַרפט האָבן. איז אויפגעקומען אַ נייע סאָציאַלע גרופּע אינטעליגענץ וואָס האָט זיך גערופן „הומאַניסטן". דער עקאָנאָמישער מצב פון אָט דער גרופּע איז געווען אַ וואַקלדיקער. די הערשער האָבן זיך דעמאָלט אַלע מאָל געביטן, האָבן די הומאַניסטן געדאַרפט היינט דינען אַ רעפּובליק, מאָרגן אַ מאָנאַרך און זיי האָבן זיך געדאַרפט צו אַלע צופּאַסן און מיט אַלע זיין היימיש. די הומאַניסטן האָבן געדאַרפט קענען מאָרווילן און שמועסן וועגן אַלץ און זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו זיין ענציקלאָפּעדיסטן — קענען פון אַלץ צו ביסלעך. זיי זיינען זייער אָפּהענגיק און זיי האָבן גע־מוזט זיין חניפהדיק און קריכער. זיי זיינען פונדעסטוועגן געווען אין אַ היפּשער מאָס רעוואָלוציאָנערן, זיי האָבן געקעמפט קעגן סכאָלאַסטיקער און טעאָלאָגן, קעגן אָפּגעלעבטע פּראָפעסאָרן און זיי האָבן אויסגעבויט אַ נייערע וויסנשאַפט, אַ וועלטלעכערע. זיי האָבן אויך אויסגעאַרבעט אַ נייע פּעדאַגאָגישע טעאָריע, וואָס איר באַזע איז געווען: אַנטוויקלען אַלע מענטשלעכע פעאיקייטן אויף אַ נאַטירלעכן אופן און נישט סתם דורכן לערנען ווערטער אויף אויסווייניק. צו דער רעליגיע האָבן זיי זיך באַצויגן גלייכגילטיק און צומאָל האָבן זיי אויך געלאַכט פון אירע דאָגמעס. דעם איטאַליענישן דיכטער לואידזשי פולטשים אַ העלד זאָגט: „איך גלויב אין

געשטאָפּטע הינער, אין אַלערליי געבראָטענע און געקאָכטע עסנס, אין ביר און אַז ס׳איז נישטאָ קיין ביר, איז אין קוואַס״... דער אידעאַל פון די הומאַניסטן איז געווען אַ מאָנאַרך, וואָס זאָל זיין אויפגעקלערט, ברייט־האַרציק און זאָל ליב האָבן קונסט.

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, איינער פון די גרעסטע מאָלער און אינטע־רעסאַנטסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס די וועלט האָט אַמאָל פאַרמאָגט, איז געווען אַ טיפּישער הומאַניסט. ער האָט היינט געדינט אַ מאָנאַרכיע, מאָרגן אַ רעפּובליק, איבערמאָרגן ווידער אַ מאָנאַרכיע און חוץ מאָלער איז ער אויך געווען אַרכיטעקט, מאַטעמאַטיקער און האָט זיך געפּרואווט שאַפן אַ לופטבאַלאָן א. אַ. וו. א. אַ. וו.

דאָס גרעסטע קינסטלערישע ווערק פון דער הומאַניסטן־עפּאָכע האָט געשאַפן דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער ראַבלע. דאָס איז דער ראָמאַן „גאַרגאַנטיוא און פּאַנטאַגריעל״. אין דעם דאָזיקן ראָמאַן לאַכט ראַבלע אויס די אַלטע סכאָלאַסטיקער. דער קיסר גראַנגאָזיע נעמט פאַר זיין זון גאַרגאַנטיוא אַלס לערער צוויי סכאָלאַסטיקער, וואָס לערנען מיטן פּרינץ פינף יאָר מיט דריי חדשים דעם אלף־בית און לערנען אים נישט אויס. און ווען דער קיסר נעמט צו זיין זון אַלס לערער אַ הומאַניסט, גיט ער אים אַן אידעאַלע דערציאונג און ווען גאַרגאַנטיוא ווערט קיסר און ער האָט אַ זון פּאַנטאַגריעל, גיט ער אים שוין אַ הומאַניסטישע דערציאונג און סיי דער פאָטער, סיי דער זון ווערן אידעאַלע הערשער, קעגנער פון מלחמה און דעראָבערישע אַוואַנטיורע־פּאָליטיק און עס וואַקסט אויס אַן אוטאָפּישע וועלט, אפילו מיט וויסנשאַפט און קונסט.

אליהו בחור איז אַ טיפּישער הומאַניסט אויפן יידישן שטייגער און אַן עכטער פּראָדוקט פון פופצנטן יאָרהונדערט. אַליין אַ דייטשער ייד איז ער אין זיין יוגנט אַוועק קיין איטאַליע, ווייל די איטאַליענישע יידן זיינען געווען פרייער. אין איטאַליע האָט ער געשריבן, חוץ העברעאישע ווערק, וועגן גראַמאַטיק, קאָפּירט געבעט־ביכער און ראָמאַנען פאַר רייכע יידן. אין 1514טן יאָר האָט ער זיך באַפריינדעט אין רוים מיטן איטאַליענישן קאַטוילישן קאַרדינאַל פראַ עדזשידיאָ דאַ וויטערבאַ און ער האָט פאַר אים קאָפּירט איבערגעזעצטע קבלה־ווערק און ער האָט זיך אַליין מודה געווען, אַז ער האָט צומאָל קאָפּירט ווערק וואָס ער אַליין האָט נישט פאַרשטאַנען. אליהו בחור האָט אויך געלערנט העברעאיש מיטן דערמאָנטן קאַרדינאַל און ער האָט ביי אים אין הויף געלעבט אויף אַלעם גרייטן

דרייצן יאָר. אליהו בחור האָט געשריבן פּאַמפלעטן, לידער און ער האָט באַאַרבעט ראָמאַנען פאַר די ווייבער און טעכטער פון די יידישע סוחרים פון זיין צייט. אין זיינע ראָמאַנען פעלט ניט קיין פּראָסטער קאָמיזם און עראָטישער בראַוווּר. ווען ער שילדערט די סעקסועלע צניעות פון איינעם פון זיינע העלדן, זאָגט ער: „אליהו בחור וואָלט עס נישט געטון". אין יענער צייט האָבן רבנים געקעמפט קעגן די ראָמאַנען אין יידיש און האָבן זיך געבייזערט למאי די פרויען און מיידלעך לייענען בעסער נישט קיין מוסר־ספרים און דער אַרויסגעבער קאָרנעליאָ אַדלקינד האָט אין יאָר 1545 אַרויסגעגעבן אַ יידישע תהילים־איבערזעצונג און אַנדערע פרומע ספרים, בכדי צו באַקעמפן די אויסגעלאַסענע ביכער און ביי וועמען האָט ער די תהילים־איבערזעצונג באַשטעלט? ביי אליהו בחור, ביים מחבר פון די וועלטלעכע ראָמאַנען „בבא־בוך" און „פּאַריז און וויענאַ" און פון פּאַמפלעטן וואָס זיינען פול מיט ניבול־פּה. אליהו בחור איז געווען אַ מייסטער אויף אַלע כלים און וואַקלענדיק, אַזוי ווי ס'רוב הומאַניסטן פון זיין צייט, וואָס האָבן געשוועבט צווישן גאָט און טייוול.

פון אליהו בחור זיינען אין יידיש געבליבן צוויי פּאַשקווילן — „המבדיל" און „שרפה־ליד" און צוויי ראָמאַנען — „בבא־בוך" (אָדער בבא מעשה) און „פּאַריז און וויענאַ". די דאָזיקע ווערק (און מסתמא נאָך אַ סך אַנדערע, וואָס זיינען פאַרפאַלן געוואָרן) האָט ער געשאַפן ביז דעם יאָר 1514, ווען ער האָט זיך באַפריינדעט מיטן קאַרד. עדזשידיאָ. פון נאָך 1514 האָט ער זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט פילאָלאָגישע שטודיען און ער האָט געשאַפן אויף דעם געביט אַ סך ווערק, צווישן זיי זיין העברעאישע גראַמאַטיק „ספר בחור", וואָס „האָט אים געמאַכט פאַרן לערער פון העברעאיש פאַר דער קריסטלעכער וועלט אין 16טן יאָרהונדערט". אויף די עלטערע יאָרן איז אליהו בחור געבליבן אָן פּרנסה, ווייל זיין קאַטוי־לישער באַשיצער איז חרוב געוואָרן און ער איז צוריק געפאָרן קיין דייטשלאַנד, וואו ער האָט זיך געחברט מיטן קריסטלעכן געלערנטן פּאולוס פאגיוס, וועלכער האָט אים געהאָלפן אַרויסגעבן פאַרשידענע ווערק און צווישן זיי דעם „שמות דברים" — דאָס ערשטע יידיש־דייטש ווער־טער־ביכל.

די צוויי פּאַשקווילן, וואָס זיינען געבליבן פון אליהו בחור דערציילן עפּעס וועגן לעבן פון אונדזער אַלטן מייסטער, ער איז געווען אַרומגע־

רינגלט מיט שונאים פון אַלע זייטן, וואָס האָבן אים גערודפט, פּלאַגירט און קאָנקורירט.

אין „שרפה־ליד" דערציילט אליהו בחור, אַז בשעת דער גרויסער שרפה אין ווענעציא, האָבן פאַרשוידענע פּאַרשוינען אויסגענוצט די מהומה און געגנבעט און ווען מען האָט איין גנב געפּאַקט און מען האָט אים געפרעגט פון וואַנען עס קומען צו אים די געגנבעטע זאַכן, האָט ער געענטפערט, אַז אליהו בחורס ווייב האָט זיי אים געשיקט. קאָנקורענטן מלמדים און שריפטשטעלער האָבן אויף אים געמאַכט אַ בלבול, ווייל ער איז געווען געלערנטער פון זיי. די קנאה פאַרפאָלגט אייביק די פּעאיקע און טאַלאַנטירטע מענטשן און באָט זיי מיט שפּיזן. מען האָט אליהו בחור אַרעסטירט צוליב דעם בלבול. פון שרפה־ליד פעלן אַ סך סטראָפן און מען ווייסט נישט, וואָס דער סוף פון אָט דעם בילבול איז געווען. אין דעם דאָזיקן פּאַשקוויל זיינען דאָ צאָרנדיקע רייד קעגן די רייכע און קעגן די מלחמות, וואָס הערן נישט אויף.

„המבדיל" איז אַ פּראָסטער פּאַשקוויל מיט גראָבע אויסדרוקן קעגן איינעם אַ הלל כוהן, וואָס איז געווען אַ מלמד אין ווענעציע און ווי עס ווייזט אוים אליהו בחורס אַ קאָנקורענט. אין דעם דאָזיקן פּאַשקוויל דערציילט דער מחבר בעט־מעשיות און שיקסע־סודות פון זיין קאָנקורענט. אין די „שריפטן", וואָס די „קאַטעדרע פאַר יידישער קולטור ביי דער אַל־אוקראַינישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע" האָט אַרויסגעגעבן, איז פאַראַן אַן אויספירלעכע אַרבעט פון נחום שטיף וועגן אָט דעם פּאַשקוויל און עס איז אויך איבערגעדרוקט דער טעקסט. עס איז אַ שאַרפער אָנפאַל אויף אַ קאָנקורענט, וואָס איז געווען אַן עם־ארץ און האָט אליהו בחורן שטאַרק דערגאַנגען די יאָרן און אים געמסרט און אויסגעכאַפּט אַלע קינ־דער און אַלע קאַפּיע־אַרבעטן. אין זיין פּרעכטיקן בוך „אַ טאָג אין רעגנסבורג" האָט י. אָפּאַטאָשו דריי קורצע בילדער פון אליהו בחור, דאָס ערשטע הייסט „אַ פּאַשקוויל", דערציילט ער דאָרט, אַז דער מייסטער קלאָגט זיך אויף הלל כוהן: „די רייכסטע קינדער האָט ער ביי מיר צוגענומען, ווו אַ סדור, ווו אַ מחזור, ווו אַ חומש איבערצושרייבן אין עברי־טייטש, ער האָט אַלץ פאַרכאַפּט. כ'האָב אים שוין צוויי מאָל גערופן צום בית־דין, געוואַלט ווייזן בפני כל עם ועדה, אַז הלל קאָן נישט בלויז קיין פּרשה חומש, ער קאָן אפילו נישט איבערשרייבן קיין סידור אָן

גרייזן! און אַזאַ נואָף גייט דאָס און שרייבט פּאַשקווילן אויף מיר, פאַר־מסרט מיך" א. אַ. וו.

פון די צוויי פאַמפלעטן איז צו זען, אַז חוץ דער צייט וואָס דער מייסטער פון אונדזער עלטער ליטעראַטור האָט געלעבט ביים קאַרדינאַל, האָט ער קיין האָניק נישט געלעקט און ער איז געווען ארומגערינגלט מיט אַ זומף פון רכילות און בלבולים.

די צוויי וויכטיקסטע ווערק פון אונדזער העלד זיינען די צוויי ראָמאַנען זיינע, וואָס זיינען אויך די וויכטיקסטע ווערק אין דער אלטער יידישער ליטעראַטור — „בבא־בוך" און „פאַריז און וויענאַ".

דאָס „בבא־בוך" איז מער באַרימט אונטערן נאָמען „בבא־מעשה", אָדער „באָבע־מעשה" און מען מיינט, אַז עס רעדט זיך וועגן אַ מעשה, וואָס די באָבע האָט דערציילט, אָבער — ס'איז פאַרגרייזט פון בבא־מעשה, אַ מעשה וועגן איינעם אַ העלד בבא (באָווע).

די „בבא־מעשה, וואָס האָט פריער געהייסן „בבא־בוך" איז נישט קיין אָריגינעל יידישע. עס איז א ריטער־ראָמאַן, וואָס שטאַמט פון 12־טן יאָרהונדערט, ער איז לכתחילה פאַרפאַסט געוואָרן, ווייזט אויס, אויף ענגליש א. נ. „בעיווים אָף העמפּטן", אין אָנהויב דרייצנטן יאָרהונדערט איז ער דערשינען אויף פראַנצויזיש און אין סוף פון זעלביקן יאָרהונדערט אויף איטאַליעניש. אין איטאַליעניש הייסט שוין דער העלד נישט בעיווים, נאָר בואָווא, אויף יידיש האָט אים אליהו בחור אַ נאָמען געגעבן בבא און ווי ער דערציילט אַליין, האָט ער אים איבערגעזעצט פון איטאַליעניש. ער האָט אים געקירצט, ער האָט אויסגעלאָזט די פּרטימדיקע באַשרייבונגען פון די מלחמות, אָבער ער האָט געלאָזט די איטאַליענישע סטאַנצן פאָרם, די אכט־פערזנדיקע סטראָפן, וועלכע מען רופט היינט „אקטאווע" (און אויך סטאַנצן) און די גראַמען־פאָרם „אבאבאבג" (די ערשטע סטראָפע גראַמט זיך מיט דער דריטער און פינפטער, צווייטע מיט דער פערטער און זעקסטער און די זיבעטע מיט דער אכטער).

אָט איז אין קורצן דער אינהאַלט: דער אלטער און גוטער הערצאָג גווידא, וואָס איז געבליבן אַ בחור, האָט אויף דער עלטער חתונה געהאַט פאַר אַ קעניגלעכער טאָכטער מיטן נאָמען בראַנדאָניע. זי האָט דעם אלטן מאַן פיינט געהאַט און נאָך מער האָט זי אים פיינט באַקומען, ווען זי האָט אים געהאַט אַ זון, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן באָווע. דער פאָטער האָט אוועקגעגעבן באָווען אויף דערציאונג צו אַ פריינט און ער האָט

געוואַקסן אַ ריז און אַ העלד. בראַנדאָניע האָט אין אַ טאָג זיך געמאַכט קראַנק און געשיקט דעם מאַן, אַז ער אַליין זאָל איר ברענגען אַ געיעג פון וואַלד און אין וואַלד האָט זי אָנגעשטעלט אַ שונא, וואָס האָט אים געהרגעט און גערשנט זיין שיין ווייב און אויך זיין הערצאָגטום. דער מערדער האָט מורא געהאַט פאַר באָווען און האָט אים געוואָלט הרגענען און אים איז געראָטן צו אנטלויפן. ער האָט געשבלאָנדזשעט אין פעלד, זיך דערנערט מיט גראָז און ווען ער איז איינגעשלאָפן ביים ברעג ים, האָבן אים סוחרים דערזען און זיין שיין פנים איז זיי געפעלן געוואָרן און זיי האָבן אים פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט צום קעניג פון פלאַנדערן. באָווע איז זייער געפעלן געוואָרן דער פרינצעסן דרוזיינע, דעם קעניגס טאָכטער און זי האָט אים גענומען פאַר אַ סאַרווער. און דרוזיינע האָט זיך אין אים פאַרליבט און געצויגן צו זיך. זי האָט אים נאָך מער ליב באַקומען, ווען ער האָט באַזיגט דעם שטאַרקן ריטער מאַקאַבראַ. באָווע איז אַנטלאָפן און דרוזיינע איז אים נאָכגעלאָפן אין פעלד און אים געוויזן איר נאַקעט לייב און באָווע האָט פאַרשעמט אַראָפגעלאָזט די אויגן (אָט דאָ באַמערקט דער מחבר, אַז מיט אים וואָלט עס נישט געשען). די פרינצעסין האָט אים געזאָגט, אַז זי האָט אים ליב און געפרעגט ווער זיינע עלטערן זיינען. בכדי זי זאָל זיך אָפּטשעפּען פון אים, האָט ער איר דערציילט, אַז זיינע עלטערן זיינען בעטלער. זי האָט אָבער נישט געגלויבט. דערווייל איז דער סולטאַן פון באַווילאָניע באַפאַלן די הויפטשטאָט פון פלאַנדריע און געוואָלט דרוזיינען אַלס פרוי פאַר זיין מיאוסן זון לוציפער, וואָס האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ ציג און פון אַ טייוול און עס איז געקומען צו אַ מלחמה. דרוזיינע האָט געגעבן באָווען אַ פאַרכשופט פערד, אַ פאַרכשופטע שווערד און זיי זיינען ביידע ארויס אין שלאַכט און אויסגעהרגעט דעם סולטאַן מיט זיין חיל און אַלס דאַנק האָט אים דער קעניג געגעבן די טאָכטער פאַר אַ פרוי. אָבער דעם קעניגס פעטער אולגין איז נישט אָנגעשטאַנען דער שידוך און ער האָט דעם יונגן העלד אָפּגענאַרט, אים געשיקט מיט אַ בריוו צום סולטאַן און האָט געשריבן, אַז דער וואָס ברענגט דעם בריוו, איז דער מערדער פון סולטאַנס זון. דער סולטאַן האָט אים באַלד געוואָלט הרגענען, אָבער זיין טאָכטער מאַרגאַרעטע וואָס האָט זיך אין אים פאַרליבט האָט נישט געלאָזט. מען האָט באָווען פאַרשפאַרט אין אַ קעלער מיט שלענג און עקדישן און אים איז דאָך געלונגען צו אַנטלויפן און ער איז מיט אַ שיף אַריבער אויפן צווייטן

ברעג ים. דערווייל האָט מען אין פלאַנדריאַ זיך געגרייט חתונה צו מאַכן דרוזיינען פאַר מאַקאַברען אָבער באָווע איז אָנגעקומען פונקט פאַר דער חתונה, האָט ער צוגענומען זיין כלה און איז אַוועק מיט איר, האָט מען זיי נאָכגעשיקט פלעקונען — אַ פאַרזעעניש, האַלב־מענטש, האַלב־הונט — אַז ער זאָל זיי נאָכיאָגן און עס איז געווען אַ סכנה אי פאַר באָווען, אי פאַר פלעקונען, האָט דרוזיינע געמאַכט שלום און זיי האָבן זיך אַלע דריי באַזעצט ביי אַ גראַף, האָט זיי דער גראַף אויסגעגעבן, האָט אים פלעקון דערמאָרדעט. איז באָווע אַוועק זוכן דעם ים, האָט דערווייל אַ לייב צעריסן פלעקונען און דרוזיינע איז אַנטלאָפן מיט אירע קינדער און האָט געטראָפן צו אַ פלאַנדרישע שיף, אויף וועלכער מען האָט זי דערקאַנט און אָפגעגעבן גרויס כבוד און מ׳האָט איר געבראַכט צום פאָטער. באָווע איז צוריקגעקומען, האָט ער געטראָפן נאָר פלעקונס הינטער־חלק, האָט ער גע־מיינט, אַז אויך דרוזיינען מיט די קינדער האָט מען צעריסן, האָט ער זיך געלאָזט בלאָנדזען, ביז ער איז געקומען אין אַ שטאָט אַריין, וווּ אַ קאַ־פיטאַן האָט אויפגענומען סאָלדאַטן. דער קאַפּיטאַן איז געווען זיין יוגנט־פריינט, אַ זון פון זיין דערציער, איז ער אַריינגעטרעטן אין זיין אַרמיי, אָבער ער האָט נישט אויסגעזאָגט ווער ער איז און ער האָט זיך אָפּגע־רעכנט מיט זיין פאָטערס מערדער. און דרוזיינע האָט זיך דערוווסט ווער באָווע איז, האָט זי זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בעטלערן און אים אָפּגע־זונגען אַ ליד וועגן באָווע, דרוזיינע, מאַקאַבראָן, פלעקון און באָווע איז געוואָרן דער הערשער איבער אַ גרויס לאַנד און ער האָט געירשנט אויך זיין פאָטערס לאַנד און זיין נאָמען האָט געוואַקסן אָן אויפהער.

ווען איר ווייסט שוין דעם אינהאַלט פון דער בבא־מעשה, פאַרשטייט איר פאַרוואָס אַ מעשה מיט ניסים רופט מען אַ „באָווע־מעשה"...

ווי איר זעט, אַנטהאַלט אין זיך די „בבא־מעשה עלעמענטן פון דער מעשה מיט יוספן, פון דער אָדיסייע, פון סתם ריטער־מעשיות און סענ־טימענטאַלע ראָמאַנען. אליהו בחור האָט דעם שטאָף פאַריידישט. דער קעניג פון פלאַנדריע פּראַוועט אַ ברית און איז מלה זיינע געפּונענע איי־ניקלעך און דאָס שמועסן בכלל איז יידישלעך. דאָס ווערטל „איצט לאָמיר איבערלעבן דעם בן־מלך און זיך נעמען צו דער בת־מלכה" שטאַמט פון דער „בבא־מעשה". אַ. ב. זאָגט:

נון לאָזן בבא פאַר מאַנכע מייל
און גאַר איין פערן (וייטן) וועג אַ לענגן

און ווי אייך זינגען, ווי עס די ווייל
מיט דער ליבע דרוזיינע וואָר געגאַנגען.

די העלדן זיינען נישט געמאָלן לעבעדיק, נאָר אוועקגעשטעלט ווי מאַנעקענען. איין צד אַ שלעכטער, דער אַנדערער אַ גוטער. פאַראַן דאָ אַלע עלעמענטן פון שמרס ראָמאַנען און די לייענער פלעגן זיך געגנוג אָנוויינען אויף דעם העלדנס ליידן. און מוסר פעלט אויך נישט. דער מחבר דערציילט, דערציילט און פּלוצלינג גיט ער אַ זאָג „דעריבער, ליבע הערן גיט אַ קוק, וואָס פאַר אַן אומגליק עס קומט פון שלעכטע פרויען, זיי זיינען גרייט צו צעהאַקן אַ מאַן אויף שטיקער, אַבי צו טרייבן זייער אויסגעלאַסנקייט. אַלע אומגליקן קומען פון די פרויען"... פאַראַן אויך הומאָר און קאָמיזם און אַביסל נבול־פּה. דאָס בילד, ווען דרוזיינע טוט זיך אויס נאַקעט פאַר באָווען ווערט באַשריבן מיט אַלע פּיטשעווקעס. די שפּראַך איז פאַר יענער צייט אַ לעבעדיקע און אַ ריירעוודיקע. און דער מוסר השכל איז כסדר אַ הומאַניסטישער. עס ווערט ארויסגעשטעלט אַ מוסטער פון אַן אויפריכטיקן און ערלעכן הערשער, ווי אין ראַבלעס „גאַרגאַנטיוא און פּאַנטאַגריעל".

ספּעציאַליסטן האַלטן „פּאַריז און וויענאַ" פאַר אַ וויכטיקער ווערק, ווי די „בבא־מעשה", דאָך איז די „בבא־מעשה" שטאַרק פּאָפּולער און עס איז אַ סך מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן און ס'איז כסדר דערשינען אין נייע אויפלאַגעס ביז דעם ניינצנטן יאָרהונדערט און „פּאַריז און וויענאַ" איז געבליבן אומבאַקאַנט און ס'איז געבליבן דערפון נאָר איין עקזעמ־פּליאַר אין דער קיעמברידזשער ביבליאָטעק און ערשט פעלן פון דעם דאָזיקן עקזעמפּליאַר פיר און צוואַנציק זייטן. מען איז איבערצייגט, אַז דער מחבר פון „פּאַריז און וויענאַ" איז אליהו בחור, עס האָט זיין שפּראַך, זיינע ווערטלעך, זיין געדאַנקען־גאַנג, אָבער קיין פאַקטישער באַווייז, אַז אליהו בחור איז דער מחבר פון „פּאַריז און וויענאַ" איז נישט געבליבן.

„פּאַריז און וויענאַ" שטאַמט אויך פון אַן אַלטן ראָמאַן, וואָס זיין אָנהויב דאַרף מען זוכן נאָך אין דרייצנטן יאָרהונדערט. אין יידיש איז ער באַאַרבעט לויט דעם איטאַליענישן נוסח און אין דער זעלביקער סטאַנצן פאָרם. דער אינהאַלט איז קורצער פון דער „בבא־מעשה".

אָט איז דער אינהאַלט:

וויענאַ, די שיינע טאָכטער פון קיניג דולפין פאַרליבט זיך אין ריטער פּאַריז און דער ריטער פּאַריז פאַרליבט זיך אין איר, אָבער פּאַריז איז אַן אָרימער ריטער און פון אַ קליינעם יחוס. פּאַריז פאַרלאָזט דעם קיניגלעכן הויף און וויענאַ זאָגט זיך אָפּ צו ווערן אַ כלה פאַר דעם הערצאָגס זון פון בורגנלאַנד, וואָס איר פאָטער קלויבט איר אויס. בכדי צו ברעכן די עקשנות פון זיין טאָכטער, פאַרשפאַרט זי דער קיניג אין תפיסה. דער חתן קומט צו פאָרן און וויענאַ וויל אים נישט אויפנעמען. פּלוצים איז מסכים וויענאַ אויפצונעמען איר חתן אין תפיסה, אָבער ערשט אין דריי טעג ארום. און זי טוט אָפּ אַ שפּיצל: פון די געבראָטענע הינדלעך, וואָס מען ברענגט איר, בינדט זי איינס צו אונטערן אָרעם און עס באַקומט אַ שלעכטן ריח. ווען דער חתן קומט צו איר אין תפיסה, דערציילט זי אים, אַז זי איז קראַנק, ער דערפילט טאַקע דעם שלעכטן ריח און ער אַנטלויפט.

פּאַריז וואַנדערט איבער דער וועלט. ער איז געווען ביים סולטאַן און דאָרט אויסגעהיילט אַ פויגל און ער קומט צוריק אין דולפינס הויף איבערגעטון, ווי אַ טערק; וויענאַ איז שווער קראַנק פאַר בענקשאַפט און דער פאָטער מעלדעט, אַז ווער עס וועט זי אויסהיילן, וועט זי באַקומען פאַר אַ ווייב און דער „טערק״ נעמט אויף זיך זי צו אויסהיילן. פּאַריז קומט צו וויענאַן, גיט איר אַ מתנה אַ פינגערל, זי דערקענט אים דערנאָך און זיי גייען צום קיניג. עס ווערט אַ גרויסע שמחה און זיי האָבן חתונה און לעבן זיך גליקלעך.

מאַקס וויינרייך גיט איבער אַ סך שטעלן פון דעם דאָזיקן ראָמאַן, וואָס איז פאַר יענער צייט אַ מייסטער־ווערק. ער פאַרמאָגט לעבעדיקע שילדערונגען, צאַרטקייט און אָן אַ שיעור שיינע געדאַנקען. אַ סך מאָל זאָגט דער מחבר מוסר, אָבער ער זאָגט עס שיין. איך וועל ציטירן אַ פּאָר סטראָפן:

פאַרפלוכט מוז זיין דאָס געלט און גוט 1)
און אך ווער דאָ האָט דראָן זיין גלויבן,
דער מענטש דרום טאָג נאָך נאַכט נישט רוט
און אָפּט מיט רעכטן און אָפּט מיט ראָבן
און אָפּט פאַרקויפט מען פלייש און בלוט

1) פאַרמעגן.

נאָר דאָס מען אַ האָהען שמץ מוז האָבן,
דער טייוול פּירטס הין, אַז פּייער שוועבל 1)
און אַז דער גראָסער ווינט פירט דען נעפּל
וויל איינער זיינער טאָכטער געבן מיין מאָן,
אָדער זיין זינען געבן ווייבער,
מען פרעגט נישט, אָבער ער אַ מזל 2) קאָן,
אב ער איז אַ לערנער, אָדער שרייבער,
נאָרט 3) אויף דאָס געלט טרעפּט דער צאָן
און ווען ער ווער אן אייזל־טרייבער,
אַ צווערג, אַ נאַר, אַ שטונף 4), אַ לאַפּן 5)
האָט ער נאָרט געלט, דאָ איז מען נאָך אים שנאַפּן.
אַ קנאָב, אַ מייד, גיי הין און שניץ
און זיי דיך דרויף מיט אים באַראָטן.
זיין ערשטער פראָג, זיין ערשטער גיץ:
„האט זי פיל געלט? האָט ער דוקאָטן?"

אליהו בחור איז נישט געווען קיין גרויסער שריפטשטעלער און אין פאַרגלייך מיט די גרויסע נישט־יידישע פּערזענלעכקייטן פון זיין דור איז ער געווען אַ מיטלמעסיקייט, אָבער אַ פיינער טאַלאַנט איז ער דאָך געווען. ער הייבט זיך אויף העכער פון אַלע יידישע שפּיללייט און ער האָט אין זיינע ווערק נישט נאָר ריטערלעכע ניסים, נאָר אויך רעאַלע באַשרייבונגען און נישט נאָר פּראָסטן קאָמיזם, נאָר אויך פיינעם הומאָר און גראַציע און אַ גאָר לעבעדיקע שפּראַך און מאַקס עריק זאָגט מיט רעכט, אַז פון אים האָבן זיך געקענט „עפּענען וועגן, שליאַכן פאַר אַ מער־וויניקער רעאַליסטישער בעלעטריסטיק", אָבער — דריי הונדערט יאָר זיינען די קוואַלן פאַרשטאָפּט געוואָרן, ביז דעם ניינצנטן יאָר הונדערט האָבן מיר געהאַט אַ מוסר־ליטעראַטור, אַ „צאינה וראינה"־ליטעראַטור... ווען מען זאָל ווייטער געווען גיין אויף דעם שליאַך, וואָס דער מחבר פון „בבא־מעשה" און „פּאַריז און וויענאַ" האָבן אָנגעהויבן אויסטרעטן, וואָלט דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור געווען נישט מענדעלע מוכר ספרים, נאָר אליהו הלוי בן אשר אשכנזי, אליהו בחור...

---

1) אַזוי ווי פייער פירט אַוועק שוועבל; 2) פּראָפּעסיע; 3) נאָר; 4) אַ קלאָץ; 5) אַ שטומפּיקער קאָפּ.

דער „צאינה וראינה"

„דער צאינה וראינה" איז אין משך פון גאַנצע דריי יאָרהונדערטער געווען דאָס פּאָפּולערסטע בוך ביי דער יידישער פרוי און נישט איינמאָל האָט זיך צו דעם דאָזיקן בוך צוגעכאַפּט אויך דער מאַן און אים געלייענט און פון אים הנאה געהאַט. דער „צאינה וראינה" איז אַ בוך אַ לעגענדע און אַ בוך אַ בר־מזל, וואָס האָט צו זיך ווייניק קיין גלייכן אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. איז אינטערעסאַנט צו זען אַדאַנק וואָסאַרא אייגנשאַפטן און אַדאַנק וואָסאַרא אומשטענדן דאָס דאָזיקע בוך האָט דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה.

ווען דער „צאינה וראינה" איז אָנגעשריבן געוואָרן גענוי, ווייסט מען נישט. דער ערשטער עקזעמפּליאַר, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען איז דערשינען אין לובלין אין יאָר 1622. זיין מחבר הייסט ר' יעקב בן יצחק אשכנזי פון יאַנאָווע. דער מחבר שטאַמט פון דעם באַרימטן ביבל־קאָמענטאַטאָר ר"שי (ר' שמואל יצחק), און ער איז, ווי עס ווייסט אויס, געווען אַ מגיד און די אַלטע געשיכטע פון תנך, תלמוד און מדרש, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין „צאינה וראינה", האָט ער פריער דערציילט אין זיינע דרשות.

קיין שום בוך וואָס ווערט עפּאָכע־מאַכנדיק, ווערט נישט געשאַפן אין איין טאָג און נישט אפילו אין איין יאָר. אַן עפּאָכע־מאַכנדיק בוך איז אַ רעזולטאַט פון אומשטענדן און עס ווערט דערפאַר אין משך פון צענדליקער יאָרן (אויב נישט דורות) צוגעגרייט מאַטעריאַלן. און אויך דאָס לעגענדארע בוך פון אונדזערע מאַמעס און באָבעס איז צוגעגרייט געוואָרן אין משך פון צענדליקער און צענדליקער יאָרן.

דער מחבר פון „צאינה וראינה" האָט געלעבט צווישן אָנהויב פון זעכצנטן יאָרהונדערט ביזן אָנהויב פון זיבעצנטן יאָרהונדערט (ער האָט, זאָגט מען, געלעבט אַריבער הונדערט יאָר). מען דאַרף באַטראַכטן, אַז ער האָט זיך צו זיין אַרבעט גענומען אין דער מיט פון 16טן יאָרהונדערט.

אין דער דאָזיקער צייט האָט דער „שפּילמאַן" — דער מחבר וואָס האָט פאַרגעלייענט און פאַרגעזונגען זיינע אייגענע ווערק— אָנגעהויבן פאַר־שווינדן סיי פון נישט־יידישן לעבן, סיי פון יידישן. סיבהס זיינען געווען אַ סך. ערשטנס איז דאָס לעבן געוואָרן גרויסשטעטישער, נערוועזער און די „שפּיללייט" האָבן פאַרגעלייענט גרויסע, עפּישע ווערק, צו וועלכע מ'האָט

שוין קיין געדולד נישט געהאַט און אין דער מאָדע איז אַריין דער באָקאַ־טשיאָ נוסח פון דער קורצער נאָוועלע און נאָך קורצערן אַנעקדאָט. צווייטנס האָט די גוטנבערג־דערפינדונג פון דרוק געמאַכט צוגענגלעכער דעם בוך פאַר יעדער הויז און מיטעלע מענטשן האָבן שוין ניט געמוזט גיין הערן פאַר־לייענען אַ בוך אין „טעאַטער", זיי האָבן זיך שוין געקאָנט פאַרגינען דעם לוקסוס צו קויפן אַ בוך. אַזוי אַרום האָט דאָס געדרוקטע בוך אַרויסגעשטויסן דעם „שפּילמאַן" און די קורצע נאָוועלע האָט אַרויסגע־שטויסן דעם ראָמאַן.

אָבער נאָר אין אָט דעם פּרט האָט זיך אַלציינס געיידלט, ווי גע־קריסטלט; אין אַנדערע פּרטים איז די יידישע ליטעראַטור אַוועק אויף אַנדערע וועגן, ווי די נישט־יידישע. די נישט־יידישע ליטעראַטור איז אונ־טער דער השפּעה פון די הומאַניסטן און ענציקלאָפּעדיסטן אַלץ געוואָרן וועלטלעכער און פרייער און נאַטירלעכער, בעת די יידישע ליטעראַטור איז אַלץ געוואָרן רעליגיעזער און פאַנאַטישער.

סיבות פאַר דעם פאַנאַטיזם זיינען געווען אַ סך. דאָס יידישע לעבן האָט זיך אָנגעהויבן עקאָנאָמיש צו דיפערענצירן. ס'האָבן זיך באַוויזן יידישע אָרימעלייט און בעלי מלכות אין דער יידישער קהלה פון פראַנקפורט און אין 16טן יאָרהונדערט איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלט פון די אָרעמע קעגן די רייכע. אין פוילן האָבן זיך די יידישע בעלי מלאכות אָרגאַניזירט אין צעכן. די נויט איז געוואַקסן און מ'האָט באַדאַרפט געפינען אַ תירוץ צו איר און דער תירוץ איז געווען: יידן זיינען זינדיק און דערפאַר שטראָפט זיי גאָט און די יידישע גאַס איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט מוסר־ספרים. זייער אָפט האָבן די מוסר־זאָגער און מוסר־שרייבער געשטראָפט די גבירים, וואָס פירן זיך אויף שלעכט מיט די אָרימעלייט, אָבער אין תוך אַריין האָבן די מוסר־שרייבער אָפּגענאַרט — אָפט אומבאַוווסט — די אָרימע, און די רייכע האָבן זיי געטאָן טובות.

איינע פון די הויפּט־סיבות, וואָס די יידישע ליטעראַטור איז געוואָרן פאַנאַטיש, איז דער פאַקט, וואָס דאָס יידישע לעבן האָט זיך אַלץ איבערגע־רוקט קיין פוילן און דאָרט האָט עס אינגאַנצן פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט דער לעבעדיקער וועלט און האָט זיך אַלץ אַריינגערוקט אין שימל און שאָטן פון אַלטן בית המדרש. דער „נוסח פוילן" האָט לאַנגזאַם און זיכער פאַר־נומען דאָס אויבנאָן־אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַקט:

אין 16־טן און 17־טן י. ה. האָט מען בא ניט יידן אַלץ מער און מער געלערנט די ביבל און געלערנט אויף א נאַטירלעכן אופן און נישט פאַרוואַנ־דלט דאָס פלייש און בלוט אין פאַפירענע שמות, בעת ביי יידן האָט מען אַלץ מער און מער פאַרבאָטן צו לערנען די ביבל און מ'האָט ניט אויפגע־הערט צו לערנען דעם פאַרדרייטן און פילפול'דיקן תלמוד.

א באַדן פאַר אַזא בוך ווי דער „צאינה וראינה" איז, אַלזאָ, געשאַפן געוואָרן. אין דער מאָדע איז געווען די קורצע נאָוועלע און דער אַנעקדאָט אין דער גאַנצער וועלט. אויף דער יידישער גאַס האָט מען דערביי פאַר־לאַנגט, אַז די טענדענץ און דער אינהאַלט פון דער נאָוועלע און אַנעקדאָט זאָלן זיין רעליגיעז און די „צאינה וראינה" איז א גרויסע אַנטאָלאָגיע פון הונדערטער נאָוועלן, לעגענדן און אַנעקדאָטן מיט רעליגיעזן אינהאַלט און קלעריקאַל־מוסרדיקע טענדענצן און מיט דער פילפולדיקייט פון תלמוד און אָן דער נאַטירלעכקייט פון דער ביבל.

חוץ באַדן פאַרן „צאינה וראינה" איז געשאַפן געוואָרן פאַר אים אויך מאַטעריאַלן. הונדערטער יאָרן האָבן מלמדים געלערנט חומש מיט די יינג־גלעך און זיי „פאַרטייטשט". מיט דער צייט זיינען געשאַפן געוואָרן גלאָ־סאַרן (שירפטלעכע און מינדלעכע) פון אָט די פאַרטייטשונגען. מיט דער צייט האָבן די מלמדים גענומען צוגעבן צו דער פינקטלעכער „טייטש" אויך דעם פירוש פון רשי, שפּעטער אויך מעשות פון דער גמרא (תלמוד) און פון מדרש. אין דער זעלביקער צייט זיינען בעלי דרשנ'ס אַרומגעפאָרן און גע־לערנט מיט די „פראָסטע יידן" די סדרות און זיי פאַרבראָקט מיט רש"י און מיט די מעשות פון דער גמרא און פון מדרש. אַזוי אַרום האָט דער מחבר פון „צאינה וראינה" געהאַט די „אינוועטאַרן" פון די מלמדים און מגידים און ער האָט אָט די רייכע מאַטעריאַלן ברייט אויסגענוצט און אויך זייער סיסטעמאַטיש. ער האָט זיין ספר איינגעטיילט לויט די סדרות פון דעם בוך, האָט פריער איבערגעזעצט די פסוקים פון חומש און דערנאָך אין די מדרש און תלמוד־לעגענדן. צו דער סעריע האָט ער צוגעגעבן כמעט אַלץ, וואָס ווערט דערציילט וועגן די דאָזיקע פסוקים און די „הפטורה", וואָס באַשטייט, ווי באַקאַנט, פון א קאַפּיטל פון „פסוק" און ער האָט די „הפטורה" אויך פאַרטייטשט און פאַרבראָקט מיט מעשות. חוץ דעם האָט ער איבערגעזעצט און פאַרבראָקט מיט מעשות אויך די פינף מגילות און זיי אַריינגעשטעלט לויט די צייטן, ווען מען פלעגט זיי לייענען אין שול. (שיר השירים אויף פסח, רות — אויף שבועות, איכה — אויף

תשעה באב, א. אַ. וו.). אַזוי אַרום איז דער „צאינה וראינה" געווען פול מיט דערציילנדיקן און פאַרכאַפּנדיקן מאַטעריאַל, אַזוי ווי אַ מילגרוים מיט קערעלעך.

דער מחבר פון „צאינה וראינה" האָט דער ערשטער גענוצט אַ לעבעדיקערע יידישע שפּראַך, אַ היפּש באַפרייטע פון דייטש. פאַר יענער צייט איז די שפּראַך פון ר׳ יעקב בן יצחק אשכנזי פון יאַנאָווא ממש אַ רעוואָלוציאָנערע. האָבן חוש פאַר שפּראַך, הייסט שוין אין אַ היפּשער מאָס האָבן טאַלאַנט. דער מחבר פון „צאינה וראינה" האָט אָבער ניט נאָר חוש פאַר שפּראַך, נאָר טאַקע אַ קרעפּטיקן דערציילערישן טאַלאַנט. ער דערציילט אַ מעשה מיט טעמפּעראַמענט און בילדעריש און ניט נאָר אַלטע יידענעס האָט ער געקאָנט פאַרכאַפּן, נאָר ווען אַ מאָדערנער לייענער זאָל אַ לייען טון איניקע שטעלן פון דעם דאָזיקן בוך, וואָלט ער פאַרכאַפּט געוואָרן. פאַר די יידענעס האָט ער מיט יעדער מעשה אַנטפּלעקט גאַנצע וועלטן.

און אָט אַ דאַנק די אומשטענדן, די צוגעגרייטע שטימונגען און מאַטעריאַלן און אַ דאַנק דער שפּראַך־רעוואָלוציע און דעם גרויסן טאַלאַנט פון מחבר, איז דאָס בוך „צאינה וראינה" (דער נאָמען איז גענומען געוואָרן פון שיר השירים, דאָרט ווערט געזאָגט: „צאינה וראינה", גייט אַרויס און זעט, בנות ציון, ציונס טעכטער, א. אַ. וו.) געוואָרן אַזוי פּאָפּולער און באַליבט בײַ דער יידישער פרוי בכלל און בײַ דעם יידישן מאַן, וואָס האָט קיין לשון קודש ניט געקאָנט. דער „צאינה וראינה" ציילט שוין הונדערטער און הונדערטער אויסגאַבן און געהער צו די פּאָפּולערסטע ביכער, וואָס אַ ליטעראַטור קאָן נאָר האָבן.

די ווירקונג פון „צאינה וראינה" איז ווייט ניט געווען קיין געזונטע. אויב די יידישע פרוי איז אין משך פון הונדערטער יאָרן געוואָרן אויס פרוי און איז געוואָרן אַ יידענע, איז דאָס אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דעם דאָזיקן פּאָפּולערסטן פון די יידישע ביכער. אויב מיר זעען אין משך פון צענדליקער און טאַקע הונדערטער יאָרן ניט קיין יידישע פרוי, נאָר אַ יידענע אין זיבן קאַפּטנס און שלייערן, וואָס לעבט נישט אין קיין רעאַלער וועלט, נאָר אין אַ וועלט פון מצוות און עבירות, די וועלט און יענע וועלט, גן עדן און גהינם, איז עס מער פון אַלץ אַ דאַנק דעם „צאינה וראינה".

דאָס דאָזיקע לעגענדאַר פּאָפּולערע בוך דערציילט, דוכט זיך, מעשׂות פון דער ביבל און עס איז, דוכט זיך, פאַראַן אין דער אַלטער ליטעראַטור ווייניק אַזעלכע פלייש און בלוט ליטעראַטורן, ווי די ביבל. קאַמף צווישן

ברודער און ברודער צוליב אײפּערזוכט, מאָרד, ליבע, קנאה, הונגער רע־וואָלט, מלחמה, שפּיאָנאַזש קאַמף פאַר פרייהייט שטראַף־רייד קעגן געמיינ־קייט, ליבע־מעשות און ליבע־פאַרברעכנס, צעשפּילטע לײדנשאַפטן און געצווימטע לײדנשאַפטן, קאַמף פון מענטש מיט גאָט און גאָט מיט מענטש און — וואָס נישט? וואָסאַרא מענטשלעכער מאָטיוו איז נשטאָ אין דער ביבל? אָבער די „צאינה וראינה" האָט דאָס פלייש פאַרברענט און דאָס בלוט פאַרטרוקנט און אַלץ פאַרוואַנדלט אין רעליגיעזע סימוואָלן. אַלץ ווערט דאָ געטון אויף גאָטס באַפעלן און צוליב גאָט. דער מענטש הערט לחלוטין נישט אויף. די צוויי ברוסטן פון דער פרוי זיינען נישט קיין ברוסטן, נאָר — סימבאָלן פון משה און אהרן. יעדער טייל פון מענטשלעכן קערפּער איז עפּעס אַ רעליגיעזער סימבאָל. ווער ליבע, ווער אויפשטאַנד, ווער קאַמף — אַלץ איז פון גאָט און פאַר גאָט.

די מענטשלעכע ענערגיע האָט זיך ביי דער יידענע אויסגעלאָדן לייע־נענדיק דעם „צאינה וראינה" און זי איז אויסגערונען און געבליבן איז אין מוח גאָט, גן־עדן, גהינום, עברות און מצוות און מער נישט. אפילו דער נאַר־מאַלער שטייגער פון ריידן האָט באַ דער יידישער פרוי אויפגעהערט, אַ דאַנק דעם „צאינה וראינה", וועלכן מ'האָט געלייענט מיט אַ ניגון, זינגענ־דיק... נאָך עד־היום ריידן אונדזערע יידענעס מיטן זינגענדיקן ניגון פון דעם דאָזיקן בוך און קאָן אַ יידענע אַליין ניט לייענען, לערנט זי אוים דאָס זינגען באַ דער פירזאָגערן.

עס זיינען געווען פּרוּוון פון דער רעאַקציע קעגן „צאינה וראינה". ניט איינמאָל האָט מען פאַרלאַנגט, אַז אנשטאָט פאַרפּילפּולטע מעשות זאָל מען דער פרוי און ניט געלערנטן מאַן געבן אַן איינפאַכע און ניט געפעלשטע איבערזעצונג פון דער ביבל, אָבער דער דערפאָלג איז קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסער. אַזוי איז אין סוף פון 17־טן יאָהונדערט געקומען אַ רעאַקציע קעגן „צאינה וראינה" מצד די ספרדישע (שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע יידן) באַ וועלכע די ביבל האָט געשפּילט אין זייער דערציִונגס־סיסטעם אַ גרעסערע ראָליע ווי דער תלמוד. אייניקע אשכנזישע (דייטשע און פּוילישע) יידן האָבן גענומען נאָכטון די ספרדים און פאַרלאַנגט אַ קאָרעקטע ביבל־איבערזעצונג. און באַם סוף פון 17־טן יאָרהונדערט זיינען דערשינען צוויי באַזונדערע אויסגאַבן פון גאַנץ תנ"ך אין יידיש פון צוויי קאָנקורענטן: אורי פייוויש הלוי און יוסף עטיאַש. אַרום די צוויי אויסגאַבן האָט אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל און ס'איז געקומען צו אַ גרויסע דין־תורה אין דער העכסטער

יידישער אינסטאַנץ, אין „ועד ארבע הארצות" (דער ועד פון פיר לענדער). דאָך האָבן זיי דעם „צאינה וראינה" ניט אַרויסגעשטויסן. ער איז אַלץ געבליבן דאָס פּאָפּולערסטע בוך אין אַלע יידישע הייזער. אַ ווילד מזל האָט דאָס דאָזיקע בוך געהאַט, אָבער קיין צופאַל איז דאָס ניט געווען. עס איז געשריבן מיט בריהשאַפט און טאַלאַנט און ס'האָט דעם תמצית פון דער יידישער געשיכטע און פון די אידישע לעגענדעס.

די יידישע ליטעראַטור אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט

אין משך פון גאַנצן זיבעצנטן און דער ערשטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט, איז די יידישע ליטעראַטור פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוסר־ליטעראַטור.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז אונדזער ליטעראַטור געוואָרן אַזוי מוסרדיק פרום אַ דאַנק דעם, וואָס אונדזער לעבן האָט זיך אַלץ מער קאָנצענטרירט אין די סלאַווישע לענדער און ספּעציעל אין פּוילן און האָט זיך אַ דאַנק דעם איזאָלירט פון דער גרויסער וועלט, פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט איר און זיך באַהאַלטן אין שאָטן פון בית־המדרש. ס'זיינען אָבער געווען נאָך סיבות דערפאַר. צוזאַמען מיטן אָנהויבן פון 17־טן י. ה. האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ קלאַסן־דיפערענציאַציע בײַ יידן. עס זיינען אויסגעוואַקסן נעבן די סוחרים און באַנקירן אויך יידישע בעלי מלאכות און קליינהענדלער, וואָס זיינען עקספּלואַטירט געוואָרן נישט נאָר עקאָנאָמיש, נאָר אויך געזעלשאַפטלעך און זיי האָבן צומאָל אויסגעדרוקט גאַנץ אַקטיוו זייער פאַרביטערונג און צאָרן. עס איז נישט איינמאָל געקומען צו דירעקטע קאָנפליקטן און מחלוקתן. אין דער פראַנקפורטער קהלה זיינען פאָרגעקומען ערנסטע אומרוען אַ דאַנק דער אויטאָקראַטיע פו די מנהיגים און אַ דאַנק זייער איינפירן דעם סיסטעם פון משפחה־פּראָטעקציע.

די מאַסן האָט מען געדאַרפט געבן אַ תירוץ אויף זייערע ליידן און דעם בעסטן תירוץ האָט געגעבן דאָס מוסר־ביכל: גאָט שטראָפט אונדז — איז געוועזן דער הויפּט־געדאַנק פון דעם דאָזיקן ביכל — ווייל מיר זיינען זינדיק. דורך דעם מוסר האָט מען געווירקט, אַז די מאַסן זאָלן ווערן רעליגיעזער און במילא אויך געהאָרכזאַמער. די יידישע רעליגיע האָט אַזוי, צי אַנדערש,

געפּרעדיקט פאַטאַליזם און אַלע טרויעריקע דערשיינונגען זיינען פאַר איר געווען אַ גאָט־זאַך.

מען מוז מודה זיין, אַז אין דער מוסר־ליטעראַטור זיינען געווען אויך פּאָזיטיווע מאָמענטן. נישט איינמאָל זיינען די מחברים פון מוסר אַרויס מיט שטראָף־רייד צו די נגידים, וואָס פירן זיך אויף גאוהדיק און רשעותדיק. ניט איינמאָל איז די מוסר־ליטעראַטור געווען דער קאַנאַל, דורך וועלכן עס איז געפלאָסן דער צאָרן, די פאָדערונגען און ווונטשן פון פאָלק. דערצו איז די דאָזיקע ליטעראַטור געווען די ערשטע אין אונדזער שפּראַך, וואָס האָט זיך געווענדעט דירעקט צו די מאַסן און כאָטש זי האָט אַ סך מער אָפּגע־נאַרט ווי אויפגעקלערט, האָט זי דאָך אָנגעהויבן עפענען די חושים און דעם מוח ביי די מאַסן. די מוסר־ליטעראַטור האָט אויך אַ געוויסן ווערט פון לעבנס־דאָקומענטן. שטראָפנדיק די מאַסן האָבן די מחברים געשילדערט, ווי אַזוי זיי זינדיקן און לעבן, איז געבליבן פאַקטישער מאַטעריאַל פאַר דעם היסטאָריקער. מיר דערוויסן זיך פון די מוסר־שירים, אַז די יידישע טאַטעס פלעגן געבן אַ סך נדן די טעכטער און אַ סך האָבן אַ דאַנק אָט דער אייגנ־שאַפט געמוזט באַנקראָטירן. די מחברים שטראָפן די יידישע פרויען, וואָס פאָרן אַרום האַנדלען, אַז זיי חברן זיך צו שטאַרק מיט די קריסטן און מיר דערוויסן זיך, אַז דעם האַנדל האָבן שוין ביי יידן דעמאָלט געפירט די פרויען מער ווי די מענער.

עס וואָלט געווען אַ גוזמא צו באַהויפּטן, אַז די פּאָזיטיווע מאָמענטן איבערשטייגן די נעגאַטיווע מאָמענטן פון דער מוסר־ליטעראַטור. די הויפּט־פונקציע פון די פרומע שריפטן איז געווען אַ רעאַקציאָנערע און זי איז אויסן געווען צו אָפּנאַרן די מאַסן און זיי אָוועקנעמען פון דער „זינדיקער ערד" או פאַרפירן אין הימל אַריין, אָבער פון דער געדיכטער פינצטערניש בליצן אַרויס אויך ליכטיקע פונקען.

די יידישע מוסר־ליטעראַטור איז גרויס. זי איז נאָר געוואָרן פאַרכאַפּנ־דיקער און „פּערפעקטער" אין 17־טן י. ה. אָבער שטאַמען שטאַמט זי נאָך פון 14־טן י. ה. עס איז ניט אונדזער אויפגאַבע צו שטודירן זי און אַנאַליזירן אין גאַנצן. מיר זיינען דאָ אויסן צו געבן נאָר „רשי פּרקים" פון איר און שאַפן אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן איר און מיר וועלן דערפאַר נאָר דער־מאָנען אַ פּאָר פון די וויכטיקסטע מוסר־ספרים.

איינס פון די וויכטיקסטע ספרים אַף אונדזער געביט איז „דער בראַנט־שפּיגל", וואָס איז אַ מין ענציקלאָפּעדיע פאַר דער פרוי, ווי אַזוי זיך

אויפצופירן אין משך פון איר גאַנצן לעבן. דער „בראַנט־שפּיגל" לערנט ווי אָפּצוהיטן אַלע ווייבערישע מצוות, לערנט ווייבערישע צניעות און היגיענע און לערנט אויך, ווי אַזוי צו דערציִען קינדער — די יינגלעך ביז זיי הייבן אָן גיין אין חדר און די מיידלעך ביז זיי האָבן חתונה — ווי אַזוי צו ריידן מיטן מאַן, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט אַ מאַן, וואָס הויבט אָן ליב האָבן אַן אַנדער פֿרוי. דער „בראַנט־שפּיגל" לערנט ווי אויפצונעמען געסט, ווי צו משמח זיין חתן־כלה. פֿאַראַן אפילו אַ קאַפּיטל וואָס האָט אַזאַ טיטל: דער פּרק באַטייט איי (דער) מאַן אין די שול גייט, דאָ גייט מאַן אויף דאָס בית־הכיסא און ווי זי זאָל זיך פֿאַרהאַלטן דערויף". זייער, זייער אַ סך פּלאַץ ווידמעט די דאָזיקע פֿרויען־ענציקלאָפּעדיע דעם געשלעכטלעכן לעבן. עס פֿילט זיך, אַז דער מחבר האָט אַ סך מער אין זינען געהאַט די רייכע פֿרוי, ווי די אָרימע; אַ סך פּלאַץ ווערט געווידמעט דעם ענין, ווי אַזוי צו באַהאַנדלען דינסטן; און אָרימע פֿרויען האָבן דאָך זיכער נישט געהאַלטן קיין דינסטן.

עס פֿילט זיך אין דעם דאָזיקן מערקווירדיקן בוך די ערב־שבתאי צבי־שטימונג. דאָס גאַנצע לעבן איז איינגעטונקען אין זינלעכקייט און טרויער. די זינדיקייט איז אַזוי געדיכט, אַז פֿון ערגעץ האָט געדאַרפֿט קומען אַן אויפֿרייס. דער מחבר הערט ניט אויף סטראַשען מיט גהינם און ער זאָגט־צו גן עדן.

געהייסן האָט דער מחבר פֿון „בראַנט־שפּיגל" ר׳ משה הענוכש (בן הענוך) ירושלמי אַלטשולער פֿון פּראָג. ער האָט געלעבט אומגעפֿער צווישן 1540 און 1615. די ערשטע אויסגאַבע פֿון ר׳ משה הענוכש בוך איז דערשינען אין יאָר 1602 אין באַזעל. כמעט אין איין צייט מיט „צאינה וראינה" און איז דעמאָלט געווען נישט ווייניקער פּאָפּולער ווי דער „צאינה וראינה". קיין פּרטים וועגן מחברס לעבן זיינען ניט באַקאַנט. ער איז זיכער געווען אַ מאַן מיט אַ שאַרף אויג. זיינע משלים זיינען בולטע און רעאַלע בילדער פֿון לעבן. ער איז אויך געווען אַ טעמפּעראַמענטפֿולער שרייבער.

אַ זייער פּאָפּולער ווערק אין דער פֿרומער ליטעראַטור איז דער „לב טוב" (דאָס גוטע האַרץ), וואָס איז דערשינען אַ 20 יאָר נאָכן „בראַנט־שפּיגל". דער „לב טוב" איז שוין אַ סך מער אַן ענציקלאָפּעדיע פֿאַר מענער, ווי פֿאַר פֿרויען. דאָס איז אַ בוך פֿאַר דאָרפֿס־יידן און קליינע הענדלער, וואָס האָבן פֿאַרגעסן דאָס ביסל, וואָס זיי האָבן געלערנט אין חדר און מען געפֿינט דאָ אַלע דינים וועגן שבת, יום טוב און וועגן יידישקייט בכלל. דער

מחבר זשאַלעוועט ניט קיין מוסר די רייכע און ער שמייסט מיט בייטשן די אַלע, וואָס זיינען אַריינגעטון אין געלט. ער נוצט אַזאַ שאַרפן און פראָסטן אויסדרוק, ווי: „דאָס געלט פאַרגייט, דער דרעק באַשטייט". דער מחבר פון „לב טוב" איז אַ מוראדיקער רעאַקציאָנער. ער פאַלט שטאַרק אָן אויף די וועלטלעכע ביכער און זאָגט, אַז מען טאָר זיי אפילו אין דער וואָכן נישט לייענען. ס'איז זיכער, אַז דער מחבר פון „לב טוב" איז געווען שטאַרק אייפערזיכטיק אויף דעם שרייבער פון „בראַנט־שפיגל". אין זיין הקדמה וואַרפט ער אויף זיין עלטערן קאָלעגע, אַז ער איז נישט אָריגינעל און האָט גענומען זיין שטאָף ביי אַנדערע, כאָטש ער אַליין האָט אויך געהאַט לאַנגע פינגער און האָט אויך „גענומען" פון אַנדערע מוסר־ספרים. געהייסן האָט דער פאַרפאַסער פון „לב טוב" יצחק בן אליקום, פון פויזן. קיין ביאָגראַפישע ידיעות זיינען וועגן אים נישטאָ. זיין ווערק איז דערשינען צום ערשטן מאָל אין יאָר 1620. דער „לב טוב" האָט גיך אַריבערגעשטיגן דעם „בראַנט־שפיגל" אין פּאָפּולאַריטעט און דערפון איז צו זען, אַז דעמאָלט האָבן נישט געפעלט קיין מענער, וואָס האָבן נישט געקענט עפּעס אַנדערש ווי יידיש.

צווישן די מוסר־ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין אָנהויב פון 18־טן י. ה. זיינען די וויכטיקסטע: „שמחת הנפש" (די פרייד פון דער נשמה), פון אלחנן הענדל קירהאַן און דער „קב הישר" (די גערעכטיקייט מאָס) פון צבי הירש קיידענאָווער. אין ביידע ביכער פילט זיך די ירידה־שטימונג פון נאָך דער שבתאי צבי־באַוועגונג און אין „קב הישר" ווערט שוין עפּעס דער־ציילט וועגן אָנהויב פון חסידיזם.

דער „שמחת הנפש" לערנט זיטן און זיטלעכקייט פונקט ווי דער „בראַנט־שפיגל", ער זאָגט מוסר און שטראָפט אַלע, אפילו די דינים און רבנים, וואָס נעמען שוחד (כאַבאַר) און ער דערקלערט, אַז די זינדיקייט שטאַמט דערפון, וואָס מען לערנט נישט קיין ערנסטע ספרים און ער פאַרגעסט דערביי נישט צו רעקאָמענדירן זיין אייגן ספר. דער מחבר פון „שמחת הנפש", אלחנן הענעך קירכהאַן שטאַמט פון דייטשלאַנד, ער איז געווען אַ רב און אַ מגיד, ער האָט א סך אַרומגערייזט (חתונה געהאַט האָט ער אין קיידאַנאָוו טאַקע פאַר דעם מחבר פון „קב הישר", צבי הירש קיי־דענאָווערס טאָכטער). זיין בוך האָט אַן אוצר מיט משלים און פאָלקלאָר, אין צווייטן טייל זיינען דאָ אַ סך לידער און זמירות, וואָס זיינען געווען געדרוקט אינאיינעם מיט די נאָטן. דאָס בוך האָט עד היום אַ קולטור־היס־טאָרישן ווערט. (עס איז דערשינען דערפון אַ מאָדערנע אויסגאַבע אין ניו

יאָרק, אין יאָר 1926, אונטער דער רעדאַקציע פון דר. י. שאַצקי). צום ערשטן מאָל איז עס דערשינען לערך אין יאָר 1708.

דער „קב הישר" איז דערשינען איינצייטיק אין העברעאיש און אין יידיש. אויף וויפל דער „בראַנט־שפּיגל", „לב טוב" און „שמחת הנפש" זיינען געשריבן מיט אַ טאַלק און סכעמאַטיש, אויף אַזוי פיל איז דער „קב הישר" געשריבן כאַאָטיש און אָן קיין שום סדר. דער מחבר איז מיסטיש און פינצטער. ער ברענגט גאַנצע שטיקער פון זהר, שדים דרייען זיך ביי אים אַרום אויף שריט און טריט און קוקן אריין אין די שטיבער און לילית איז ממית קינדער פאַר די עבירות פון די עלטערן. דער מחבר האָט אַ סך איבערגעלעבט. זיין פאָטער האָט מען פּאַגראָמירט און זיינע צוויי שוועסטער האָט מען דערהרגעט, ער אַליין האָט אויך געליטן פון אַ סך רדיפות און מסירות און עס פילט זיך אין זיין ווערק אַ סך פאַרביטערטקייט. פאַראַן ביי אים אַ סך צאָרן קעגן די גבירים, „אַז אַן אָרימאַן — שרייבט דער „קב הישר" — גיט שלום צו אַן עושר, וויל ער אפילו נישט קוקן אין זיין פּנים אריין און ער מאַכט זיך גלייך, ווי זיינע אויגן זעען נישט און הערן נישט". (אין דעם מינסקער זאַמל־בוך „צייטשריפט" האָט פּראָפ. י. סאָסיס אַ גרינטלעכן שטודיום וועגן די סאָציאַלע מאָמענטן אין „קב הישר") דערשינען איז דאָס דאָזיקע בוך צום ערשטן מאָל אין יאָר 1705.

עס האָבן נישט געפעלט קיין מוסר ספרים, אין וועלכע די מחברים זיינען אַ סך מער אויסן געווען צו שילדערן די זינד, ווי צו שטראָפן פאַר זיי, כאָטש דער אָנשטעל איז געווען אַ פרומער. אָט אַ שטייגער איז אין יאָר 1610 דערשינען „דער צוכט־שפּיגל", פון ר' זעליקמאַן אולמאַ, וואָס איז אָפיציעל אַ מוסר ספר אין גראַמען, אָבער פאַקטיש זוכט עס מער צו רייצן, ווי צו שטראָפן. דער מחבר שטראָפט די מענער, וואָס האָבן נישט ליב די אייגענע ווייבער און ער זאָגט:

דאָ די ליבע וואַר גרויס צווישן מיין ווייב און מיר.
אויף מיין שנייד פון איין מעסער לאַג איך 1) מיט איר,
אַצינדערט, דאָ די ליבע איז נימער אַזוי שטרענג
איין בעט פון זעבצן איילן איז אונדז צו ענג.

דער מחבר לאָזט אויס כל המתו צו די אַלטע ווייבער, וואָס ווילן נאָך זינדיקן און ער זאָגט:

---

1) בין איך געלעגן.

אַלטע קי, די דאָ געבן װעדער מילך, נאָך שמאַלץ,
די לעקן אָך 1) גערן זאַלץ.

(עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין יידישן טעאַטער זינגט מען נאָך היינט אַזאַ קופּלעט, נאָר אנשטאט „אַלטע קי" זינגט מען אין טעאַטער „אַלטע ציגן לעקן אויך נאָך זאַלץ"... דאָס זינגט מען דריי הונדערט ניין און דרייסיק יאָר נאָך דעם, װאָס די דאָזיקע שורות זיינען געװען צום ערשטן מאָל געדרוקט!).

עס איז נישט איבעריק צו באַמערקן, אַז ביז אין יאָר 1709 זיינען די יידישע ספרים דערשינען אין רשי כתב. דרוקן יידיש מיט פּירקעכיקע אותיות, אַזוי װי העברעאיש, האָט מען קיין מוט נישט געהאַט. אין יאָר 1704 איז דערשינען אַ מין תחינה פון „אהרן ביז שמואל פון הערגערס־הויזן", האָט זי דער מחבר באַװוסטזיניק אַרויסגעגעבן מיט פּירקעכיקע אותיות און אין זיין הקדמה דערציילט ער, אַז ער איז געװען אַן אָרעמער יתום, האָט נישט געקענט קיין העברעאיש און ער האָט אַ סך געלערנט אין יידיש. איז, הייסט עס, צװישן די מחברים פון די מוסר ספרים שוין געװען איינער אַ — יידישיסט...

אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור זיינען פאַראַן פאַרשידענע װערק פון מעמוארן (אָדער זכרונות), װאָס שפּיגלען אָפּ פאַרשידענע עפּאָכן און גזירות. אייניקע פון די מעמוארן װערן גערופן „מגלה", אָדער „מגלת איכה" און זיי דערציילן װעגן באַשטימטע אומגליקן, װאָס זיינען געשען אין געװיסע צייטן. אַ גאָר באַדייטנדיק מעמוארן־װערק געהער דער פעדער פון דער פרוי גליקל פון האַמעלן, װאָס האָט געלעבט אין האַמבורג זייט סוף פון דער ערשטער העלפט פון זיבעצנטן ביז דעם סוף פון ערשטן פערטל פון אַכצנטן יאָרהונדערט (1724-1646). זי האָט אירע מעמואַרן אָנגעהויבן שרייבן אין יאָר 1892, װען דער ערשטער מאַן איז איר געשטאָרבן און זי האָט זיי געשריבן ביז צום סוף פון איר לעבן. די כװנה פון די מעמוארן איז געװען צו פאַרייביקן פאַר די קינדער דאָס געדעכעניש פון זייער פריי־צייטיק פאַרשטאָרבענעם פאָטער, אָבער עס האָט אויסגעװאַקסן אַ װערק פון דער נאָך שבתי צבי־באַװעגונג, װאָס האָט דעם װערט פון אַ דאָקומענט און איז אויך קינסטלעריש פון גרויסער באַדייטונג. עס װאַקסט אויס אַ

1) אויך

בילד פון יידישן לעבן אין דייטשלאַנד אין יענער צייט און בכלל אין דער גאַנצער וועלט און עס וואַגסט אויס אַ בילד וועגן דער ראַליע פון דער פרוי אין יידישן לעבן פון יענער צייט. אויך שפּראַכלעך זיינען גליקל פון האַמעלנס מעמואַרן פון גרויס וויכטיקייט.

די יידישע השכלה-ליטעראַטור אין דייטשלאַנד

די יידישע ליטעראַטור האָט געכאַפּט אַ לייכטן קלאַפּ פון „נוסח פּוילן" ביים סוף פון 17טן יאָרהונדערט און זי האָט געכאַפּט אַ גאַר שווערן קלאַפּ ביים אָנהויב פון 18טן י. ה. פון דער ניי־געבוירענער השכלה־באַוועגונג.

די השכלה־באַוועגונג איז אַ פּראָדוקט פון אכצנטן י. ה. — דאָס יאָרהונדערט פון אויפקום, קאַמף און זיג פון דער בורזשואַזיע. דער ניי־אויפגעקומענער קלאַס איז נישט געווען קיין אידעאַלער אָפּנעמער פון פיינער ליטעראַטור. ער איז געווען, ווי יעדער פּאַרווענו, געשמאַקלאָז, פּאַרמלאָז און כאָטש ער האָט כלומרשט געשטרעבט צו צניעות און פּוריטאַנישקייט, האָט ער דאָך געדורשט נאָך ניבול פּה און וווּלגאַריטעט.

אין די הויפּט־לענדער, ווו די בורזשואַזיע איז געבוירן געוואָרן, אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך, האָט די ליטעראַטור טיילווייז זיך געווערט קעגן איר. דער ענגלישער שריפטשטעלער יאָנאַטן סוויפט האָט אין זיין באַרימטסטן ווערק „גוליווערס רייזע" קריטיקירט דעם נייעם קלאַס און זיינע מיטגלידער געשילדערט ווי „עקלהאַפטע היהס". אַנדערע ענגלישע דיכטער האָבן באַזונגען די ראָמאַנטיק פון דאָרף און האָבן געוויזן די בורזשואַזיע ווי אַ דעספּאָט, וואָס צעשטערט די רואיקע ווינקלען (גאָלדסמיט), אָדער זיי האָבן גאָר באַזונגען די אויפריכטיקייט פון די אָרימע פּויערים, פון די בעטלער און שלעפּער, וואָס

שיקן דאָס געזעץ צום טייוול אַוועק\
און לעבן פריי און פריילעך אָן אַן עק.

(ראָבערט בערנס)

פראַנסואַ ווילאָן, דער באַרימטער פראַנצויזישער דיכטער־באַנדיט־באָהעם, איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון רעוואָלט קעגן בורזשואַזער פּאַרפלאַכונג און ער איז זיכער געווען דער אָנזאָגער פון די גרויסע

דיכטער פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער הער־שאַפט פון געלט־זאַק און פאַר דער פרייהייט פון דער פערזענלעכקייט.

מ׳קען אָבער נישט לייקענען, אַז צום מײַנסטן האָט די ליטעראַטור פון אַכצנטן יאָרהונדערט אַקצעפּטירט די בורזשואַזיע און געקעמפט פאַר איר. דער באַרימטער און געפעלשטער ענגלישער שריפטשטעלער דניאל דעפאָ, (מען האָט דערציילט לעגענדן וועגן זײַן מאַרטירערישקייט) דער מחבר פון „ראָבינזאָן קרוזאָ", האָט באַזונגען דעם נײַעם קלאַס, דעם אַנטדעקער פון נײַע מאַרקן און שיר־נישט נײַע וועלטן. אַן אַנדער ענ־גלישער שריפטשטעלער פון יענער עפּאָכע, ריטשאַרדסאָן, האָט באַזונגען באַלעבאַטישקייט און פוריטאַנישע אידילישקייט, די פאַלשע פעדערן מיט וועלכע דער נײַער קלאַס האָט זיך געצירט.

אָבער מ׳קען נישט לייקענען, אַז די בורזשואַזיע האָט אַרויסגערופן אַ ליטעראַטור פון קאַמף קעגן צו־פאַרגליווערטער טראַדיציע און פאַר געוויסע פערזענלעכע פרייהייטן פון די דאָזיקע, וואָס קענען זיך עס דער־לויבן. פאַקטיש האָט דער דאָזיקער קאַמף געהאַט זײַן פולסטן אויסדרוק אין די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיקער און איבערהויפּט אין גרויסן און קלוגן וואָלטער, וואָס האָט באַצייטנס געלערנט דעם נײַעם קלאַס נישט צו אָוועקגיין צו־ווײַט מיט דעם לאָזונג בילדונג פאַר אַלע, ווײַל עמי הארצים און נאַראָנים וועלן שטענדיק אויספעלן...

אין דײַטשלאַנד האָט דער אויפקום פון דער בורזשואַזיע פאַרשפּע־טיקטט. אין פּרייסן איז די בורזשואַזיע באַשטאַנען פון פראַנצויזן און יידן און דאָס איבערגעבן׳ די מאַכט דעם נײַעם קלאַס האָט געשמעקט מיט איבערגעבן די מאַכט פרעמדע פעלקער... פרידריך דער גרויסער האָט שוין געהאַט אַקצעפּטירט פון בורזשואַזן ליבעראַליזם, אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר דער בורזשואַזיע און ער האָט זיך באַזונדערס געשראָקן פאַר יידן און ער איז געווען אַן אַבסאָלוטיסטישער הערשער, וואָס באַזירט זיך אויף די פעאָדאַלן. לעסינג, דער קעמפער פאַר נײַע לעבנס־פאָרמען, האָט געמוזט ווערן אויך אַ קעמפער פאַר יידישער גלײַכבאַרעכטיקונג.

דײַטשלאַנד איז דעמאָלט געווען דאָס איינציקע לאַנד אין וועלכן עס איז אויפגעקומען אַ קאָמפּאַקטע יידישע בורזשואַזיע, וואָס האָט געמוזט דורכפירן אַן אינערלעכע רעפאָרם בכדי צו קענען גערייען. די יידישע רעליגיע האָט די בורזשואַזיע געפּענטעט מיט אַן איינענער קליידונג־פאָרם, מיט אַ מוז צו טראָגן באָרד און פאות און מיט טראָגן אייגענע נעמען.

די יידיש־דייטשע בורזשואַזיע האָט געדאַרפֿט דורכפֿירן אַ שווערן רע־פֿאָרם־קאַמף ווי אַלע אַנדערע בורזשואַזיעס. דאָס איז נישט נאָר דערפֿאַר, ווייל די יידישע טראַדיציע איז געווען מער קאָנסערוואַטיוו און איז טיפֿער אַריינגעדרונגען אין לעבן, נאָר איבערהויפּט, ווייל די יידישע בורזשואַזיע האָט געוואָלט אַרויסקריכן פֿון דער אייגענער הויט. פֿראַנצויזישע און ענגלישע בורזשויען האָבן נישט געדאַרפֿט בייטן די אייגענע נעמען און שפּראַכן, בעת די יידישע האָבן דאָס יאָ „געדאַרפֿט", אָדער געוואָלט.

שאול התרשי, וואָס איז געוואָרן דער אַפּאָסטאָל פּאול, האָט גענומען דעם יידישן גלויבן און האָט אים אויסגעטון פֿון אַלע פּראַקטישע מצוות און עבירות און האָט אים געגעבן די גויים. מען האָט נישט געדאַרפֿט מיט גאָרנישט זיך אָנשטרענגען, בכדי דערלייזט צו ווערן קריסטלעך, עס איז געווען גענוג צו גלויבן. משה בן מנחם מענדעלסאָן, וועלכן מען האָט אויך גערופֿן משה דעסער, וואָס איז דער טאַטע פֿון דער השכלה־באַוועגונג ביי יידן (השכלה קומט פֿון וואָרט שכל און איז פֿילאָלאָגיש דאָס זעלביקע, וואָס ראַציאָנאַליזם), האָט פּאַקטיש געלערנט יידן צו זיין גויים. און אויב שאול התרשי האָט די גויים דאָך געוואָלט אַביסל יידישן, האָט מענדעלסאָן פּאַקטיש דורכויס געוואָלט פֿאַרגויאישן די יידן, כאָטש ער האָט מסתמא געמיינט, אַז ער ראַטעוועט דאָס יידנטום דורכדעם, וואָס ער לערנט צו זיין אויסערלעך אַ דייטש און אינערלעך אַ ייד.

משה מענדעלסאָן — ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1729 — האָט געקעמפֿט פֿאַר אַ רעפֿאָרמירט יידיש לעבן און פֿאַר אַ רעפֿאָרמירטער יידישער אויסערלעכקייט, אָבער ער האָט מער ווי קעגן אַלץ פֿון דער אַלטער יידישקייט געקעמפֿט קעגן יידיש. מען האָט אין יענער צייט גע־לערנט מיט יידישע קינדער דעם תנך אויף יידיש, האָט ער געשאַפֿן זיין באַרימטן „ביאור", בכדי מען זאָל לערנען דעם ספר הספרים אין אַ ריינער דייטשער איבערזעצונג. ער האָט קעגן דער קאַפּאָטע און דער באָרד און פּאות נישט געקעמפֿט מיט אַזאַ צאָרן, ווי קעגן דעם „יידיש־דייטשן דיאַלעקט". ער האָט בדאי פֿאַרפּאַסט די טרויריק־באַרימטע שבועה פֿאַר יידן, וואָס האָט מוראדיק דערנידעריקט דעם גאַנצן יידישן כלל, אַבי עמיצער אַנדערש זאָל חלילה נישט שאַפֿן אין אַנדער שבועה, וואָס וואָלט אפֿשר נישט געווען באַליידיקנדיק, אָבער דערפֿאַר וואָלט זי חלילה געווען אין „יידיש־דייטשן דיאַלעקט". פֿאַר אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס יידישע לשון האָט... דעמאָראַליזירט די אָרימע יידישע מאַסן. ער האָט טאַקע

געשריבן בפירוש און קלאָר און פינצטער: „איך האָב מורא, אַז דער דאָזיקער זשאַרגאָן האָט נישט ווייניק מיטגעווירקט צו דער אומזיטלעכ־קייט (אוממאָראַלישקייט) פון געמיינעם מאַן און איך לייג גרויסע האָ־פנונגען, אַז דער געברויך פון ריינעם דייטשן דיאַלעקט זאָל האָבן אַ גוטע ווירקונג". די דייטשע שפּראַך — דער ריינער דייטשער דיאַלעקט — האָט געדאַרפט ברענגען די מאָראַלישע דערלייזונג פון דעם יידישן סוחר באַנקיר און פאַבריקאַנט...

דוד פרידלענדער — 1750-1834 — משה מענדעלסאָנס עלצטער און גרעסטער תלמיד, איז געגאַנגען נאָך ווייטער פון זיין רבין און ער איז געווען פאַר אַ צוואַנגס־אסימילאַציע אויך אין געבעט־הויז. יידן זיינען — האָט ער געזאָגט — פון מאָזאַאישן גלויבן, אָבער אין דייטש־לאַנד זיינען זיי דייטשן און זיי טאָרן נישט בעטן גאָט אויף העברעאיש, נאָר זיי דאַרפן דאָס טון אויף דייטש.

אוודאי האָט יידיש געבאַפט דעם גרעסטן קלאַפּ פון דער השכלה, אָבער דאָס גאַנצע יידישע לעבן איז אויך נישט געשווינט געוואָרן פון דער דאָזיקער באַוועגונג. מענדעלסאָנס אַלע טעכטער און זיין זון האָבן זיך געשמדט. און זיי האָבן דאָס נישט געטון ביחידות, זיי זיינען געוואָרן פּרעדיקער און פּאָרויסגייער פון אַ גאַנצער אויפלייזונג - באַוועגונג. מענדלסאָן האָט דאָס נישט געוואָלט. אָבער — ער האָט אַראָפּגעריסן די קנעפּלעך און די הויזן זיינען אַליין אַראָפּגעפאַלן.

אין מזרח־אייראָפּע איז די השכלה אויפגעקומען דורך אַ שווערן און בלוטיקן קאַמף. די משכילים זיינען דאָרט, ווילנדיק, אָדער נישט־ווילנדיק, געוואָרן קעמפער און אָפט אויך מאַרטירער. די י. ב. לעווינזאָנס, די י. ל. גאָרדאָנס, די ליליענבלומס, די מאַפּוס, די סמאָלענסקיס, האָבן געהאַט צו אויסשטיין מוראדיקע רדיפות. אין דייטשלאַנד איז דער קאַמף געווען אַ לייכטער און אַן אַקאַדעמישער און ער האָט געקאָסט ווייניק בלוט און אפילו ווייניק טרערן. און דערפאַר דאַרף מען בשום אופן נישט פאַרגלייכן דעם משכיל פון דייטשלאַנד מיט דעם משכיל פון מזרח־אייראָפּע. דער ערשטער איז געווען אַ פּראַקטישער מענטש, וואָס האָט זיך דורכגעזעצט אַ לייכט — אָדער טאַקע צו־לייכט־ און פאַלש לעבן, בעת דער צווייטער איז געווען אָדער אַ נאַאיווער שנויץ־עסער, אָדער אַן אויפריכטיקער קעמפער פאַר דעם אמת און פאַר דער פרייהייט פון געוויסן און געדאַנק.

עס איז נישטאָ גענוג מאַטעריאַל פון דער געשיכטע וועגן דעם אונטערגאַנג פון יידיש אין דייטשלאַנד. מענדעלסאָנס נאָענטע האָבן צווישן זיך נאָך גערעדט מער יידיש ווי דייטש. אייניקע פון דעם דעסערס תלמידים האָבן נאָך אַליין געשריבן יידיש. דער דייטשער פילאָלאָג גאָטפריד זעליג האָט אַרויסגעגעבן א „לעהרבוך צו גרינדליכען ערלעהרונג דער יידיש דייטשען שפּראַכע" און ער האָט געשריבן, אַז דייטשן דאַרפן קענען יידיש. דאָס דאַזיקע מיינט צו זאָגן, אַז יידיש איז נאָך דעמאָלט געווען א וויכטיקער פאַקטאָר. דאָס מאָדנסטע איז דאָ, וואָס אַ דייטש האָט געהייסן לערנען יידיש, די יידישע מנהיגים האָבן געהייסן די יידן פאַרגעסן יידיש. וואַרשיינלעך האָבן די דייטשע יידן אויך זיך אַביסל געוועדט קעגן דעם, אָבער נישט צו־שטאַרק. די רעגירונג האָט היפּש צוגעהאָלפן צו פאַרטרייבן יידיש.

און דאָך איז געבליבן אביסל יידישע ליטעראַטור, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין דייטשלאַנד נאָך מענדעלסאָנען. עס איז געווען אַזאַ ליטעראַ־טור, וואָס האָט מער געהאָלפן זיך אויפצולייזן ווי צו בויען, אָבער דאָך אַ ליטעראַטור. עס איז געווען אזא מין ליטעראַטור, וואָס האָט געוואָלט שיטן די לעצטע לאָפּעטעס ערד אויף דעם קבר פון דער דאַזיקער שפּראַך אין וועלכער זי איז געשריבן געוואָרן. און דאָך געהער אויך אָט די ליטע־ראַטור צו מאַמע יידיש.

די מערסטע ווערק, וואָס דייטשע משכילים האָבן געשריבן אין יידיש, האָבן אַ דראַמאַטישע פאָרעם. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס מען האָט נאָך דעמאָלט געשריבן פאַר דעם שפּילמאַן מער ווי פאַר דעם די־רעקטן לייענער און מסתמא אויך — ווייל חוזק קומט אַרויס שאַרפער אין דער טעאַטראַלער פאָרעם.

מען רעדט וועגן אַ קאָמעדיע פון יצחק אייכל א. נ. „ר' העניך, אָדער וואָס טוט מען דערמיט?" יצחק אייכל —1758-1804— איז געווען מענדלסאָנס ביאָגראַפיע־שרייבער און א זייער אקטיווער השכלה־קעמפּער. צו העברעאיש האָט ער געהאַט אַ פּאָזיטיווערע באַציאונג ווי דוד פרידלענ־דער. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון די העברעאישע זאַמל־ביכער „המאסף" און פון דער „חברת דורשי שפת עבר" (געזעלשאַפט צו פאָרשן די העברעאישע שפּראַך). יצחק אייכלס קאָמעדיע איז פאַרפאַלן געוואָרן. דער העברעאישער שריפטשטעלער און יידישער ליטעראַטור־פאָר־שער אליעזר שולמאַן — 1837-1904 — דערציילט אין זיין ווערק „שפת

יהודית אשכנזית וספרותה", אז אין „וואָס טוט מען דערמיט?" איז פאַראַן פאַראַכטונג צו דער שפּראַך, אין וועלכער די קאָמעדיע איז געשריבן געוואָרן. דעם אינהאַלט פון אָט דער קאָמעדיע גיט א. ש. איבער לערך אַזוי: ר' העניך איז א פאַנאַטישער ייִד, וואָס איז פרום ביז אין דער קע־שענע. ביי געשעפטן האָט ער דעם „פּרינציפּ": „אַ שיינער משא־ומתן, ווען עס נור בטוח איז". ר' העניך האָט צוויי זין — הערצכי, אַן אויפגעקלער־טער, אַן אויפריכטיקער און שמואל אַ קלוימערשט פרומער און צבועק. פאַרשטייט זיך, אַז דער פאַלשער קען בעסער געווינען דעם פאָטערס האַרץ. דער פאַלשער ברודער מאַכט א בילבול אויף הערצכין, אַז די קעכין פון הויז איז פון אים שוואַנגער געוואָרן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז שוואַנ־גער האָט זי געמאַכט דער „צדיק" שמואל. ער האָט דאָס געטון אין אַ דאָנערשטיק ביינאַכט, ווען ער איז „אויף"־געווען און ער האָט געלערנט. דער פאָטער, דערוויסנדיק זיך דעם אמת, פילט זיך געבראָכן און ער שרייט אויס פאַרצווייפלט: „וואָס טוט מען דערמיט?" עס קען זיין, אַז יצחק אייכל האָט אַריינגעבראַכט דעם ערשטן ממזר אין יידישן טעאַטער אַריין און מ'קען נישט לייקענען, אַז עס איז אין דעם אַ טענדענץ פאַר אַן אָנזאָג אויף „קוני לעמל" און אַנדערע השכלה־פּיעסן פון אברהם גאָלדפאַדן און זיינע נאָכקרימער.

דאָס ווערק, וואָס האָט אין זיך די מערסטע עלעמענטן פון דעם השכלהשן גאָלדפאַדן־טעאַטער איז די דריי־אַקטיקע פּיעסע „לייכטזין אונד פרעמעליי" פון אהרון בן וואָלף האַללע, אָדער וואָלפסאָן — 1754־1835 וואָס איז געווען מענדלסאָנס אַ נאָכפאָלגער, אַ השכלה־קעמפער, אַ פילאָ־לאָג און בעלעטריסט. וועגן „לייכטזין אונד פרעמעליי" איז פאַראַן אַ גאַנצע ליטעראַטור. דער ערשטער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער ב. גאָרין מיינט, אַז האַללע־וואָלפסאָן האָט אָנגעשריבן זיין קאָמעדיע אין דעם פון אים פאַרהאַסטן „יידיש־דייטשן" דיאַלעקט, ווייל ער האָט געוואָלט אויסנוצן אַלע מיטלען אין קאַמף פאַר דער השכלה. זלמן רייזען מיינט, אַז האַללע־וואָלפסאָן האָט אָנגעשריבן זיין. קאָמעדיע אין יידיש, ווייל ער האָט אַנדערש נישט געקענט. ער האָט זיך אין זיין הקדמה שטאַרק פאַר־ענטפערט למאי ער האָט זיין ווערק אָנגעשריבן און ער האָט אויסגעדריקט דעם גלויבן, אַז מען וועט די זאַך שפּילן אום פּורים אנשטאָט די „זינ־לאָזע האַרלעקינאַדן". עס ווייזט אויס, אַז מען האָט די דאָזיקע קאָמעדיע נישט אַריינגענומען אין רעפּערטואַר פון די פּורים־שפּילער, ווייל ער

שטעלט פאַר אייניקע פרומע און לומדים אזוי צבועקיש, אַז עס וואָלט געקענט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אָנגריף אויף דעם גאַנצן יידישן שטייגער און גלויבן.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין „לייכטזין אונד פרעמעליי" איז די טענדענץ נישט נאָר קעגן פאַנאַטיזם, נאָר אויך קעגן געמישטע חתונות. דער פאַנאַטיקער ר' חנוך וויל זיין טאָכטער יעטטכען חתונה מאַכן פאַר דעם הויז־רבין און פלאָכט ר' יוספכה (וואָס טשעפּעט זיך צו דער דינסט) און די טאָכטער וואַרפט זיך אין די אָרעמס פון דעם ערשטן דייטשן גראַף. די טאָכטער ווערט פאַרפירט אין א פאַרדעכטיק הייזל און איר פעטער מאַרקוס — דער טאַטע פון אַלע משכילישע „מאַרקוסעס" אין דעם יידישן טעאַטער — ראַטעוועט זי און ער טרעפט אין פאַרדעכטיקן הייזל אויך דעם פרומען יוספכה. געשאַסן צוויי האָזן אויף איין מאָל.

וועגן דעם אופן ווי אזוי האַללע־וואָלפסאָן האָט געשריבן כאַראַק־טעריזירט ב. גאָרין אין אָט דעם זאַץ: „די טענדענץ שפּאַרט דאָ אַרויס פון... יעדן וואָרט. איר זעט ווי דער שרייבער האָט צו טון מיט א פאַר־ביסענעם שונא און קלייבט נישט קיין מיטלען ווי אַזוי צו באַקעמפן אים". די עלטערע מענטשן פון דער פּיעסע ריידן יידיש, דער יונגער דור רעדט דייטש. דעמאָלט איז דאָס געווען נאַטירלעך, ווייל אזוי האָט מען גערעדט. אָבער שפּעטער מיט אַ סך יאָרן — באַמערקט גאָרין — האָט מען אין יידישן טעאַטער פון רוסלאַנד נאָכגעטון, כאָטש דאָרט האָט דער יונגער דור נישט גערעדט קיין דייטש...

דער אינהאַלט פון „לייכטזין אונד פרעמעליי" האָט זיך אַריבער־געגאָסן אין ווייטערדיקן יידיש און „פּראָפעסאָר" הורוויץ האָט די דאָזיקע פּיעסע דירעקט „צו־רעכט" געמאַכט און געמאַכט פון איר זיין פּיעסע „דער שבתי צביניק". כאָטש די כוונה פון האַללע־וואָלפסאָן איז געווען צו איבעררייסן דעם פאָדעם פון יידיש, האָט ער אים דאָך געצויגן ווייטער.

מען האָט נאָך לאַנג געשריבן יידיש אין דייטשלאַנד, עסטרייך און אונגאַרן. אפילו דער באַרימטער דייטשער סאַטיריקער, דער אונגאַרישער ייד מאָריץ גאָטליב סאַפיר, האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש און ער האָט א גרעסערע סאַטירע אין אונגאַרישן יידיש קעגן די בודאַפּעשטער קהלה־פירער א. נ. „דער פאַלשער קאַשטאַן", אָבער דאָס אַלץ, וואָס איז גע־שריבן געוואָרן אין די דערמאָנטע לענדער נאָך האַללע־וואָלפסאָן, האָט נאָר אַ ווערט פאַר ספּעציאַליסטן. דער המשך איז איבערגעריסן געוואָרן.

אויב נאָך דערמאָנען א דייטשן יידן, וואָס האָט געשריבן יידיש, איז עס ד"ר משה מארקוזע, וועלכן נח פּרילוצקי האָט אנטדעקט און אים אַ נאָמען געגעבן „דער יידישיסט פון אכצנטן יאָרהונדערט". לויט דעם סטיל פון מארקוזעס ווערק „ספר הרפואות" איז צו דערקענען, אז ער שטאמט פון דייטשלאַנד, אָבער קיין ביאָגראַפישע דאַטן וועגן אים זיינען נישט פאַראַן. מען איז זיך משער, אַז ער איז אַריבערגעקומען פון דייטשלאַנד קיין פוילן אין יאָר 1774 און ער האָט זיך פריער באַזעצט נעבן שקלאָוו און דער־נאָך איז ער אַריבערגעפאָרן קיין קאָוועל און טריסק. זיין דערמאָנט ווערק איז דערשינען אין וואָלינער שטעטל פּאָריצק (פּריצק), וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון קאָוועל.

ד"ר מארקוזע איז אין כאראקטער און אין די איבערצייגונגען געווען אַ משכיל פון מזרח־אייראָפּעאישן סטיל. ער איז אויסן געווען נישט נאָר צו באפרייען די מאסן פון פאנאטיזם, נאָר ער האָט אויך געהאט — זאָגט זלמן רייזען — אַ פּראָגראַם פון פּראָדוקטיווער אַרבעט און ריכטיק־אָוועק־געשטעלטער סאָציאַלער הילף. ער האָט אין זיין הקדמה אָנגעגעבן אַ תירוץ פאַרוואָס ער שרייבט יידיש און נישט לשון־קודש און ער זאָגט, אז ער האָט געוואָלט מיט זיין ספר „מציל זיין כמה אלפים מענטשן". דאָס איז דער זעלביקער תירוץ, וואָס מענדעלע מוכר ספרים האָט אָנגעגעבן, ווען ער האָט געזאָגט, אז ער שרייבט, ווייל ער וויל ברענגען נוצן. „ספר הרפואות" איז אַ פּאָפּולער־מעדיניצישער האַנטבוך, וואָס קעמפט קעגן עין־הרע־אָפּשפּרעכערנס און פאַר גוטע לופט. די שטעלן פאַר היגיענע זיינען באמת מענדעלע מוכר ספרימדיק. ער שרייבט קעגן דעם „פיל מיסט, וואָס ביי פיל הייזער ליגט" און ער רעקאָמענדירט צו מאַכן אין די הייף גערטנער און אפילו אויף דעם פּלאַץ פון די קראָמען וואָס פּוס־טעווען לערנט ער צו מאַכן גערטנער.

יידיש איז אַוועק פון דייטשלאַנד און ווען איין דייטשער ייד איז אין סוף אכצנטן יאָרהונדערט געווען אַ יידישיסט — פאַר די באַגריפן פון יענער צייט — איז ער דאָס געוואָרן, ווייל ער האָט געלעבט צווישן די געדיכטע יידישע מאַסן אין וואָלין. די יידישע השכלה־ליטעראַטור אין דייטשלאַנד איז פּאַקטיש דער סוף פון יידיש אין דייטשלאַנד און אין גאַנץ צענטראַל און מערב־אייראָפּע.

די זון פון יידיש איז פאַרגאַנגען אין דייטשלאַנד און איז אויפגע־גאַנגען פון די סלאַווישע לענדער.

יידיש אין מיטל און מזרח-אייראָפּע

עס קען זיין, אַז מיט דעם אונטערגאַנג פון יידיש אין דייטשלאַנד וואָלט איך געדאַרפט פאַרענדיקן מיין קורצע געשיכטע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור. אייגנטלעך זיינען די מערסטע שאַפונגען אין יידיש פון סוף זיבעצעטן, דעם גאַנצן אַכצעטן און אָנהויב ניינצעטן י. ה. שוין ניט געשריבן אין דעם אַרכאַישן יידיש און זיי זיינען צוגענגלעך פאַר דעם היינטיקן יידיש־לייענער. אָבער אַזוי ווי קיין פולע אויסגאַבעס אפילו נאָר פון די וויכטיקסטע ווערק פון אָט דער תקופה איז נישטאָ (נישטאָ קיין מאָדערנע אויסגאַבע פון די ווערק פון אַזאַ אייגנאַרטיקן יידישן דיכטער ווי וועלוול זבאַרזשער — עהרענקראַנץ 1823-1886 די דאָזיקע ווערק איז אויך נישטאָ; — פון זלמן רייזענס „פון מענדעלסאָן — אָדער פון מיכל גאָרדאָן — 1823-1890 —); קיין אַנטאָלאָגיע פון ביז מענדעלע", וואָס ס'רופט זיך און איז אַ האַנטבוך, איז דערשינען נאָר איין באַנד — און אַזוי ווי קיין צוגענגלעכע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור איז עד היום ניט פאַראַן, פינעסעס געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור איז זייער ווייניק צום סומך זיין זיך אויף איר אין דער פאַר־מענדעלע עפּאָכע, צינבערגס „די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן", איז שוין גאָר קאָרעקט און פאַראַנטוואָרטלעך און כמעט אויסשעפּנדיק אין דער אינפאָרמאַציע און איז געשריבן פשוט און צוגענגלעך פאַר אַלע, אָבער צוליב דעם, וואָס זי נעמט אַרום אַלץ, וואָס יידן האָבן געשאַפן אַלס יידן אויך אין אַנדערע שפּראַכן, איז עס גרויס און שווערלעך בוך צום שטודירן און האָט ניט געקענט ווערן קיין האַנטבוך פאַר דעם יידישן פאָלקס־לייענער. בלייבט ניט איבער עפּעס אַנדערש ווי צו גיבן קורצע איבערבליקן אויך וועגן דעם, וואָס איז געשען נאָכדעם, וואָס יידיש האָט זיך אַרויסגעצויגן — אָדער איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן — פון זיין געבוירנלאַנד. דייטשלאַנד איז געוואָרן יידיש־ריין מיט אַ הונדערט פערציק יאָר פריער איידער עס איז געוואָרן יידן־ריין...

דער סיסטעם פון שפּיללייט האָט אָנגעהאַלטן אין מערען (דאָס היינטיקע טשעכאָסלאָוואַקיע), אונגאַרן, גאַליציע, רומעניע און וואַרשיינלעך אויך פּוילן, ליטע, אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. די אַלטע מוסר ספרים זיינען געוואָרן אַלץ מער און מער פּאָפּולער און עס זיינען

צוגעקומען נייע. אויף וויפל די משכילים פון דייטשלאַנד — און אויך גאַליציע — האָבן געיאָגט יידיש אויף אזויפיל האָבן רבנים ניט אויפ־געהערט צו רעקאָמענדירן, אז מען זאָל זיך האַלטן ביי יידיש. אין די חדרים, ישיבות, בתי־מדרשים און חסידישע „שטיבלעך" האָט מען געלערנט אויף יידיש. צי מ'האָט געלערנט חומש מיט רשי, צי מ'האָט געלערנט אַ קאַפּיטל פּסוק, צי מ'האָט געלערנט אַ בלאַט גמרא, אָדער אַ הקירה ספר, ווי דעם רמבמ'ס „מורה נבוכים", אָדער ר' יהודה הלוים „כוזרי", אָדער גאָר אַ מוסר ספר, האָט מען געלערנט אויף יידיש. כאָטש די שפּראַך פון די אַלע ספרים איז געווען לשון קודש (העברעיש און אראַ־מיש). יידיש איז בעת דעם לערנען צונויפגעגאָסן געוואָרן מיט די צוויי אַלטע יידישע שפּראַכן און איז געוואָרן איינס מיט זיי. די שפּראַך פון די ספרים און די שפּראַך פון פאַרטייטשן זיינען געוואָרן טאַקע — ווי ביאַליק האָט עס געזאָגט — אַ זיווג מן השמים.

אין דער פרומער יידישער וועלט האָט יידיש געהאַט די פולסטע אָנערקענונג אין דער צייט, ווען משכילים אין דייטשלאַנד און אין היפּ־שער מאָס אויך אין גאַליציע און רוסלאַנד האָבן דאָס געיאָגט. די משכי־לים האָבן סוף כל סוף געמוזט זיך אויך נוצן מיט יידיש, בכדי צו נוצן ברענגען דעם פאָלק, אָבער זיי האָבן דאָס אַ לאַנגע צייט געטון מתוך אונס און זיי האָבן זיך פאַר יעדער יידישער שריפט פאַרענטפערט. די מנהיגים פון פרומען יידנטום האָבן יידיש אָנערקענט ווי די אייגענע שפּראַך און געפאָדערט צו ריידן יידיש און געשטראָפט און געדראָעט מיט חרם די דאָזיקע, וואָס האָבן גערעדט פרעמדע שפּראַכן.

חסידיש און פאָלקלאָר

אַ גרויסע אויפלעבונג האָט אריינגעבראַכט אין יידיש די גרויסע פאָלקס־באַוועגונג דער חסידיזם. דאָס איז געווען אַן עכטע און שטור־מישע רעוואָלוציע פון די פאָלקס־מאַסן קעגן דער הערשאַפט פון די לומ־דים און גבירים. די דאָזיקע פאָלקס־באַוועגונג האָט געעפנט אַלע קוואַלן פון יידישן פאָלקס־לעבן און האָט געמאַכט ריידעוודיק און זינגעוודיק די ביז־דעמאָלט שטומע יידישע מאַסן. און במילא האָט דער חסידיזם גע־עפנט אַלע קוואַלן פון יידיש און ער האָט דער דאָזיקער שפּראַך געזונגען און דערציילט מעשהם און אַגיטירט און אפילו געדאַוונט. דער גרינדער

פון חסידיזם, ר׳ ישראל בעל שם טוב, איז געבוירן געוואָרן לערך אין 1667 און נתגלה געוואָרן איז ער אין אָנהויב פון אכצנטן יאָרהונדערט. ער איז געווען ביים אָנהויב א בעל שם א בעל מופת און א רופא, ווי די אַנדערע „בעל שם׳ס" פון זיין צייט, אָבער מיט דער צייט איז ער געוואָרן א לערער, א גרינדער פון דער גרעסטער פאָלקס־באַוועגונג ביי יידן און מען האָט אים גענומען רופן „בעל שם טוב" און באַווירקט האָט ער אויף די מאסן דורכדעם, וואָס ער האָט דערציילט מעשהס און משלים און ער האָט דורך זיי גערופן צו זען די שיינקייט און די ליכטיקייט פון גאָטס וועלט. ער האָט דערציילט דעם וואונדערלעכן משל וועגן א טויבן, וואָס האָט געזען ווי א מוזיקער שפילט און ער רופט אַרויס באַגייסטערונג און מענטשן דריקן אויס התפעלות אין טאַנצן און ער דער טויבער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס איז דאָ די גדולה. דער בעל שם האָט די אָנהענגער פון דער אַלטער, לומדישער יידישקייט אָנגערופן טויבע און „קעגנער" (מתנגדים). און זיינע אָנהענגער האָט ער גערופן חסידים — גנעדיקע, גלויביקע און אמהדיקע יידן־מענטש. ער האָט ניט געוואָלט, אַז מען זאָל זיינע מעשהס פאַרשרייבן און מען האָט זיי דאָך פאַרשריבן און זיי זיינען איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל. דער „שבחי בעל שם טוב" איז מיט דער צייט שיר־נישט געוואָרן א שטיק נייער „תנך" פאַר די חסידישע מאַסן.

יידיש איז געוואָרן די שפּראַך פון א ריזיקער באַוועגונג. די פאָלקס־טימלעכע שאַפונגען אין יידיש איז שוין פון פריער געווען פון באַדייטונג. דאָס פאָלק האָט דערציילט מעשהס און געזונגען לידער אין יידיש. לידער וועגן נויט און חלומות, וואָך און שבת, גלויבן און ליבע, אַרבעט און האַנדל. און די דאָזיקע שאַפונגען, וואָס זיינען הונדערטער יאָרן ניט פאַרשריבן געוואָרן, זיינען אַריבער פון לאַנד צו לאַנד און פון יאָרהונדערט צו יאָרהונדערט און זיינען ניט געבליבן פאַרגליווערט, זיי האָבן זיך געענדערט שפּראַכלעך און דיאַלעקטיש און צו־מאָל אויך אינהאַלטלעך. די חסידישע באַוועגונג האָט נאָך מער געעפנט די קוואַלן פון דער פאָלקס־שאַפונג.

שפּעטער מיט יאָרן האָט מען גענומען שטודירן, פאָרשן און פאַרשרייבן דעם יידישן פאָלקלאָר. פּרץ איז געווען פון די הויפּט־שטויסגיבער צו זאַמלען דעם פאָלקלאָר, אָבער אויך די משכילים פון פּעטערבורג האָבן דערפילט די וויכטיקייט פון אָט דער אַרבעט. ש. אַנ—סקי דאַרף פאַר־

רעכנט ווערן פאַר איינעם פון אונדזערע פּיאָנערן אויף אָט דעם געביט. געווען מאָמענטן, ווען מען איז געגאַנגען ממש אויף מסירת נפש ביים פאַרצייכענען דעם יידישן פאָלקלאָר. א. אַלמי דערציילט אין זיין בוך „מאָמענטן פון אַ לעבן" ווי אזוי ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן פון אונ־טערוועלטניקעס, צו וועלכע נח פּרילוצקי האָט אים געשיקט זאַמלען פאָלקלאָר און ער איז שיר־ניט אומגעקומען. שמואל לעהמאַן (1886־1942) האָט אַ גאַנץ לעבן געווידמעט דעם זאַמלונג פון יידישן פאָלקלאָר און דער ייווא האָט אויף דעם דאָזיקן געביט קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן.

עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז אין דער גאַנצער פאַר־מענדעלע עפּאָכע (אַן עפּאָכע, וואָס האָט מינדסטנס גע־דויערט אַריבער פינף הונדערט יאָר) שטייגט דער פאָלקלאָר אין יידיש, ווייט איבער אין זיין ווערט אַלע שאַפונגען פון די שרייבער. דורות און דורות, האָבן זיך יידן פון אַלע שיכטן און אַלע עלטערס אויסגעלעבט אין די פאָלקס־לידער און פאָלקס־מעשהס מיט זייער ליידן, פריידן, חלומות און האָפענונגען. דורכדעם, וואָס מען האָט דעם פאָלקלאָר געזאַמלט, האָט מען אים געמאַכט צוגענגלעך פאַר טויזנטער און טויזנטער פערזאָנען, אָבער דער פאַקט, וואָס מען האָט אים ערשט אין די לעצטע זיבעציק־אַכציק יאָר גענומען צונויפקלייבן, זאָגט עדות, אַז ער האָט געלעבט אין די מיילער און הערצער פון הונדערטער טויזנטער. פערזענלעך געהער איך צו די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך אין אונדזער פאָלקלאָר אויסגעלעבט שוין באַוווסטזיניק, אָבער איך האָב געקענט דעם דור, וואָס האָט אים געהאַט בירושה זייט דור־דורות. ווען פּרץ הירשביין רעדט וועגן אָדעם, דער־מאָנט ער רק דאָס פאָלקס־לידל „אוי, אבראם, איך קען אָן דיר נישט זיין". איך האָב אין אָדעם געהערט אויך אַנדערע לידער. איך האָב געהערט זאַפּטיקע מוידן זינגען מיט האַרץ, נשמה און טרערן:

נעם דיר אַראָפּ דאָס בילד פון מיין פּנים
און הענג עס דיר אויף דער וואַנט
און אַז דו וועסט אַמאָל אין מיר זיך דערמאָנען,
זאָלסטו נעמען מיין בילד אין דיין האַנט.
אזוי ווי דער שענקער צאַפּט אָפּ דעם וויין
און דאָס אונטערשטע גיסט ער אַרויס,
אזוי צאַפּסטו, דו מערדער, דאָס בלוט פון מיין האַרצן
און גיסט עס אין דרויסן אַרויס.

און איך האָב אויך געהערט צענדליקער אַנדערע לידער פון אַזאַ ווערט און פון א גרעסערן ווערט פון א מער ראַפינירטן שניט, ווי:

דיין טאַליע, דיין מינע, דיין איידעלער פּאַסאַן —
אין הארצן ברענט א פייער, מען זעט עס ניט אָן1)
ניטאָ אַזאַ מענטש, וואָס זאָל פילן ווי עס ברענט,
דער טויט און דאָס לעבן ביי דיר אין די הענט.

דער יידישער פאָלקלאָר געהער זיכער צו די רייכסטע און די אָריגינעלסטע, כאָטש יידן האָבן געוואַנדערט איבער אַלע עקן וועלט און זיי האָבן געמוזט פון אומעטום באַאיינפלוסט ווערן. די שטאַרקע אייגנטימלעכקייט פון דער יידישער פּערזענלעכקייט האָט געמוזט פאַראייגענען אויך די פרעמדסטע עלעמענטן.

און די חסידישע באַוועגונגען האָט דעם יידישן פאָלקלאָר נאָך מער באַרייכערט. פון דער דאָזיקער באַוועגונג זיינען געבליבן אין יידישן פאָלקלאָר הונדערטער לידער, מעשהס, ווערטלעך, שפּאַסן, אפּאָריזמען, קאַטאָוועסן, פּאָלעמישע לידער און אַריינזאָגעכצן און תפילות. אויך פאָלקסטימלעכע תנועות און העויות איז פון חסידיזם געבליבן. א סך פון זיי האָבן זיך דערפירט צו חוזק דורך איבערטריבענעם שאַרזש, איבערהויפּט האָט מען זיי שפּעטער שאַרזשירט אין יידישן טעאַטער. מ'קען אָבער ניט לייקענען, אז מ'קען א סך פון אָט די העויות פאַרוואַנדלען אין גאַנץ הערלעכע טענץ און טיילווייז האָט מען דאָס שוין אָנגעהויבן טון. לויט דעם „לקוטי יקרים" האָט דער בעל שם געזאָגט, אַז ווען איינער טרינקט זיך, מאַכט ער אַלערליי באַוועגונגען אויף צו ראַטעווען זיך און קיינער, וואָס וועט צוקומען צו אַזעלכע באַוועגונגען, וועט ניט לאַכן, איז „אויך נישטאָ, וואָס צו לאַכן פון דעם, וואָס מאַכט תנועות ביים דאַווענען, וואָרום ער ראַטעוועט זיך ארויס פון שטורעמדיקע וואַסערן."

דעם בעל שמס מעשהס, משלים און דרשות זיינען לידער צו אונדז ניט דערגאַנגען אַזוי ווי ער האָט זיי אַרויסגעבראַכט. מען האָט זיי פאַרשריבן ניט זייער פּינקטלעך אין א מין לשון קודש, פון וועלכן מען קען אַרויספילן דאָס יידישע. עס זיינען געבליבן ניגונים און לידער פון דעם באַרדיטשעווער רב, וואָס איז אויך באַקאַנט אַלס דער „קדושת לוי" און

1) א שורה, וואָס פּאַסט פאַר א דיכטער ווי היינע, אָדער ווערלען. י. ב.

„דער דערבאַרעמדיקער“, וואָס האָט געלעבט אין די יאָרן 1740-1809 אַ סך פון זיינע לידער און ניגונים ווערן עד היום געזונגען אויף יידישע פאָלקס־יום־טובים און קאָנצערטן, כאָטש פאַר זייער אויטענטישקייט גאַראַנטירט קיינער נישט, אָבער זייער אָפּשטאַם קען מען נישט בשום אופן נישט פאַרלייקענען.

די באַדייטנדיקסטע קינסטלערישע פּערזענלעכקייט צווישן די חסידישע רביים איז אויסער יעדן ספק געווען ר׳ נחמן בראסלעווער. ער איז געווען אן אוראייניקל פון בעל שם טוב און ער איז געבוירן געוואָרן אין 1772 אין דער שטאָט מעזשביזש, וו דער עלטער זיידע האָט די לעצטע יאָרן געלעבט. זיין מאַמע האָט געהייסן פייגע און איר מאַמע איז געווען האָדל, די טאָכטער פון בעל שם. זיין פאָטער ר׳ שמחה איז געווען אַ פּשוטער ייד, א בעל תפילה. ער האָט זייט קינדווייז אָן אַרויסגעוויזן מער נייגונגען צו דער געפיל־וועלט ווי צו לערנען. ער איז געווען אַ מיסטישע נאַטור. דאָס לערנען האָט אים מיד געמאַכט. דאָך דערציילט מען, אַז ער איז געוואָרן א גרויסער למדן. ער האָט קינדוויז געפאַסט און געהאַט התבודדות. ער פלעג ליבן האָבן צו זיצן ביים טייך און אין די בערג און חלומען. און ווען ער איז שוין געווען רבי, האָט ער געהייסן זיינע חסידים זיצן אַליין אין פעלד און דאַוונען אינייגעם מיט די גראָזן. ער האָט גערעדט אויסערגעוויינלעך פּאָעטיש וועגן דער נאַטור. פאַר אים איז דער ווינטער געווען „בחינת עיבור“ (די פאַזע פון שוואַנגערן) און דער זומער „בחינת לידה“ (די פאַזע פון געבוירן) — ווינטער איז סוד, זומער — אַנטפּלעקונג פון סוד. ר׳ נחמן האָט געשאַפן אַ נייעם דרך אין חסידיזם, וועלכן ער האָט דערנענטערט צו די סאַמע אָרימסטע און ער האָט געגרייכט ביז צו דער גרעניץ פון תהום. ער האָט געפּרעדיקט פרייד און געלערנט ניט מיאש זיין. ער האָט אין זיך געהאַט קאַפּריזן פון אַ גאון און א וונדער־מענטש און ער האָט זיך באַצויגן מיט אַזויפיל ביטול צו אַלע רביים פון זיין דור, אַז ער האָט אָנגעצונדן א שריפה אין יידישן לעבן און מען האָט אים אַריינגעלייגט אין חרם אַריין אינייגעם מיט זיינע חסידים. ער איז געווען דער איינציקער רבי פון דער פּיאָנערן עפּאָכע, וואָס איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל. געפאָרן זיינען אויך אַנדערע. דער בעל שם אַליין איז אויך געפאָרן, אָבער ער האָט אויפן וועג באַקומען „קטנות דמוחין“ און עס האָט געהייסן, אַז מען איז אים מעכב מן השמים, ווייל דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז נאָך אין גלות.

ער האָט גערעדט וועגן זיך, אז ער איז אַן עניו און ער האָט דערביי אַרויסגעוויזן אַזאַ גאוה, וואָס איז ממש ניט צום באַגרייפן. ווען מען האָט אים געגיבן דעם בעל שמם כתבים, האָט ער געפרעגט: „צו וואָס דאַרף איך דאָס?" ער איז געווען אַ דיכטער פון דער נאַטור און ער האָט אַליין ניט געוווּסט וועגן דעם. קיין שירים האָט ער קיינמאָל ניט געשריבן. ער איז אָבער געקומען צו זיין פּאָעטישן אויסדרוק דורך די מעשהס, וואָס ער האָט דערציילט. ער האָט צוריקקומענדיק פון ארץ ישראל איינמאָל געזאָגט: „איך וועל שוין נעמען דערציילן מעשהס" און אַזוי האָט ער געטון. זיין תלמיד ר' נתן שטערנהארץ, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין נעמיראָוו אין יאָר 1780, האָט זיך באַהעפטּ צו אים, און ער איז געוואָרן זיין סופר, ער האָט פאַרשריבן אַלץ, וואָס ר' נחמן האָט געזאָגט. ר' נתן האָט געפירט אַ טאָג־בוך פון זיין רבינס מאמרים און מעשהס. ר' נחמן האָט דערציילט אין יידיש, ר' נתן האָט פאַרשריבן אין העברעיש, אָבער ער האָט זייער אַכטונג געגיבן, אַז דאָס לשון קודש זאָל זיין ווי אין יידיש. צוליב פּינקטלעכקייט האָט ער אַמאָל פאַרצייכנט אַ וואָרט און אפילו אַ פראַזע אין יידיש. אַרויסגעגיבן האָט זיי ר' נתן ערשט נאָך דעם רבינס „איבערגיין פון איין דירה אין דער צווייטער" (אַזוי האָט ר' נחמן כאַראַקטיריזירט דעם טויט). דרייצן מעשהס האָט ר' נתן אַרויסגעגיבן. ער האָט דערציילט, אַז פון רבינס מויל זיינען אַרויס נאָך אַ סך מעשהס, אָבער ניט קיין אָריגינעלע. פונדעסטוועגן זיינען צווישן די דרייצן אויך פאַראַן אַ פּאָר, וואָס אין אינהאַלט זיינען זיי ניט אָריגינעל, אָבער אין תוך איז פאַראַן אויף זיי דער חותם פון אייגנאַרטיקן רבין־דיכטער. אייניקע מעשהס האָט ער ניט באַוויזן צו דערציילן אויף איין מאָל און ער האָט אויפן וועג באַקומען „קטנות דמוחין" און עס האָט געהייסן, אַז מען איז אים מעכב מן השמים, ווייל דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז נאָך אין גלות. ער האָט עס זיי דערציילט אין משך פון עטלעכע טעג. די מעשה פון די זיבן בעטלער, די סאַמע לענגסטע, האָט ער דערציילט אין משך פון אַ פּאָר וואָכן. יעדער מעשה האָט ער דערציילט צוליב עפּעס אַ געלעגנהייט. ווען מען האָט גערעדט וועגן נאַפּאָלעאָנען, האָט ער דערציילט די מעשה וועגן דעם זון פון מלך און דעם זון פון דער דינסט, וואָס זיינען פאַרביטן געוואָרן. די מעשה וועגן די זיבן בלעטער האָט ער דערציילט, ווען מען האָט גערעדט וועגן עצבות (טרויער) און ער האָט געזאָגט: „איך וועל אייך דערציילן ווי

מען איז אַמאָל פריילעך געוואָרן". ש. ניגער ווייזט אָן, אַז ר' נחמן האָט סימבאָלישע מעשהס, רעאַליסטישע דערציילונגען און מעשהס, וואָס זיינען געמישט — סימבאָליש און רעאַליסטיש. אָבער אויך די רעאַליסטישע מעשהס זיינען סימבאָליש. עס איז אויבנויפיק אַ מעשה וועגן צוויי חברים, וואָס איינער איז געווען אומרואיק און פול מיט חכמה און דער צווייטער רואיק און תמעוואטע און דער ערשטער איז אויסגעוועזן אַ וועלט און דער צווייטער איז געבליבן אויף דעם פּלאַץ און דער צווייטער איז פּאָרט געווען גליקלעכער פון ערשטן. ווען דער מלך האָט געשיקט רופן ביידע, האָט דער תם זיך צוגעגרייט מיט דרך ארץ און ער איז געגאַנגען און דער חכם האָט גענומען חקירהן, ביז וואַנען ער איז געקומען צום איינפאַל, אַז עס איז אינגאַנצן קיין מלך ניט. (דאָס איז געווים אַן אילוזיע קעגן די אַפּיקורסים, וואָס צווייפלען, צי עס איז דאָ אַ גאָט!) דער חכם בלייבט אָן אַ שטוב און הויל און ער ליידט אַ מפּלה נאָך אַ מפּלה און דער תם איז גליקלעך ניט נאָר פון דער ווירקלעכקייט, נאָר אויך פון אילוזיעס. ער עסט פּראָסט ברויט און ער פילט דעם טעם פון אַלערליי מאכלים. אָבער דער סימבאָלישער אויספיר פון דערציילער איז גאַנץ קלאָר: יידישקייט און מענטשלעך־גליק שטעקן ניט אין חכמהס, נאָר אין תמימות און אין פּשטות.

די מעשה פון די זיבן בעטלער איז מסתמא איינע פון די שענסטע פאַנטאַסטישע מעשהס אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. די פאָרם פון „טויזנט און איין נאַכט" איז אַן אויסערלעכע, אינערלעך איז די גאַנצע זאַך אָריגינעל. עס ווערט דערציילט ווי מענטשן האָבן געמוזט אַנטלויפן און זיי האָבן איבערגעלאָזט צוויי קינדער — אַ יינגל און אַ מיידל. די קינדער זיינען ניט אומגעקומען פון הונגער, ווייל יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן גענומען „שרייען עסן", איז געקומען אַן אַנדער בעטלער און זיי געהאָדעוועט. יעדער בעטלער האָט געהאַט אַן אַנדער פעלער: דער ערשטער אַ בלינדער, דער צווייטער אַ טויבער, דער דריטער אַ שטאַמלער, דער פערטער מיט אַ קרומען האַלדז, דער פינפטער אַ הויקער, דער זעקסטער אָן הענט און פיס...

די קינדער קומען אָן אין ישוב און גייען איבער די הייזער און בעטלער מאַכן זיי חתונה. יעדן טאָג פון די „שבעת ימי המשתה" דערמאָנען זיי אַן אַנדער בעטלער, וואָס האָט זיי געראַטעוועט און אַזוי ווי זיי דערמאָנען אים, קומט ער און זאָגט: „איך בין דאָ און איך בין געקומען צו

אייך אויף דער חתונה און איך שענק אייך דרשה געשאַנק". דאָס דרשה געשאַנק איז א ברכה און א מעשה וועגן זיין פעלער און זיין גרויסקייט. זעקס דערציילן מעשהס, דער זיבעטער האָט שוין ניט דערציילט און ר' נחמן האָט געזאָגט, אַז „מען וועט דאָס שוין ניט הערן ביז משיח וועט קומען."

ר' נחמנס מעשהס זיינען דורכגעפלאָכטן מיט מיסטישע געדאַנקען און מיט אַ גאַנצער וועלט־אָנשויינונג פון א טיפן דיכטער־דענקער און זיי האָבן אויך שטעלן, וואָס זיינען הימנען און געזאַנגען. אייניקע פון זיי זיינען אריינגענומען געוואָרן אין די ווערק פון די שפעטערדיקע מאָדערנע שריפטשטעלער, די שילדערער און זינגער פון חסידיזם: י. ל. פרץ, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי און יהודה שטיינבערג. ר' נחמן בראַסלעווער איז ניט צו רייך אין אויסערלעכע מיטלען, אָבער אינערלעך האָט ער ריטם, בילד און געזאַנג.

דער צושטייער פון חסידיזם צו דער יידישער ליטעראטור האָט זיך ניט געענדיקט מיט ר' נחמנען. חסידים און רביים האָבן ווייטער געשאַפן אין יידיש. אויך דער טריסקער רבי ר' נחמיה בונים האָט דערציילט מעשהס. א סך רביים און זייערע מקורבים האָבן געשאַפן לידער און ניגונים מיט געציילטע ווערטער און מיט אויסדרוקן פון טיפע ליידן און הויכע פרייד. דער חסידיזם איז טאַקע געווען אַ פאָלקס־באַוועגונג, אָבער ער איז ניט געבליבן פלאַך און ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט ביז אין תהום און זיך אויפגעהויבן ביז אין הימל און ער האָט דאָס געטון דורך און אינאיינעם מיט יידיש.

יידישע השכלה ליטעראַטור אין גאַליציע, רוסלאַנד און בכלל מזרח־אייראָפּע

אין מזרח־אייראָפּע האָט ביי די משכילים ניט געקענט הערשן אַזאַ באַציונג צו יידיש, ווי עס האָט געהערשט ביי די משכילים אין דייטשלאַנד. מען האָט דאָרט ניט געקענט איגנאָרירן די שפּראַך פון די הונדערטער טויזנטער יידן אין אַזאַ מאָס, ווי מען האָט דאָס געטון אין דייטשלאַנד. אָבער אָנגעשטעקט מיט „בערלינערישקייט" אין פרט פון יידיש האָבן זיך די מזרח־אייראָפּעישע משכילים דאָך. חסידים האָבן גערעדט,

דערציילט און געזונגען, האָבן זיי דאָס געטון כמעט נאָר אין יידיש. משכּילים האָבן געשריבן, האָבן זיי דאָס צום מיינסטן געטון אין העברעאיש און טיילווייז אין דייטש, אָדער שפּעטער אין רוסיש און נאָר א ביסל אין יידיש.

איינער פון די גרעסטע משכּילים אין אוקראַינע, וואָס איז געווען משה מענדעלסאָנס אַ תּלמיד, מענדל לעפין סאַטאַנאָווער, האָט זיך געקליבן צו איבערזעצן דעם גאַנצן תּנ״ך אויף יידיש און אַרויסגערופן אַ גרויסן סקאַנדאַל ביי די משכּילים. מענדל סאַטאַנאָווער איז געבוירן געוואָרן אין דער פּאָדאָלישער שטאָט סאַטאַנאָוו צווישן 1741-50 און מען האָט פון קינדווייז אָן געזען, אַז ער וואַקסט אַ גאון. טרעפנדיק אַ באַרימט מאַטעמאַטיש־פילאָזאָפיש ווערק, האָט ער זיך פאַרלייענט דערמיט און עס איז אין אים דערוואַכט געוואָרן אַ באַגער צו מאָדערנע וויסנשאַפט און ער האָט זיך צו דעם אַ נעם געטון מיט גרויס התמדה און דאָס דאָזיקע האָט געפירט דערצו, אַז ער זאָל קראַנק ווערן אויף די אויגן און מוזן צוליב דעם פאָרן קיין בערלין און דאָרט האָט ער זיך נענטער באַקאַנט מיט דעם קרייז פון משה מענדעלסאָן און גענומען לערנען דייטש. אויף דעם וועג קיין בערלין האָט ער זיך באַקאַנט מיט די מנהיגים פון דער גאַליציאַנער השכּלה נחמן קראָכמאַל און יוסף פּערל. מ. ל. איז געוואָרן א גרויסער געלערנטער און ער האָט געמוזט ציען חיונה פון אַ קליין קרעמל און דער פירשט טשאַרטאָריסקי — א קרוב פון די פּאָטאָצקיס — האָט זיך דערוווסט, אַז דער יידישער קרעמער איז אַזאַ גרויסער געלערנטער און ער האָט אים געהאָלפן מאַטעריעל, בכדי ער זאָל האָבן מעגלעכקייטן צו לערנען. ער האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי פילאָזאָפישע ווערק און ער האָט פאַרפאַסט א פּראָיעקט פאַר אַ רעפאָרם פון די פּוילישע יידן. באַרימט איז געווען לעפינס „חשבון הנפש״, אַן עטיק, וואָס איז געבויט אויף פרענקלינס שיטה. (ער האָט דאָס דאָזיקע ווערק אָנגעשריבן אין דער פּאָסעסיע פון באַרימטן יידישן מעצענאַט יהושוע צייטלין). ער האָט אויך געאַרבעט ביים רמב״מס „מורה נבוכים״ און געפּרווט פּאָפּולער מאַכן די שפּראַך פון דעם גרעסטן יידיש־פילאָזאָפישן ווערק, ווייל די שפּראַך פון אבן תיבונס איבערזעצונג (דער רמב״ם האָט דאָס דאָזיקע ווערק געשריבן אין אַראַביש), איז אין צו־האַרב. אָט א דער גרויסער געלערנטער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב משה מענדעלסאָן האָט איבערגעזעצט דעם תּנ״ך אויף דייטש, דאַרף ער אים איבערזעצן

אויף יידיש, אויף דער שפּראַך פון די יידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע. און ער האָט אָנגעהויבן מיט „משלי", וואָס האָט דאָך אַזויפיל געזונטע חכמה. האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל און עס איז געוואָרן אַ סקאַנדאַל.

דעם טומל האָט אויפגעהויבן טוביה גוטמאַן פעדער, אויך אַ באַרימ־טער השכלה קעמפער אין גאַליציע און וואָלין. ער איז געווען יינגער פון מענדל לעפין מיט 10, אָדער גאַנצע 19 יאָר, ער האָט געשטאַמט פון גאַליציע און געוואוינט האָט ער א סך יאָרן אין בערדיטשעוו. ווו ער איז געווען א מגיד, א חזן און אַ לערער און געלעבט אין נויט. ער איז געווען א בעל מדקדק (גראַמאַטיקער) און העברעיסט אויף זיין שטייגער און אַ קענגער פון יידיש. ער האָט זיכער געוווסט, אז דער באַרימטער משכילישער פירער פון גאַליציע, דער סוחר, גביר און געלערנטער יוסף פּערל האָט זיין „מגלה טמירין", וואָס איז אַ סאַטירע אויף דעם חסידיזם אין דער פאָרם פון בריוו, געשריבן אויך אין יידיש, אָבער קעגן דעם האָט ער ניט פּראָטעסטירט. ערשטנס איז יוסף פּערל געווען א ייד א גביר און א תקיף און מען האָט פאַר אים דרך ארץ געהאַט, אויך די חסידים האָבן אים ווייניקער גערודפט ווי אַנדערע משכילים, צווייטנס האָט טוביה פעדער ניט געזען אַזאַ „סכנה פאַר דער קולטור" אין דעם חוזק מאַכן פון חסידיזם אויף יידיש, ווי אין דעם איבערזעצן, רחמנא יצילנו, דעם תנך אויף יידיש. טוביה פעדער האָט אָנגעשריבן אַ פּאַמפלעט קעגן לעפינס איבערזעצונג א. נ. „קול מחצצים" (אַ טרומייטערן קול). אויף דעם שער־בלאַט פון אָט דעם פּאַמפלעט איז פאַראַן אן אויפ־שריפט א פערל: „א חרפה און א שאַנד צו דער נייער איבערזעצונג פון משלי, וואָס עס עקלט און שטינקט פון איר און ווער עס דערזעט זי, ווערט פאַרטרייסלט פון איר, אויף שטיקער דאַרף מען זי צעשניידן און פאַרברענען און איר נאָמען זאָל מער ניט דערמאָנט ווערן. די מגלה פון ר' מענדל סאַטאַנאָווער האָט ניט קיין טעם און קיין ריח און איר צוועק איז צו געפינען חן אין די אויגן פון קעפּסווייבער (!) און מיידלעך."

אינעווייניק אין פּאַמפלעט פאַלט פעדער קודם כל אַליין אָן אויף סאַטאַנאָווערן און ער פרעגט אים ווי קומט עס צו אים, אזא געלערנטער מאַן, ער זאָל נעמען דאָס שיינע לשון און דאָס פאַרקריפּלען. ער דערמאָנט אים ווי משה מענדלסאָן האָט מוטיק פאַרטריבן דעם מבוזהדיקן זשאַרגאָן" און אויף זיין אָרט אָוועקגעזעצט די שיינע דייטשע שפּראַך. ער זאָגט אים, אז ער האָט געוואָרפן שלמה המלכס פערל משלי אין דער בלאָטע. דערנאָך שטעלט דער

פּאַמפּלעטיסט פּאָר א סצענע אויף יענער וועלט, ווו עס קומען זיך צונויף גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן, צווישן זיי ר׳ משה חיים לוצאטאָ, נפתלי הערץ וויזל א. א. זיי זיינען אלע אויפגעלייגט פון די גרויסע אויפטוען פאר דער העברעאישער שפּראך פון אייניקע פון זיי און פּלוצים קומט אָן יצחק אייכל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ; מען פרעגט אים פארוואָס ער איז אזוי טרויעריק און ער ענטפערט, אז דאָס איז ווייל די אלע גדולים זיינען שוין נישטאָ אויף דער לעבעדיקער וועלט און די שיינע העברעאישע שפּראך וועט פאַלן און דער „פאַרקריפּלטער זשאַרגאָן" וועט ווידער אויפהויבן דעם קאָפּ. באמערקט וויזל, אז דאָרט איז געבליבן אַ גרויסער געלערנטער, מענדל סאַ־טאנאָווער, און ער וועט דאָס נישט דערלאָזן, לאַכט אייכל און זאָגט, אז מענדל איז געוואָרן אן אנדער סאָרט מענטש, „אַ ווילדער". וויזל ווערט בייז למאי יענער רעדט רכילות אויף אַ גרויסן מענטשן און יצחק אייכל גייט דערציילן וועגן דער מעשה מענדלסאָנען אליין. דערוויל קומען אָן יואל בריל און בן זאב און דער לעצטער האלט פונקט מענדל סאטאנאָ־ווערס איבערזעצונג פון משלי און מען נעמט לייענען אָט אַ דעם שטעל:

„אַ סך פאָלק איז שיין פאַר אַ מלך, ווינציק פאָלק איז אַ שלימזל אויף דעם פּריצל. אַ קלוגע אשה בויט אַ הויז, אַ שלימזלניצע ספּיטאַסשיט (צעשטערט) דאָס הויז."

מענדעלסאָן ווערט אויסער זיך, וויזל בעט איבער אייכלען למאי ער האָט אים באַליידיקט און ער זאָגט, אז ער האָט זיך אויף אַזוינס נישט געריכט און אז די איבערזעצונג מוז פארברענט ווערן און דאָס אש צע־שפּרייט ווערן איבער אלע עקן וועלט.

טוביה פעדער האָט זיין פּאַמפלעט באלד אריינגעגעבן זעצן, אָבער די משכילים האָבן באשלאָסן נישט צו דערלאָזן עס זאָל דערשיינען. אַ באַווּס־טער משכילישער פירער, יעקב שמואל ביק, האָט אָנגעשריבן פעדערן אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט פאַרטיידיקט יידיש. ביק שרייבט צו פעדערן למאי ער פאַרגלייכט די משלי־איבערזעצונג פון לעפינען צום קול פון בהמות און חיות און ער פרעגט אים: „ווי אזוי האָבן גערעדט אונדזערע זיידעס און טאַטעס זייט פיר הונדערט יאָר? יידיש האָבן גערעדט און געדענקט און גערדרשנט די גאונים, דער ב׳ח, דער רמ׳אָ א. אַ. אין דעם לשון האָט גערעדט דער ווילנער גאון". ביק האָט פעדערן אָנגעוויזן, אז אויך אנדערע שפּראכן, ווי פראַנצויזיש און ענגליש, זיינען אויסגעמישט פון דייטש, גאַליש, לאטיין און גריכיש און אז מענדל לעפין איז אויף דעם

וועג צו מאכן פון יידיש איינע פון די ריינסטע שפּראכן. ביק האָט באַוויזן יצחק בער לעווינזאָן, דעם „רוסישן מענדעלסאָן" ער זאָל אַרויסטרעטן קעגן פּעדערן און יענער האָט אין אן עפּיגראַם געשריבן, אַז דער פּאַמפלעטיסט איז א — שכור... „קול מהצצים" איז דערשינען ערשט אין יאָר 1853. ווען פּעדער און לעפין זיינען שוין ביידע געווען אויף דעם עולם האמת.

אין אַ גרויסער מאָס איז לעפין אַרויס דער זיגער פון יענעם קאַמף, אָבער דעם מוט האָט ער פארלוירן און ער האָט נישט איבערגעזעצט מער נאָך ווי דעם תהילים און קוהלת. לעפינס יידיש האָט געהאט אביסל צופיל סלאוויזמען, אָבער אין זיין שפּראַך איז פאַראַן אָנזאָג אויף דעם ליטע־ראַרישן יידיש פון אונדזער צייט. אָט ווי גלאַטיק עס לייענען זיך שטעלן פון זיין איבערזעצונג:

„איין דור גייט פארביי, און אַן אַנדערער קומט ווידער אויף, נאָר די ערד בלייבט אַזוי אייביק שטיין.

„גייט ווידער אויף די זון, פארגייט ווידער די זון, אַלץ ווידער אין רו אַריין, זי שיינט און שנאַפּט נאָר אַהין.

„וואָס אַמאָל איז געווען, דאָס אייגענע וועט זיך ווידער אַלע מאָל טון און עס איז גאָר אַלץ קיין נייעס נישטאָ אונטער דער זון".

מענדל לעפין האָט אויך אָנגעשריבן אַ פּאַמפלעט קעגן חסידיזם א. נ. „דער ערשטער חסיד", אָבער ער האָט נישט געהאט קיין מוט אים צו דרוקן און ער איז מיט דער צייט פארפאַלן געוואָרן. דער איינציקער וואָס האָט געהאט מוט אַרויסצוטרעטן עפנטלעך שאַרף קעגן דער „נייער סעקטע" איז געווען דער משכיל און גביר יוסף פּערל, וואָס האָט אויך געהאט מוט צו גרינדן אין גאַליציע א מאָדערנע יידישע שול אין רע־פאָרמירטן גייסט, ווו מען האָט געלערנט דייטש און העברעאיש אויף דעם השכלה־שטייגער. יוסף פּערל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1773 אין דער גאַליציאַנער שטאָט טאַרנאָפּאָל. זיינע עלטערן, גרויסע גבירים, האָבן אים געוואָלט מאכן פאר אַ רב און ער האָט בגניבה געלערנט דייטש און איז געוואָרן א משכיל. די חסידים זיינען שוין דעמאָלט געווען א גרויסע מאכט און זיי זיינען שוין געהאט געוואָרן רודפים אנשטאָט גערודפטע (ווי נחמן קראָכמאַל האָט זיך אויסגעדריקט), זיי האָבן שוין געהאט אַרויסגערופן אַ חרם אויף די חסידים פון גאַליציע. פּערל איז געווען דער איינציקער משכיל, וואָס האָט געהאט מוט צו קעמפן קעגן חסידישן פאַ־נאַטיזם און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ פּעריאָדישע שריפט קעגן זיי און

אַרויסגעגעבן אַ שריפט, וואָס האָט געהאָלפן די יידישע יונגעלייט קריגן בילדונג. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ סאַטירע א. נ. „מגלה טמירין" (אנטדעקט סודות) אין העברעאיש און יידיש. די סאַטירע איז געשריבן אין דער פאָרם פון בריוו און עס ווערט אין זיי נאָכגעמאַכט דער סטיל פון די חסידישע רביים און זייערע מקורבים. דר. י. צינבערג ווייזט אָן, אַז דער מחבר האָט זיך גענוצט מיט דער פאָרם פון דער סאַטירע "Epistolae obscurorum virorum" (בריוו וועגן טונקעלע מענער), וואָס איז דערשינען מיט דריי הונדערט יאָר פריער, אין דער צייט פון מחלוקת צווישן הומאַניסט רייכלין און דעם משומד און שונא ישראל פפעפערקאָרן. „מגלה טמירין" האָט פונקט אַזוי נאָכגעמאַכט די שלעכטע שפּראַך פון די רביים, ווי יענע סאַטירע האָט נאָכגעמאַכט די שפּראַך פון די גלחים להבדיל. אָבער אויך יוסף פּערל האָט קיין מוט נישט געהאַט צו אונטערשרייבן זיך אונטער זיין סאַטירע און ער האָט זי אַרויסגעגעבן א. נ. „עובדיה בן פּתחיה". אין העברעאיש איז דער מגלה טמירין דערשינען אין 1819, אין יידיש האָט אים דער ייוואָ אַרויסגעגעבן ערשט אין אונדזער צייט. אָט איז אַ קליינער מוסטער פון י. פּערלס יידיש:

„זיי האָבן נאָך נישט פאַרשטאַנען דעם שכל, אַז השי"ת האָט מיין קיין שום זאַך בעולמו, נאָר וואָס די צדיקים זאָלן נחת רוח האָבן. נמצא, דאַרף מען זייער פיל געלט גיבן, זאָלן זייער גוט עסן גוטע ווייַנען טרינקען און זייער טייערע מלבושים נייען, זייערע ווייבער און טעכטער און אייניקלעך — אין גרויסע פּערל און דימענטוואַרג פון וועמענס וועגן דען האָט השי"ת א ל ד ו ס ג ו ץ אויף דער וועלט באַשאַפן, אַז נישט פון די צדיקים וועגן?"

די שפּראַך פון די משכילים איז, ווי שוין געזאָגט, געווען העברעאיש. אין אָט דער שפּראַך זיינען דערשינען אין גאַליציע, רוסלאַנד און פוילן גרויסע און וויכטיקע ווערק, נישט אַזוי אויף דעם געביט פון בעלעטריסטיק, ווי אויף דעם געביט פון פילאָזאָפיע און פון פּובליציסטיק. עס זיינען דערשינען ווערק, וואָס באַרירן דעם זין פון דער עקזיסטענץ בכלל און פון דער יידישער עקזיסטענץ בפרט און טאַקע די מעגלעכקייטן פון יידישן קיום. עס זיינען דערשינען ווערק, אין וועלכע עס איז געווען אָנזאָג פון נאַציאָנאַליזם און פון קאָסמאָפּאָליטיזם און אפילו פון סאָציאַליזם. אין יידיש זיינען אַראָפּגעפאַלן ברעקלעך. די דאָזיקע, וואָס דאַרפן יידיש, זיינען פאַר די מערסטע משכילישע געלערנטע געווען מענטשן פון דער

צווייטער מדרגה. די ווייבער זיינען דאָך פון אַ נידריקער מדרגה און די דאָזיקע מענער, וואָס זיינען נישט קיין ווילקענער פון העברעאיש און אַנדערע שפּראַכן, זיינען דאָך אוודאי נידעריקער פון נידעריק. אין יידיש האָט מען אַ שרייב געטון, אָדער ווען עס האָט זיך עפּעס אַנדערש נישט געשריבן, אָדער ווען מען האָט געוואָלט דערציילן דעם פּשוטן עולם אביסל וועלט־זאַכן, וואָס מען האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף וויסן. אין דער זעלביקער צייט, ווען עס האָט זיך געטומלט מיט מענדל לעפינס משלי איבערזעצונגען און יוסף פּערלס „מגלה טמירין", איז דערשינען אין ווילנע (אין יאָר 1813) אַ קליין ביכל א. נ. „ריקצוג דער פראַנצאָזן", וואָס האָט דערציילט וועגן „דעם ארייינגאַנג פון די פראַנצויזן קיין רוסלאַנד, ניין מייל איבער מאָסקווע און דעם אומגליקלעכן אַרויסגאַנג פון דאָרט ביז קאָוונע". דאָס ביכל איז איבערגעאַרבעט געוואָרן פון פּויליש און דער נאָמען פון איבערזעצער איז נישט באַקאַנט. די שפּראַך פון יענער בראָשור איז געווען די זעלביקע, וואָס אין די ראָמאַנען פון 18־טן י. ה. די ווערטער זיינען נאָך היפּש דייטשמעריש, אָבער עס איז שוין דאָ סלאַווישער עלעמענט און אַ סך העברעאיזמען. עס איז שוין פאַראַן אַזאַ פראַזע, ווי: „נאַפּאָלעאָן, זיינע נבואות האָבן שוין אָנגעפאַנגען מקוים צו ווערן". פאַראַן דאָ שוין אזעלכע ווערטער ווי „קאַפּעליושן", „ראָגאָזים", „אָניצעס" א. אַ. וו.

אַ מער וויכטיק ווערק איז דערשינען שפּעטער מיט צוויי יאָר א. נ. „צפנת פּנה" (אַנטדעקט דאָס פאַרבאָרגענע) פון אַ יידן אַ סוחר און אַ משכיל, וואָס האָט געהייסן חיים חייקל הורוויץ. דער מחבר פון אָט דעם ווערק איז געווען אַ סך מערער פּראַקטישער סוחר, ווי משכילישער קעמפער, אָבער ער איז געווען אַ געלערנטער און ער איז אויסגעווען אַ וועלט און געזען זעענישן. מען ווייסט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1749, אָבער מען ווייסט נישט ווו ער איז געבוירן געוואָרן. ער האָט געלעבט אין אומאַן און ער איז געווען אַ רייכער וואלד־סוחר און צוליב זיינע סוחרישע רייזעס האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער בערלינער השכלה און מיט דער דייטשער ליטעראַטור. „צפנת פּנה" איז אַ באַאַרבעטונג פון יאָאכים היינריך קאַמפּעס „די אַנטדעקונג פון אַמעריקע". מענדעלסאָן האָט דאָס זעלביקע ווערק (דער מחבר איז געווען זיינען אַ בן עיר) איבערגעזעצט אויף העברעאיש. אָבער די יידישע איבערזעצונג איז אַ סך מער געלייענט געוואָרן. ח. ח. הורוויץ האָט

געשריבן פאָלקסטימלעך און אין טראַדיציאָנעלן טאָן, נישט אַפּיקורסיש. ער שרייבט אין זיין הקדמה: „ווער עס וועט דאָס בוך לייענען, וועט זען די טובות, וואָס השי"ת האָט אונדז געטון מיט דעם, וואָס מען האָט אונדז די נייע וועלט מגלה געווען. מיר געניסן פון אַמעריקע זייער פיל גוטס". גלייך ווי דער איבערזעצער־מחבר וואָלט פאָרויסגעזען, אַז אַמע־ריקע וועט פאַר אונדז ווערן אַ רעטונג. די שפּראַך פון „צפנת פנה" איז, ווי דער מחבר זאָגט, „איין יידיש, כמדבר איש אל רעהו. כדי איטלעכער זאָל דאָס פאַרשטיין". דער מחבר דערקלערט מעשה־סוחר דעם ווערט פון אַמעריקע פאַר מסחר און ער דערציילט זייער אנציענדיק. אברהם בער גאָטלאָבער, דער באַוווסטער העברעאיש־יידישער שריפטשטעלער, דער־ציילט אין זיינע זכרונות וועגן יידישע שרייבער, אַז „כמעט אַלע יידן האָבן דאָס (בוך) געלעזן. פון ווייבער האָט מען נישט וואָס צו ריידן. זיי האָבן פאַרבויגן דעם „צאינה וראינה" מיט די תחינות, אפילו די „בבא מעשה" און מען האָט געלייענט „קאָלומבוס".

מען פאַרבייט אָפט ה. ח. הורוויצעס ווערק אויף דעם ווערק „די ענטדעקונג פאָן אַמעריקע" פון מרדכי אהרון גינצבורג. אויך דער מחבר פון דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור מ. פינעס פלאָנטערט צונויףביידע ווערק. מ. א. גינצבורג איז געבוירן געוואָרן אין סאלאַנט, קאָוונער געגנט, לערך אין יאָר 1796. ער איז געווען אַ באַרימטער משכיל, אַ געלערנטער מאַן, דער מחבר פון אַ גאָר אייגנאַרטיקער אויטאָביאָגראַ־פיע, וואָס האָט אַ סך שטאָף פאַר פסיכאָאַנאַליטיקער (מען האָט אים חתונה געמאַכט צו 15 יאָר און ער איז געווען פיזיש שוואַך און זיין ווייבל איז געווען אַ סך מער אנטוויקלט פיזיש פון אים און דאָס דאָזיקע האָט ביידן פאַרשאַפט ליידן. און ער דערציילט וועגן דעם מיט זעלטענער אויפריכטיקייט). ער האָט איבערגעזעצט קאַמפּעס דערמאָנטע ווערק אויף העברעאיש, כאָטש מענדעלסאָן האָט דאָס שוין געטון פריער און ער האָט דערצו דערלייגט אַ סך געלט און בכדי צו ראַטעווען זיך, האָט ער דאָס זעלביקע ווערק אויך איבערגעזעצט אויף יידיש. אָבער ווייט נישט אין אַזאַ זאַפטיקן יידיש, ווי ה. ח. הורוויץ האָט דאָס געטון. די שפּראַך פון גינצבורגס איבערזעצונג איז דייטשמעריש, כאָטש ער שרייבט אין דער הקדמה, אַז ס'איז אַ גרינגער יידיש. גינצבורג איז געווען צווישן די פשרה־מאַכער ביי די משכילים און כאָטש פערזענלעך איז ער געווען זייער

פריידענקעריש, איז ער געווען פאר נישט קיין צו־וויט גייענדיקע רעפאָר־מען אין יידנטום.

א יידיש ווערק האָט אויך געלאָזט דער אייגנאַרטיקער גאון און תלמודיסט ר׳ מנשה איליער, דער מחבר פון די ווערק „פשר דבר״, „אלפי מנשה״ און „שקל הקודש״. ר׳ מנשה איז געבוירן געוואָרן אין סמארגאָן, ווילנער קאַנט, אין יאָר 1797. (ביי צינבערגן אין דער „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״, פאַרלאַג משה שמואל שקליארסקי 1943, שטייט על פי טועת 1767). ער האָט חתונה געהאַט קיין איליע און ער איז פאַרבליבן מיט דעם נאָמען איליער. ער איז געווען א תלמיד פון ווילנער גאון און ער איז זיך מיט אים צעגאַנגען צוליב זיין מער פּאָזיטיווער באַציאונג צו די חסידים. אויך צו דער השכלה האָט ר׳ מנשה געהאַט אַן אנדער באַציאונג ווי זיין רבי, דער ווילנער גאון, פאַר וועלכן עס האָט נישט עקזיסטירט קיין פרייהייט פון געדאַנק און פון ספיקות בנוגע קאַנאָניזירטע הייליקייטן; דער ווילנער גאון האָט געלערנט פאַר דער תורה און פאַר די מצוות, ר׳ מנשה האָט געלעבט פאַר דער וועלט און פאַר די מענטשן און ער האָט געוואָלט איינטיילן זיין חכמה צווישן אַלע מענטשן, בכדי זיי זאָלן לעבן בעסער און גערעכטער. ער איז געבליבן א פרומער ייד און ער האָט דאָך געוואָלט איינפירן השכלה. ער איז אַ שטיק צייט געווען אַ רב און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות, ווייל מ׳האָט אים נישט געלאָזט דרשנען קעגן די „כאַפּערס״. ער האָט גע־זאָגט: אויב כ׳קען נישט ריידן וואָס, איך פיל, ווייל איך נישט זיין קיין רב. זיין ווערק „פשר דבר״ האָט פאַרגעלייגט א פשרה צווישן טראַדיציע און השכלה און האָט אַרויסגערופן דעם גרויסן צאָרן פון די אָרטאָדאָקסן און אַ געוויסע אומצופרידנקייט ביי די משכילים. ער האָט פון קינדרוייז אָן געשטרעבט צו קענען די נאַטור און די וועלט. איין ווערק האָט ער פאַר־ברענט, ווייל ער האָט אין דעם גערופן יידן צו ווערן ערד־אַרבעטער און זיינער א פריינט האָט אים איבערצייגט, אַז דאָס וועט ווירקן אַנטיסעמי־טיש, ווייל עס וועט דינען אלס באַווייז, אַז יידן ווילן נישט ווערן קיין ערד־אַרבעטער. זיין ווערק „שקל הקודש״ האָט טאַקע אַרויסגערופן גרויס צאָרן, ווייל ער איז אין דעם אַרויסגעטראָטן קעגן דעם, וואָס קינדער זיצן ביי יידן אויף קעסט ביי עלטערן און שוויגער־עלטערן און גיבן זיך אָפּ מיט לופט־פּרנסות. עס איז געווען אין צייטן פון גזירות, ווען מען האָט יידן נישט געלאָזט האַלטן קיין ערד און וווינען אין די דערפער

און מען האָט געזאָגט, אַז ר' מנשה גיסט בוימל אויף דעם אַנטיסעמי־טישן פייער. זיין ווערק „אלפי מנשה" איז אַ מין שולחן ערוך און וויסנ־שאַפטלעכער האַנטבוך פאַר יידן. עס איז געשריבן שווער, מיט אַ נישט קלאָרער שפּראַך און די וויסנשאַפט דערפון איז צוריקגעשטאַנען. ד"ר י. צינבערג ווייזט אָן, אַז כאָטש ר' מנשה האָט געשריבן זיין ווערק פופציק יאָר נאָך דעם, וואָס דער געניאַלער פראַנצויזישער פיזיקער לאַוואַזיע האָט גרינטלעך דערקלערט ווי אַזוי פייער קאָנסומירט זיך און פון וואָס עס דערנערט זיך, האָט ער אָפּעריִרט נאָך מיט די אַלטע יסודות פון פייער, וואַסער, ערד און לופט. אָבער דאָך איז דאָס אַ גרויס ווערק — וואָר־שיינלעך דאָס גרעסטע ווערק, וואָס פּריוואַט פאַרייניקן יידישן גלויבן מיט דער מאָדערנער וויסנשאַפט און מיטן הומאַניטאַריזם פון די ענציקלאָ־פּעדיקער.

דאָס איינציקע ווערק, וואָס ר' מנשה איליער האָט אָנגעשריבן אין יידיש הייסט „לעבין מיטעל". ער האָט דאָס זעלביקע ווערק פאַרפאַסט אויך אין העברעאיש א. נ. „סמי דחיי", עס איז אויסן ווי עס ווערט גע־זאָגט אין אונטערקעפּל, „צום פר בעשערונג און פר גרינגרונג דאָס לעבין". און דורך דעם, וואָס מען וועט פאַרבעסערן און פאַרגרינגערן, וועט מען „צייט האָבן טראַכטן פון דער אייביקער וועלט". דער מחבר ווייזט אָן ווי אַזוי די גלידער העלפן זיך קעגנזייטיק און איינס אָן דעם אַנ־דערן קען ניט עקזיסטירן און ער קומט פון אָרגאַניזם צו געזעלשאַפט און ער ווייזט ווי דער שניידער קען ניט לעבן אָן דעם שוסטער, ביידע אָן דעם בעל־כער א.א.וו. בכדי דער מענטש זאָל האָבן אי ברויט, אי קליידער, אַ שיך אי אַ דירה, דאַרפן אַלע אַרבעטן. ער דערציילט, זאָגט ער, זאכן, וואָס מען ווייסט, דאַכט זיך, אָבער אַז מען וועט זיין האָבן אין האַרצן, וועלן זיי עפענען די אויגן. „דאָס ביסעלע, וואָס דער אויבערשטער האָט מיר דער־לויבט די אויגן איינצוזעען די וועלט, שרייב איך דאָס צו לאָזן וויסן אַלע מענטשן און שרייב דאָס אויף גרינגען לשון, אַז אַלע זאָלן דאָס פאַרשטיין, כאָטש פּשוטע מענטשן". זלמן רייזען באַמערקט, אַז „לעבן מיטל" איז דאָס ערשטע ווערק, וואָס אַ תלמודישער גאון האָט אָנגעשריבן אין יידיש.

יידיש האָט אויך געשריבן דער, וואָס מען האָט אים גערופן „דער רוסישער מענדעלסאָן" און „דער פאָטער פון דער השכלה אין רוסלאַנד" — ר' יצחק בער לעווינזאָן, וואָס איז געווען עלטער פון ר' מנשה איליער מיט אַ יאָר ניין. ער איז געבוירן געוואָרן אין קרעמעניץ, דער וואָלינער

שטאָט, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון דער עסטרייכישער גרענעץ. ער האָט געשטאַמט פון גרויסן יחוס. זיין פאָטער האָט געהייסן יהודה לעווין און ער איז ארויסגעקומען פון שפּאַנישע יידן. דער פאָטער איז שוין געווען אַ שטיק משכיל, ער האָט געקענט פּויליש און ער האָט מיט דעם זון געלערנט נישט נאָר תלמוד, נאָר אויך רוסיש. צו ניין יאָר האָט יצחק בער אָנגעשריבן אַ חיבור וועגן קבלה, פאַר וועלכן דער רב פון שטאָט האָט זיך דערשראָקן, ווייל ער האָט צו טון מיט די „שרי מעלה" און געהייסן אכטונג גיבן אויף דעם בחור. ער האָט אָנגעהויבן מיט שי־רים, וואָס זיינען געווען אין סטיל פון דער צייט: מליצהדיק. ער איז באַלד נאָך זיין חתונה, אין עלטער פון אריבער אַכצן יאר, קראַנק געוואָרן און געפאָרן זיך קורירן אין בראָד און ער האָט זיך דאָרט באַפריינדעט מיט די משכילים און ער איז שוין דאָרט געבליבן ווינען. פריער איז ער גע־וועזן בוכהאַלטער אין אַ באַנק, דערנאָך האָט ער, אַ דאַנק יוסף פּערלס רעקאָמענדאַציע, געקראָגן אַ פּאָסטן אַלס לערער אין אַ שול. ער האָט איבערגעזעצט אויף יידיש אַ ביכל וועגן רוסישן צאַל־טאַריף און דאָס דאָזיקע האָט אים געפירט קיין זשאָלקיעוו, וווּ עס האָט זיך געפונען דער גאון פון די גאַליציאַנער משכילים, ר' נחמן קראָכמאַל און יענער האָט אויף אים געווירקט, אַז ער זאָל זיך אָפּגיבן דער אויפקלערונג פון די רוסישע יידן. ער האָט זיך אומגעקערט קיין קרעמעניעץ און ער האָט קודם כל פאַרעפנטלעכט אַ רוסישע גראַמאַטיק אויף לשון קודש. ער האָט פאַרטראַכט זיין לעבן־ווערק, „תעודה בישראל" (די לערע, אָדער די מיסיע פון ישראל). ער האָט נישט געהאַט קיין מיטלען ארויס צו גיבןביידע ווערק און ער האָט גענומען קלייבן פרענומעראַטן, אָבער ער האָט נישט באַוויזן צו אָנקלייבן גענוג, אויף צו קענען זיי אַרויסגיבן. ער האָט זיך געווענדעט צום רוסישן בילדונגס־מיניסטער און ער האָט איבערגעגיבן דעם אינהאַלט פון זיין ווערק און געבעטן אַ סובסידיע און אים איז אַרויסגעגעבן געוואָרן טויזנט רובל „פאַר אַ ווערק אין דער העברעאישער שפּראַך, וואָס זיין געגנשטאַנד איז מאָראַליש צו רעפאָרמירן דאָס יידישע פאָלק". דאָס ווערק איז דערשינען אויך מיט דער הילף פון אייניקע רייכע יידן. אין אָט דעם ווערק האָט דער מחבר געזוכט צו דערווייזן מיט צי־טאַטן פון תלמוד, מדרש און די גאונים, אַז יידן מעגן לערנען פרעמדע לשונות און חכמות חיצוניות. ער האָט פאַרגעלייגט צו רעפאָרמירן דעם גאַנצן יידישן דערציאונגס סיסטעם. דאָס ווערק האָט געהאַט אַ גרויסן

דערפאָלג און עס האָט נישט געהאַט קיין צו גרויסן ווידערשטאַנד פון דער אָרטאָדאָקסיע.

פיזיש שוואַך, קראַנק דערצו, האָט יצחק בער נישט אויפגעהערט צו לערנען. ער האָט פאַרעפנטלעכט א ספר א. נ. „בית יהודה", וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס א פאָרזעצונג פון „תעודה בישראל". ער האָט אין דעם דאָזיקן ווערק פאָרגעלייגט צו: 1) מאַכן שולן פאַר יידישע יינגלעך און מיידלעך און לערנען מיט זיי נישט נאָר תורה, נאָר אויך וועלטלעכע לימודים און איבערהויפּט אַ מלאכה; 2) די מגידים זאָלן ריידן נישט וועגן קבלה, נאָר וועגן מוסר; 3) פועלן ביי דער רעגירונג זי זאָל כאָטש פאַר א דריטל פון יעדער געמיינדע גיבן פעלדער, בכדי מען זאָל זיך קענען אָפּגיבן מיט ערד־אַרבעט און פיצוכט; 4) די רבנים זאָלן שטרענג פאַרבאָטן די יידן צו פירן לוקסוס אין קליידער און אין מעבל, ווייל דאָס רופט אַרויס שנאה־קנאה. לעווינזאָן האָט זיך געווענדט מיט זיין פּראָיעקט צו דער רעגירונג און די ווירקונג איז צו־מאָל געווען אַ פאַרקערטע. אַ דאַנק זיינע השתדלותן האָט איינגעפירט אַ צענזור אויף יידישע ספרים. ער האָט דערנאָך שטאַרק חרטה געהאַט אויף זיין האַנדלונג.

צוליב אַפּאָלאָגעטיק האָט לעווינזאָן פאַרעפנטלעכט זיין באַרימט ווערק „אפס דמים", וואָס זוכט ריין וואַשן די יידן פון עלילת דם ביל־בול. דאָס דאָזיקע ווערק איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש, דייטש, און ענגליש. אין זיין ווערק „אחיה השלוני", האָט ער שאַרף פּאָלעמיזירט מיט די דאָזיקע קריסטן, וואָס דיסקוטירן וועגן יידישקייט און זיי האָבן נישט קיין ידיעה וועגן דעם.

יצחק בערס באַציאונג צו יידיש איז געווען אַ משכילישע. ער האָט דערוויזן אפילו מיט מאמרים פון תלמוד, אַז יידן דאַרפן איבערגיין צו רוסיש. דאָך האָט ער אָנגעשריבן אַ ווערק אין יידיש. „די הפקר וועלט" הייסט דאָס דאָזיקע ווערק. ער האָט דאָ ביים לעבן נישט אַרויסגעגיבן. אייניקע מיינען, אַז ער האָט דאָס נישט אַרויסגעגיבן, ווייל עס איז אַ צו שאַרפע סאַטירע קעגן די אָרטאָדאָקסן, וועלכע ער האָט זיך געהיט צו אויפרייצן. אַנדערע מיינען, אַז ער האָט נישט געוואָלט אַרויסגיבן דאָס דאָזיקע ווערק, ווייל ער האָט זיך געשעמט צו זיין אַ „זשאַרגאָני־שער שרייבער". אַנדערע מיינען, אַז ער האָט פּשוט נישט געהאַט קיין מיטלען דאָס אַרויסצוגיבן. דער לעצטער מאָטיוו איז דער וואַרשיינלעכ־סטער, ווייל אין כתב יד האָט דאָס צירקולירט איבער גאַנץ וואָלין און

איז אַריבער אויך קיין פּוילן און ווייטער קיין אוקראַינע. און עס איז אויסער יעדן ספק, אַז לעווינזאָן, האָט מיט אָט דעם ווערק אָנגערעגט אַנדערע משכילים צו שרייבן יידיש, ווייל עס האָט געהאַט אַ גרויס דערפאָלג.

דערשינען איז די „הפקר וועלט" אַ זעכציק יאָר נאָך דעם, וואָס ס'איז געווען אָנגעשריבן און דאָס יידישע לעבן איז שוין דעמאָלט אין אַ היפּשער מאָס געווען פון יענער זייט השכלה און עס האָט זיך געפּורנעט צווישן ציוניזם און סאָציאַליזם פון איין זייט און אָרטאָדאָקסיע פון דער צווייטער זייט — צוליב דער השכלה איז מיט דער צייט שטילער געוואָרן די מלחמה צווישן די מתנגדים און חסידים. ווען לעווינזאָנס יידיש ווערק איז דערשינען אין דרוק, איז דאָס שוין אין פּרט און סאַטירע קעגן פאַנאַטיזם געווען אָפּגעלעבט. אָבער די סאָציאַלע סאַטירע פון דעם, די שאַרפע רייד קעגן די ראשי הקהל האָבן נאָך נישט געהאַט פאַרלוירן זייער ווערט. דערשינען איז „די הפקר וועלט" אין יאָר 1888 אין קיעוו. ארויסגעגיבן האָט עס לעווינזאָנס געטרייער ארויסגעבער און ביאָגראַף דוד־בער נאַטאַנזאָן. די אויסגאַבע האָט געהייסן „פּאַפּירענע בריק, אָדער די הפקר וועלט, ר' י. ב. לעווינזאָנס לעבן־באַשרייבונג, דער סוד פון מאַגנעטיזמוס, אויך, וואָס סע טוט זיך אויף יענער וועלט". אָט א די אויסגאַבע איז ליידער נישטאָ צום קריגן. ווי א יקר המציאות איז פאַראַן אן אַנדער אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1910, צום מחברס 50טן יאָרצייט. די דאָזיקע אויסגאַבע הייסט: „ר' יצחק בער לעווינזאָנס געקליבענע שריפטן — מיט זיין ביאָגראַפיע — צום אָנדענקונג פון זיין 50טן יאָרצייט (פאַרלאַג פון דוד סאָווע, וואַרשע תרס'ד) אין אָט דער אויסגאַבע איז פאַראַן אַ צווייטע אָפּטיילונג פון „די הפקר וועלט". דער פאַרלעגער דערציילט, אַז די „צווייטע אָפּטיילונג" איז געלעגן ביים מחבר „פאַרשטיפּט אונטערן ספּאָלעק פון דער סטעלליע" אין זיין אָרימען שטיבל אין דער שטאָט „קצר עינים" (אנאגראם פון קרעמעניעץ), ביז עס האָט זיך געמאַכט אַ שריפה און די אותיות זיינען געבליבן און האָבן ארומגעשוועבט אויפן עולם התוהו. און מען האָט זיי מיט גרויס מי צונויפגעקליבן און אָפּגעדרוקט א. נ. „די הפקר וועלט", „צווייטע אָפּטיילונג".

קיין שייכות צווישן ביידע טיילן „הפקר וועלט" איז נישט פאַראַן, דער ערשטער טייל איז א פּאמפלעט קעגן ראשי הקהל) אין דער פאָרם

פון אַ סצענע, וואָס ברענגט אַ שמועס פון דריי פּערזאָן — זרח, פּייטל, דער אורח — די צווייטע טייל האָט אַ דערציילערישע פאָרם און זי איז אַ יידישע באַארבעטונג פון לעווינזאָנס „עמק רפאים" — אַ סאטירע קעגן חסידיזם, וואָס איז געשריבן אין העברעאיש. עס איז שווער צו וויסן, צי לעווינזאָן אַליין האָט געמאכט די יידישע באַארבעטונג און צוגעגעבן די דערמאָנטע באמערקונג, צי עמיצער אַנדערש האָט דאָס געטון.

אין זיין ווערק „תולדת פלוני אלמוני הכזבי" האָט לעווינזאָן אריינגעפלאָכטן אַ סאטירישן שיר אין יידיש א. נ. „פורים שפּיל אויסגערופן אין שול". דאָס איז די גאַנצע ירושה אין יידיש פון דעם פאָטער פון דער השכלה אין רוסלאַנד. נישט קיין צו־גרויסע. דאָס מערקווירדיקע אין דעם ביסל יידישע כתבים, וואָס איז געבליבן, איז דאָס ריינע לשון. עס איז בפועל ממש דאָס יידיש, וואָס מיר שרייבן. און לעווינזאָן האָט זיכער נישט געהאַט קיין שום מוסטער פאַר זיך פון אַזאַ געשריבן לשון. ער האָט זיך אַליין דערטראַכט דערצו. אָט זיינען דריי מוסטערן; אין ערשטן טייל „די הפקר וועלט":

ר. זרח. אין דער אמת, זינט מען נעמט רעקרוטן, האָט מען נאָך נישט אָוועקגעגיבן קיין עושרס קינד, קיין שום תקיפס קינד, קיין שום פאַקטערס (מעקלערס) קינד, קיין שום בית מדרש בחור, נאָר אָרימע לייטס קינדער נעבעך, ערלעכע בעל מלאכות קינדער, וואָס העלפן זייערע עלטערן ארבעטן, ערלעכע משרתים, ערלעכע בהעלפערס.

און אָט איז א שטעל פון צווייטן טייל:

(אַ שטיקל פון צדיקס צוואה צו זיין זון)

„זע זשע, קינד מיינס, דו ביסט דאָך קיין נאַר נישט און פארשטייי, אז מען וויל זיך מאַכן אַ שיינעם נאָמען און אז מען וויל אויך געלט פארדינען און שיין לעבן, מוז מען זיך מאסקירן פארן פּראָסטן פאָלק, דאָס הייסט, מען מוז שווינדלען, זיי פארדילן די קעפּ, זיי זאָלן נישט וויסן קיין אונטערשייד פון רעכטס צו לינקס..."

און אָט זיינען סטראָפן פון דעם איינציק געבליבענעם שיר:

עס לאָזט זיך אוים די גוטע צייטן,
וואָס איך פלעג אויף קהל רייטן,
זיי האָבן געגעסן מיט לעפל
און איך מיט שעפל.

אז ביי מיר פלעגט זיין די אסיפה,
האָב איך געהאַט פרנסה בשפע,
פארביי די גוטע צייטן,
וואָס איך פלעג אויף קהל ארומרייטן.
קהל וועט באַלד אויך אוים ווערן,
וועט שוין מיין פרנסה גאַנץ אויפהערן,
איך וועל בלייבן אָן געלט,
א פנים ווי חוזק ביי דער וועלט.

ווען לעווינזאָן וואָלט געווען געהאַט אַ מער פּאָזיטיווע באַציאונג צו יידיש, וואָלט ער געוואָרן אַ באַדייטנדיקער יידישער שרייבער, ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן נישט קיין „יידיש־דייטש", נאָר „אָדער די ריינע דייטשע שפראַך, אָדער ריינע רוסישע שפראַך". וועגן דער לעצטער זאָגט ער, אַז זי איז די שפראַך פון דער מדינה און זי איז „אַ זייער רייכע און אַ ריינע, עס פעלט אין איר נישט קיין שום ליב־לעכקייט און שיינקייט און אַלע הויכע מעלות, וואָס קערן זיך אָן דער פולקומקייט פון א שפראַך"...

אין די ערשטע צענדליק יאָר פון נײַנצנטן יאָרהונדערט זיינען איבערזעצט געוואָרן אויף יידיש פאַרשידענע ווערק פון העברעאיש און פון אַנדערע שפראַכן. ד"ר י. שאַצקי ווייזט אָן, אַז די העברעאישע מוסר דראמע „מלחמה בשלום" האָט אויסגעהאַלטן אין דער יידישער איבערזעצונג נישט ווייניקער ווי פערציק אויסגאַבעס. אין יענער צייט האָט מען געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין דער דרוקפאָרם און מען האָט די יידישע ביכער אויפגעהערט ארויסצוגיבן מיט רש"י כתב, וואָס מען האָט גערופן „ווייבער שריפט" און מען האָט זיי ארויסגעגיבן אַלץ איינס ווי די העברעאישע — מיט פירעקיקע אותיות. עס איז דערשינען אַן איבער־זעצונג פון „ראָבינזאָן קרוזא" א. נ. „ראָבינזאָן, די געשיכטע פון אַלטער לעב". יוסף פערל האָט איבערזעצט אויף יידיש אַן ענגלישן ראָמאַן א. נ. „אנטיגנוס".

פאַר וויכטיקע ביכער דאַרף מען פאַררעכענען די פאַרשידענע בריוונשטעלערס, וואָס האָבן געלערנט אָנשרייבן אַ בריוו און האָבן אין איין וועג געהאַט לייען־שטאָף. יהודה עלזעט ווייזט אָן אין זיין בוך „מיט 100 יאָר צוריק" (מאנטרעאל 1927) אויף דעם „בריוונשטעלער" פון אריה לייב ליאָן ד'אַר, וואָס איז חוץ בריוונשטעלער אַ באַלערנדיק

און פאַרווײַלנדיק בוך.

אין 1836 איז אין סודילקאָוו דערשינען אויף יידיש א. נ. „תלאות המורים" (איבערלעבונגען פון לערער), וואָס דערציילט אין גראַמען וועגן די צרות, וואָס לערער האָבן אויסצושטיין. דאָס דאָזיקע ביכל איז אַ וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון דעם יידישן שולוועזן.

ווייניק ידיעות איז פאַראַן וועגן אפרים פישל פישלזאָן, דער מחבר פון אַ פּיעסע „טעאַטער פון חסידים", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1839. אפרים פישל פישלזאָן שטאַמט וואַרשיינלעך פון זאַמאָשטש, האָט געלעבט אין לובלין און האָט געלעבט אַ שטיק צייט אויך אין גאַליציע. די דערמאָנטע פּיעסע איז אין דריי אַקטן און זי האָט מער וויכוחים ווי האַנדלונג. דער הויפּט העלד הייסט ליבעלע חקרן, ער איז דעם מחברס אידעען־טרעגער און ער פירט וויכוחים מיט חסידים און ישיבה בחורים. אַ חסיד זאָגט ליבעלען: „אינץ חסידים וועל מער אויף אייך ראטן, מיר חסידימלעך וועל מער לעבן און עטין פאשאל פין וואטן" און ליבעלע ענטפערט:

ניין, אזא חסידות איז אזוי ווי דער צעגאַנגענער שניי,
עס איז פונקט אַזויפיל ווערט וויפל אַן אויסגעבלאָזן איי.

דער פאַרטאָג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור

פונקט ווי עס הייבט אָן צימערן פרי־פאַרטאָג אין דער לופט און פאַסן הימל ווערן בלייך און העל און דאָ און דאָרט הייבט אָן ערגעץ צו רויטלען זיך, פונקט אַזוי האָט עס אָנגעהויבן צימערן און ווערן בלייך און זיך רויטלען אין דער יידישער ליטעראַטור, אָנהויבנדיק מיט די צוואַנציקער יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט. עס האָבן זיך באַוויזן שרייבער, וואָס האָבן שוין נישט געגעבן נאָר ברעקלעך און שיריים דער יידישער ליטעראַטור, נאָר זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן, אָדער אינגאַנצן נאָר מיט דער יידישער ליטעראַטור, ווי דר. שלמה עטינגער, ישראל אַקסענפעלד, אייזיק מאיר דיק און בערל בראָדער, אָדער האָבן געשריבן אין יידיש און העברעאיש אַלציינס, ווי וועלוול זבאַרזשער, מיכל גאָרדאָן און אברהם בער גאָטלאָבער.

פּערזענלעך האָט דאָס ביטערסטע מזל אַלס שריפטשטעלער געהאַט ישראל אַקסענפעלד, וואָס איז ביז א. מ. דיק און מענדעלע מוכר ספרים

דער באַדייטנדיקסטער יידישער פּראָזע שרייבער. ער האָט אויך געשריבן פּיעסן, אָבער נישט טאַקע פֿאַר דעם טעאַטער, נאָר בכדי „צו פֿאַרלייענען אין אַ קאָמפּאַניע אין אַ ווינטערנאַכט".

ישׂראל אַקסענפעלד האָט דורכגעמאַכט אַזאַ לעבן, וואָס האָט אים געהאָלפֿן צו ווערן אַ שרייבער. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1787 אין נעמיראָוו אין אַ מיוחסדיקער פֿאַמיליע. ער איז דערצויגן געוואָרן רעליגיעז און ער איז געוואָרן אַ בראַסלעווער חסיד. ער איז פּערזענלעך געווען באַפֿריינדעט מיט ר' נחמן בראַסלעווערס סעקרעטאַר ר' נתן. ער האָט אין דער פֿריסטער יוגנט געלערנט שפּראַכן און געקענט רוסיש, פּויליש און דייטש. מען האָט אים חתונה געמאַכט יונג און ער האָט זיך נישט געקענט איינלעבן מיט זיין ווייב און ער האָט זיך מיט איר געמוזט גטן. ער איז געוואָרן אַ סוחר און אין דער צייט פֿון דער רוסיש־פֿראַנצויזישער מלחמה, האָט ער זיך צוגעשלאָגן צו גרויסע פּאַדריאַדן און ער איז געפֿאָרן קיין פּוילן און דייטשלאַנד און געהאַט מגע ומשׂא מיט קאָמאַנדירן און סוחרים און געזען אַ וועלט. און ער האָט געהאַט אַ גוטן זכרון און געדענקט אַלץ, וואָס ער האָט געהערט און געזען. אין יאָר 1824, ווען ער איז שוין געווען אַ מאַן פֿון 37 יאָר, האָט ער זיך באַזעצט אין אָדעס און דאָרט אָפּגעגעבן עקזאַמען אויף נאָטאַריוס. ער האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל און זיין הויז איז געוואָרן אַ צענטער סיי פֿאַר משׂכּילים, סיי פֿאַר פֿרומע. און כאָטש ער האָט געקענט אַנדערע שפּראַכן און לשון קודש, האָט ער געשריבן יידיש. ער האָט דאָס געטון מיט דער כוונה צו ברענגען רעאַלע נוצן, ווי אַלע משׂכּילים, אָבער ער האָט דאָס אויך געטון, ווייל ער האָט ליב געהאַט יידיש; ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם, וואָס מען לייענט זיינע ווערק אין ענגע קרייזן, ער האָט געוואָלט גרייכן צו די ברייטסטע מאַסן, אָבער ער האָט דאָס צום אומגליק נית באַוויזן. אין אַט דעם פּרט איז ער געווען דער קלענסטער בר מזל צווישן די ערשטע יידישע שריפֿטשטעלער.

די ירושה, וואָס איז געבליבן פֿון ישׂראל אַקסענפעלד איז באַדייטנדיק סיי אין כּמות און אויך אין איכות. ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך דריי הונדערט דרוקבויגן מיט אַ דריי צענדליק ראָמאַנען און דערציילונגען. ביים לעבן האָט ער זוכה געווען צו זען געדרוקט נאָר צוויי זאַכן זיינע: „דער ערשטער יודישער רעקרוט" און „דאָס שטערנטיכעל". ביידע זיינען דערשינען אין יאָר 1861, ווען ער איז שוין אַלט געווען 74 יאָר. קיין

אייגענע מיטלען האט ער נישט געהאט צו דרוקן אלע זיינע ווערק און קיין פארלעגער האט ער נישט געפונען. אין יאר 1862 האט דער שריפט־שטעלער אברהם בער גאטלאבער זיך באפריינדעט מיט אקסענפעלדן און יענער האט אים געבעטן, אז ער זאל זוכן א פארלעגער פאר אלע זיינע ווערק — אומבאדינגט אלע אינאיינעם — און ער איז געווען זיכער, אז יענער וועט מאכן א גוטן מסחר דערפון. ער האט אים געלאזט א רשימה פון זיינע אלע ווערק און אונטער דעם קעפל „רייסטער" זאגט זיך: „א רייסטער פון אלע ספרים, וואס איך, דער געשוווירענער אדוואקאט, נאָטאריום אקסענפעלד אין אדעססא, האב געמאכט אויף לשון פראסט יודיש (די זענען נאך נישט געדריקט) פין פאר דרייסיק יאר אן, האב איך אלץ די ספרים גישריבין פון פראסטע יודינס וועגן, די וואס קענען קיין שום אנדער לשון נישט, א טהייל ספרים זענין קאמעדיעס, א טהייל זיינען אמתע מעשהות גיט דערציילט, א טהייל זענען פין הילטייעס, שווינדלער אפגירעכט אין פין זייער שווארצן סוף וואס זיי האבין געהאט. די מענשין, וואס וועלין די ספרים לעינען לאכינדיק וועלן זיי אין איינ־וועגס הערין מוסר און דרך ארץ און טאקע אלערליי גינעהטיקטע וויסענשאפטען אויך". דעם דאזיקן רייסטער האט געפונען דער היסטא־ריקער י. צינבערג אין ארכיוו פון א. ב. גאטלאבער. אין אט דער רשימה זיינען אויסגערעכנט 26 זאכן. דער דאטום אונטערן רייסטער איז כ"ב טבת תרכ"ב (1862). מיט צוויי יאר שפעטער האט א קאמיטעט פון פארשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ אין אדעס, צווישן וועלכע ס'איז געווען י. ל. פינסקער, דער מחבר פון „אויטאעמאנסיפאציע", זיך געווענדעט צו דער „חברה מפיצי השכלה" אין פעטערבורג מיט א פאר־שלאג צו אפקויפן אקסענפעלדס ווערק און זיי ארויסגעבן, ווייל זיי קענען ברענגען גרויס נוצן די ברייטע יידישע מאסן און זיי עפענען די אויגן, האט די דערמאנטע חברה געענטפערט, אז זי קען דאס נישט טון, ווייל אין איר פראגראם גייט אריין נאר ארויסגעבן ביכער אין רוסיש און העברעאיש.

אקסענפעלד האט דעם דאזיקן קלאפ אריבערגעטראגן מיט ווירדע און ער איז אין עלטער פון 77 יאר אוועקגעפארן מיט זיין פרוי קיין פאריז צו זיינע דריי זין, בכדי דארט אויסלעבן זיינע לעצטע יארן. זיינע דריי זין זיינען אלע געווען פערזענלעכקייטן, איינער איז געווען א מע־דיצין־פראפעסאר אין דער סארבאנע, א מחבר פון וויכטיקע ווערק, דער

צווייטער אַ באַגאַבטער מאָלער און דער דריטער אַ פּאָליטישער עקאָנאָם און זשורנאַליסט. אין עלטער פון 79 יאָר איז אקסענפעלד געשטאָרבן און מיט אַ יאָר שפּעטער האָט זיין פריינט ל. מאָריינוס — וועמען ער האָט אין דער צוואה אָפּגעזאָגט זיינע ווערק — אַרויסגעגעבן אינאיינעם מיט דעם פאַרלעגער בייליגסאָן דעם פאַרשטאָרבענעמס טעאַטער־שטיק „מאַן און ווייב, שוועסטער און ברידער". אין יאָר 1869 האָבן לאַנדסלייט אינאיינעם מיט דעם באַרימטן אדעסער קולטור־בויער משה זשוויף גע־פּרוווט אַרויסגעבן אקסענפעלדס ניין ווערק, צווישן וועלכע צוויי זיינען נישט געווען אין דערמאָנטן רייסטער און דאָס דאַזיקע מיינט צו זאָגן, אַז ער האָט דערנאָך אָנגעשריבן נאָך צוויי ווערק. אין יאָר 1870 זיינען דערשינען די ווערק „די גינאַרטע וועלט" און „קבצן עושר שפּיל". אינגיכן האָט אין אדעס אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם און דער געגרינדעטער פאַרלאַג איז אונטערגעגאַנגען און מען ווייסט נישט, וואָס עס איז גע־וואָרן פון די געבליבענע מאַנוסקריפּטן. שלום עליכם האָט אין ערשטן באַנד פון זיין „יודישער פאָלקס־ביבליאָטעק" געמאָלדן, אַז ער האָט באַקומען אקסענפעלדס ראָמאַן „פריימאַר" און ער וועט אים פאַרעפנטלעכן, אָבער ער האָט דאָס נישט געטון. אין 1913 האָט י. צינבערג זיך געווענ־דעט מיט אַן אויפרוף, אַז יעדער וואָס ווייסט עפּעס וועגן אקסענפעלדס פאַרלוירענע שריפטן, זאָל מעלדן וועגן דעם, אָבער קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. די מערסטע שריפטן פון פּראָדוקטיוון שריפטשטעלער זיינען פאַרפאַלן געוואָרן.

ווי געזאָגט, האָט אקסענפעלד זייער אַ סך געשריבן אין טעאַטער־פאָרם. אָט איז אַ טייל פון צעטל פון די פאַרשוינען, וואָס באַטייליקן זיך אין „ערשטן יודישן רעקרוט", וואָס דער מחבר רעכנט אויס:

ר' אהרון קליגער, בעל מחשבות, געלערנטער אין אַלערליי חכמות און לשונות.

שלמה פּייסאָכע, פּרנס אין שטאָט. קרעמער און גראָבער יונג.

ברכה, זיין ווייב, אַ טויבע, רעדט שיפּיליאָווע און איז אַ זייער בייזע. זי איז אַ בריה אין קלייט.

הערש־לייב, זייער בן־יחיד. אַ גרויסער שטאָט־נאַר.

צביהלע, דעם שטאָט־נאַרס ווייב. אַ שיין ווייבעלע און נישט פרום.

וו ע ל וו ל   ג י ל י וו א ט ע, אויך פרנס חודש, האַנדלט מיט
פעל. אויך אַן עם־הארץ.
ה א נ צ י, זיין ווייב, זייער קלוג, אַ שדכנטע אין שטאָט.
א. אַ. וו. א. אַ. וו.

שוין אין צעטל דערזעט מען די מענטשן. און ווען דער באַרימטער רוסישער ליטעראַטור־פאָרשער, דער פושקין־ביאָגראַף, י. י. לערנער האָט געשריבן, אַז אקסענפעלד איז א מאָלער מיט דער פעדער, האָט ער נישט איבערגעטריבן. מ'קען נישט לייקענען, אַז עס פעלט דאָס דראַמאַטישע אין אַקסענפעלדס ווערק. די האַנדלונג איז נישט צו־שטאַרק באַוועגלעך, אָבער די העלדן זיינען פאַרביק און זיי בעטן זיך אויף דער בינע. די טענדענץ איז א משכיליש־נאַיווע. די העלדן ריידן מיט באַגייסטערונג וועגן דער ציוויליזאַציע אין דייטשלאַנד און קעגן דער צוריקגעשטאַנענ־קייט פון די יידישע שטעטלעך אין רוסלאַנד, וווּ מען לעבט נאָך „ווי פּראָסטע בהמות". זייער שאַרף איז די טענדענץ קעגן חסידיזם, וואָס האָט שוין דעמאָלט טאַקע געהאַלטן אין ירידה. די האַנדלונג איז אַ זייער שפּאַנענדיקע און פאַרכאַפּנדיקע און עס פעלט נישט קיין הומאָר. שפּראַכ־לעך זיינען אקסענפעלדס ווערק אַן אוצר. זיי האָבן דעם קערן פון דעם וואָלינער יידיש.

ער איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון אָט דעם יידיש און ער לאַכט אויס דורך אַ העלד דעם ליטווישן יידיש, וואָס האָט נישט דעם נייטראַלן מין (די ליטוועקעס פעלט דער „דאָס", האָט שפּעטער מיט אַ יאָרהונדערט געשריבן דער טונקעלער). אָט איז די געגראַמטע הקדמה פון אקסענפעלדן צו זיין באַרימטן ווערק „דאָס שטערנטיכל, אָדער שבת חנוכה אין מעזיביז":

די מעשה וואָס איז דאָ דערציילט אין דעם מעשה־ביכל,
האָט דעם נאָמען, ווי מען ריפט עס אין רוסיש־פּוילען —
שטערענטיכעל,
דאָס אייגענע ווייבערישע פּערלצירונג האָט געהייסן אין אַנדערע
ערטער
שטערענבינדל, קאָפּבינדע, בינדאַליק, און נאָך און נאָך מיט
אַנדערע ווערטער,
היינט, אַז מען האָט דעם שגעון אָפּגעשאַפט פּינים קאָפּ
אין יודישע ווייביר געהן ווי אַלע דאַמעס מיט אַ פאַלשין צאָפּ,

ווי מען דערצעהלט סיז אַמאָל גיוועז אַ רב מיט אַ ריביצין פאַרצייטען
אַזוי וועט מען דערמאָנען, וואָס אַ שטערענטיכל האָט אַמאָל געקענט באַדייטען,

אפשר וואָלט מען אַ שטריימעל מיט אַ ספּאָדעק אויך פין אַ זכר וועגין,

כדי מען זאָל עס אַמאָל באַווייזען, גידאַרפט אין שפּירטים אַרייז לעיגין.

מיין שפּירטים צום שטערנטיכעל איז א חסידישן רבינס שבת חנוכה באַשריבען,

כאָטש גאָרנישט געראָטען, איז ער פאָרט אַ בעל מופת געבליבען.
דאַכט זעך אַ בעל מופת מיט אַ שטערנטיכעל קערט זיך נישט אָן,
פאָרט איז עס איין מעשה אַ ציקאַוועסט און עס איז דווקא עפּעס דראָן.
אויב דער באַשרייבער פון דער מעשה האָט זיך דאָס אויסגעטראַכט,
איז עס נאָך מער ציקאַווע, ווי אַזוי עס האָט אזעלכים געמאַכט,
נאָר, אַז מען וועט אויסלייענען אינגאַנצן גאָר,
וועלען אלע מודה זיין, אַז אַלע, וואָס שטייט איז וואָר.

אין אַקסענפעלדס שריפטן איז חוץ דער אַנטי־חסידישער טענדענץ פאַראַן אויך עכטע שילדערונג און שטילער הומאָר און אַ לירישער אונטערטאָן. טאַקע אין „שטערנטיכל”, אין וועלכן עס ווערט געשילדערט ווי אַזוי דער בריהשער בעלפער מיכל, וואָס האָט אָפּגעשפּאָרט אַ גאַנצע מאטניא, ווערט אַ חתן פאר ר׳ אהרון שמש שיינער טאָכטער שיינצי, ווייל דער מלמד פון שטעטל לייגט זיך אריין אין שידוך אַריין, צוליב דעם, וואָס ער האָט מורא, אַז דער בריהשער בעלפער זאָל נישט ווערן מלמד פאַר זיך און ער מאַכט מיט אים שותפות און ווי אַזוי די עלטערן פון דער כלה גרייטן צו קויפן פאַר דעם נדן אַ שטערנטיכל דער טאָכטער, טאַקע אין אָט דער דערציילונג איז פאַראַן אַ שלום, וואָס רירט פשוט און מענטשלעך. מען פאַקט דעם בעלפער עסן אין תענית עשרה בטבת און דאָס פירט שוין צו זיין טרויעריקן סוף. ער קויפט זיך אויס פון שווינדלערישן רבילע, וואָס לעבט פון דערציילן מעשהס מיט מופתים וועגן גוטע יידן, אָבער דאָס העלפט אים ווייניק. דער בעלפער גייט אַוועק מיט אַ שווער האַרץ און גרינגער קעשענע, דאָס רבילע פאָרט אַוועק, די שטאָט רעדט לאַנג פון דער גאַנצער געשיכטע, אהרון שמש צערייסט די תנאים

און דער מלמד נעמט צו אַן אַנדער בעלפער... נישט מעלאָדראַמאַטיש, ווי שמר וואָלט דאָס געמאַכט, נאָר שטיל, רירנדיק, כמעט טשעכאָוויש.

אָט אָ דער שרייבער ישראל אַקסענפעלד, דער באַדייטנדיקסטער פון נאָך ר׳ אליהו בחור, איז כמעט אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען פאַר די יידישע לייענער... פון זיינע אַ דרייסיק זאַכן זיינען געבליבן פינף.

אין דער זעלביקער צייט, וואָס ישראל אַקסענפעלד, האָט געשאַפן אַן אַנדער יידישער שרייבער, אויך אַ גאַנצער און דורכויס יידישער שרייבער. יענער איז וואַרשיינלעך געווען יינגער מיט אַ יאָר פערצן ווי אַקסענפעלד און ער האָט געהייסן שלמה עטינגער. מען ווייסט נישט גענוי, ווען ער איז געבוירן געוואָרן, אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ער איז, נאָך היינען, איינער פון די ערשטע מענטשן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, דאַרף מען דריינגען, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1801. זיין פאָטער איז אים קינדווייז געשטאָרבן און אים האָט דערצויגן זיין זיידע, דער רב פון זיין געבורט־שטעטל לענטשנע. ער האָט אים דערצויגן אויף דעם אַלטן שטייגער און אים חתונה געמאַכט קיין זאַמאָשטש. זיינע שווער און שוויגער האָבן אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ קרעמער און ער האָט דאָס נישט געקענט און ער איז אַוועק קיין אדעס, טראַגנדיק נאָך אַ שטריימל. דאָרט האָט ער זיך שווער געראַנגלט מיט זיינע געדאַנקען און ער איז געוואָרן אַ משכיל און געביטן די קליידער. און פון דאָרט איז ער אַוועק קיין לעמבערג, וווּ ער איז אַריבער צו מאָדערנער בילדונג און אַזוי האָט ער געגרייכט ביז אין אוני־ווערזיטעט. ער האָט נישט געהאַט צו אויסשטיין קיין קאַמף מיט די פאַנאַטיקער און ער איז נישט געבליבן מיט קיין פאַרביטערונג צו די פרומע. און טאַקע אין לעמבערג האָט ער אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. און כאָטש עס איז געווען אַ צייט, ווען אפילו סאָציאַליסטיש־געשטימטע משכילים זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן יידיש, האָט עטינגער אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער ליבע צו יידיש און ער האָט זיך מיט אונדזער פאָלקס־שפּראַך געצערטלט און געטון אַלצדינג, אַז זי זאָל זיין ריין און שיין. ער האָט נישט געשריבן ווי אַנדערע משכילים, מיט דידאַקטישע כוונות, נאָר ער האָט זיך קינסטלעריש אָנטפּלעקט אין יידיש.

אין די דרייסיקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז עטינגער געווען צוריק אין זאַמאָשטש, שוין אַלס דאָקטאָר און ער האָט אין דער זעלביקער צייט געשריבן איבערהויפּט משלים און עפּיגראַמען. פון צייט צו צייט האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ ליריש ליד. א. ב. גאָטלאָבער דער־

ציילט אַן עפּיזאָד וועגן עטינגערן, וואָס איז אומגעהייער פּאָפּולער. גאָט־לאָבער איז געווען אין זאַמאָשטש און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז קראַנק אויף כאָליערע און ער איז געגאַנגען צו ד״ר. עטינגער. יענער האָט אים באַטראַכט און ער האָט אים געזאָגט: „צו וואָס טויג אייך כאָליערע? איך וועל אייך בעסער פאַרלעזן מיין „סערקעלע״ (עטינגערס איינציקע פּיעסע). און „ער האָט מיר פאַרגעלעזן און איך בין געזונט געוואָרן״... דער דאָזיקער עפּיזאָד לאָזט הערן, אַז עטינגער האָט זיין שרייבעריי גענומען נאָך מיט מער הארץ ווי זיין דאָקטעריי. צוליב דעם, וואָס דאָס געזעץ האָט פאַרבאָטן דאָקטוירים, וואָס האָבן געענדיקט אין אויסלאַנד צו פּראַקטיצירן אין רוסלאַנד, האָט עטינגער געמוזט איבערלאָזן זיין פּראָפעסיע, וועלכע ער האָט פּראַקטיצירט 15 יאָר. ער איז אַוועק קיין פּאָלטאַווע, דערנאָך קיין כאַרקאָוו, וווּ ער האָט ריוואַלידירט זיין דיפּלאָם און ער האָט ווידער געמעגט זיך אָפּגעבן מיט זיין פאַך. ער איז צוריק געפאָרן קיין זאַמאָשטש און ער איז אין עלטער פון 55 יאָר פּלוצים געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאַג.

עטינגער האָט נישט דערלעבט צו זען געדרוקט קיין איין איינציקע זאַך זיינע. דאָס דאָזיקע איז געשען פּשוט, ווייל עס איז נישט געווען קיין פאַרלעגער. ער האָט מיט אייגענע מיטלען געוואָלט אַרויסגעבן אייניקע ווערק זיינע און „סערקעלע״ איז שוין געווען גרייט און האָט שוין אפילו געהאַט אַ צענזור דערלויבעניש, אָבער דער טויט האָט די גאַנצע אונטערנעמונג צעשטערט.

עטינגערס שריפטן זיינען דאָך געווען פּאָפּולער. זיי זיינען זיך צעגאַנגען אין צעשריבענע קאָפּיעס און אין 1867 האָט דאָס וואָכנבלאַט „וואַרשעווער יידישע צייטונג״ אָפּגעדרוקט זיין „שיפער־ליד״, אָבער דער נאָמען פון מחבר איז נישט געווען אָנגעגעבן. עטינגערס „סערקעלע״ האָט וואַרשיינלעך באַוויזן גאָלדפאַדענען צו ווערן דער טאַטע פון יידישן טעאַטער. גאָלדפאַדען האָט געלערנט אין דער זשיטאָמירער ראַבינער שול און אין דער דאָזיקער שול האָט מען אַ דאַנק דער באַמיאונג פון חיים זעליק סלאָנימסקים פרוי אויפגעפירט „סערקעלע״ און גאָלדפאַדען האָט מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט די טיטל־ראָליע. „סערקעלע״ איז דערשינען אין יאָר 1861 אין יאָהאַניסבורג און אין 1875 אין וואַרשע אוןביידע אויסגאַבעס האָבן נישט דעם נאָמען פון מחבר און זיי זיינען שטאַרק פאַרקריפּלט. אין 1889 האָט דעם דיכטערס זון ווילהעלם עטינגער אַרויס־

געגעבן דעם פּאָעטערס „משלים, לידלעך, קליינע מעשהלעך און כתבותלעך, אייגענע און נאָכגעמאַכטע". דאָס דאָזיקע בוך איז באַלד פאַרקויפט געוואָרן און איז געוואָרן אַ יקר המציאות, אָבער קיין צו גרויסע אויפנאַמע אין ליטעראַרישע קרייזן האָט דאָס נישט געהאַט. עטינגערס משלים, וואָס זיינען געשריבן צוריק מיט 100-125 יאָר האָבן ביז היינט נישט פאַר־לוירן זייער ווערט און זייער חן. זיי גלענצן נישט מיט קיין נייע אויפטועך, די סיוזשעטן זיינען גענומען פון אַלע פאַבל־דיכטער פון ימי־עזאָפּ ביז אין אונדזער צייט, אָבער דער ריטם איז אַ לייכטער און די שפּראַך אַ היימישע און עס איז פאַראַן אין זיי געמיט, בילד און חכמה.

זיין געמיטלעכקייט קומט צום אויסדרוק דורך אַט די שורות:

איך לאַך אוים אַלעס, וואָס קומט פיר
און אַז עס פעלט אַ זאַך
דערויף צו גיבן אַ לאַך —
גיב איך אַ לאַך אַליין פון מיר.

קיין צו־שאַרפע סאַטירע, וואָס איז דעמאָלט אַזוי געווען אין דער מאָדע, איז ביי עטינגערן נישט פאַראַן. ער גיט אַ מוסר, אָבער ער שטעכט נישט. ברענגט ער דאָס באַרימטע משל וועגן די צוויי הענער, וואָס קריגן זיך, צי מען דאַרף זאָגן „קיקערעקי", אָדער „קוקוריקו", (אין אָריגינאַל באַ געלערטן איז עס וועגן צוויי וועכטער) ענדיקט ער:

צווישן אונדזערע לומדים, רבנים
טרעפט מען אַמאָל אויך אַזעלכע נאַראָנים,
וואָס רייסן שיר־נישט ביי די האָר
און קריגן זיך אַוועק לאַנגע יאָר
און זידלען זיך אַוועק גאַנצע צייטן
איבער אַן אות, וואָס עס קען באַטייטן.

עטינגער האָט אַ גאַנצע ריי לירישע לידער און לידלעך, וואָס זיינען האַרציק און צאַרט. זיין ליד „רחל ביי איר קינדם קבר" איז אַ צאַרט־טרויעריק געזאַנג וועגן אַ מאַמען, וואָס זיצט ביים קינדס קבר און עס ציטערט ביי איר יעדער איבר. די מוטער זיפצט:

ווי דאָס בלימל, וואָס אויף דיין קבר בליט,
איז דיין שיין פנימל מיט חן געווען,
די שכינה האָט דערויף טאַקע גערוט,
„אין דיינע אייגעלעך האָט מען זי געזען".

דער באַרימטער עפּיגראַם עטינגערס איז אָנגעשריבן געוואָרן, ווען דער דיכטער איז אַלט געוואָרן פופציק יאָר, אַט ווי ער לייענט זיך:

היינט בין איך געוואָרן פופציק יאָר
און האָב נאָך נישט קיין גרויע האָר.
עס זאָל אייך נישט קשה זיין קיינעם —
זיי ווערן פאַרשוואַרצט מיט מיר אינייגעם.

אין „סערקעלע" פילט מען די השפעה פון די אייראָפּעאישע — איבערהויפּט דייטשע־פּיעסן אין יענער צייט. די הויפּט־העלדן איז אַ גראָבע קרעמערקע, אַ האַרצלאָזע. זי האָט אַ ברודער, דוד גוטהערץ, אַ רייכער סוחר, וואָס איז אַוועקגעפאָרן אין ווייטע מדינות און ער איז לאַנגע צייט נישט צוריקגעקומען, טראַכט סערקעלע אויס, אַז ער איז געשטאָרבן און זי מאַכט אַ פאַלשע צוואה און זי נעמט זיך צו די גאַנצע ירושה און דעם ברודערס טאָכטער הינדל לאָזט זי אויף דעם וואַסער. זי טראַכט אויס אַ בילבול אויף הינדלען און איר חתן מאַרקוס און איר איינענע טאָכטער צערטלט זי און מאַכט איר חתונה פאַר דעם ברודערס געלט. דער ברודער קערט זיך אום און די גאַנצע אינטריגע פאַלט דורך און — ווער עס דאַרף, האָט חתונה. די שפּראַך איז אַ געשליפענע, כסדר יידיש. אויך מאַרקוס רעדט נישט קיין דייטשמעריש, נאָר יידיש. די סצענעס האָבן הומאָר. די דיאַלאָגן און די „אַפּאַרטן" דערמאָנען אין דער „קאָמעדיע דעל אַרטע". מ'קען אין גאָלדפאַדענס „באָבע יאַכנע" געפינען השפּעה פון „סערקעלע". עטינגער האָט פאַרטראַכט נאָך פּיעסן, אָבער צוליב דעם וואָס מען האָט זיין ערשטע פּיעסע נישט געשפּילט און נישט געדרוקט, האָט ער זיך אַנטוישט. ער האָט אויך פאַרטראַכט אַ סידור־איבערזעצונג, פּונקט ווי מענדל לעפין האָט פאַרטראַכט אַ תנך־איבערזעצונג, אָבער ער האָט צו אָט דער אַרבעט זיך קוים צוגערירט. אָט ווי ער האָט איבערגעזעצט מה טובו:

מה טובו אוהלך, יעקב, ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן, יעקב, דיינע וווינונגען, ישראל! און קום איך איצט מיט גרויס חסד אין דיין הויז אַריין, איך בוק זיך צו דיין הייליקן טעמפּל מיט גרויס יראה, גאָט! איך האָב ליב דאָס הויז, וווּ דו וווינסט און דאָס אָרט, ווו דיין כבוד רוט און איך וועל מיך נייגן און קניען. איך וועל קניען פאַר גאָט מיין באַשעפער. און ווען איך בעט צו דיר, גאָט, זאָל זיין דעמאָלט אַ באַווייליקע צייט און מיט דיין גרויסן חסד, מיין האַר,

ענטפער מיר מיט אַ וואָרער הילף."

עטינגער איז דער עכטער פּאַרטאַג פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע און ער געהער בשום אופן נישט צו די דאָזיקע אַלטע יידישער שרייבער, וואָס דאַרפן בלייבן פון יענער זייט פון אונדזער ליטעראַטור.

אייזיק מאיר דיק איז אין אַ געוויסער מאָס דער דירעקטער אָנהויב פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געהאט די ברייטסטע לייענערשאַפט צווישן אַלע יידישע שרייבער פון זיין צייט און פאַר אים; וואַרשיינלעך האָט ביז שלום עליכמען קיין שום יידישער שרייבער אויך דערנאָך נישט געהאט אַזוי פיל לייענער ווי ער. א. מ. דיקס מעשהס האָבן דערגרייכט צום לייענער נישט דורך מאַנוסקריפּטן און געשריבענע קאָפּיעס, נאָר זיי זיינען געדרוקט געוואָרן. די לייענער און לייענערנס האָבן אויף זיינע מעשהס אַרויסגעקוקט ווי אויף משיחן. מענדעלע מוכר ספרים האָט באַוווסטזיניק גענומען שאַפן אַ ליטעראַטור און אַ ליטעראַרישע שפּראַך אין יידיש, דיק האָט וועגן דעם ענין ליטעראַטור אינגאַנצן נישט גע־טראַכט. ער האָט געשריבן מעשהס פאַר לייענער און איבערהויפּט פאַר לייענערנס. מענדעלע מוכר ספרים האָט געשריבן טאַקע בכדי צו ברענגען נוצן דעם פאָלק, אָבער ער האָט דאָך געשריבן אַזוי, אַז מען האָט גע־דאַרפט פאַרמאָגן אינטעליגענץ בכדי אים צו וועלן לייענען, דיק האָט גע־שריבן אַזוי פשוט, אַז יעדער האָט געקענט אים וועלן לייענען. מענדעלע האָט געשריבן מיט אַ טענדענץ, אָבער ער האָט זי אָפּט באַהאַלטן, דיק האָט כסדר דערציילט זיינע לייענער, אַז ער וויל זיי לערנען און וואָס ער וויל לערנען און ער האָט דאָס דערציילט סיי אין דער הקדמה און סיי אין דער מיט פון דער מעשה און סיי ביים סוף. דיק גיט זיך אין מיטן דערציילן אַ זאָג: „אַ איר טאַטעס און מאַמעס, היט אייערע קינדער, אַז זיי זאָלן פון דעם דאָזיקן ענין נישט געווירע ווערן, וואָס איז זייער געפערלעך צום גוף און צום נפש".

מ'קען זאָגן — און עס וועט נישט זיין קיין גוזמא — אַז אויב מענ־דעלע האָט געשאַפן די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, האָט דיק פאַר איר געשאַפן דעם לייענער. דיק איז געווען עלטער פון מענדעלען מיט עפּעס מער ווי צוויי צענדליק יאָר. ביי דיקן ווערט אָנגעגעבן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1807 און מען ווייסט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין 1804. מענדעלע איז אָפיציעל געבוירן געוואָרן אין יאָר 1836 און ער אַליין האָט געהאַלטן, אַז ער איז עלטער מיט זיבן־אַכט

יאָר. דאַרף מען קלערן, אַז דיק איז עלטער פון זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור מיט 21 יאָר.

דיק איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע ביי אַ טאַטן אַ חזן (שלא על מנת לקבל פרס) און אַ תבואה־הענדלער. ער האָט חתונה געהאַט קיין נעסוויזש און אין דעם דאָזיקן קליינעם שטעטל האָט ער, זייענדיק שוין אַ גרויסער תלמודיסט און מקובל, געלערנט מיט דער הילף פון אַ קאַטוילישן גלח, רוסיש, דייטש און פויליש. פאַנאַטיקער האָבן אין אים געזען אַ געפערלעכן אפיקורס און האָבן אים געמסרט און ער איז געזעסן אַרעסטירט. פריינט האָבן אים באַפרייט. ער איז געווען, זאָגט מען, דער ערשטער, וואָס האָט איינגעפירט העברעאישע שטונדן און ער איז געווען פון די ערשטע גרינדער פון אַ מאָדערנער שול פאַר קינדער און ער איז דאָרט געווען לערער. ער איז געווען מנהיג פון די ווילנער משכילים און גבאי אין דער „קאַלטער שול", וואָס די משכילים האָבן געגרינדעט אין ווילנע צוליב זייער קאַמף מיט די אָרטאָדאָקסן. ער האָט אָבער אויך מיט די משכילים נישט געהויזט און ער האָט זייער שול פאַרלאָזט. ער איז דאָס גאַנצע לעבן געגאַנגען מיט לאַנגע קליידער און מיט אַ גאַנצער באָרד און ער איז געווען פאַר השכלה, אָבער נישט אָן תורה. ער האָט גענומען שרייבן מעשה־ביכלעך אין יידיש און ער האָט פון דעם נישט געהאַט קיין חיונה און ער האָט געליטן נויט. ערשט, ווען ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער באַרימטער בוכהאַנדלונג און דרוקעריי ראָם און געשלאָסן מיט איר אַן אָפּמאַך צוצושטעלן יעדן פרייטיק אַ ביכל, האָט ער קוים געהאַט חיונה. דיק האָט געלעבט ביז יאָר 1893. ער האָט, הייסט עס, געלעבט 89 יאָר. די לעצטע יאָרן איז ער געווען עובר בטל. ש. ל. ציטראָן דערציילט זייער אינטערעסאַנט וועגן דעם ווי אַזוי מען האָט אים צוריקגעבראַכט פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן שפּאַציר, ווען ער איז שוין געווען עובר בטל און ווי אַזוי ער האָט געענטפערט מיט דער זעלביקער פראַזע, וואָס מען האָט אים געפרעגט:

— ווער זיינט איר?

— ווער איך בין...

די „חברה מפיצי השכלה" האָט דעם פּאָפּולערסטן יידישן שרייבער אָפּגעזאָגט צו געבן שטיצע אויף די עלטערע יאָרן, ווען ער איז שוין געווען קראַנק. ער איז שטיל געשטאָרבן און איז באַגלייט געוואָרן צו זיין רו כמעט בסוד. ער האָט אויף די עלטערע יאָרן באַשווירן זיין זון, אַז

מען זאָל נאָך אים נישט מאכן קיין הספדים און זיין זון האָט ערלעך געהאלטן זיין וואָרט. דיק האָט אָנגעהויבן שרייבן העברעאיש. צו יידיש איז ער איבערגעגאנגען, לויט ניגערן, אין די פערציקער יאָרן, לויט זלמן רייזען ערשט אין די פופציקער פון פ. י. ער האָט געשריבן יידיש לכל הפחות א פערציק יאָר. זיינע מעשה־ביכלעך זיינען פארקויפט געוואָרן אין אַ סך צענדליקער טויזנטער עקזעמפליארן. זייער א סך מעשהס האָט ער נישט אונטערגעשריבן און מ׳קען עד היום נישט מאכן קיין פולע ביבליאָגראפיע פון זיינע ווערק. ז. רייזען ווייזט אָן, אז אין 1869 האָט דיק געשריבן צו אַ פריינט, אז ער האָט א 200 יידישע חיבורים און ער מיינט, אז די צאָל פון זיינע מעשהס גרייכט צו פיר הונדערט.

די שפּראַך פון א. מ. דיק איז נישט פריי דאָ און דאָרט פון דייטש־מעריזמען, אָבער בכלל יידיש. דאָס וואָרט „פארשמייעט" האָט דיק איינ־געפירט אין זיין מעשה „ר׳ שמעיה גוט יום־טוב־ביטער" זאָגט ער, אז ר׳ שמעיה איז געווען אַזויפיל באשעפּטיקט, אז ווען איינער איז שטארק פארנומען, זאָגט מען, אז ער איז „פארשמייעט". דיק האָט געשריבן סיי מעשהס וועגן דעם לעבן פון זיין צייט, סיי אויף היסטאָרישע טעמעס. וועגן זיין מעשה „די שטיפמוטער" זאָגט ער, אז „די געשיכטע איז איינע ווארע מעשה, איך האָב נאָר אומגעענדערט די נעמען פון די שטעט און פון די פּארשוינען". די טענדענץ פון יעדער מעשה איז פאראַן בא דיקן אין דער הקדמה און אמאָל שוין אויף דעם שער־בלאט. אָפטמאָל גיט ער איבער אין דער הקדמה דעם גאנצן אינהאלט פון דער מעשה און ער האָט נישט מורא, אז דער לייענער און די לייענערן וועלן פארלירן דעם אינטערעס.

די סאמע ערשטע מעשה דיקס זאָל זיין „דער פּרוש פון באַרדי־טשעוו", וואָס האָט שפּעטער געהייסן „די אורחים אין דוראטשעסאָק". עס איז אייגנטלעך אַ באקאנטע מעשה וועגן צוויי אורחים, וואָס האָבן אָפּגענארט א שטעטל. איינער פון זיי איז געווען א בעל שם און דער צווייטער אַ חזן. דער בעל שם זינגט דווקא שבחים דעם חזן און דער חזן רעדט אויף אים אויס כל הרעות שבעולם און מען דערציילט דאָס דעם בעל שם און ער נעמט קרייען ווי א האָן. דער בעל שם ווערט געהויכט און געקרוינט און ער באקומט פדיונות וויפל ער וויל נאָר אַליין. די יידן פון שטעטל בעטן אים ער זאָל רחמנות האָבן אויף דעם חזן און ער היילט אים פּאוואָליע אויס.ביידע אורחים פאָרן אוועק מיט דער אמתער

מאַטניא פון שטעטל און אין אַ קורצער צייט אַרום קומען אָן געסט אין שטעטל אַריין, דערציילן זיי די זעלביקע מעשה וועגן א בעל שם און א חזן, וואָס האָט פּאַסירט ביי זיי אין שטעטל און אַלע לאָזן אַראָפּ די נעז פאַר חרפּה... עס איז אַ יידישער שפּאַס, וואָס האָט געקענט לייכט פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ גלענצנדיקער איינאַקטיקער קאָמעדיע.

דיק דערציילט אינטים און ער רעדט זיך דורך מיט זיינע לייענער און צומאָל ענדיקט ער אַ מעשה מיט דעם צוזאָג זיך ווידער צו זען מיט די לייענער. זיין מעשה „חייציקל” ענדיקט דיק אין גראַמען אָט אַזוי:

„נו, מיין טייערע לעזערין, דו האָסט זיך מסתמא פון דער דאָזיקער געשיכטע גענוג אָנגעלאַכט, זיי אָבער דאָך וויסן, אַז נישט דערפאַר אַליין איז עס (זי) געמאַכט... מיר מיינען, אַז דו זאָלסט ווערן דורך דעם א קלוגע מוטער, אַז עס זאָל פון דיר אַרויסקומען אַ זון אַ גוטער, דאָס הייסט אַזעלכער, וואָס זאָל אויף דער וועלט נישט עסן אומזיסט און זאָל נישט גיין ליידיק און וויסט, ווייל ווער עס טוט זיך ערלעך גענערן, יענעם טוט די גאַנצע וועלט ערן”.

שלום עליכם האָט דיקן גערופן „איינער פון די גיגאַנטן פון דער יידישער ליטעראַטור” און ער האָט געזאָגט, אַז זיינע מעשהס טראָגן אויף זיך א צויבערלעכקייט און א רייץ, אַז זיי לייענען זיך מיט פאַר־גענינגן”.

מען דערמאָנט אַ סך א שפּעטערדיקן יידישן שרייבער אַלס דעם הויפּט־געווינער פון לייענער פאַר דער יידישער ליטעראַטור — שמ'ר שייקעוויטש איז דער דאָזיקער שרייבער. און זייער זעלטן דערמאָנט עמיצער אין דעם פּרט דעם נאָמען פון אייזיק מאיר דיק. און דאָס דאָזיקע שטאַמט מסתמא פון נישט זיין גענוג באַקאַנט מיט דעם ענין. ווען מען וואָלט געוווסט ווי אומגעדולדיק יידן און יידענעס האָבן אין ווילנע און אין דער אומגעגנט געוואַרט יאָרן־לאַנג דורכאַנאַנד יעדן פרייטיק אויף דער נייער בראָשור, וואָס ברענגט אַ המשך פון א מ. דיקס א מעשה, וואָלט מען זיך געגעבן חשבון, אַז דער ערשטער געווינער פון צענדליקער טויזנטער לייענער אין דער צווייטער העלפט פון נייַנצנטן י. ה. איז געווען דער מחבר פון „די אורחים פון דוראַטשעסאָק”.

אין פּרט פון געווינען לייענער איז דיק געווען דער פאָרגייער פון איין זייט פון יעקב דינעזאָן און פון דער אַנדערער זייט פון — שלום עליכמען. זיינע זאַכן זיינען נישט געווען אַזוי מעלאָדראַמאַטיש־האַרצ־

רייסנדיק ווי דינעזאָנס, דערפאַר אָבער האָבן זיי געהאַט עפּעס פון דער טענדענץ פאַר השׂכּלה מיט טראַדיציע, וואָס דער מחבר פון „יאָסעלע" האָט פאַרמאָגט און זיי האָבן שוין אוודאי געהאַט אַן אָנזאָג אויף שלום עליכמס הומאָר. זיי האָבן יעדן פאַל געהאַט די דאָזיקע חכמה, וואָס איז זייער קרוביש מיט הומאָר.

שמ"ר האָט על פּי רוב גענומען פּאַרטיקע אינהאַלטן פון נישט־יידי־שע מאָמענטן און זיי קוים־קוים פאַריידישט און די פּאַסטריגעס זיינען געבליבן, דיק איז אַן אָרגאַנישער יידישער שרייבער און ער נוצט נישט די דאָזיקע ווילדע געשפּאַנטקייט מיט וועלכער שמ"ר האָט אויף דעם שטייגער פון די פראַנצויזישע בולוואַר־ראָמאַניסטן אָנגעצויגן די נערוון.

מען רופט מענדעלען מיט רעכט „דער זיידע פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", אָבער א זיידע פון אַט דער ליטעראַטור איז אויך א. מ. דיק. אַ זיידע. וואָס האָט נישט אָנגעטון קיין צוויי פּאָר ברילן און האָט נישט געשליפן יעדע פראַזע, אָבער דאָך אַ קלוגער זיידע, וואָס האָט געוווּסט, וואָס ער רעדט און וואָס ער טוט און וואָס ער דערציילט און צוליב וואָס ער טוט דאָס.

איז גאַליציע איז אויפגעקומען אַ פּאָעט, וואָס איז זיכער ווייט געווען נישט אַזוי שעפעריש, ווי עטינגער, אָבער ער איז געווען עפּאָכע־מאַכנדיק און ער איז אין א גרויסער מאָס געווען דער זיידע פון יידישן טעאַטער. דאָס איז געווען דער גרינדער פון די בראָדער זינגער, וועלכן מען האָט גערופן בערל בראָדער און וואָס איז פאַרבליבן האַלב־לעגענדאַריש. מען ווייסט אַפילו נישט זיכער, צי די דאָזיקע לידער, וואָס זיינען גע־דרוקט געוואָרן אַלס זיינע, זיינען טאַקע נאָר זיינע, צי זיי זיינען אַ קאָלעקטיווע שאַפונג. אַפילו וועגן זיין טויט איז פאַראַן אַ לעגענדע, אַז ער איז נישט געווען קיין נאַטירלעכער און אַז זיינע חברים האָבן אים אָפּגערוימט, ווייל ער איז געווען אַ טיראַן. דעם מחבר פון אַט דער אַרבעט איז אויסגעקומען צו האָבן שמועסן וועגן דעם דאָזיקן ענין מיט אַ סך בראָדער זינגער און נישט אַלע האָבן גערעדט מיט דעם פולן מויל וועגן דעם. ווער עס האָט געזאָגט: „איך בין געווען ערגעץ אַנדערש, ווען ער איז געשטאָרבן" און ווער עס האָט באַמערקט: „מען האָט געזאָגט"...

בערל בראָדער האָט פון געבוירן געהייסן מרגליות. זיין פאָטער איז געווען אַ ציגלמאַכער און ער האָט אַ שטיקל צייט געהאַט פּרנסה, ווייל עס איז געווען נאָך אַ שׂרפה. דערנאָך איז געוואָרן ערגער. דער פאָטער

איז בערלען יונג געשטאָרבן און דער זון האָט געמוזט איבערלאָזן דאָס לערנען און ווערן אַ בערשטל־מאַכער. ער איז פון דער סאמע יוגנט גע־ווען אַ לץ, וואָס האָט געמאַכט ווערטלעך, געזאָגט גראַמען און געזונגען לידלעך. מען האָט אים טאַקע גערופן „דער ווערטלזאָגער". ער איז מיט דער צייט געוואָרן אַ שטיק פּאַרוואַלטער אין אַ פאַבריק פון בערשטלעך און מען האָט אים געשיקט קויפן חזיר־האָר אין רוסלאַנד און דאָרט זאָל ער געווען אָנהויבן זינגען לידלעך און פּראַווען ליצנות אין די שענקען און אין עלטער פון פערציק יאָר איז ער געוואָרן אַ שעף פון אַ באַנדע בדחנים און לצים, וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבן „די בראָדער זענ־גער". אין בראָד אַליין איז דעמאָלט געווען אַ גוטע צייט. מען האָט גע־זאָגט, אַז ווער עס האָט אין בראָד אַ טיר צו דער גאַס, האָט אַ פענצטער צום הימל". דער עולם האָט זיך געוואָלט פאַרווײַלן און בערל האָט גע־האַט אַ גרויסן דערפאָלג מיט זיין כאַפּטע. די באַנדע איז געפאָרן אַלע מאָל קיין רוסלאַנד און האָט זיך אומגעקערט קיין בראָד, ווו זי האָט געזונגען אין גאַסט־הויז „פּינקוס", ווו עס איז געווען אַ מין וואַריעטע. אַן אַנדער גירסא, וואָס זאָל שטאַמען פון בערלס זון, דערציילט, אַז בערל איז געבוירן געוואָרן נישט אין בראָד, נאָר אין פּידקאַמיען און ער איז ייִנגלווייז געווען אַ בעלפער און אַנגעטון חרפּות דער מוטער. דערנאָך האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט אַ כאַפּטע לצים און בדחנים און געגרינ־דעט „די בראָדער זענגער". אין רומעניע האָבן די בראָדער געמוזט ענדערן דעם כאַראַקטער פון זייערע לידער־סצענעס. אין גאַליציע פלעגן זיי זינגען לידער וועגן אָרים און רייך און זיי האָבן געשטראָפט די רייכע און זיי געמוסרט און דערציילט, אַז אויף יענער וועלט זיינען אַלע גלייך, זיי האָבן אויך דאָ און דאָרט זאַטשעפּעט די פאַנאַטיקער, אין רומעניע האָבן די גראָבע ייִנגען נישט געוואָלט קיין מאָראַל און מען האָט פאַר זיי גע־מוזט זינגען גראָבקייטן. לויט ביידע וואַריאַנטן ווייסט מען נישט ווו בערל איז געשטאָרבן (אין רומעניע זאָגט מען, אַז אין דער שטאָט פּלאָיעשט) און מען צווייפלט, צי ער איז געקומען צו קבר־ישראל.

מיר פערזענלעך איז אויסגעקומען צו קענען פון דער נאָענט אייניקע מיטגלידער פון בראָדער זינגער. איינער פון זיי, יונה רייזמאַן, איז דער־נאָך געוואָרן איינער פון די בעסטע קאָמיקער אין גאָלדפאַדענס און גאָרדינס פּיעסן און ער האָט אפילו געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אַלס ר' אלי אין לייוויקס „שמאַטעס". אויך דער שענקער זינגער לודוויג, וועלכן

איך האָב געקענט פון דער נאָענט, האָט געהערט צו די בראָדער זינגער. איך האָב יונה רייזמאַן געזען שפּילן דעם „בראָדער זינגער, איינאַקטער „דער קראָקעווער, אָדער דער מאַן אונטערן טיש" און לודוויגן האָב איך געהערט זינגען פאַרשידענע לידער פון „בראָדער"־רעפּערטואַר. אין „קראָקעווער" האָט מען געקענט דערפילן גאָלדפאַדענס יאָנטל שנאָרער (פון „משיחס צייטן") און אַנדערע קאָמיקער פון טאַטן פון יידישן טעאַטער. אין דעם דאָזיקן איינאַקטער איז געווען אַ היפּש ביסל ניבול פּה, וואָס איז איבערהויפּט ארויסגעבראַכט געוואָרן דורך פּאַראָדיעס אויף תחינות. לודוויג האָט געזונגען אי מאָראַלישע, אי סאָציאַלע לידער, אי ניבול־פּה־קופּלעטן. איך געדענק אַ קופּלעט „אַ ביסעלע פון אויבן — נעמט אַראָפּ פאַר מיר" און איך געדענק די טריפהנע פינטלען מיטן אויג, וואָס ער האָט געמאַכט, ווען ער האָט געזונגען וועגן אַראָפּנעמען פון אויבן — איר ווייסט שוין ביי וועמען... איך האָב קיין פולע פאָרשטעלונג פון די בראָדער זינגער נישט געזען, אָבער לויט דעם ווי די דערמאָנטע יונה רייזמאַן און לודוויג האָבן מיר דערציילט, וואָלט איך געקענט קאָנסטרואירן געווי אַזאַ מין „פאָרשטעלונג". אַ געמיש פון רעסטאָראַציע און שענק, וואָס איז פול מיט פּאַרע, רויך, ריח פון געווירצט געקעכטס און וויין און בראָנפן. אַלע מאָל באַשטעלט אָן אַנדער אַ „זראַזע" (אַ ראָסל־פלייש מיט קוילן פון פלייש), אָדער אַ באָק ביר. ביי אַ טיש מיט ברענענדיקע ליכט שטייט בערל בראָדער, אַרומגערינגלט מיט דער „טרופּע" און ער זינגט און שטעלט פאָר און אַלע האַלטן אים אונטער אַ טאָן, אַזוי ווי משוררים אַ חזן. די צוהערער לאַכן, האָבן אַ הנאה, ווערן טרויעריק, פילן מיט, ווילן אָבער לאַכן און איינער צעשרייט זיך: „נישט קיין טרערן! זאָל ער זינגען פריילאַכס דער לאַזיקער (לייזיקער) פּאַיאַץ!"...

בערל בראָדער איז געווען דער סאָליסט און ער האָט אַ קליין ביסל זיך פאַרשטעלט. אַז ער האָט געשפּילט אַ בעקער, האָט ער אָנגעטון אַ ווייס היטל, אַז ער האָט געשפּילט אַ שוסטער, האָט ער אָנגעטון אַ פאַרטוך און גענומען אַ דראַטווע אין האַנט. א. אַ. וו. אַז ער האָט געשפּילט אַ חזן, האָט ער אָנגעטון אַ יאַרמעלקע. די מערסטע לידער־סצענעס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט אַן „איך נעבעך" (געזונגען האָט ער גאַליציאַניש און געזאָגט „עך" אנשטאָט איך). „עך נעבעך אָרימער וועכטער", „עך נעבעך אומגליקלעכער מלמד", „עך נעבעך בידנער פאַסטוך", „עך אָרימער און פינצטערער בעל־עגלה" א. אַ. וו. מען זאָגט, אַז ביי די בראָדער

איז גאָר נישט געווען קיין השכלה מאָטיוון, אויך זלמן רייזען זאָגט דאָס זעלביקע. איך פֿערזענלעך געדענק אַ לידל, וואָס יונה רייזמאַן האָט מיר געזונגען פֿון בערל בראָדערס רעפּערטואַר, אין וועלכן עס האָט אַ חזן געזונגען וועגן די געברווינטע ליידן, וואָס ער האָט פֿון די פֿאַנאַטיקער און דאָרט האָט זיך געזאָגט:

זינג איך אויף נאָטן,
ווערן די חסידים אויפגעזאָטן,
אייניקע זאָגן: כ׳קוק צו די ווייבער אַרויף...

בערל בראָדערס לידער זיינען צום ערשטן מאָל דערשינען אין פּרעסבורג — דאָס היינטיקע בראַטיסלאַווע — ווארשיינלעך אין אָנהויב פֿון די זעכציקער יאָרן אין פֿאַריקן יאָרהונדערט — א. נ. „שיר זמרה״. אין דער דאָזיקער זאַמלונג זאָל געווען האָבן אַריינגעגאַנגען „דרייסיק הערלוכע בראָדער לודער אין ריין יודיש לשון, יעדעס ליעד בזונגט שיין אן אנדרו מענשין און זאָגט אַקאַראַט דעם קאראקטע פין יעדן, אז עס איז א גרוס פֿאַרגנוגן צו לעזון און אויך לערונט מען דערפֿון זייער פיל חכמה״. די זעלביקע לידער זיינען דערשינען צום צווייטן מאָל אין לעמ־בערג אין יאָר 1876.

וועגן בערלען דעם אַקטיאָר און זינגער גייען אום די פֿאַרשידנסטע מיינונגען. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער האָט אי געזונגען, אי געשפּילט שיין, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אים אויסגעשאָטן פֿון אַן אַרבל. די בראָדער זינגער האָבן געזונגען לידער וועגן די פֿאַרשידנסטע געלעגנהייטן און אַלערליי שריפֿות, מגפֿות און מחלוקתן זיינען געווען פֿאַר זיי טעמעס. אין אַ געוויסער מאָס זיינען אין די בראָדער וואַריעטע־פֿאַרשטעלונגען שוין געווען רעווי קופּלעטן די מוזיק איז געווען יידישלעך, היפּש באַאיינפֿלוסט פֿון תפֿילות און פֿון דעם נוסח פֿון די פּירזאָגערנס און זייער אָפּט איז דאָס געזאַנג געווען מער רעטשיטאַטיוו. דער גאַנצער בערל בראָדער איז אַ געמיש פֿון אַן ערשטן פֿאָלקדיכטער און אַקטיאָר און דערצו איז ער נישט דורכויס אינדיווידועל און מען וועט שוין מסתמא קיינמאָל נישט קענען אויסשיילן דאָס אינדיווידועלע פֿון דעם קאָלעקטיוון אין די לידער־מאַנאָלאָגן און סצענעס, וואָס זיינען געבליבן פֿון אים.

גאַליציע האָט גיך אַרויסגעגעבן אַ יידישן פֿאָלקס־דיכטער פֿון אַ סך אַ העכערע מדרגה. דאָס איז געווען וועלוול זבאַרזשער (עהרענקראַנץ).

וואס האט געשטאמט פון דער גאליצישער שטאט זבאראזש. ער האט פארפאסט לידער אין העברעאיש און יידיש און די יידישע האט ער אליין פארגעזונגען און פארגעלייענט אין די שענקען, אבער אויך גאר אן אנדער אופן. ער האט נישט געהאט קיין קאפעליע און ער איז דערשינען נאר ווי א סאליסט און ער האט נישט געזונגען אין קיין לאקאלן מיט קיין צו פראסטן עולם. ווען ער האט „פארגעטראגן”, האט מען געמוזט אפשטעלן דאס סערווירן. אקאמפאנירט האט אים א פידל, אדער אן ארגל. איך האב פארכאפט אין רומעניע א לעצטן זבארזשיאנער, א זינגער, וואס האט געזונגען כמעט נאר זבארזשערס לידער. ער איז שוין געווען אלט און ער האט נישט געהאט קיין צייט און די דיקציע איז נישט געווען קיין קלארע, דאך האט מען צו אים צוגעהערט, אפשר אויס רעספעקט צום מחבר, אפשר צוליב דעם פילאזאפיש־מעלאנכאלישן אינהאלט פון די לידער. עס פלעגט זיך שאפן א געוויסע שטימונג, אדאנק די אנגעצונדענע ליכט און א דאנק דער שטילקייט. מיר געדענקט זיך א ליד, וואס האט געמאכט א שטארקן איינדרוק, כאטש איך האב דאס געפיל, אז דאס ליד איז נישט וועלוולס. אט ווי עס זיינען די ווערטער פון דעם דאזיקן ליד (געהייסן האט יענער זינגער שראגער):

טיפע געדאנקען, קעפלעך געשליפן
אויף יעדן ארט, ווו מען נור גייט,
טעלעגראפן מאשינען, לאקאמאטיפן —
א תענוג צו זען, א פרייד.
טערמא־בארא־מעטער, עלעקטרא־מאגנעטן,
באלויכטונג פון עלעקטריציטעט,
מען אנטדעקט נאך אין הימל נייע פלאנעטן,
דעם בליץ בינדט מען צו מיט דער קייט.
רעפרען: אבער די בילדונג זי ברענגט נישט קיין שלום,
דער פארשריט איז הבל הבילם,
זיי זיינען ווי פריר,
ווילד ווי די טיר (חיות)
זיי בייסן זיך, פרעסן זיך אויף.
ווער שמועסט איך ישראליק האב צו זינגען, צו זאגן
פון דער הייליקער קריסטלעכער ליב',
פון בייסן, פון רייסן, פון נאגן, פון פלאגן,

פון שטערן ביז אין גרונט פון מיין שטיב.
אוי, אוי מיין לעבן איז נישט ווערט קיין גראָשן
איך לעב דאָך נאָר ווי אין סדום,
מען פייניקט מיך, ביז וואַנען איך בלייב אָן לשון
און מען וואַרפט מיך אַריין אין תהום.
רעפרען: די בילדונג, זי ברענגט נישט קיין שלום
א. אַ. וו.

וועלוול זבאַרזשער איז געבוירן געוואָרן אין דער גאַליציאַנער שטאָט זבאַראַזש צווישן 1812 און 1826. גענוי ווייסט קיינער נישט, אָבער 1812 איז צו־פרי. בערל בראָדער איז געבוירן געוואָרן אין 1815 און אין דער לעגענדע מיטן קערן אמת וועגן דער באַגעגעניש צווישן אָט די ביידע קומט אויס, אַז וועלוול איז געווען אַ סך ייִנגער פון בערלען. מען נעמט אָן אַלס זיין געבוירן־יאָר — 1823. זיין פאָטער איז געווען אַ שוחט. ער האָט חתונה געהאַט זייער יונג און אייניקע דערציילן, אַז זיין ווייב איז געווען אַ פאַנאַטישע און ער האָט מיט איר זיך נישט געקענט איינפאַר־שטיין און ער האָט זיך דערפאַר מיט איר געגט. אַנדערע דערציילן, אַז זי האָט אים דווקא גוט פאַרשטאַנען און אַז צוליב איר האָט ער זיין ערשטן העבּרעאישן שיר איבערגעזעצט אויף ייִדיש און געמאַכט אַ מעלאָדיע און געזונגען פאַר איר און אין שטעטל האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ער איז געוואָרן אַן אפּיקורס און אירע פאַנאַטישע עלטערן האָבן איר געצוווּנ־גען זיך צו גטן מיט אים. דער משׂכּילישער העברעאיש־ייִדישער שרייבער י. ב. זילבערבוש דערציילט, אַז וועלוול איז אוועקגעפאָרן קיין רומעניע, איז געווען מלמד ביי אַן אַרענדאַר נעבן באָטאָשאַני און ביי געבראָטן פלייש און רויטן וויין האָט ער געגומען זינגען זיינע לידער, וועלכע ער פלעגט אימפּראָוויזירן אויף ייִדיש און העברעאיש. פון דאָרט אַרויס האָט ער געקראָגן אַ שם און מען האָט אים גענומען דינגען אַלס פּאַרוויילער אין שענקען און און מען האָט אים אָנגעבאָטן צו ווערן בדחן, אָבער פון דעם האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. געזונגען האָט ער אויסגעפּוצט אין פּראַק, אָדער גייראָק און מיט אַ צילינדער אויף דעם קאָפּ. שפּעטער מיט יאָרן איז וועלוול געוואָרן אַ פּאַרוויילער אויך אין די שענקען פון ווין, אָבער אומעטום האָט מען זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ צו אים. די חסידים האָט ער באַקעמפט און זיי האָבן אים צוריק באַקעמפט, אָבער זיינע לידער קעגן זיי זיינען נישט געווען צו־שאַרף. זיין באַנד סאַטירישע לידער האָט ער

אַנגערופן „מקל נועם" (אַ זיסער שטעקן) און דאָס דאַזיקע האָט געמיינט צו זאָגן, אַז ער שלאָגט מיט רחמנות. זיין פּאַעמע־דראַמע וועגן דעם ריזשינער רבינס זון ר׳ בער פון ליעווער, וואָס איז אַרויס לתרבות רעה, האָט ער גערופן „מקל הובלים" (אַ ווייטיקלעכער שטעקן) און דאָ האָט ער שוין נישט געשלאָגן מיט רחמנות. אין אָט דער פּאָעמע זינגען די באַ־רימטסטע רביים פון יענער צייט, ווי דער טשאָרטקאָווער, סאַדעגערער, הוסיאַטינער, שטעפּאַנעשטער א. א. וו.:

ניין, ניין, ניין, איר ווייסט דאָך אליין,
אַז קיין פרומער איז אונדזער טאַטע נישט געווען.
(דאָס זינגען זיי אַזוי וועגן דעם לעגענדאַרישן ריזשינער רבין...)

וועלוול זבאַרזשער איז געוואָן איינער פון די באַרימטסטע קעמפער קעגן פאַנאַטיזם און חסידיזם און איינער פון די באַרימטסטע באַהעמען פון זיין צייט. וועגן זיינע אַרויסטרעטן קעגן די פאַנאַטיקער דערציילט מען אָן אַ שיר מעשהס, אייניקע פון זיי דערציילן אויך וועגן אַנדערע משכילים, ווי מאַפּו, פּרץ סמאָלענסקי, ליליענבלום א. אַ. מען דערציילט, אַז מען האָט אים געפּאַקט פּוצן די שטיוול אום שבת און געשלעפּט צום רב און דער רב האָט צו אים געשריען, אַז איבער אים שטאַרבן קליינע קינדער און ווען ער האָט געפרעגט נאַאיוו:

— פּוצן די שטיוול טאָר מען אויך נישט?

— אוודאי האָט דער רב געענטפערט — ס'איז אַן אָב מלאכה.

— אפשר — האָט ער געענטפערט — פאַר אַזאַ קאַליקע ווי איר זיינט, איך קען אָפּפּוצן צען פּאָר שטיוול און ס'זאָל מיר נישט שאַדטן.

ווען מען האָט אים געכאַפּט שפּאַצירן מיט אַ ווייבל, האָט מען אים ווידער געשלעפּט צום רב און ווידער האָט אים יענער געמוסרט פאַר־וואָס ער גייט אַרום מיט אַ פרעמדער פרוי און וועלוול האָט געענטפערט:

— זי איז נישט קיין פרעמדע, רבי, זי איז אַ היגע, איך קען אייך ברענגען איר געבורט־שיין.

וועגן זיינע באַהעמישקייטן און הוליאַקעס דערציילט מען אַ סך וויצן אין פאַרבינדונג מיט דעם באַרימטן העברעאיש־יידישן שרייבער און משכיל ראובן אָשר ברוידעס (1851־1902), וואָס האָט אַ לאַנגע צייט גע־לעבט אין רומעניע און זיי האָבן ביידע געהאַט צו טון סיי מיט פּראָסטע יידן און סיי מיט פרומע און איבערהויפּט מיט רבנים. ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט וועלוול חוזק געמאַכט פון ברוידעסעס ליטוויש־יידן

און יזינער האָט אים געפרעגט די קשיא פאַרוואָס די קו גייט אין פעלד אריין מיט אן אראָפּגעלאָזטן עק און טרויעריק, כאָטש אין פעלד איז דאָ פרייהייט און פרישע פאשע און פארנאכט, ווען מען גייט אהיים, ווערט זי פריילעך און הייבט אויף דעם עק, כאָטש אין שטאל איז זי נישט פריי און די פאשע איז אלטע. וועלוול האָט נישט געוואוסט צו ענטפערן און ברוידעס האָט געענטפערט:

— אין פעלד איז טאקע בעסער, אָבער די קו האָט מורא פאר דעם וואָלף, אין שטאל איז ערגער, אָבער די קו האָט מער נישט מורא פאַר דעם וואָלף און זי פארגייסט דערפאר דעם עק און זאָגט: „וועלוועלע, וועלוועלע, קוש מיר אין ת... אריין".

מען כאפּט דעם שטאָך, ווען מען געדענקט, אז זבארזשער האָט געהייסן וועלוול...

נאָך אָט דעם שטאָך זיינען ביידע געוואָרן חברים און ביידע האָבן אויסגעשטורעמט א דועט־לעבן, וואָס ווארט נאָך אויף דעם קינסטלער, וואָס זאָל דאָס פאַרפיקסירן. איציק מאַנגער האָט זיך צוגערירט צו וועלוול זבארזשער מיט אומגעהויערער הארציקייט, ער האָט אין אים דערפילט א פאַרגייער, אָבער דעם זבארזשער־ברוידעס מאָטיוו האָט ער נישט באַרירט. פאראן א מעשה וועגן דעם ווי אָט די צוויי שרייבער זיינען פארביי־געגאנגען דעם שטאל פון קעניג קאראָלס פערד אין בוקארעשט און וועלוול האָט באטראכט די שיינע, ריינע און געפּוצטע סוסים און ער האָט געזאָגט, אז ס'איז בעסער צו זיין אַ פערד ביים קעניג קאראָל, איידער א זינגער ביים יידישן פאָלק און ברוידעס האָט אַ דונער געטון:

— און דאָך בין איך זיי נישט מקנא.

— פארוואָס? — האָט וועלוול געפרעגט? זיי זיינען ריינער ווי מיר און זיי לעבן בעסער.

— ווייל — האָט ברוידעס אַ דונער געטון — איך וויל קיין פערד נישט זיין...

אין די זעכציקער יאָרן איז וועלוול אוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דאָרט האָט ער חתונה געהאט מיט א באַרימטער באלעבאָסטע פון אַ רעסטאָראַן, וואָס האָט געהייסן „מלכהלע די שיינע". ער איז, ווייזט אויס, געווען באקאנט מיט איר פון רומעניע, פון וואנען זי האָט גע־שטאַמט. און ער איז ספּעציעל געפאָרן צו איר. געשטאָרבן איז ער אין

יאָר 1886 פון א לונגען־אנטצינדונג. ער איז אַלט געווען אריבער זעכציק יאָר.

אַלס א העברעאישער פּאָעט איז ער א פאַרגייער פון י. ל. גאָרדאָן. ער האָט געשריבן אביסל וויניקער מליצהדיק ווי די העברעאישע פּאָעטן פון זיין דור. ער פלעגט אמאָל א שרייב טון מיט הארץ און מיט נשמה און ער האָט גערירט. נאָך די פּאָגראָמען אויף יידן אין רומעניע, אין די זעכציקער יאָרן, האָט ער אָנגעשריבן דאָס בארימטע ליד זיינס „רומעניע”, וועגן וועלכן פרץ סמאָלענסקי האָט געשריבן, אז מען וואָלט דאָס גע־דאַרפט איבערזעצן אויף אלע אייראָפּעאישע שפּראכן. עס הייבט זיך אָן מיט אָט די ווערטער:

הביטה מן השמים, הביטה, אל חי,
כסדום ועמורה מאָלדאָווא וואָלעכיי.

(קוק פון הימל, קוק, לעבעדיקער גאָט, ווי סדום און עמורה איז מאָל־דאָווע און וואָלעכיי).

זיינע יידישע לידער, וואָס זיינען דערשינען אינאיינעם מיט די העב־ברעאישע, האָט ער גערופן „פאָלקס־לידער אין פּאָלניש־יודישער מונד־ארט”, אָבער זיי זיינען געווען ווערליק פאַר יענער צייט גענוג פריי פון דייטשמעריזמען. אין זיין ליד „די מאָלדאווישע איבער די פּוילישע” ווערט געזאָגט וועגן די פּוילישע מלמדים, אז

טויזנט רוחות ליגט אין יעדן באַזינדער,
און ווילן אויסשמדן אונדזערע קינדער.

זייענדיק א באַהעם, האָבן רעגירונגען פונדעסטוועגן גענומען גאנץ ערנסט זבאַרזשערן און פון רומעניע האָט מען אים אַרויסגעשיקט צוויי מאָל — איין מאָל פאַר דעם שוין דערמאָנטן ליד „רומעניע” און איין מאָל צוליב א חסידישער מסירה און פון ווין האָט מען אים ארויסגע־שיקט פאַר א ליד קעגן עסטרייך. אַלס קוריאָז ווערט דערציילט, אז אויף קיין חתונות האָט וועלוול קיינמאָל נישט געזאָגט קיין גראַמען אָבער איין מאָל האָבן אים גנבים פארשלעפּט אויף זייערער א חתונה און דאָרטן האָט ער יאָ געזאָגט גראַמען, אָבער וואָס ער האָט געזאָגט — ווערט נישט דערציילט. לויט זיין אויפפאַסונג זיינען צווישן נישט־גנבים געווען גרע־סערע גנבים ווי צווישן גנבים...

אין וועלוולס לידער פעלט נישט דער טראַפאַרעט „נאָך דעם טויט איז אָרים און רייך גלייך”, אָבער ער האָט פאַרט אריינגעבראַכט אַן

אינדיווידועלן טאָן, ער האָט געזונגען וועגן פּערזענלעכע ליידן, וועגן ליבע און וועגן דער שטרעבונג פון מענטשן צו פרייהייט. פאַראַן קרובהשאפט אין זבאַרזשערס לידער מיט דער גרויסער וועלט־שמערץ פּאָעזיע פון ניינצנטן י. ה. מען דאַרף געדענקען, אַז וועלוולס לידער זיינען אימפּראָוויזירט געוואָרן אויף צוויי שפּראַכן (ער האָט פאַרגעטראָגן און פאַרגעזונגען אויך אין העברעאיש, כאָטש מען האָט נישט פאַרשטאַנען) ביי אָנגעצונדענע ליכט אין שענקען, אַמאָל פאַר שיכורים און אַמאָל ווען דער דיכטער איז אַליין געווען אין אַ צוגעטרונקענעם צושטאַנד.

אברהם גאָטלאָבער האָט געשריבן העברעאיש און יידיש. ער האָט די באַציאונג צו יידיש געביטן, לויט זיינע שטימונגען. ער האָט אייניקע מאָל זיך געווענדט צו אַלע משכילישע שרייבער, אַז זיי זאָלן שרייבן יידיש פאַר דעם פאָלק און ער האָט אַ פּאָר מאָל אַרויסגעטראָטן קעגן דעם „לשון בבל" און אין אַ דייטשן (אָדער דייטשמערישן) בריוו צו אַ פרוי האָט ער געשווירן מער נישט שרייבן אין „גאָטלאָזן באַרבאַריזמוס". און דאָך איז ער פאַרבליבן אַלס אַ זייער וויכטיקער יידישער שרייבער און זיינע „זכרונות וועגן יידישע שרייבער" זיינען עד היום אַ קוואַל וועגן דעם פאַרטאָג פון אונדזער ליטעראַטור. גאָטלאָבער איז בכלל געווען אַ שטימונג־מענטש. ער האָט יאָרן־לאַנג אַרויסגעגעבן דעם העברעאישן זשורנאַל „הבוקר אור", וואָס האָט אַגיטירט פאַר מענדעלסאָנס שיטה קעגן סמאָלענסקיס נאַציאָנאַליזם און נאָך די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן האָט ער חרטה געהאַט און זיך געשלאָגן על חטא און ער איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַליסט און אַ חובב ציון.

געבוירן געוואָרן איז א. ב. ג. אין אַלט־קאָנסטאַנטין אין יאָר 1811 ביי אַ פּאָטער אַ חזן. נאָך בר מצווה האָט מען אים חתונה געמאַכט מיט אַ מיידל פון 12 יאָר. ער האָט געהאַט אַ נטיה צו חב״ד. ער איז יונגערהייט אַוועק קיין גאַליציע, בכדי צו אויסמיידן מיליטער־דינסט און זיך דאָרט באַפריינדעט מיט משכילים און ער איז אַליין געוואָרן אַ משכיל און זיך געמוזט גטן מיט זיין פרוי. ער האָט זיך באַקענט מיט לעפינס יידישע תנ״ך איבערזעצונגען און אונטער זיין השפעה האָט ער גענומען שרייבן יידיש. אין יאָר 1832 איז ער געווען אין קרעמענעץ און זיך דאָרט באַפריינדעט מיט יצחק בער לעווינזאָן און זייט דעמאָלט איז ער געוואָרן אַ געטרייער דינער דער השכלה. ער איז יאָרן־לאַנג געווען ראש פון די משכילים אין דובנאָ, ווו ער האָט געענדיקט אויף לערער. ער איז דערנאָך

אַריבערגעפירט געוואָרן אלס לערער אין בארימטן זשיטאָמירער ראבינער־סעמינאר. זיין זשורנאל „הבוקר אור" האָט ער געגרינדעט, ווען ער איז שוין געווען אַ מאן פון 64 יאָר.

א. ב. גאָטלאָבער האָט געשריבן זייער א סך אין יידיש, כאָטש ער האָט געהאט מאָמענטן, ווען ער האָט געשריבן וועגן יידיש מיט ביטול. ער איז נישט אַזאַ גאנצער יידישער דיכטער ווי שלמה עטינגער און נישט אַזאַ גאנצער יידישער פּראָזע־שרייבער ווי י. אקסענפעלד, אָבער קיין צו־פעליקער אַריינקומער אין יידיש ווי א יצחק בער לעווינזאָן, איז ער אויך נישט. ער איז געווען אַ באָהעם און אַ וואַנדערער און ער האָט געלעבט פון דעם, וואָס ער האָט פאַרגעלייענט און פאַרגעזונגען זיינע לידער, צו וועלכע ער האָט אליין געמאכט מעלאָדיעס און דאָס דאָזיקע האָט אים געמוזט האלטן ביי יידיש. צוליב זיין ארומוואַנדערן איז ער געווען זייער פּאָפּולער און די חסידים האָבן אים געהאלטן פאר א זייער געפערלעכן משכיל און א שטיק צייט איז אין וואָלין געווען א זידל־וואָרט — דער־ציילט ציגבערג — „דו אפּיקורוס, דו אלף, בית, גימל" (אברהם בער גאָט־לאָבער). זיינע פּאָפּולערסטע פּאָעמען אין יידיש זיינען „איש חסיד", „דער בידנער ישראליק". זיינע צוויי פּאָעמען „די פארקערטע וועלט" און „פעלדבלומען" האָט אַ בריווטרעגער פארלוירן. זייער פּאָפּולער איז זיין פּאַראָדיע אויף שילערס „גלאָק" „דאָס ליד פון קוגל" און עס איז געווען אַ צייט, ווען קינד און קייט האָבן געקענט זיין סאטירע „אין וואלד, ווען די חיות האָבן אויסגעקליבן דעם לייב פאר א קעניג". זיין סאטירע „דער גילגול" איז אַ פרייע איבערזעצונג פון יצחק ערטערס אנטי־חסידישער סאטירע „הצופה לבית ישראל".

צום שטארקסטן איז גאָטלאָבער אין דער סאטירע. פאראן ביי אים שטעלן, וואָס פּאסן נאָך עד היום גאנץ גוט פאר א ניו יאָרק און בוענאָס איירעס. ער רעדט עמכדיק פּראָסט און גיט א זאָג:

וואָס שטופּט איר אייך פארכעס אין דער היץ?
אז איר האָט נישט קיין שכל, קיין וויץ!
חזרים, אייזלען, פערד, בערן,
וואָס ווילט איר אַלע קהלס לייט ווערן?
און ווי קומט עס צו אייך, אז איר קענט אלע מכהס?
אין וואלד אריין איר לײדאַקעס.

אַט ווי עס ענדיקט זיך די סאַטירע „ווען דער וואָלף האָט דעם לייב אַלס מלך אויסגעקליבן":

דער וואָלף פירט זיך ווידער ווי ער האָט זיך געפירט,
דער שוואַכער ליגט שטיל, דער שטאַרקער פאַרפירט,
דער גרויסער איז גרויס, דער קליינער איז קליין —
ווייל איז דעם ווער עס האָט שאַרפע ציין.

א. ב. ג. דערציילט אליין, אַז ער האָט אָנגעשריבן זיין פּיעסע „דער דעקטוך, אָדער צוויי חופּות אין איין נאַכט" אונטער דער השפּעה פון עטינגערס „סערקעלע". קיין דירעקטע השפּעה איז אין אָט דער פּיעסע נישט פאַראַן פון סערקעלען. דער מחבר מיינט צו זאָגן, אַז עטינגער האָט אים באַווירקט צו שרייבן אַ פּיעסע. גאָטלאָבער האָט געהאַט אָנגעשריבן עטלעכע פּיעסן אין העברעאיש, אָבער גאַנץ בלייכע און אַבסטראַקטע. די איינציקע פּיעסע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין יידיש, איז מיט אַ קאָנ־קרעטן אינהאַלט און מיט אַ בולטער טענדענץ. ער טרעט אַרויס קעגן יחוס און ער ווייזט, אַז צוליב אים גיט מען אויס אַ געראָטענע טאָכטער פאַר אַ שלימזל, אַ טויגענישט. פאַראַן אין „דעקטוך" דער סאַמע עיקר פון גאָלדפאַדענס „קוני לעמל" און „שמענדריק". דאָס איז די ערשטע פּיעסע אין יידיש, וואָס האָט לידער און קופּלעטן. אין אָט דער פּיעסע זיינען שוין פאַראַן אַ סך עלעמענטן פון גאָלדפאַדען־טעאַטער.

זייער פּאָפּולער איז געווען אויך דער העברעאישער דיכטער מיכל גאָרדאָן, וואָס האָט געשריבן אַ ווייכן און האַרציקן יידיש. זיין ליד „די באָרד" מיט דעם צושפּיל „געוואַלד די באָרד, די באָרד זאָל מיר זיין" האָבן הונדערטער טויזנטער יידן געזונגען. זיין ליד „איר זיינט דאָך, ר' ייד, אין פּאָלטאַווע געווען" פאַרמאָגט אַזאַ פאָלקסטימלעכקייט, וואָס אַנ־דערע פּאָעטן פון זיין צייט האָבן נישט געהאַט.

איר זיינט דאָך, ר' ייד אין פּאָלטאַווע געווען,
האָט איר דאָך דאָרט מיין מאַן געזען,
מען זאָגט, מען זאָגט — בושה אין אַ זייט,
מען זאָגט ער איז געוואָרן פאַרשייט...

מיכל גאָרדאָן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1823 אין ווילנע. ער איז געווען זייער באַפריינדעט מיט דעם צאַרטן און יונג־פאַרשניטענעם פּאָעט מיכה יוסף לעבענזאָן, דער זון פון אדם הכהן. מען האָט מ. ג. גע־רופן: דער גרויסער מיכל" און מ. ל. „דער קליינער מיכל". מיכל גאָרדאָן

איז געווען י. ל. גאָרדאָנס שוואָגער, ער האָט חתונה געהאַט פאַר דעם גרויסן העברעאישן דיכטערס שוועסטער און זייענדיק עלטער פון י. ל. ג., האָט ער אויף־אים געהאַט אַ היפּשע השפּעה.

מיכל גאָרדאָן האָט אויף יידיש געקוקט מן הצד, ווי אַ סך משכילים און ער האָט אויף יידיש דאָך אָנגעשריבן זיינע שענסטע לידער. זיין „שטיי אויף, מיין פאָלק, דערוואַך פון דיין דרימל" (איינקע שרייבן עס על פּי טעות צו גאָלדפאַדענען) איז געזונגען געוואָרן אַ פּאָר צענדליק יאָר. זיין ליד משקה (דורך משקה בין איך אויף דער וועלט געקומען) ווערט עד היום געזונגען אויף פאָלקסטימלעכע יידישע שמחות. ער האָט אָנגעשריבן אויף יידיש „די געשיכטע פון רוסלאַנד" און די חברה מפיצי השכלה האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו דריקן, ווייל ס'איז נישט אויף רו־סיש און נישט אויף העברעאיש.

מיכל גאָרדאָן האָט געלעבט 67 יאָר און ער האָט געליטן אַ סך דחקות און נויט. ער איז געווען אַ קרעמער און אַ בוכהאַלטער און אַ לערער און ער האָט געמוזט אָנקומען צו מעצענאַטן און האָט זיינע הע־ברעאישע און יידישע ביכער נישט געקענט אַרויסגעבן. זיין ליד „מיין לעבנסצייט", אין וועלכן ער פאַרגלייכט דאָס מענטשלעכע לעבן צו אַ פאַראָם, וואָס גייט איבער אַ טייך, איז שוין ריינע ליריק, כאָטש ער האָט כסדר געזאָגט, אַז ער שרייבט יידיש נאָר צו באַלערנען דאָס פאָלק אין גייסט פון השכלה. דעם זעלביקן לירישן סענטימענטאַליזם קען מען געפינען אין זיין ליד „מיין לעצטער טאָג". ער האָט זיינע יידישע לידער אונטערגעשריבן מיט דעם אַנאַגראַם „דל גר מך אָנכי", ווייל אים האָט זיך געוויס געדאַכט, אַז זיי פאַרשאַפן אים נישט קיין כבוד, אָבער זיינע יידישע לידער האָבן דווקא איבערגעלעבט זיינע העברעאישע שירים. מיכל גאָרדאָן געהער איינעם מיט וועלוול זבאַרזשער צו די בעסטע יידישע ליריקער פון יענער עפּאָכע.

אַ ביסל געשיכטע פון דער יידישער פרעסע

אויב עמיצער וועט אייך זאָגן, אַז ער קען גרינטלעך די געשיכטע פון דער פרעסע בכלל, נישט נאָר פון דער יידישער, זאָלט איר אים נישט צו־שטאַרק גלייבן. עס איז זיכער, אַז צייטונגען זיינען אַרויסגעגאַנגען נאָך איידער גוטענבערג האָט געמאַכט זיין דערפינדונג און מען האָט

געדאַרפט שרייבן קאַפּיעס מיט די הענט. פאַרשטייט זיך, אַז אין קיין צו־פיל עקזעמפּליאַרן זיינען די געשריבענע בלעטער נישט דערשינען. מען ווייסט אפילו נישט גאַר גענוי, וואָס האָט באַוויגן מענטשן אַרויסצוגעבן ציטונגען. אייניקע מיינען, אַז דער ערשטער שטויס צו דער ציטונג האָט געגעבן דער האַנדל. מען האָט געוואָלט וויסן פּרייזן פון סחורות אין פאַרשידענע לענדער. פאַראַן אַ מיינונג, אַז מלחמות האָבן געגעבן דעם ערשטן שטויס צו אַרויסגעבן אַ בלאַט. מען האָט געוואָלט וויסן נייעסן פון שלאַכטפעלדער. פאַרשטייט זיך, אַז ווען קיין טעלעגראַף איז נישט געווען און די אָקסן־פּאָסט איז געווען דער הויפּט־טראַנספּאָרט־מיטל, זיינען די נייעס אַמאָל געגאַנגען חדשים לאַנג. אָבער אין די אַלטע ציטן האָבן מענטשן געהאַט מער צייט און מער געדולד. מען ווייסט אפילו נישט, צי די ערשטע בלעטער זיינען דערשינען אין גראַמען, אָדער אין פּראָזע. אַ סך מיינען, אַז די ערשטע ציטונגען זיינען געווען באַלאַדן, וואָס האָבן דערציילט וועגן געשעענישן. און עס פעלן טאַקע נישט קיין דאָקומענטן וועגן געוויסע געשעענישן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין גראַמען: און פּונקט ווי ס׳האָט זיך געקריסטלט, האָט זיך געיידלט. עס זיינען פאַראַן אַ סך לידער וועגן יידישע צרות און וועגן גזירות אויף און שריפות ביי יידן, וואָס מען האָלט פאַר ציטונגען פון יענער צייט. מען האָט, ווייזט אויס, אין יידיש אפשר נאָך מער געשריבן נייעס אין גראַמען, ווי אין אַנדערע שפּראַכן. דאָס וואָרט „ציטונג" אין היינטיקן זין פון וואָרט ווערט אין יידיש דער־מאָנט ערשטן אין אכצנטן י. ה.; אין ספר „קוהלת שלמה", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1772, ווערט געזאָגט, אַז מען טאָר אום שבת נישט נעמען קיין ציטונג אין דער האַנט אַריין. אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז אין יאָר 1667 איז אין אַמסטערדאַם דערשינען אין יידיש אַ העפטל, וואָס האָט געהייסן „די ציטונג אויס אינדיא" און וואָס האָט באַשריבן אינדיע. עס ווייזט אויס, אַז מען האָט אַמאָל גערופן אַ געאָגראַפישע באַשרייבונג „ציטונג".

די ערשטע יידישע ציטונג איז, וואַרשיינלעך, דערשינען אין יאָר 1686 אין אַמסטערדאַם. די ציטונג איז דערשינען צוויי מאָל אין דער וואָך — דינסטיק און פרייטיק און האָט געהייסן „דינסטאָגישע קורנטין" (קוראַנטין) און „פרייטאָגישע קורנטין". די צייט איז דעמאָלט געווען נישט קיין רו־איקע. טערקיי איז אָנגעקומען קיין אייראָפּע, האָלאַנד האָט געפירט מלחמות מיט ים־רויבער, עסטרייך האָט אויך געפירט אַ מלחמה און דער עולם האָט

געקענט זיין גייגעריק. דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון די יידישע „קורנטין" (קוראַנט איז דאָס זעלביקע, וואָס „קוריער". פרייז־קוראַנט זאָגט מען נאָך עד היום) איז געווען אַ גר מיטן נאָמען משה בר אברהם (פאַרוואָס נישט אברהם בר אברהם?). קיין אַרטיקלען האָבן די דאָזיקע ערשטע יידישע בלעטער נישט געהאַט, נאָר נייס. זי איז, מיינט מען, געמאַכט געוואָרן אין זעלביקן סטיל, וואָס די האָלענדישע צייטונגען פון יענער צייט. אָט אָ די „קורנטין" רופט מען „די באָבע פון דער יידישער פרעסע".

אַ לאַנגע צייט זיינען, ווייזט אויס, קיין יידישע בלעטער נישט געווען. אין יאָר 1771 איז אין דירנפורט — שלעזיע — דערשינען אַ יידיש בלאַט א. נ. „דירנפורטער צייטונג". די שפראַך פון אָט דעם בלאַט איז נאָך זייער פאַרדייטשט. די דאָזיקע צייטונג האָט אויך נישט קיין אַרטיקלען, נאָר נייעס און איבערהויפט האַנדלס־נייס. דער ציל איז קלאָר: מסחר צווישן פוילישע יידן און שלעזיע. עס איז געבליבן אַן אַמסטערדאַמער יידיש בלעטל פון יאָר 1776, וואָס אַ דרוקער האָט אַרויסגעגעבן א. נ. „אַמסטערדאַמישע יודישי וואָכליכי נייש פרציילער". די דאָזיקע, וואָס האָבן דאָס דאָזיקע בלעטל געזען זאָגן, אַז עס באַשטייט פון בלויז רעקלאַמעס; אין 1781 איז אין אַמסטערדאַם ווידער דערשינען אַ יידיש בלאַט א. נ. „וואוכנטליכה בריכטן אנלאנגידה די יעצטיקע אומשטענדיקהייטן פון דען 10 יאנוואַרי 1781" (וואָכנטלעכע באַריכטן וועגן די איצטיקע אומשטענדן) אויך די דאָזיקע „באַריכטן" זיינען דערשינען דינסטיק און פרייטיק. אין יאָר 1789, אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז אין פראַנקרייך דערשינען אַ ביכל פון 110 זייטן, וואָס האָט דערציילט וועגן דער שייכות פון דעם „אויפריר", וואָס רופט זיך „רעוואָלוסיאָן" און וועגן זיין איינפלוס אויף דעם יידישן לעבן. דאָס דאָזיקע ביכל האָט ארויסגעגעבן דער מעצער יידישער דרוקער אברהם געטשלאַק שפּייאַר. דערנאָך איז דערשינען אַ צייטונג, פון וועלכער עס זיינען אַרויס 19 נומערן. די דאָזיקע צייטונג האָט זיך אָפּגעגעבן מיט בלויז יידישע ענינים און די אבאָנענטן האָט זי גערופן „ליבהאָבער" און זי האָט זיך געקלאָגט, אַז זי האָט ווייניק ליבהאָבער און זי האָט אויסגעדריקט די האָפנונג צו האָבן מערער. די דאָזיקע צייטונג האָט שוין געדרוקט אַזעלכע בילדלעך, וואָס היינט וואָלטן זיי געהייסן פעליעטאָנען. צוליב דער קליינער צאָל אבאָנענטן האָט זיך די דאָזיקע לעבעדיקע יידישע צייטונג אָפּגעשטעלט.

אין 1897 האָט די אַמסטערדאַמער קהלה אַרויסגעגעבן אַ צייטונג א. נ.

„דיסקוהרש". די אַמסטערדאַמער קהלה, וואָס האָט דורכגעפירט אַ רעוואָ־לוציע אין דער אייגענער מיט און איז געוואָרן ליבעראַל, האָט אַרויסגעגעבן דעם „דיסקוהרש", בכדי צו פאַרטיידיקן איר שטאַנדפּונקט. דאָס איז געווען אַ וואָכנצייטונג (וואָכנטליכי ביכלכים) און עס זיינען פון איר דער־שינען 24 העפטן אין משך פון אַ ניין חדשים. די אָרטאָדאָקסן, וואָס זיינען געווען אין אָפּאָזיציע צו דער קהלה, האָבן אַרויסגעגעבן אַ קעגן־צייטונג מיט דעם זעלביקן נאָמען „דיסקוהרש". אויך פון אָט דער צייטונג זיינען דערשינען 15 נומערן. די „אָרטאָדאָקסישע „דיסקוהרש" האָט נישט געהאַט קיין נייס, נאָר פּאָלעמיק. זי איז געשריבן דעמאַגאָגיש און רכילותן ווערן אין איר אָנגעגעבן אלס נייעס. עס זיינען פאַראַן דיאַלאָגן צווישן פרומע און די „נעאָלאָגן" (משכילים). אין דער צייטונג פון די ליבעראַלן איז אָפּגע־דרוקט אַ ליד „בניגון מאַרסעליאַנשע מאַרש".

אין 1802 האָבן פּראַגער משכילים אַרויסגעגעבן אַ יידיש־דייטשע מאָנאַטשריפט — די שפּראַך איז זייער פאַרדייטשט. די רעדאַקציע זאָגט, אַז זי האָט אויסגעקליבן „דאָס זאָ גענאַנטע ווייבער דייטש", בכדי צו קריגן פּאָפּולאַריטעט. אין אָט דעם זשורנאַל, פון וועלכן עס זיינען דערשינען פיר נומערן, געפינט מען אַן אַרטיקל וועגן תלמוד און אַן אַרטיקל וועגן זשאַן זשאַק רוסאָ. מען פילט, אַז מען גרייט זיך איבערגיין צו „ריינעם" דייטש און זיך באַפרייען פון די יידישע אותיות. עס זיינען דערשינען נאָך אייניקע זשורנאַלן און בראָשורן אין באַזעל, פּראָג און פירט און דער לעצ־טער פּרווו פון אַ יידישן זשורנאַל אין מערב אייראָפּע איז געווען „היסטאָרישעס מאַגאַזין פיר פערשטאַנד אונד הערץ", וואָס איז דערשינען אין מעץ אין יאָר 1821.

פּונקט ווי יידיש בכלל האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין מזרח אייראָפּע, האָט זיך אויך די יידישע פּרעסע אַהין אַריבערגעצויגן. אין יאָר 1823 איז אין וואַרשע דערשינען „דער בעאָבאַכטער אַן דער ווייקסל". דאָס איז געווען אַ וואָכנבלאַט אויף פּויליש און יידיש, וואָס האָט באַקומען אַ סוב־סידיע פון דער פּוילישער רעגירונג, וואָס האָט פאַרלאַנגט פאַר דער שטיצע, אַז די צייטונג זאָל דערשיינען איןביידע שפּראַכן און אַז מיט דער צייט זאָל דער זשאַרגאָן אינגאַנצן באַזייטיקט ווערן. די צייטונג האָט רעדאַק־טירט דער עקסטרעמער אַסימילאַטאָר אַנטאָני אייזנבוים. שפּעטער מיט יאָרן האָט „די וואַרשויער יודישע צייטונג" געהאַט די זעלביקע טענדענץ. עס זיינען זייט דעמאָלט פון צייט צו צייט דערשינען פאַרשידענע בראָשורן,

װאָס האָבן געדינט װי אַ דערזאַץ פון אַ צייטונג און אין װעלכע עס זיינען געװען באַשריבן פאַרשידענע געשעענישן אין דער װעלט פון פּאָליטיק און האַנדל. און עס זיינען געמאַכט געװאָרן צענדליקער פרוּװן צו אַרויסגעבן צייטונגען אין יידיש און זיי זיינען נישט רעאַליזירט געװאָרן על פּי רוב צוליב דעם, װאָס מען האָט נישט געקענט באַקומען קיין דערלויבעניש פון דער צאַרישער מאַכט. עס האָט פּאַסירט, אַז די צענטראַלע מאַכט האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ דערלויבעניש און די לאָקאַלע מאַכטהאָבער האָבן נישט אויסגעפאָלגט. דער בילדונג־קוראַטאָר פון אדעסער ראַיאָן, איינער אַ פּיראָגאָוו, איז געװען אַ פאַרביסענער קעגנער פון יידיש און ער האָט געשטערט יעדן פרוּװ פון אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע אין יידיש. עס זיינען אָבער געװען פאַלן, װען עס זיינען פון אינװייניק, פון יידן אַליין, געקומען שטערונגען. מען האָט שוין צומאָל געהאַט אַ דערלויבעניש אויף אַ יידישער אויסגאַבע און מען האָט אַליין געדאַרפט אויסװיילן די שפּראַך און מען האָט זיך נישט געקענט באַשליסן. אפילו אויף אַ געמישטער אויסגאַבע אין יידיש און אין העברעאיש, איז דער שול־אינספּעקטאָר אייכנבוים נישט איינגעגאַנגען, אַז די זשיטאָמירער ראַבינער־שול זאָל אַרויסגעבן. עס איז אויסער יעדן ספק, אַז װען נישט די שטערונגען מצד דער מאַכט און מצד די יידישע קעגנער פון יידיש, װאָלט דאָס יידישע צייטונג־װעזן געװען אַ סך עלטער און אַ סך רייכער.

און פון דעסט װעגן איז די ערשטע אויסגאַבע אין יידיש, װאָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין אונדזער לעבן, דער „קול מבשר", דערשינען אַ דאַנק דעם, װאָס די מאַכט האָט נישט דערלויבט קיין יידישע אויסגאַבע אין רוסיש און זי האָט פאָרגעלייגט אַרויסצוגעבן די צייטונג אין העברעאיש, אָדער אין „יידיש־דייטש". אין יאָר 1856 האָבן יאַכים טאַרנאָפּאָל און יוסף ראַבינאָװיטש געבעטן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ יידיש װאָכנבלאַט אין רוסיש א. נ. „ראַזסװיעט" און זיי האָבן מאָטיװירט זייער בקשה דערמיט, װאָס זיי װילן באַקעמפן „זשאַרגאָן", װאָס איז אַ שטיין אין װעג פאַר דער בילדונג פון די יידן און דער דערמאָנטער פּיראָגאָװ האָט די בקשה געשטיצט, האָט די רעגירונג געענטפערט, אַז זי װעט דערלויבן די אויסגאַבע, אויב זי װעט זיין אויף העברעאיש, אָדער יידיש. די דערמאָנטע צװיי משכילים האָבן נישט אויסגענוצט די דערלויבעניש און אַלעקסאַנדער צעדערבוים, דער אַרויסגעבער פון דער העברעאישער צייטונג „המליץ", האָט זי אויסגענוצט און א. נ. „קול מבשר" געגעבן אַ ביילאַגע

אויף דייטש מיט יידישע אותיות. די דאָזיקע אויסגאַבע האָט געהאַט אַ קנאַפּן דערפאָלג. האָט דער פּראַקטישער צעדערבוים, וואָס איז געווען מער פאַרלעגער ווי שרייבער און רעדאַקטאָר, כאָטש ער האָט געשריבן זייער אַ סך, זיך באַשלאָסן און אין נומער 42 פון „המליץ" אין יאָר 1862 האָט ער געמאָלדן, אַז ער גייט אַרויסגעבן אַ וואָכנטלעכע ביילאַגע „אויף פּראָסט יידיש, כדי דער פּראָסטער עולם און אפילו ווייבער זאָלן וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט". און דעם 11טן אָקטאָבער איז דערשינען די ערשטע יידישע צייטונג אין רוסלאַנד, וואָס איז פאַקטיש געווען די ערשטע צייטונג אין מאָדערנעם און פאָלקסטימלעכן יידיש אין דער גאַנצער וועלט. אַלעקסאַנדער צעדערבוים איז געווען אַ טיפּ פון אַן אַלטן שתדלן. ער איז פריער געווען אַ צושניידער און קרעמער און ער האָט זיך צום צייטונגס־וועזן גענומען מעשה־סוחר און שתדלן. ער האָט פריער געגעבן אין „המליץ" פּלאַץ פאַר די ערגסטע אָנפאַלן אויף יידיש און דערנאָך האָט ער זיך געביטן און דער „קול מבשר" האָט גענומען פאַרטיידיקן יידיש, וואָס איז די שפּראַך פון מיליאָנען און ער האָט געלאַכט פון די דאָזיקע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז אויב דער פּראָסטער עולם וועט האָבן וואָס צו לייענען אין יידיש, וועט ער נישט אויסלערנען קיין אַנדערע שפּראַכן. ער האָט געשריבן, אַז די מיליאָנען יידן וועלן סיי ווי ריידן יידיש און אַז יידיש איז טאַקע שיין און אַז אַ סך ווערטלעך אין איר האָבן דעם „זיבעטן חן". אין „קול מבשר" האָט דעבו־טירט אי מענדעלע מוכר ספרים, דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור, אי אברהם גאָלדפאַדען, דער טאַטע פון יידישן טעאַטער. שפּעטער מיט יאָרן האָט די רעדאַקציע פון „קול מבשר" איבערגענומען דער באַוווּסטער משכיל און חובב ציון משה לייב ליליענבלום.

דער „קול מבשר" געהער שוין צו דער נייער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע און מיר שטעלן זיך דאָ אָפּ. די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע הייבט זיך אָן שפּעטער ווי די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, זי הייבט אָן מיט דער מיט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט און זי איז נאָך ווייניק אויסגעפאָרשט און ווער ווייסט, צי צי וועט שוין אַמאָל קענען בעסער אויסגעפאָרשט ווערן. די מעגלעכקייטן צו געפינען אַלטע אויסגאַבן זיינען דאָך אין דער היינטיקער אייראָפּע אַזוי קליין.

1862 - 63

די אַלטע יידישע ליטעראַטור און אפילו דער פאַרטאָג פון דער נייער יידישער ליטעראַטור זיינען נאָך אויך נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן ביז אין זייער גרונט, אָבער דאָס דאָזיקע, וואָס מיר האָבן אייך דערציילט, איז געגנוג, אַז דער פשוטסטער יידישער לייענער זאָל וויסן, אַז די יידישע ליטעראַטור הייבט זיך נישט אָן מיט מענדעלען און אַז די יידישע צייטונגען הייבן זיך נישט אָן מיט דעם „קול מבשר".

מיר האָבן אָנגעהויבן מיט די אין פאַרגעסנקייט פאַרבליבענע ערשטע פרוּוון פון עלפטן יאָרהונדערט און מיר האַלטן ביים עפּילאָג פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור און ביים אָנהויב פון דער נייער. דער דאַטום פון דעם דאָזיקן עפּילאָג איז דאָס יאָר 1862, ווען עס איז דערשינען דער ערשטער נומער „קול מבשר" און דאָס יאָר 1863, ווען עס איז דערשינען דאָס ערשטע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים א. נ. „דאָס קליינע מענטשעלע", וואָס איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געווען טאַקע אין „קול מבשר". מענדעלע איז שוין דעמאָלט געווען אַ ייד פון קרוב לארבעים און אַ באַוווסטער העברעאישער שרייבער און ער האָט נאָך וואַקלעניש און שלאָפלאָזע נעכט זיך באַשלאָסן אַריבערצוגיין צו יידיש. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערציילט מענדעלע, אַז ווען ער האָט נאָך געהייסן שלום יעקב אבראַמאָוויטש, האָט ער זיך געטראַכט: „אָט קוק איך זיך צו צום לעבנסשטייגער פון אונדזער פאָלק און וויל אים דערציילן דערנאָך אין דער הייליקער שפּראַך. אָבער דער גרעסטער טייל פון פאָלק פאַרשטייט דאָך גאָרנישט די דאָזיקע שפּראַך און רעדט יידיש, היינט וואָס נוצט דעם שרייבער די גאַנצע מי זיינע און זיין הארצנס באַגער, ווי באַלד ער ברענגט דעם פאָלק קיין נוצן נישט?" מענדעלע דערציילט, אַז ער האָט זיך געשעמט צו שרייבן יידיש און ער האָט געמיינט, אַז שרייבנדיק אין אָט דעם לשון, וועט ער זיך דערנידעריקן, אָבער „דער חשק נוצן צו ברענגען האָט גובר געווען די פאַלשע בושה". פון צווישן די שורות פילט מען, אַז מענדעלע האָט געפילט דעם דראַנג צו שרייבן יידיש נישט נאָר בכדי צו ברענגען נוצן, נאָר בכדי ער אַליין זאָל קענען קומען צו זיין פולסטן אויסדרוק, ווייל אין העברעאיש האָט ער דאָס נישט געקענט, כאָטש ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ באַרימטער העברעאישער שרייבער — און ער איז טאַקע סוף כל סוף געוואָרן דער שאַפער פון מאָדערנעם העברעאישן סטיל —

און זיין איבערגאַנג צו יידיש איז געווען נישט נאָר צוליב נוצן ברענגען, נאָר צוליב קינסטלערישע מאָטיוון. ער האָט געפילט אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט צו איבערשאַפן די ליידן און פריידן פון די יידישע מאַסן אין זייער לשון; ער האָט נישט נאָר אין זינען געהאַט דעם צוהערער און לייענער און אים פאַרכאַפן, ווי דאָס האָבן געטון די שפיללייט, ר׳ אליהו בחור און אייזיק מאיר דיק, נאָר ער האָט געשליפן די יידישע ווערטער און זיי פאַרוואַנדלט אין פערזן און זיי אויפגעציליעוועט אויף שנירלעך־פראַזן און פאַרוואַנדלט מאַמע־לשון אין אַ ליטעראַריש־מאָדערנער שפּראַך, וואָס האָט דעם תמצית פון די יידישע געפילן, דעם יידישן שכל און פון דער יידישער טרייסט מיט אַ שמייכל איבער אַנדערע און איבער זיך אַליין. און עס איז אויפגעגאַנגען די זון פאַר די ברייטע יידישע מאַסן פון מערב אייראָפּע: עס איז געבוירן געוואָרן די נייע יידישע ליטעראַטור!

★

יידישע ליטעראטור אין בעסאראביע און אליעזר שטיינבאַרג

הער נאַר, דו, דו, דו,
רוק זיך צו מיר צו, צו, צו,
שטיי ניט ביי מיין טיר
און אז דו ווילסט אַ ליבע שפּילן,
זאָל דאָס זיין מיט מיר.

דאָס זיינען שורות פון דעם טיפּישסטן יידישן פאָלקסליד וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין בעסאַראַביע. יידישיסטישע אינטעליגענץ האָט דאָס דאָזיקע ליד געזונגען שיר־נישט ווי אַ בעסאַראַבישן הימן. וואַרשיינלעך זיינען פאַראַן וואַריאַנטן פון זעלביקן ליד, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אויך אין אַנדערע ישובים, אָבער אין אָט דער פאָרם ווי ס'ווערט דאָ ציטירט און מיט דעם בולגאַרישן צוויי האַלב־טאַקטיקן ריטם אין וועלכן עס ווערט געזונגען, האָט דאָס דעם קאָליר דעם טאָן און די פּרימיטיוויטעט פון בעסאַראַביע. די מאַסן האָבן דאָס דאָזיקע ליד געזונגען פאַרכלינענדיק זיך. פּרימיטיווער, פּראָסטער און אויפריכטיקער האָט אַ פאָלקס־ליד נישט געזונגען אין קיין שום אַנדער ישוב.

ערגעץ אין מצריים, לעבן גושן,
ווו די כוואַליעס פונעם נילוס רוישן,
ווו די וועלדער פון מדבריות, פון הייל
קומען חיות גאַנצע שאַרעס
הערן יענע מעשהס פון מכשפים און פון פּרעהס,
וואָס דער נילוס טוט דער שטילער נאַכט דערציילן
(וויפל מאָל די נאַכט געהערט זיי, אַלץ ביי איר אַ נייעס)

דאָרטן איינמאָל פאַר די חיות
שיין גדרשנט האָט דער העלפאַנט „מאריך אַף"
פונעם וואַלד דער פילאָזאָף.

דאָס זיינען שורות פון אליעזר שטיינבאַרגס משל „דער קלוגער בער". ווי ווייט ס'איז פון דער פּרימיטיוו־סטער מוזיקאַלישקייט פון די ציטירטע שורות פון דערמאָנטן פאָלקס־ליד ביז די זאַפטיק און דין־מוזי־קאַלישע שורות פון שטיינבאַרגס משל מיט זייער ראַפינירטער געליי־טערטער שפּראַך!

און דאָך איז פאַראַן אַ שייכות צווישן דיביידע ציטירטע שטעלן און עפּעס פיל איך אין זיי, אַז עפּעס ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט. פאַראַן אין ביידע דאָס ספּעציפישע בעסאַראַבישע, איך וואָלט געזאָגט די בעסאַראַבישע מעלאָדישקייט. פאַראַן יידישע פּראָזע־שרייבער און דיכ־טער, וואָס האָבן בעסאַראַבישע טיפּן און העלדן און בעסאַראַבישע פּיי־זאַזשן, שטיינבאַרג האָט מער ווי דאָס — ער האָט דעם קאָליר, דעם ריטם און די זאַפט פון דער דאָזיקער רומעניש־רוסישער פּראָווינץ, וואָס מיר האָבן אַמאָל גערופן „מאַמע בעסאַראַביע" און וואָס איז שפּעטער געוואָרן „שטיפמאַמע בעסאַראַביע" און דערנאָך איז זי, ווי כמעט גאַנץ אייראָפּע געוואָרן די מערדערן... שטיינבאַרג האָט דעם אָטעם פון דער ברכה־בעסאַראַביע, נישט פון דער קללה.

ביי מיר צווישן די עסייען און אָפּהאַנדלונגען זיינען פאַראַן מאַטע־ריאַלן פאַר אַ גרעסערער אַרבעט וועגן די יידישע און העברעאישע שריפט־שטעלער, וואָס שטאַמען פון בעסאַראַביע און על פּי יושר וואָלט אין מיין ערשטן באַנד „מאַמע יידיש" געדאַרפט אַריינגיין אַזאַ אַרבעט, אָבער די ראַמען פון דעם דאָזיקן בוך נעמען שוין נישט אַריין נאָך אַ גרעסערע אַרבעט. גיב איך נאָר אַרויף מיט די שפּיץ פון די טריט איבער דער ליטעראַטור פון מיין אַלטער היים און לויפנדיק ציל איך צו אליעזר שטיינבאַרג. איך דערמאָן נישט די באַדייטנדיקסטע שריפט־שטעלער פון דער אומגליקלעכער אַלטער היים מיינער, דעם זאַפטיקן פּאָעט אפרים אויערבאַך, דעם היפּער־ראַפינירטן דיכטער יעקב שטערנבערג, דעם שטורמישן פּראָזאַיקער א. ראַבאָי און דעם טיף־אייגנאַרטיקן פּאָעט בעלעטריסט משה אַלטמאַן, דעם מעדיטירנדיקן אליעזר גרינבערג און דעם קינדיש־זוכנדיקן כאַווער־פּאַווער און איך לאָז איבער די דריי וויכ־טיקע העברעאישע שריפטשטעלער יהודה שטיינבערג, בן־ציון (גוטמאַן)

און להבדיל בין החיים והמות — יעקב פיכמאַן. איך לאָז זיי איבער, כאָטש עס פרעגן ביי מיר: „ווי קאָנסטו אונדז איבערלאָזן שרייבנדיק וועגן בעסאַראַביע?” אפרים אויערבאַכס אָט אָ די שורות פון זיין „פריקע לאָזער שוחטס”:

זומערן,
פאַסן פאַרביקע אויף סטעפּעס,
טעג מיט אָפּגעברענטע בערגן,
נעכט, וואָס שפּרינגען איבער בערג,
ברויטן־רויטע האָר
אויף דער ברוסט פון שווארצערד.
קאָסעס שניידן שטיקער זון,
זאַנגען פאַלן ווי די טויבן
און די וועגן שטויבן,
גאָט גיב אַ רעגן
פאַר די שניטערס וועגן.

און עס שעפּשעט מיר אריין: „אָן מיר איז נישטאָ בעסאַראַביע” אָט אָ דער פּייזאַזש פון יעקב שטערנבערג:

גרוי דער הימל, גרוי צעשויבערט ווי אַ זקנס קאָפּ
ערגעץ פאָרט אַ וואָגן און עס סקריפּען רעדער
מיט אַ פוילן טראָפּ.
עס פאָרט אַוועק די זומער נאַכט,
אויף אַ וואָגן שטרוי,
אויף אַ וואָגן מיט צוויי אָקסן
פירט זי אָפּ אַ גוי.
קלאָץ פון ברונעם קרעכצט פאַר נחת,
שיבה טובה קלאָג,
באָרוויס שוועבט אַן אַלטע גויה —
טאָג.

און עס שורשען מיר אין די אויערן צענדליקער און צענדליקער פּייזאַזשן אין העברעאיש פון יעקב פיכמאַן, וואָס האָבן בעסאַראַבישן קאָליר, בעסאַראַבישן ריח און בעסאַראַבישע פאַרבענקטקייט. און עס דערמאָנט זיך דאָך אַ יידיש לידל זיינס וועגן דעם שטעטל בעלץ:

ס'איז אַ שטעטעלע אַן אָרימס,
ס'האָט קיין אויסגעצירטע גאַסן,
ד'שטייען שטיבלעך נאָר צעוואָרפן,
...ייס געשמירט, מיט שוואַרצע פּאַסן,
דאָרטן ווערן פרי די לאָמפּן
ביי דער נאַכט גאַנץ אויסגעלאָשן
און עס חלומט זיך די אָרימע
נאָר דער חלום פון אַ גראָשן.

איך גיב אַ פלי איבער די בלעטער פון די בעסאַראַביש־יידישע און העברעאישע שריפטשטעלער און איך פאַרהאַלט זיך קוים ביי אַ פּאָר, וואָס זיינען שוין נישטאָ. איך וואָלט אַפילו נישט געקענט דערמאָנען געצוי ווען אייגנטלעך האָבן זיך באַוויזן יידישע שרייבער אין בעסאַראַביע. די סאַמע ערשטע שרייבער זיינען געווען די דאַזיקע, וואָס האָבן געשאַפן די פאָלקסטימלעכע לידער און זיי האָבן אפילו נישט געוווסט, אַז זיי זיינען פּאָעטן. אין יעדן שטעטל פלעג נאָך עפּעס אַ געשעניש אויסוואַקסן אַ לידל פון אָט אַזאַ מין שטייגער:

דריי וואָכן דורכאַנאַנד בין איך געלעגן קראַנק
און דו ביסט צו מיר איין מאָל נישט געקומען,
די בעסטע רפואה וואָלט פאַר מיר געווען,
ווען איין מאָל דו וואָלסט געווען צו מיר געקומען.
די מאַמע האָט געזאָגט ניין, וואָלט באַדאַרפט זיין ניין,
אַז מיט קיין שאָלטיק זאָל איך, אוי, נישט גיין,
אַז איך האָב נישט געפאָלגט און כ'האָב מיך אָפּגענאַרט,
אַ תל, א תל האָט ער פון מיר געמאַכט...

פון די סאַמע ערשטע, וואָס האָבן באַוואוסטזיניק געשריבן יידיש (און העברעאיש) פון די געבוירענע אין בעסאַראַביע וואַרפט זיך מיר אין זכרון אַריין יחיאל צבי ליכטנשטיין־הערשענזאָן, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער מאָדנער שטאָט אָרהיעוו, וואָס מען רופט „דאָס בעסאַראַבישע כעלם" און וואָס וואַרט נאָך אויף זיין פאָלקלאָריסט. איבערהויפּט האָט מען אַרום אָרהיעוו אויסגעפלאָנטערט אַ פאַנטאַסטישע סעודה, צו וועלכער מען האָט געדאַרפט קומען מיט אַן אייגענעם לעפל און די מערסטע האָבן דאָס נישט געוווסט. אויב אַ בעלעמער האָט אויף דער פראַגע:

„פון וואַנען ביסטו?" געענטפערט: „ביסטו דער חכם", האָט דער אַריהעווער אויף דער זעלביקער פראַגע געענטפערט: „ביסט אַליין אַ משוגענער". דער דערמאָנטער ליכטנשטיין־הערשענזאָן איז געווען אַ מיסיאָנער, אַן אוואַנטיוריסט און ער האָט, ווייזט אויס, פאַרמאָגט אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן. שוין געשמדטערהייט האָט ער באַוויזן צו ווערן אַ רב און אפילו אַ גוט־יידישער רבי און ער האָט אַרויסגעגעבן ספרים מיט אַ מיסיאָנערישער טענדענץ און האָט צו זיי אַליין אָנגעשריבן הסכמות, וואָס די באַרימטסטע רבנישע פּערזענלעכקייטן פון זיין עפּאָכע האָבן אים כלומרשט געגעבן.

אָט דער ליכטנשטיין־הערשענזאָן איז געווען דער שוואָגער פון אַ מער באַרימטן בעסאַראַבער מיסיאָנער און משומד, וואָס איז געווען יינגער פון אים מיט צען יאָר און האָט אויך געשטאַמט פון אַריהעוו. יוסף ראַבינאָוויטש האָט ער געהייסן. דער מחבר פון אָט די שורות האָט אין קעשענעוו געהערט אַ סך ריידן וועגן דעם דאָזיקן מומר להכעיס, וואָס איז פריער געווען אַ באַוואוסטער משכיל, אַ מיטאַרבעטער אין א. ב. גאָטלאָבערס „הבוקר אור" און איז דערנאָך געוואָרן אַ חובב ציון און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל און זיינע געוועזענע חסידים האָבן געזאָגט אויף אים, אַז ער איז „אַוועק קיין ארץ ישראל אַ מלאך און ער איז צוריקגעקומען אַ גלח"...ביידע שוואָגערס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער ביבלישער ברודערשאַפט, וואָס יעקב גאָרדין האָט געגרינדעט אין אדעס און וואָס האָט שוין אויך געוואָלט פאַרייניקן די ביבל מיט דעם נייעם טעסטאַמענט (שיר נישט ווי שלום אַש אין אונדזער צייט) און ביידע האָבן געשריבן יידישע בראָשורן אין פּראָזע און אין פערזן וועגן דעם „נייעם ליכט".

און אַ מערקווירדיקע זאַך: עס איז אויך געווען אַ דריטער, וואָס האָט געהערט צו די עלצטע שרייבער אין העברעאיש און יידיש אין בעסאַראַביע. ער האָט געהייסן מאַרק ליעוו און ער איז געבוירן געוואָרן אין די פופציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט און מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז געווען אַ מיסיאָנער און געשמדטער. אין זיין ביכל לידער א. נ. „נייע מאָטיוון פאַר דעם יידישן פאָלק" פעלט נישט קיין דירעקטע קריסטלעכע פּראָפּאַגאַנדע. די „נייקייט" פון זיינע מאָטיוון באַשטייט אין דער קריסטלעכקייט.

מאַרק ליעוו איז געווען טאַלאַנטירטער פון די פריער דערמאָנטע צוו משומדים. זיין פּאָעמע „האָדל״, וואָס איז געשריבן אין פאַמע פאַרטאָג פון דער יידישער פּאָעזיע, האָט צום ערשטן מאָל באַרירט דעם מאָטיוו פון אַ געפאַלענער פרוי און די סטראָפן זיינען פליסיק, דיכטעריש, קאַוואַליריש־מענעריש און זאַפטיק.

אַ באַזונדער צווייפאַכיק־פּאַטריאָטישער סענטימענט באַוועגט מיך דאָ צו דערמאָנען אַ ליד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין בעסאַראַביע פון אַ בלינדן קלעזמער פאַר אַ גרופּע יידן פון דרום בעסאַראַביע, וואָס איז געפאָרן אין יאָר 1894 זיך צו קאָלאָניזירן אין אַרגענטינע. „קיליער גרופּע״ האָט זי זיך גערופן, אויף דעם נאָמען פון דעם שטעטל (דאָס געבוירן־שטעטל פון מחבר). און ווי עס דערציילט איינער פון יענער גרופּע, דער ה׳ משה יאסקי, האָבן יענע עמי און אימיגראַנטן נישט אויפגעהערט צו זינגען דאָס דאָזיקע ליד סיי אין באַן און סיי אויף דער שיף און זיי האָבן דאָס דערנאָך געזונגען אויך ביי זייערע צוזאַמענקונפטן און אויף זייערע שמחות שוין אין אַרגענטינע. עס איז געווען אַ ליד, וואָס האָט פאַרטראָטן אַ הימן און אַ קרובהשאַפט האָט עס צו די לידער פון אַליקום צונזער. אָט זיינען שורות פון יענעם ליד (די מעלאָדיע איז פון אַ באַקאַנטן בעסאַראַבישן „בולגאַריש״):

אויף דיין רייזע, יידעלע מיין קינד,
אַזוי ווי דו נעמסט דיר יעצט פאָר,
אַ פּאָר ווערטער זאָג איך דיר אַצינד,
זאָלסט זיי געדענקען גוט נאָר.

פאָרסט יעצט אין אַ פרעמדן לאַנד,
דו ווייסט נישט זייער פירונג און זיטן,
זאָל גאָט אויף דיר האַלטן זיין רעכטע האַנט
און פון אַלדאָס בייז זאָל ער דיך אויסהיטן.

פאָרסט, מיין קינד, דו ווייסט נישט וווהין,
דו לאָזט זיך אין דער ווייטער וועלט אַריין,
עבר לים, ערגעץ קיין אַרגענטין,
דאָרט וועט שוין דיין וווינונג זיין.

און אַז דו וועסט שוין קומען אַהין, אויף יענעם אָרט
און וועסט זיך אויסרוען פון דיין ווייטן וועג,
זאָלסטו נישט פאַרגעסן דאָרט,
וואָס דו האָסט געליטן דאָ אין די לעצטע טעג.

און אַז דו וועסט זיך דאָרט נישט שוינען,
אַזוי וועט חלילה דיין מי זיין אומזיסט,
מען בויט אַ לאַנד, דו זאָלסט נישט קענען ווינען,
נאָר פאַרגעס נישט, אַז דו דאַרפסט זיין אַ קאָלאָניסט.

אָבער פוסטע מאָדעס וואַרף אַוועק אינגאַנצן.
אַזוי ווי דו האָסט זיך געפירט שלעכט,
דאָרט דאַרפסטו אַקערן, זייען, פלאַנצן
און נישט שאַפן זיך מיט קיין פרעמדע קנעכט.

און אַז דו וועסט זיך אַזוי פירן, מיין זון,
וועסטו קענען קומען צו דיין ציל
און טאָמער וועסטו דאָרט אין אַרגענטין
וועלן מאַכן פסלנות אין דער שטיל,

אַזוי וועט חלילה דיין מי זיין אומזיסט,
מען וועט דיך פון דאָרט אויך פאַרטרייבן,
דיין רו, דיין גליק וועט מען דאָרט שטערן
און ביי גאָרנישט וועסטו דאָרטן בלייבן.

ה׳ יצלוח דרכך,
פאָר, מיין קינד, אין אַ גוטער שעה,
תבנה שם בית עירך
און לעב דיר דאָרט גליקלעכער ווי דאָ.

אויף מיין שרייבטיש ליגן פאַרצייכנט די ביאָגראַפישע דאַטן פון אַ בעסאַראַבישן יידישן דיכטער, וואָס האָט געלעבט זייער קורץ. ער האָט געהייסן נחום באַבאַד. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל

אין בעסאראביע (לײדער װײסט קײנער נישט אין װעלכן) אין יאר 1872. זײנע עלטערן האבן אים געװאלט מאכן פאר אן אפטײקער און ער האט נישט געװאלט און ער איז צו זיבעצן יאר אװעק קײן ניו יארק. ער האט דארט שװער געארבעט און ער איז געװארן קראנק אויף די לונגען און ער האט געמוזט אװעק קײן קאליפארניע. ער האט דארט געארבעט בײ װײנטרויבן אינײנעם מיט כינעזער און יאפאנער. ער האט אנגעהויבן שרײבן רוסיש און ער איז אריבער צו יידיש. ער האט פריער געשריבן דערצײלונגען און דערנאך לידער. מיט די לידער האט ער געהאט אביסל מער דערפאלג, אבער אויך נישט קײן צו־גרויסן. ער האט געמאכט א װילדע אנשטרענגונג איבער זיך און ער האט געענדיקט אויף ד״ר אין מעדיצין און פונקט װען ער האט געענדיקט, איז ער אין יאר 1903, אין עלטער פון 31 יאר געשטארבן. קען זײן א מער קאלירפולע טעמע פאר א ראמאן, װאס ציט זיך פון א בעסאראביש שטעטל צװישן מאלדאװאנעס ביז אין קאליפארניע צװישן כינעזער און יאפאנער. קען זײן מער אויס־דרוק פון יידישן װילן? אט זײנען באבאדס שורות װאס זײנען װי דער עפילאג צו זײן לעבן:

דאס הארץ פול טיפע װונדן, שטרעק איך אויס
צו איר, דער שײנער, ליבער, מײנע דארע הענט —
און בעט און װײן און עפן איר מײן הויז: —
אוי, קום דערפרײ דאך מײנע שטומע װענט!...
אומזיסט דאס בעטן, נאריש דאס געװײן...
איר ענטפער רויבט דעם לעצטן טרײסט פון מיר:
די ליבע קומט נאר אײנמאל, קען נישט אײביק שטײן —
און פליט די יוגנט — פליט זי אויך אװעק מיט איר...

דאס ליד „שנײ־געדאנקען" פון נ. מ. באבאד האט די דעמאלט זײער אקטועלע פילאזאפיע װעגן דעם, אז איבער דעם שנײ װעלן זיך געצײלטע שליטלען און טויזנטער װעלן פארשילטן דאס לעבן און די אײביקע לאסט, אבער אין געמיט בלײבט פון דעם א בילד פון שנײ־פאל אין בעסאראביע:

װײסער פון פעדערן נאר װאס געפליקטע,
װײסער פון האנטטיכער נאר װאס געשטריקטע
פאלט פון הימל ארונטער דער שנײ...

און אַט אַ צווייטער דיכטער אַ בעסאַראַבער. דער כאַטינער שבתי לערנער, וואָס איז געווען יינגער פון באַבאַדן מיט דריי יאָר און איז געשטאָרבן, אויך אין אַמעריקע, שפּעטער מיט צען יאָר. ער האָט געגרינדעט איינעם מיט דעם העברעאישן שריפטשטעלער אליעזר דוד ראָזנטאַל אַ יידישן פאַרלאַג אין אדעס און ער האָט אַרויסגעגעבן זאַמלביכער, אין וועלכע ער האָט געדרוקט זיינע לידער. ער האָט אַליין געמאַכט מעלאָדיעס צו זיינע לידער און זיי געזונגען און ער האָט אויך געשריבן פּיעסן און אַליין געשפּילט אין זיי. ער איז געקומען אין יאָר 1907 קיין אַמעריקע און אין יאָר 1913 איז ער דאָרט געשטאָרבן פון טובערקולאָז.

שבתי לערנער האָט זיינע לידער געשריבן אין פאָלקסטימלעכן טאָן און מען האָט זיי געזונגען אין בעסאַראַביע און פּאָדאָליע, נישט וויסנדיק ווער עס איז דער מחבר. אין זיינע לידער האָט ער קיינמאָל זיך נישט באַגניגנט מיט דעם משל אליין און ער האָט אַרויסגעבראַכט אויך אַ נמשל. ווען ער הייסט דעם רעגן זיפּן און אויסגיסן עמערס וואַסער און דעם הימל זיין „גרוי ווי בליי", ווייל פון זיינע געמיינע טראָפּן וועט קיין בלומען נישט וואַקסן סיי ווי סיי, באַגניגנט ער זיך נישט מיט דעם און ער פירט אויס:

גיס, מיין פאָלק, אויס טייכן טרערן.
קען דיין הימל איצט דען ווערן
אויסגעלייטערט, אָך און ווײ...
דיינע אויגן זיינען קוואַלן
טייכן גאַנצע
רינען, פאַלן
זיי קענען וועלטן באַלד אויפרירן...
פון די הערצער דיינע אַלטע
ווייען אָבער ווינטן קאַלטע
און די טרערן פרירן, פרירן...

אין ניו יאָרק האָט געשפּילט אַ שטיק צייט אַ גאַנץ וויכטיקע ראָליע אַ יידישער זשורנאַליסט, וואָס האָט געשטאַמט פון בעסאַראַביע. יצחק גאָניקמאַן האָט ער געהייסן. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1876 אין בריטשאַן און ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1919 אין ניו יאָרק. ער איז געקומען יינגלווייז קיין אַמעריקע און ער האָט דאָרט שטודירט יו־

ריספּרודענץ. ער איז געוואָרן אַב. קאַהאַנס אַ נאָענטער מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס" און ער האָט געהאָלפן איינפירן דאָס „יידישע יידיש", וואָס איז געווען זייער פריי פון דייטשמעריש, אָבער האָט אַריינגענומען זייער אַ סך אנגליציזמען. דערנאָך איז ער געקומען אין קאָנפליקט מיט קאַהאַנען און ער איז אַוועק צו מילערן אין דער „וואַרהייט". ער האָט געשריבן שטורמיש, סעקסואַליסטיש באַפאַרבט, נישט אָן הומאָר, אָבער אויך נישט אָן וווּלגאַריטעטן. ער איז אַ שטיק צייט דאָך געשטאַנען אין שפּיץ פון קאַמף קעגן שונד־טעאַטער.

עס איז קיינמאָל נישט געוואָרן קיין אויסגעשפּראָכענער יידיש־ליטעראַרישער צענטער אין בעסאַראַביע. מען האָט ליב געהאַט יידיש אין בעסאַראַביע, אָבער דער יידישיזם האָט נישט צו שטאַרק אָנגענומען אין אַט דער פּראָווינץ, ווו יידיש האָט געקלונגען ווי אַ געזאַנג. גערעדט האָט מען יידיש און געלייענט אויך, אָבער געקלערט האָט מען, אַז מען דאַרף לייענען (און שרייבן) העברעאיש! אַ שטיקל צייט איז אַ שטעטל אין כאָטינער קרייז מיטן נאָמען ליפּקאַני געוואָרן „דער בעסאַראַבישער אָלימפּ". אליעזר שטיינבאַרג, יצחק שטערנבערג, משה אַלטמאַן, אליעזר גרינבערג, ד"ר מיכל קויפמאַן, שטאַמען אַלע פון ליפּקאַני. מען האָט זיך אַפילו געקליבן דאָרט אַרויסצוגעבן אין יאָר 1911 אַ זאַמל־בוך, אָבער ביים וועלן איז מען געבליבן.

נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג איז קעשענעוו געוואָרן אַ שטיקל צענטער, אָבער געווירקט האָט מער דאָרט די זשורנאַליסטיק ווי די ליטעראַטור. אין יאָר 1919 האָבן ישראל וויינשטיין און נ. שייקעוויטש (שמר"ס אַ פּלימעניק) אַרויסגעגעבן אַ צייטונג א. נ. „דער מאָרגן", שפּעטער איז די דאָזיקע צייטונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „ייד". ישראל וויינשטיין האָט געשטאַמט פון בעסאַראַביע, שייקעוויטש — פון אוקראַינע. דער ערשטער איז געווען אַ ציוניסט און אַ העברעאיסט און האָט אַליין געשריבן אויך העברעאיש, דער צווייטער איז געווען אַ בונדיסט און אַ יידישיסט און האָט געשריבן יידיש און רוסיש. ביידע זיינען, ווייזט אויס, אומגעקומען אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ישראל וויינשטיין איז אַ לאַנגע צייט געווען זייער באַליבט אין גאַנץ בעסאַראַביע אַלס פּעליעטאָניסט. ער האָט געשריבן פּעליעטאָנען אין איטשעלע־יאָושזאַנס נוסח און בעסאַראַבער יידן האָבן געלעקט די פינ־גער פון די פּסוקים און חידושים. אין יאָר 1891 איז וויינשטיין געבוירן

געוואָרן אין קעשענעוו. זיין פאָטער איז געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאַג באַלד נאָך דעם ערשטן קעשענעווער פּאָגראָם. ישראל האָט בעת יענעם פּאָגראָם געזען מיט די אייגענע אויגן ווי כוליגאַנעס האָבן דערהרגעט דעם שמש פון אַ שולעכל און ער האָט דאָס קיינמאָל נישט געקענט פאַרגעסן. איך האָב אַ שטיק צייט געלערנט אינאיינעם מיט וויינשטיינען אין דער קעשענעווער ישיבה און איך האָב דערנאָך אינאיינעם מיט אים געאַרבעט אין „ייד" און מיר פעלט נאָך איצטער אויס אָטעם, ווען איך וויל טרעפן ווי אַזוי מען האָט אים אומגעבראַכט. האָט מען אים געשלאָגן, אַזוי ווי אין 1903 דעם שמש, אָדער ער איז אויסגעגאַנגען פאַר הונגער?

דערמאָן איך נאָך אַ בעסאַראַביש־יידישן שרייבער, וואָס איז אומגעקומען אין דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג. ד"ר י. ב. צפור האָט ער געחתמעט, געהייסן פון דער היים האָט ער יצחק שטערקמאַן. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1888 אין שטעטל פאַלעשט. ער איז אין עלטער פון פיר יאָר געקומען אינאיינעם מיט די עלטערן קיין פּאַריז און ער האָט דאָרט געמאַכט פאָלקס־ מיטל־ און הויך־שול און געענדיקט ד"ר פילאָזאָפיע. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן פראַנצויזיש און ער איז אַריבער צו יידיש; און ער האָט דעבוטירט מיט אַ סעריע פון פופצן אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען אַן אריינפיר אין דער וועלט־פילאָזאָפיע. ער האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע „די שכינה אין גלות" און אַ גאַנצע ריי פּיעסן פאַר קינדער. פּרץ האָט צפורן דערמוטיקט צו שרייבן יידיש.

ד"ר י. ב. צפור האָט דעם גרעסטן טעאַטראַלן דערפאָלג געהאַט מיט אַ פּיעסע, וואָס הייסט „אויפשטאַנד" און וואָס מאָרים שוואַרץ האָט אויפגעפירט. אָט אָ די פּיעסע האָט דעם מחבר פון אָט די שורות פאַרשאַפט אַ סך דאַרצווייטיק. איך האָב זיך באַראַטן מיט אַ סך יידישע שרייבער וועגן ־עם, צי זאָל איך די סיבה פון דעם האַרצווייטיק אויפדעקן און מען האָט אויף מיר גוזר געווען, אַז איך זאָל זי נישט פאַרשווייגן. די דערמאָנטע פּיעסע איז אַ דירעקטער פּלאַגיאַט פון דעם אַלטן שפּאַנישן דראַמאַטורג לאָפּע דע וועגאַס פּיעסע „שעפּסן קוואַל" (פוענטע אָוועכונאַ). איך וואָלט דאָס געקענט באַווייזן שיר־נישט זייטל ביי זייטל. ד"ר צפור האָט נאָר געביטן די סביבה פון אַ שפּאַנישער אויף אַ פּוילישער. ד"ר י. ב. צפור איז אויסער געלערנטער מאַן געווען אַ טאַלאַנטירטער שרייבער און אָפט אַ גייסטרייכער קריטיקער, און דער דאָזיקער איינצלנער פאַקט דעגראַדירט אים בשום אופן נישט. טאַקע צוליב דעם כבוד פון אַ קדוש האָט דער דאָזיקער פאַקט נישט געטאָרט פאַרשוויגן ווערן...

צווישן ערשטן און צווייטן וועלט־קריג איז געווען אַ גרויסער נאָכ־וווקס אין דער יידישער ליטעראַטור אין בעסאַראַביע. אונדזער אַלטער היים האָט דעמאָלט געהערט צו רומעניע און זי איז פאַרבונדן געוואָרן מיט אַלט־רומעניע, בוקאָווינע און טיילווייז מיט טראַנסילוואַניע, ווו מען האָט צום ווינציקסטן גערעדט יידיש און ווו פאַרגליווערטקייט האָט זיך באַגעגנט מיט שפּראַך־אַסימילאַציע. עס איז דעמאָלט טשערנאָוויץ געוואָרן אויף אַ שטיקל צייט דער יידישיסטישער קולטור־צענטר; יונגע זיינען רייף געוואָרן, אָנפאַנגער זיינען געוואָרן יונגע דיכטער און פּראָזאאיקער. אַ סך פון יענע יונגע און רייפע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן. עס איז חרוב געוואָרן דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין בעסאַראַביע און עס וועט שוין מסתמא מער קיינמאָל צוריק אויפוואַקסן.

דער גייסטיקער מנהיג פון דער גאַנצער רומענישער גרופּע יידישע שריפטשטעלער איז געווען אליעזר שטיינבאַרג, דער גרעסטער יידישער פאַבוליסט, איינער פון די באַדייטנדיקסטע יידישע קינדער־שרייבער, אַ וויכטיקער פּעדאַגאָג, אַ קולטור־בויער. ער האָט געשטאַמט, ווי געזאָגט, פון ליפּקאַן, ווו ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1880. ער האָט געלערנט ביים ליפּקאַנער דיין, וואָס איז געווען אַ למדן אַ מקובל און ער האָט ווי אַן עקסטערן געלערנט רוסיש. אַ הילפלאָזער פּיזיש, איז ער דאָך געווען אַ שטיק מנהיג פון די רעוואָלוציאָנערן אין יאָר 1919. אין יאָר 1921 האָט ער זיך באַזעצט אין טשערנאָוויץ און איז געשטעלט געוואָרן אין שפּיץ פון אַ יידישן קולטור־צענטער. די רומענישע רעאַקציע האָט אין אַ צייט אַרום אַלץ צעשטערט. אַרום 1929 איז שטיינבאַרג אַרויסגערופן געוואָרן קיין ריאָ דע זשאַניירא — די הויפּטשטאָט פון בראַזיל — צו אָנפירן דאָרט מיט אַ יידישער שול און ער איז אין יענער שטאָט געווען צוויי יאָר און ער האָט זיך אומגעקערט קיין טשערנאָוויץ און ער איז דאָרט געשטאָרבן דעם 28טן מערץ 1932.

אליעזער שטיינבאַרג איז עד היום אַ פּראָבלעם אין אונדזער ליטעראַטור. ער האָט פון איין זייט חסידים, וואָס האַלטן אים פאַר איינעם פון די גאונים פון דער יידישער ליטעראַטור און ס'זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס פאַרלייקענען אים אינגאַנצן. כאָטש — אינגאַנצן פאַרלייקענען איז דער גרעסטער אַבסורד. זיינע לערנביכער האָבן מאַטעריאַלן, וואָס קיין שום יידישע און קיין שום העברעאישע שול קען נישט אויסמיידן. (ער האָט געשאַפן אַ העברעאישן אלף בית א. נ. „אלפון" און ער האָט איי־

ניקע משלים זיינע אַליין איבערגעזעצט אין עברית. ער איז געווען אַ יידישיסט, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון העברעאיש און זיינע משלים זיינען געשריבן לומדיש. ער האָט אַמאָל געפּרוווט שאַפן אַ סיסטעם פון לערנען יידיש און העברעאיש בשותפות, דורך לידלעך. ער האָט גענומען דעם אַלטן סיסטעם פון „אָב איז פֿאָטער, קדר איז אַ טאָטער, בגדים זיינען קליידער" א. אַ. וו. אָט ווי עס הייבט זיך ביי אים אָן דער דאָזיקער סיסטעם:

פנינה, פנינה — פערעלע,
ס'איז געווען אַ יינגעלע,
ער געהייסן מאיראלע
דמעה, דמעה — טרערעלע,
ס'איז געווען אַ מיידאַלע
זי געהייסן סערעלע.
עלה, עלה — בלעטעלע,
קראַנק געוואָרן סערעלע
און זי ליגט אין בעטעלע,
פּנס אַ לאָמטערנדל,
שטאַרבט די שיינע סערעלע
און זי ווערט אַ שטערנדל.
עלים, עלים בלעטאלעך,
אויף אַ שטיין זיצט מאיראלע,
וויינט און גיסט מיט טרערעלעך.

אליעזר שטיינבארג איז אָפט געקומען צו זיין פולסטן אויסדרוק דורך אַ רעדע. דער עולם האָט דעמאָלט בפועל ממש געזען יצירה. דאָס קליינע מענטשעלע מיטן גרויסן קאָפּ האָט געגעבן אַ וואַקס אויס און ער האָט מיט זיינע געדאַנקען געגרייכט אַהין, ווו „די שטערן זיינען די גאָלדענע עפּל"... ווען ער האָט ביים שליסן אַ קולטור־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ געזאָגט: „פּרץ איז מיט אונדז, איך זע אים" האָבן אים אַלע דערזען...

די גרויסקייט פון אליעזר שטיינבארג שטעקט אָבער איבערהויפּט אין זיינע משלים. מיר שיינט, אַז זיין הויפּט חן געפינט זיך אין דעם, וואָס ער איז אגיל ואשמח — לויט דער יידישער טייטש — ער איז

קיילעכדיק און שפּיצעכדיק. ער איז דאָס געווען אין לעבן און ער איז דאָס געווען אין אַלע זשאַנרן.

אין לעבן איז ער געווען אַ קליינינקער, אַ קיילעכדיקער אין גוף און אין פּנים. זיין פּנים איז געווען אַ גאַנצע, פולע, קיילעכדיקע לבנה מיט אַ קיילעכדיקן גערעכטער. זיינע אויגן זיינען געווען ממש קיילעכער. זיי זיינען אייביק געבליבן קיילעכיק, סיי ווען ער האָט זיי געזשמורעט, סיי ווען ער האָט זיי שטאַרק צעעפנט. זיין ריזיקער שטערן וואָס האָט פאַרנומען עפּעס וויניקער ווי אַ העלפט פון זיין פּנים און מסתמא נישט וויניקער ווי אַ צענטל פון זיין גאַנצן גוף, איז אויך געווען קיילעכיק. און אפילו די פיס האָבן זיך אים געדרייט קיילעכיק. זיי האָבן געמאַכט קינדיש־קיילעכיקע באַוועגונגען. און די מערסטע פון זיינע משלים, קינדער־לידער און קינדער מעשיות זיינען פאַרקיילעכט. ער האָט יעדנפאַלס אַ גאַנץ לעבן זיינס געוואָלט פאַרקיילעכן אין דער פאָרם. מען זאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן זיך טרייסטנדיק מיט דעם געדאַנק, אַז אויב אייניקע פון זיינע משלים זיינען נאָך נישט שלימותדיק, עס הייסט נישט קיילעכיק פאַרענדיקט, מוז מען דאָס נישט אָננעמען פאַר קיין גרויסן אומגליק. און כאָטש ער איז אויסערלעך געווען קיילעכיק און ער האָט אינערלעך געשטרעבט צו קיילעכיקייט, האָט ער פאַרמאָגט סיי בפּנים, סיי בחוץ אַ זעלטענע שפּיצעכיקייט. מיר איז אַמאָל אויסגעקומען אים זען אין אַ קלאַס פון גאָר קליינע קינדער. דאָס איז געווען אין דער שלום עליכם שול פון בראַזילס הויפּטשטאָט ריאָ דע זשאַניירא און, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אין קינדער־גאָרטן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די פיר און פינף־יאָריקע קינדער און ער האָט אויסגעזען עפּעס ווי איינער פון זיי, וועלכן מען האָט אַנדערש אָנגעטון און וועלכן מען האָט געמאַכט אַביסל גרעסער.

איז ער, דאַכט זיך, דעמאָלט געווען קינדיש קיילעכיק, דאָך האָט ער זיך מיר פּלוצים באַוויזן מיט זיין גאַנצער שפּיצעכיקייט. עס האָבן אַרויסגעשטאַרצט שפּיצן פון זיין שטערן, פון זיינע אויגן און איבערהויפּט פון די געדאַנקען, וואָס ער האָט מיר אַרויסגעזאָגט וועגן דערציאונג און טאַקע פון דעם גאַנצן אופן ווי ער האָט דערצויגן די קינדער. ער האָט פּלוצים אויפגעהערט מיך אויסצוזען ווי אַ קינד און ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער יידישער חריף, פון וועלכן די באָרד (נוצנדיק א. לוצקים אַן אימאזש) איז אַנטלאָפן און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ איז עפּעס

געשען אַ טעות: אַ למדן, אַ חריף, וואָס דאַרף לערנען אַ שטיקל גמרא מיט גרויסע און שאַרף־קעפּיקע בחורים, לערנט נאָר טראַף מיט קליינע קינדער און דעם טראַף פאַרקיילעכט ער מיט אַ לידעלע, וואָס קומט צו אַזוי נאָענט צו די קינדער, אַז זיי זיינען אַזש גרייט אים צו קושן, אָבער פון דער קיילעכיקייט שטאַרצט אַרויס אַ שפּיצעכיקייט פון שאַרפע געדאַנקען, וואָס איז גאָרנישט פאַר קיין קינדער...

עס וואָלט געווען אַ גרויסע עוולה צו באַטראַכטן שטיינבאַרגן נאָר ווי אַ חריף. ער איז לכל הפחות נישט ווייניקער פּאָעט ווי חריף. ער האָט משלים וואָס זענען פון אַזאַ קינסטלערישן ווערט ווי די בעסטע משלים פון לאַפאָנטען און קרילאָוו. ער האָט משלים וואָס זייער כוונה איז נישט צו לערנען חריפותן, נאָר צו דערקוויקן, ווייל עס איז „טרויעריק אויף דער גרויסער וועלט, דער גראָמער". און זייער אַ סך פון די משלים, װאָס זיינען אויסן צו לערנען, זיינען אָפט מער ווערט אַלס פּאָעזיע ווי אַלס חכמה. נעמט, אַ שטייגער, דאָס פּאָפּולערסטע משל שטיינבאַרגס, דעם „חלף מיט דעם זעג". דער מוסר השכל פון דעם, אַז „נאָך עד היום איז אַ זעג אַ בעל מלאכה גאָר אַ פּלעק אין משפּחה און אַ שאַרפער חלף האָט הצלחה, אי ער קוילעט, אי מען מאַכט איבער אים אַ ברכה"; אָט דער מוסר הסכל איז ווייט נישט פון אַזאַ ווערט ווי עס איז דער פּאָעטישער ווערט פון דעם דיאַלאָג צווישן דעם חלף און דעם זעג און פון דער שפּראַך אַרום זיי; (דער חלף צעלאָזט זיין „שאַרפע צונג"...); דער משל איז דאָ אַ סך שענער און גרעסער ווי ס'איז דער נמשל.

שטיינבאַרג האָט זייער אַ סך כּאַציאַלע מוסר השכלס און אַזעלכע מוסר השכלס זיינען געווײנלעך באַנאַל. אָבער שטיינבאַרג באַווייזט די גרויסע קונץ פון אַרויסברענגען אַ נייקייט, אָדער כאָטש אַ פרישקייט אויך אין סאָציאַלן מוסר השכל. נעמט, אַ שטייגער, דאָס וווּנדערלעכע משל „שנאת חנם", וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ ליריש שטייגערישן דיאַלאָג צווישן אַ מאַן און אַ ווייב, וואָס האָבן אַ בהמה אַ פּגירה און זיי באַשליסן זי צו פאַרקויפן דעם קצב. דער הונט מישט זיך דאָ אַריין און ער גיט צו, אַז די קו איז שוין אַ זקנה און עס איז שוין צייט פאַר איר אַ יאַטקע. די קו גייט אַרויס פון די כלים. זי קען איינגיין, אַז די דאָזיקע, וואָס האָבן זי אַ גאַנץ לעבן געמאָלקן, זאָלן זי קוילען, אָבער דעם „פרעמדן הונט" קען זי נישט פאַרטראָגן און זי זאָגט אַזוי קועש־מענטשלעך:

מיט מיין מילך אים נישט געגערט,
נישט געוועזן קיין פריינט אים און נישט כ'בין אים
און א שונא! גאָט, באַהיט מיך פון שנאת חנם...

אָדער נעמט דאָס משל „דער קוש", אין וועלכן עס ווערט דערציילט ווי אַזוי דער ביין דערפרייט זיך דערמיט, וואָס עס לעקט אים דער באַלע־באָס אַליין און וואָס ענדיקט זיך מיט דער סענטענץ פון אַלע כלים:

וואַרט אַביסל,
ביז ר' ניסל
וועט דעם מאָרך דיר אויסזאָגן,
וואָס וועט איר, ר' ביינוש, דעמאָלט זאָגן?

אליעזער שטיינבאַרג האָט משלים, וואָס זייערע מוסר השכּל זיינען אָדער דורכויס פּאָעטיש, אָדער זיי זיינען פּאָעטיש־פילאָזאָפיש. און ער האָט משלים, וואָס זייערע מוסר השכּל וואָלטן געדאַרפט ווערן פאָלקס־ווערטלעך, אַ שטייגער ווי:

גוטע צייטן,
הירש זאָל פון אויבן רייטן.

אָדער:

אויב חלבנה איז אַ סחורה
און מען באַציט זי פון מרחקים,
צאָל פאַר איר ממתקים.

אליעזער שטיינבארג האָט הונדערטער משלים, קינדער־מעשהס און קינדער־לידער, וואָס האָבן די דאָזיקע אַגיל ואשמחדיקע קיילעכדיקע שפּי־צעכיקייט וועגן וועלכע דאָס פאָלק רעדט און וואָס זיינען ווייטערדיקע און אַנדערשדיקע שלום עליכמדיקייטן. זיי זיינען נישט עפּיגאָניש, נאָר עכטע קאָנטינואיטעט. פון איין זייט האָט טאַקע שטיינבארג צומאָל גע־מאַכט נמשלים און מוסר השכּלים פאַר משלים, פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט ער געקענט פאַרוואַנדלען אפילו חריפות אין פּאָעזיע און אין הומאָר. ער האָט געהאַט דעם כּוח צו פאַרוואַנדלען אַ געדאַנק אין אַ ווילן, אין אַ משל און אין אַ געזאַנג.

אליעזר שטיינבארגס לעבן־וועג האָט אין זיך געהאַט מער שפּיצעכ־דיקייט ווי קיילעכדיקייט און מער יידישן פאַטאַליזם, ווי גורל־באַהער־שונג. מער ווי דריי־פערטל פון זיין לעבן האָט ער אָפּגעלעבט אין דעם קליינעם בעסאַראַבישן שטעטל, וואָס כאָטש מיר האָבן דאָס גערופן „דער בעסאַראַבישער אָלימפּ“, איז דאָס געווען אַ פאַרוואָרפענער העק. און ווען ער איז שוין אָנגעקומען קיין טשערנאָוויץ, וואָס האָט אָנגעהויבן ווערן דער קולטור־צענטער פון אַ מיליאָניקן אויף מער ווי דריי־פערטל יידיש־ריידנדיקן ישוב און ער האָט די דערמאָנטע שטאָט געהאָלפן מאַכן פאַר אַזאַ צענטער, האָט די רומענישע רעאַקציע אַלץ חרוב געמאַכט. און אַוועק־גערופן האָט מען שטיינבארגן נישט קיין ווילנע און נישט קיין ווארשע נאָר אין דעם פּרימיטיוון און קליינעם ישוב פון ריאָ דע זשאַניירא, וווּ מען האָט אים ווייניק געקענט און ווייניק אָפּגעשאַצט און וווּ דער שווע־רער הייסער קלימאַט האָט אים מקצר ימים געווען. ער האָט זיך קוים געראַטעוועט פון ריאָ דע זשאַניירא צוריק קיין טשערנאָוויץ. און דעמאָלט, ווען ער האָט געמיינט, אַז ער איז געראַטעוועט, האָט זיך דער גורל פאַרשפּיצט און שטיינבארג איז אַוועק אין אייביקן וועג דורך עפּעס אַ נישט־געלונגענער אָפּעראַציע אויף אַפּענדיציט.

מקבר געווען האָט מען שטיינבארגן דינסטיק דעם 29טן מערץ 1932 אויף דעם אַלטן טשערנאָוויצער בית־עולם צווישן קברים פון קינדער, וואָס זייער בענקשאַפט נאָך מעשהס איז איבערגעשניטן אומברחמנותדיק. און שטיינבארגס קבר קוקט, דאַכט זיך, קיין בעסאַראַביע, וווּ מיט קנאַפּע צען יאָר שפּעטער איז דאָס יידישע לעבן פאַרשניטן געוואָרן און ס׳איז פון דעם געבליבן אַ דערמאָנונג, אַ ליד, אַ משל, אַ מעשה...

★

יידישע פּרעסע און ליטעראַטור אין אַלט רומעניע

פון 1859 ביז 1914

מיין צווייטע היים נאָך בעסאַראַביע איז אייגנטלעך געווען אָדעס, ווו איך האָב געלעבט און געלערנט צווישן די יאָרן 1911-1914. און כ'האָב אין אָדעס געזען זעעניש. כ'האָב פאַרכאַפּט דעם זיידן פון אונדזער ליטעראַטור, דעם שלאַנק־ווייסן מענדעלע מוכר ספרים אין זיינע לעצטע אויפבליען, ווען מען האָט געפייערט זיין 75יאָריקן יובילייִ און אַליין האָט ער געזאָגט, אַז ער איז שוין אַ בן שמונים מיט אַ שמיץ. איך האָב פאַרכאַפּט יצחק יואל ליניעצקי, ווען ער איז שוין געווען אַלט און פאַרביטערט און ער האָט אַ הילפלאָזער זיך געצאַפּלט און נישט געקענט באַווייזן עפּעס צוצוגעבן צו דער שאַרפער משכילישער סאַטירע זיינער „דאָס פּוילישע ייִנגל” און דער אַלטער אפּיקורס האָט געפּרוווט אויסשפּילן אויף דער לירע „די אַלטע מעלאָדיי” פון בענקשאַפט נאָך רעליגיע און עס האָט אים נישט געפּאַסט און ער האָט געפּרוווט אפילו האַלטן פרומע דרשות אין קליינע שולעכלעך, ווו עס האָבן געדאַוונט תשובה־טוענדיקע משכילים און ער האָט געוואָלט אָרגאַניזירן ממש אַ מלחמה קעגן דער „קאָמעדיע” פון קרוינען מענדעלען אַלס דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור. איך האָב פון דער וויטן זיך געטוליעט צו ביאַליקן און ראַווניצקין, וואָס זיינען געווען העברעאישע שריפטשטעלער מיט יידישע „חטאים” און מיט ליבע צו יידיש...

אבער אָדעס איז פאַר יידיש נישט אַ פּראָווינץ, נאָר אַ צענטר,

איינער פון די וויכטיקסטע צענטערן און די „חכמי אודיסה״, ווי רב צעיר האָט זיי אָנגערופן, זיינען די שאַפער פון אונדזער ליטעראַטור איןביידע שפּראַכן און אַ סך פון זיי זיינען טעמעס פון מיינע עסייען און אָפּהאַנדלונגען, וואָס וועלן דערשיינען אין מיינע ווייטערדיקע בענד. גיי איך דערפאַר איבער צו אַלטרומעניע, וווּ איך האָב געלעבט פון 1914 ביז 1923 און וווּ איך האָב זיכערער געשטעלט מיינע טריט אַלס שרייבער און רעדנער, איבערהויפּט אויף יידישע און העברעאישע ליטעראַטור טעמעס.

אַלטרומעניע האָט מען גערופן די דריי פּראָווינצן מאָלדאַווע, מונ־טעניא (אָדער וואַלאַכיע) און אָלטעניאַ, וואָס האָבן געבילדעט רומעניע ביז דער מיט פון ערשטן וועלט קריג. מען האָט זיי גערופן אַזוי בכדי צו אָפּטיילן פון די נייע פּראָווינצן, וואָס זיינען נאָכן דערמאָנטן קריג גע־וואָרן רומעניע־בעסאַראַביע, בוקאָווינע און טראַנסילוואַניע. מען האָט די דערמאָנטע דריי פּראָווינצן אויך גערופן „דאָס אַלטע רעגאַט״.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין רומעניע, איז רומעניש שוין געווען שטאַרק אין דער מאָדע ביי דער יידישער אינטעליגענץ פון „רעגאַט״ און ביי דער יידישער יוגנט בכלל און אין מונטעניא און אָלטעניא האָט מען שוין געטראָפן קינדער, וואָס האָבן קיין יידיש נישט געקענט. אָבער די הויפּט־שפּראַך פון די יידן איז נאָך דעמאָלט געווען יידיש און עס זיינען געווען שטעטלעך אין דער מאָלדאַווע, וווּ די קינדער האָבן, קו־מענדיק אין דער רומענישער שול לחלוטין נישט געקענט קיין רומעניש. אינטעליגענטערע יידן פון עלטערן דור פלעגן אַ רייד טון דייטש און דייטשמעריש און קאָנגרעס דייטש, ווען זיי האָבן אַ פּיר געטון אַ שמועס וועגן דברים העומדים ברומו של עולם, אָבער זיי האָבן אויך זייער אָפּט גערעדט אַ זאַפטיקן, פאָלקסטימלעכן און אייגנאַרטיקן יידיש. אין אָדעס האָט מען שוין זיכער דעמאָלט אַזאַ יידיש נישט געהערט און אין בע־סאַראַביע האָט מען שוין אויך גערעדט אַ היפּשן פאַררוסישטן יידיש. עס איז ממש שיין געווען צו הערן אין אַ יאַסי, אַ באָטאָשאַני און אַ גאַלאַץ פון די מיטליעריקע און עלטערע באַנקירן און געבילדעטע סוחרים אַ יידיש, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס געווען סאַלאָן פעאיק.

געלייענט האָט מען שוין גאַנץ ווייניק יידיש. אַ פּאָר דורות זיינען שוין געווען פון יידיש־ריידנדיקע, וואָס האָבן נישט געקענט לייענען און שרייבן יידיש. עס איז באַקאַנט דער קאַמף, וואָס דער גייסטרייכער רב

און געלערנטער, דער מלבים, האָט געפירט מיט די אָנהענגער פון אסימי־לאַציע, וואָס האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל לערנען אין די יידישע שולן די ביבל נישט אין אַ יידישער פאַרטייטשונג, נאָר אין אַ רומענישער איבערזעצונג. מען האָט דעם מלבים אַרויסגעשיקט פון בוקאַרעשט אויף אַ מיסט־וואָגן און מיט אים איינעם האָט מען אַרויסגעשיקט די פיר־עקעכיקע אותיות אונדזערע... עס זיינען געווען צענדליקער טויזנטער אינטעליגענטע און פאָלקסטימלעכע יידן, וואָס האָבן גערעדט אַ פּרעכטיקן יידיש און זיי האָבן נישט געקענט קיין צורה פון קיין יידישן אות. און כאָטש אין די שולן פון דער „אַליאַנס איזראַעליט", „הילפס־פעריין דער דויטשען יודען" און פון די קהלות האָט מען געגעבן אַ שטראָף אַ קינד, וואָס האָט גערעדט יידיש און מען האָט געגעבן פּרעמיעס קינדער, וואָס האָבן געמסרט די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך דערוועגט צו ריידן יידיש, האָבן די געוועזענע שילער פון די אַלע שולן נישט אויפגעהערט צו ריידן יידיש מיט ליבע און הנאה, כאָטש איינער פון די אידעאָלאָגן פון דער אסי־מילירטער אינטעליגענץ האָט געפּרוווט „איבערצייגן", אַז יידיש איז אַ שפּראַך, וואָס איז געאייגנט געוואָרן נאָר פאַר אַנעקדאָטן. מויל און אויערן פלעגן די דאָזיקע אידעאָלאָגן אויפשטעלן, ווען זיי האָבן דערהערט לידער פון אַ דוד איינהאָרן, אָדער מאַני לייב.

איך האָב פאַרבאַפּט אַ קליינעם רעשט פון דער יידישער פּרעסע אין רומעניע. עס איז דעמאָלט דערשינען אין יאַסי איין וואָכנבלאַט אין יידיש א. נ. „די ריכטיקע יידישע צוקונפט". עס זיינען אָבער געווען צייטן, ווען אין רומעניע איז געווען אַ גאַנץ פאַרצווייגטע פּרעסע אין יידיש און עס זיינען אפילו געווען טעגלעכע צייטונגען אין אונדזער לשון. פאַקטיש זיינען אין רומעניע דערשינען יידישע בלעטער שוין אין די פופציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם י. ה. און אפשר נאָך פריער. דער קולטור האַרעפאַשניק ש"ם (שלמה סאַלאָמאָן) — ראָמאַן האָט אין די ווילנער ייוואָ־אויסגאַבן געגעבן שיר־נישט אַן אויסשעפנדיקע ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער פּרעסע אין רומעניע.

עס ווייזט אויס, אַז די סאַמע ערשטע יידישע אויסגאַבע אין רומע־ניע איז דערשינען אונטערן העברעאישן נאָמען „קורות העתים" (די געשעענישן פון די צייטן) און איז אַרויסגעגאַנגען צוויי מאָל אין דער וואָך און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אָנהויב פון די זיבעציקער יאָרן. אין יאָר 1859 האָט אָנגעהויבן דערשיינען אַ בלאַט א. נ. „די צייט" און עס

האָט זיך אָפּגעשטעלט אין יאָר 1872. אין געוויסע דאָקומענטן רעדט זיך וועגן אַ יידיש בלאַט „טימפּול“ (די צייט, אויף רומעניש) און וואַר־שיינלעך איז עס די זעלביקע אויסגאַבע.

אַ דריטע יידישע צייטונג האָט אָנגעהויבן דערשיינען לערך אין דער זעלביקער צייט און זי האָט אויך געטראָגן אַ העברעאישן נאָמען — „עת לדבר“ —(צייט צו ריידן) האָט זי געהייסן. עס איז געווען די צייט פון עסטרייכיש־פראַנצויזישן קריג און דער אינטערעס צו וויסן נייס איז גע־ווען גרויס. און אַ פּערטע צייטונג, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין דער זעלביקער צייט אין רומעניש און יידיש האָט געהייסן „גאַזעטאַ ראָמאַנאַ עוורעיסקאַ“ (רומעניש־יידישע גאַזעטע).

די פּאָפּולערסטע יידישע צייטונג אין רומעניע איז געווען דער „היועץ“, וואָס האָט שפּעטער געהייסן „דער וואהרע היועץ“. י ח י א ל מ י כ ל ע ז י א ל האָט געהייסן דער גרינדער און רעדאַקטאָר פון אָט דעם בלאַט. ער האָט דאָס געגרינדעט אין יאָר 1874 אַלס וואָכנבלאַט א. נ. „היועץ לבית ישראל ברומניה“ (צייטונג פיר געמיינדע און פאַ־מיליע). אין יאָר 1885 האָט מען עזיאלן אַרויסגעשיקט פון לאַנד און זיין צייטונג האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין צוויי יאָר אַרום איז י. מ. עזיאל צוריקגעקומען קיין בוקאַרעשט און דער „היועץ“ איז דערשינען ביז 1895.

די ערשטע טעגלעכע יידישע צייטונג האָט אין רומעניע געגרינדעט אַ זון פון עזיאלן, וואָס האָט געהייסן יוסף אזיעלעסקו. זי איז דערשינען כמעט אין משך פון גאַנצן יאָר 1877 און אַ העלפט פון יאָר 1878. די דעמאָלטדיקע מלחמה האָט די דאָזיקע צייטונג — „דער טעלעגראַף“ האָט זי געהייסן — אָפּגערופן. דער זעלביקער יוסף אזיעלעסקו האָט אין יאָר 1895 אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם פאָטערס וואָכנבלאַט א. נ. „דער וואהרע היועץ לבית ישראל ברומניה“, ער האָט אים פריער אַרויסגעגעבן וועכנט־לעך און שפּעטער פיר מאָל וועכנטלעך. און אַזוי איז „דער וואהרע היועץ“ דערשינען ביז 1914. ער איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. דער מחבר פון אָט די שורות איז אָנגעקומען קיין רומעניע אין מאַי 1914, האָבן טויזנטער יידן געמיינט, אַז „דער וואהרע היועץ“ דערשיינט נאָך... איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די דערמאָנטע צייטונג איז געווען שטאַרק פּאָפּולער און געלייענט האָט מען זי נישט, מען האָט נאָר גע־קענט איר נאָמען. די פּאָפּולערסטע רומענישע צייטונג איז דעמאָלט געווען דער „אוניווערסול“ (אגב, אַ זייער פּינצטערע, רעאַקציאָנערע

צייטונג) און ווען אַ קריסט האָט געוואָלט זאָגן: „גיב מיר אַ בלאַט", פלעגט ער זאָגן: „גיב מיר אַן „אוניווערסול". און יידן פלעגן זאָגן אַנ־שטאָט „אַ יידישע צייטונג", „אַ היועץ". ווען איך פלעג האַלטן אין האַנט אַ יידיש, אָדער העברעאיש בלאַט, פלעגט מען מיך פרעגן: „איר לייענט דעם היועץ"? אויך קריסטן פלעגן זאָגן אויף אַ יידיש בלאַט „און (א) היועץ"... די שפּראַך פון „היועץ" איז געווען דייטשמעריש. שוין דער טיטל „דער וואַהרע" דערציילט ווי די שפּראַך האָט אויסגעזען. יוסף אזיעלעסקו האָט אָנגערופן זיין בלאַט „דער וואַהרע היועץ", ווייל זיינער אַ ברודער האָט אַ שטיקל צייט אויך אַרויסגעגעבן אַ בלאַט א. נ. „היועץ" און עס ווייזט אויס, אַז דער ברודער האָט געהאַט די לעגאַלע רעכט אויף דעם בלאַט, האָט יוסף אזיעלעסקו געשאָסן צוויי האָזן אויף אַמאָל. ער האָט אויסגעמיטן אַ שטראָף, אי דערציילט, אַז זיין „קוני לעמל" איז דער אמתער...

אין די יאָרן 1883-84 איז אין בוקאַרעשט דערשינען אַ וואָכנבלאַט א. נ. „קול רנה" און דער גאַנצער מאַטעריאַל, אפילו די נייעסן און די לייט־אַרטיקלען, איז געדרוקט געוואָרן אין גראַמען. דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער האָט געהייסן ל י פּ א ר א ד ע ס ק ו, וואָס איז געווען אַ מחבר פון לידלעך און קופּלעטן. אין „קול רנה" האָבן זיך גע־דרוקט די באַרימטסטע טעאַטער־לידער פון יענער צייט פון א. גאָלדפאַדען. יאָזעף לאַטיינער א. א. ליפּא ראַדעסקו האָט אין 1882 אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידלעך און קופּלעטן א. נ. „ליפּעלעס ווערק". איך האָב געזען אַן אויסגאַבע פון אָט דעם ביכל און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ליפּעלע האָט די מערסטע „ווערק" זיינע זוכה געווען מן ההפקר...

צווישן די יאָרן 1881-96 זיינען דערשינען אַ סך יידישע וואָכנ־בלעטער און פּעריאָדישע אויסגאַבעס. זיי זיינען דערשינען אין יאַסי, גאַלאַץ, באַטאַשאַן און בוקאַרעשט. זיי האָבן געטראָגן אַזעלכע נעמען ווי „התקוה", „די וואַרהייט", „יודישעס פאָלקסבלאַט". אין באָטאָשאַן זיינען אין 1886 דערשינען 21 נומערן פון אַ וואָכנבלאַט א. נ. „נאַציאָנאַל" אונטער דער רעדאַקציע פון יצחק יואל ליניעצקי.

די אַלע דערמאָנטע צייטונגען זיינען נישט געווען פון קיין אויס־געשפּראָכענע ריכטונגען. עס זיינען דערשינען אויך אויסגעשפּראָכענע פּאַרטיי־צייטונגען פון ציוניסטישן און סאָציאַליסטישן כאַראַקטער. די ערשטע ציוניסטישע צייטונג האָט געהייסן „דער עמיגראַנט" און איז

דערשינען אין יאָר 1882 און האָט אַגיטירט עמיגראַציע קיין ארץ ישראל און אַ סך יידן האָבן טאַקע אויסגעוואַנדערט קיין ארץ ישראל. עס זיינען דערשינען ציוניסטישע צייטונגען, וואָס האָבן געהייסן „דער יודישער פאָלקסבלאַט", „אהבת ציון", „דאָס ליכט" (נישט פאַרבייטן אויף די ליטעראַרישע זאַמלביכער „ליכט"), „דגל ציון" א. אַ. וו. אין דער „אַלגעמיינער ענציקלאָפעדיע" זאָגט זיך, אַז „דער האמער" וואָס איז דערשינען אין יאָר 1915 אין בראַילע, איז די זעלביקע צייטונג, וואָס „דגל מחנה יהודה", „המבשר" און „דורשי ציון". דאָס איז נישט ריכטיק. דעם „האַמער" האָט געגרינדעט און אַרויסגעגעבן דער מחבר פון אָט די שורות און אין רומעניע איז געווען זייער פּאָפּולער אַ קאַריקאַטור פון מאַלער רובין (היינט ראובן רובין, פּיאָנער פון א"י מאַלעריי און אַמבאַסאַדאָר פון ישראל אין רומעניע), וואָס האָט מיך פאָרגעשטעלט מיט אַ האַמער אין האַנט און עס איז געווען אָנגעשריבן אונטן: „דער האַמער איז מיינעררר..."

די סאָציאַליסטישע צייטונגען האָבן געהייסן „דער וועקקער", „דער קאָמפּאַס" און „דער ריכטיקער קאָמפּאַס". די וויכטיקסטע סאָציאַליסטישע צייטונג איז געווען „דער וועקקער", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין יאָר 1896 אין יאַסי. עס האָט אים אַרויסגעגעבן די סאָציאַל דעמאָקראַטישע גרופּע „לומינא" (ליכט) און די הויפּט־מיטאַרבעטער זיינען געווען אַליעזר רוקח, ד"ר ל. געלערטער און מאַקס וועקסלער. דער ערשטער איז געווען אַן אייגנאַרטיקער, זייער פּאַראַדאָקסאַלער זשורנאַליסט אין העברעאיש און יידיש; ד"ר ל. געלערטער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע סאָציאַליסטישע פירער אין לאַנד, אַ גרויסער טריבון און וווינענדיק אין דער היפּש־יידישער שטאָט יאַסי מיט אַ דורכויס יידיש־ריידנדיקער באַפעלקערונג, האָט ער געהאַט אַ טיף־אינערלעכע באַציאונג צו יידיש. מאַקס וועקסלער איז געווען איינער פון די געלערנטסטע מאַרקסיסטן אין רומעניע, ער איז געווען אַ פּובליציסט מיט וואָג אין רומעניש און יידיש און ער האָט זיך אַליין דערטראַכט צו אַ מין בונדישן פּראָגראַם. מאַקס וועקסלער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג אויף דעם פראָנט. רעאַקציאָנערע רומענישע אָפיצירן האָבן אומגעבראַכט אַ יידן אַ סאָציאַליסט. אין „וועקקער" האָט פון צייט צו צייט מיטגעאַרבעט אויך דער אַלטער סאָציאַליסטישער מנהיג ד"ר קארפּעלעס ליפּפּע, וואָס איז געווען דער עלצטער דעלעגאַט צום

ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל און ער האָט, אַלס אַזעלכער, געהאַט דעם כבוד צו עפֿענען דעם דאָזיקן קאָנגרעס און פּרעזידירן זיין ערשטע זיצונג. ער איז געווען אַ גאַליציאַנער ייִד און ער האָט אַ גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט אין רומעניע, אין דער הויפּטשטאָט פון דער מאָלדאָווע — יאַסי. ער האָט געהאַט פּריינטלעכע באַציאונגען מיט די סאָציאַליסטן און ער האָט מיטגעאַרבעט אין זייער צייטונג. ער האָט געשריבן קאָנגרעס־דייטש און מען האָט אים איבערגעזעצט אויף יידיש. „דער וועק־קער" איז געווען די ערשטע יידישע צייטונג אין רומעניע, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אַ ריינעם יידיש. ד"ר ק. ליפּפּע האָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געהאַט אַ מאַניע צו גרויסע לוויות (ער איז געווען אין די טיפע אכציקער און אביסל עובר בטל) און ווען ער האָט געזען אַ גרויסע לוויה אין יאַסי, פלעגט ער זאָגן: „עס איז אַ גאָרנישט קעגן דער לוויה וואָס איך וועל האָבן". געשטאָרבן איז ער אין צייט פון ערשטן וועלט־קריג אין גאַליציאַנער שטעטל זאַלישטשיק, וואָס איז געווען אונטערן פייער און ער האָט גאָר קיין לוויה נישט געהאַט, אפילו קיין מנין נישט...

נישט אויסגעפאָרשט זיינען צענדליקער לאָקאַלע יידישע בלעטלעך, וואָס זיינען דערשינען אין אַ סך שטעט אין יאָר 1900. ס'איז אין יענעם יאָר געווען אַ גרויסער קריזיס און די רדיפות אויף יידן זיינען פאַר־שטאַרקט געוואָרן און יידן האָבן זיך אַ לאָז געטון צו־פוס צו דער גרענעץ. עס איז געווען אַ ריזיקע מאַסן־באַוועגונג. די וואַנדערער זיינען אין יעדן שטעטל אויפגענומען געוואָרן ווי ברידער און יידן האָבן זיי אָוועקגעגעבן דאָס לעצטע. די אימיגראַנטן האָבן דערנאָך געגרייכט מיט אַ שיף ביז בודאַפּעשט און אייראָפּע האָט זיך אַ וויג געטון און פאָרשטייער פון די אייראָפּעאישע מלוכות האָבן פאַרהאַנדלט מיט די אימיגראַנטן, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן. די יידן האָבן געענטפערט: „בעסער אין וואַסער אַריין, איידער זיך אומקערן". און איין ייִד האָט זיך טאַקע אַריינגעוואָרפן און ער האָט אַזוי צעשניטן אַ פּוס, אַז ער איז געבליבן אַ הינקענדיקער אויף דעם גאַנצן לעבן. איך האָב דעם דאָזיקן יידן געקענט, ער האָט געלעבט אין באַקוי און ער איז געבליבן מיט דער קרוין פון אַ העלד.

אָט אָ די באַוועגונג איז באַשריבן געוואָרן אין צענדליקער פלוג־בלעטלעך, וואָס זייער זכר איז אומגעקומען. אַ סך בלעטער זיינען געשריבן געווען אין גראַמען און אייניקע זיינען טאַקע געווען לידער און

זיי האָבן געהאַט מעלאָדיעס. דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער רומע־נישער פּאָעט און ליטעראַטור־פאָרשער באַרבו לאַזאַרעאַנו, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען אַ יונג יידיש בחורל אין דער אָרימער יידישער געגנט פון באָטאָשאַני, אין געטאָ מיטן נאָמען „קעליטשימעא" (קאַב־צאַנסק) און וואָס האָט דעמאָלט נאָך געהייסן בובי לאַזאַרעוויטש, האָט פּאַקטיש דעמאָלט דעבוטירט מיט אַ טרויריק ליד אין יידיש וועגן גורל פון אימיגראַנט. באַרבו לאַזאַרעאַנו האָט אַלס אַנערקענטער רומענישער שרייבער געשריבן פון צייט צו צייט יידיש.

ווען דער מחבר פון אָט די שורות איז אין יאָר 1914 אָנגעקומען קיין רומעניע, איז אין גאַנצן לאַנד דערשינען בלויז איין יידישע וואָכנ־צייטונג מיטן נאָמען „די ריכטיגע יודישע צוקונפט". עס איז דאָ כדאי צו באַמערקן, אַז אין רומעניע איז געווען אַ נייגונג צו די אַדיעקטיוון „וואַר" און „ריכטיק" און עס זיינען געווען סיבות אויך. עס איז פריער דערשינען אַ צייטונג מיטן נאָמען „די יודישע צוקונפט", איז שפּעטער דערשינען אַ צייטונג מיטן נאָמען „די ריכטיגע יודישע צוקונפט" — אַמאָל צוליב קאָנקורענץ און אַמאָל צוליב לעגאַלע טעמים.

עס זיינען אָבער דערשינען אין רומעניע אַ סך געלעגנהייטלעכע יידישע בלעטער אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך. עס זיינען דערשינען „גראַגערס" אויף פּורים, „פּאַרכעס" אויף שבת הגדול און „מה נשתנה" אויף פּסח.

די מערסטע פון אָט די יידישע בלעטער זיינען דערשינען מיט לאַטיינישע אותיות, ווייל די שרייבער האָבן נישט געקענט שרייבן קיין יידישע אותיות און די לייענער האָבן זיי נישט געקענט לייענען. ד"ר י. סאָטעק (שותק), דער איינציקער יידישער דעלעגאַט פון רומעניע צו דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, איז געווען אַ פּרינציפּיעלער אָנ־הענגער פון יידיש מיט לאַטיינישע אותיות און ער האָט געהאַלטן, אַז נאָר דורך לאַטיינישע אותיות קען מען ראַטעווען אין רומעניע יידיש פון אונטערגאַנג.

און יידיש האָט דעמאָלט אין רומעניע טאַקע נאָר געלעבט מינדלעך. געלייענט יידיש האָבן יחידה סגולה. איבערהויפּט זיינען געווען יידישע לייענער אין יאַסי, באָטאָשאַני און אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין דער מאָלדאָוויע. אין באָטאָשאַני איז דעמאָלט געווען איינע פון די רייכסטע יידישע ביבליאָטעק אין דער וועלט.

און כאָטש מען האָט אַזוי ווייניק געלייענט יידיש אין רומעניע און כאָטש ס׳איז געווען אַזוי ווייניק באַוווסטזיניקע באַציאונג צו יידיש ביי דער אינטעליגענץ און ביי די פירער פון די פאַרשידנסטע ריכטונגען, האָט יידיש דעמאָלט דאָך געבליט. מען האָט נאָך געזונגען וועלוול זבאַרזשערס לידער, דערציילט ראובן אשר ברוידעסעס מעשהס, אליעזר רוקחס פּאַראַדאָקסן און יעקב פּסאַנטערס (אַ קלעזמער און דער ערשטער היסטאָריקער פון רומענישן יידנטום) מוטיקע שקאָצערייען. און די מאַסן זיינען געלאָפן אין יידישן טעאַטער אַריין טאַקע ווי צו מצה־וואַסער.

און כאָטש יידן אַליין — די יידישע קהלות — האָבן געמאַכט שולן, אין וועלכע יידיש איז געווען מאַן דכר שמיה און טאַקע „ימח שמו״, איז יידיש געמינערט געוואָרן אין די מיילער אין אַ זייער לאַנגזאַמען טעמפּאָ און ווירקן דירעקט אויף די יידישע מאַסן האָט מען געקענט נאָר דורך אַ לעבעדיק יידיש וואָרט.

דער עפּילאָג פון אַלט־יידיש און דער פּראָלאָג צו ניי־יידיש

דער עפּילאָג פון אַלט־יידיש אין רומעניע איז געווען „די ריכטיגע יודישע צוקונפט״, וואָס איז דערשינען אין יאַסי. איר רעדאַקטאָר איז געווען אורי קייש, אַ בעסאַראַבער ייד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין קאַלאַראַש אין די זעכציקער יאָרן פון פּ. י. און איז אַריבערגעקומען קיין רומעניע נאָך דעם ערשטן קעשענעווער פּאָגראָם און ער האָט זיך דאָרט באַזעצט. געגרינדעט האָט אורי קייש זיין צייטונג אין יאָר 1907 און זי איז דערשינען מיט קליינע איבעררייסן ביז 1916. אַרום 1925 האָט קייש ווידער אָנגעהויבן זיין בלאַט א. נ. „די יודישע צוקונפט״ אין גאַלאַץ.

„די ריכטיגע יודישע צוקונפט״ איז פּאַקטיש געווען די לעצטע יידישע צייטונג פון אלטן שניט אין רומעניע, אָבער די שפּראַך איז שוין געווען אונדזער יידיש. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די צייטונג האָט צום מיינסטן געהאַט „שער״־מאַטעריאַל. מען האָט אים אויסגעשניטן פון די ניו יאָרקער „יידישע גאַזעטן״, וואָס איז געווען געשריבן אין נישט קיין דייטשמערישן יידיש. און אַז ס׳איז אַמאָל געווען אַן אַרטיקל וועגן אַ לאָקאַלן ענין, איז עס געווען געשריבן אין דייטשמעריש, אויב ס׳איז

נישט געווען געשריבן פון רעדאַקטאָר אַליין, וואָס האָט אַלס בעסאַראַבער ייד נישט געקענט קיין דייטשמעריש...

אורי קייש איז געווען אַ פאָלקסטימלעכער ייד, אַ קליינער למדן און אינגאַנצן אָן וועלטלעכער בילדונג. ווען איך האָב אים דערקענט, איז ער געווען אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ היפש בערדל און נאָך היפשער בייכל. ער איז געווען אַ פאָלקס־רעדנער מיט טעמפּעראַמענט, אָבער מיט זייער ווייניק געשמאַק. ער איז געווען אַ גוטמוטיקער און האָט געוואָלט לעבן בשלום מיט אַלע. ער איז, נאַטירלעך, געווען אַ ציוניסט, אָבער בעת די ציוניסטן האָבן געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט דעם „פאַרבאַנד פון די איינגעבירגערטע יידן", וואָס האָבן אַגיטירט פאַר אַסימילאַציע און שוין אוודאי פאַר שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, האָט ער געענדיקט זיינע רעדעס מיטן רוף, אַז מען זאָל שטיצן אי דעם ציוניזם, אי דעם דערמאָנטן פאַרבאַנד. איך האָב אַמאָל אַליין געהערט אַ רעדע פון אורי קייש, וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אָט אָ די ווערטער:

„יידן! תורה איז קול תורה, קול תורה איז קולטורע, קולטורע איז קעלדורע (היץ אין רומעניש), קעלדורע איז היץ, היץ קריכט אין קאָפּ, פון קאָפּ אין קעשענע, צאָלט אַ שקל, פאַרשרייבט אייך אין דער „איוניוניע" און אַבאָנירט אייך ביי דער „ריכטיגער יודישער צוקונפט", אַכט פראַנק אַ יאָר, רעדאַקטאָר אורי קייש..."

אין משך פון אַן אַנדער רעדע האָט ער געזאָגט:

„אויף אַ דאַך שטייט אַ טשאָרע" (קראָ אויף רומעניש), קראַ, קראַ, ס'איז קאַלט... ווייסט איר וועמען מען מיינט די „טשאָרע"? די „טשאָרע" מיינט מען דאָס יידישע פאָלק. דעם יידישן פאָלק נעבעך איז קאַלט... דאָס יידישע פאָלק איז געגליכן צו אַ לייטער. אַז מ'בויט אַ שטוב, שטעלט מען אַנידער אַ לייטער און מ'גייט אַרויף אויף דעם לייטער, אַראָפּ פון דעם לייטער, און אויסגעבויט די שטוב, איז אַוועקגענומען דעם לייטער און אוים לייטער... יידן, דאָס יידישע פאָלק איז געגליכן צו אַ מאַמעליגע, הייסערהייט בריט זי און קאַלטערהייט שטעלט זי זיך אין האַלדז און ווארגט... זייט נישט קיין מאַמעליגע, צאָלט אַ שקל, פאַרשרייבט אייך און דער „אוניוניע" און אַבאָנירט „די ריכטיגע יודישע צוקונפט" — אַכט לעי אַ יאָר, רעדאַקטאָר אורי קייש..."

ער האָט געקענט ענדיקן אַ רעדע מיט אָט די באַקענטע ווערטער:

„אַבאָנירט „די ריכטיגע יודישע צוקונפט", אין דער היים האָב איך אַן אלמנה מיט 5 יתומים, וואָס אַרט אייך, וואָס איך בין נאָך נישט געשטאָרבן?..."

איינמאָל האָט ער אין אַ רעדע דערציילט אַזאַ מין „וויץ":

„עך בין תמיד געוווינט, אַז מ'זאָל מיר זאָגן, אַז מיין צייטונג איז צו־גרויס. ווער לייענט זי בעוונותנו הרבים? ווער לייענט יידיש? קום עך דאָ אַריין צו אַ יידן, זאָגט ער מיר, אַז די צייטונג איז צו־קליין. האָב עך זיך גאָר דערפרייט מיט אַזאַ יידן און אים גענומען פרעגן, וואָס ער לייענט און וואָס עס געפעלט אים. האָט ער געזאָגט: לייענען לייען עך נישט, אָבער מיין ווייב שפּרייט זי אויף אויף דער פּליטע, איז זי צו קליין, די פּליטע איז אַ גרויסע..."

דער פאַרלאַג פון נײַ־יידיש איז געווען דאָס פערטל־יאָריקע זאַמל־בוך „ליכט", וואָס איז דערשינען אין יאַסי אין משך פון די יאָרן 1915-16. פיר נומערן זיינען דערשינען און זיי האָבן באַטייט אַ רעוואָ־לוציע אין געדרוקטן יידישן וואָרט פון אַלט־רומעניע.

די אָנרעגער צו אַרויסגעבן דאָס דערמאָנטע זאַמל־בוך זענען געווען אַ גרופּע יונגע יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך געפונען אין יאַסי. די גרופּע איז באַשטאַנען פון דעם דיכטער יעקב גראָפּער, דעם הומאָריסט (אין פּערזן און פּראָזע) מאָטיע ראַבינאָוויטש און דעם סטודענט אפרים וואַלדמאַן, וואָס האָט געשריבן אי דערציילונגען, אי ליטעראַטור־קריטיק. נאָענט צו זיי האָט זיך געהאַלטן דער דעמאָלט ערב־אַדוואָקאַט לאַסקאר שאַראַגאַ, וואָס האָט געשריבן רומענישע לידער, איז געווען כמעט דער איינציקער פּועלי ציון אין לאַנד און אַ גלענצנדיקער רומענישער רעדנער.

יעקב גראָפּער איז דעמאָלט שוין געווען זייער פּאָפּולער אין לאַנד. כמעט געדרוקט האָט ער זיינע לידער כמעט אין ערגעץ נישט. אַ פּאָר פון זיי האָט ער אָפּגעדרוקט מיט לאַטיינישע אותיות אין די רומעניש־יידישע זשורנאַלן. זיינע לידער זיינען איבערגעשריבן געוואָרן און אין כתב יד זיינען זיי געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, פּונקט ווי צוריק מיט זעכציק יאָר שלמה עטינגערס לידער אין פּוילן... די אַנדערע, אויסער שאַראַגען, האָבן אָנגעהויבן פּאָפּולער ווערן און איבערהויפּט האָט זיך אימפּאָנירט מאָטיע ראַבינאָוויטש מיט חנעוודיקע הומאָריסטישע לידער. די דאָזיקע גרופּע האָט געהאַט צו זיך אַ פּאָר מאַלער־אָנפאַנגער, רעציטאַ־טאָרס, זינגערס, יונגעלייט און מיידלעך, וואָס האָבן געקוואָקעט אויף

שווישפּילער. א שטיק צייט האָט יעקב מעסטל, דער דיכטער און שווישפּי־
לער פון גאַליציע געשפּילט יידיש טעאטער אין יאסי און ער האָט זיך
געחברט מיט דער דאָזיקער גרופּע.

אין יאסי האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן א „טויבענהאַ־
לע", ווו ציוניסטן האָבן געקעמפט פאַר העגעמאָניע קעגן די אסימילאַ־
טאָרס און די סאָציאַליסטן האָבן דאָרט אויך געזוכט צו האָבן א השפּעה.
אין אָט דער „טויבענהאַלע" זיינען פאָרגעקומען רעפעראטן און קינסט־
לערישע אָוונטן און די גרופּע יידישע שרייבער האָט מיט שוועריקייטן
זיך אויסגעקעמפט אביסל אנערקענונג און איבערהויפּט רעכט צו האַלטן
רעפעראטן, רעציטירן און זינגען אין יידיש.

איך בין אויף ווינטער 1914־15 געפאָרן זיין א העברעאישער לערער
אין דער שטאָט פאָלטיטשען, און דאָרט האָב איך זיך דערוווּסט וועגן
דער יאסיער גרופּע, צוליב דעם, וואָס זי האָט ארויסגעגעבן אויף שמחת
תורה א קליין הומאָריסטיש בלעטל א. נ. „די פאָן". דאָס דאָזיקע בלעטל
איז געווען גאָר אנדערש, ווי די אלע געלעגנהייט־בלעטלעך, וואָס פלעגן
דערשיינען אין רומעניע און צווישן וועלכע ס'זיינען געווען א סך, וואָס
האָבן געהייסן „די פאָן". די שפּראַך איז געווען אָן אָפּגעהיטע, די פערזן
האָבן געהאט ריטם, די פּראָזע האָט געהאט א זין. „די פאָן" האָט דער־
מאָנט אין די הומאָריסטישע ביילאגעס פון די יידישע בלעטער אין פּוילן.

צוליב אָט דעם בלעטל האָב איך זיך פארבונדן מיט יענער גרופּע
און גענומען פירן א קאָרעספּאָנדענץ מיט איר. די גרופּע האָט זיך געקליבן
ארויסגעבן א זאמלבוך אין רומעניש א. נ. „קדימה" און האָט שוין געהאט
מאטעריאַל — צום מיינסטן איבערגעזעצטן פון דייטש און העברעאיש.
און דאָ בין איך געקומען מיט א פאָרשלאַג ארויסצוגעבן א זאמלבוך אין
יידיש. עס האָט זיך אָלעמען געלייגט אויף דעם שכל. די גאנצע גרופּע איז
אריינגעקומען פון יאסי קיין פאַליטשעני אויף א חתונה־פעסטיוואַל, וואָס
האָט געדאַרפט מאַטעריאַל באַזאָרגן דעם ערשטן נומער „ליכט" (מיט
אָט דעם נאָמען האָט מען געקרוינט די אויסגאַבעס). דער איינציקער פון
דער גרופּע, וואָס האָט נישט געקענט קומען, איז געווען יעקב גראָפּער.
ער האָט דעמאָלט געדינט אין דער אַרמיי, ער איז געווען אַן אָפיציר.
דערפאַר איז אריינגעקומען מיט דער גרופּע לאָסקאר שאראגא, וואָס האָט
גערעדט רומעניש. יענער פעסטיוואַל האָט ארויסגערופן א בהלה ביי די
פרומע יידן פון שטאָט. דער רב האָט אַזש געלאָזט אויסרופן אין שול,

אַז מען זאָל נישט גיין צו אים. מען איז אָבער יאָ געגאַנגען און דער ערשטער נומען, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן צוליב אַ שמחת־תורה־בלעטל און איז געדעקט געוואָרן מאַטעריעל פון אַ חנוכּה יום־טובֿ איז דערשינען אויף פּסח.

עס זיינען דערשינען נאָך דריי ביכלעך. די פינאַנצן פאַר אַלע דריי נומערן האָב איך געבראַכט פון אַ לעקציע־טור איבער דער פּראָווינץ. אויסער די דערמאָנטע דריי און מיר האָבן זיך באַטייליקט מיט איינציקע זאַכן ק. אָסקאַר (אָסקאַר קרעמער) און מ. גפני (דר. מ. וויינשטאָק) און זייט דעם צווייטן נומער האָט זיך געדרוקט דער אַדזשודער רבינס זון און בוהושער רבינס פּלימעניק א. מ. פרידמאַן, וועלכן מען האָט גערופן מאַטעסל פרידמאַן. ער האָט מיט זיין אייגענעם נאָמען קיינמאָל נישט געחתמעט, ווייל די חסידים פון זיין טאַטן וואָלטן געווען ווילטן איבערגעקערט. זיינע דריי הויפּט־פּסעוודאָנימען זיינען געווען א. מ. חשמונאי, א. מ. תלמודי און פּ. מ. אהרן. ער האָט געשריבן פילאָזאָפישע עסייען און סקיצן, וואָס ער האָט גערופן „אַ טאָג־בוך פון אַ נאַטור־מענטשן". פרידמאַן איז אין אַ גרויסער מאָס געוואָרן די סענסאַציע פון „ליכט". אַ רבינס אַ זון, אַליין אַ צוקונפטיקער רבי און אַ שרייבער... די חסידים האָבן אָנגעהויבן פירן אַ קאַמף קעגן אונדזער גרופּע און די ברייוו זיינען איבערגענומען געוואָרן און ווען נישט אַ געטרייער צוטרוי־מענטש פון מאַטעסלען, וואָלטן זיינע זאַכן נישט געווען געגרייכט צו אונדז.

מיר האָבן זיך דערנאָך דערוווּסט פּרטים פון פרידמאַנס לעבן. ער איז אַ שטיק צייט געווען אין עסטרייך און ער איז פון דאָרט צוריקגעקומען אַן אַנדערער, ער איז צוריקגעקומען אַ משׂכּיל אַן אַפּיקורס. ער האָט געוואָלט איבערלאָזן זיין טאַטנס הויז און ווערן אַ בוכהאַלטער אין יאַסי. זיין יונגע פרוי חוהלע — אַ טאָכטער פון פּאַשקאַנער רבין, טאַקע מאַטעסלעס טאַטנס אַ ברודער — איז געווען גרייט צו טיילן דעם גורל פון איר מאַן, אָבער מען האָט זיי ביידע געהאַלטן שיר־נישט אַווי אויף אַ קייט. אַז איך בין צו זיי געקומען צו־גאַסט, האָב איך זיך געמוזט אַריינגנבֿענען.

אין יאָר 1917 איז רומעניע אַריין אין דער וועלט־מלחמה אויף דער זייט פון דער אַנטאַנט און אַ גרויסער טייל פון לאַנד איז באַזעצט געוואָרן פון די צענטראַל־מאַכטן. אַדזשוד איז געבליבן נישט באַזעצט און דאָרט האָט געהערשט הונגער, נויט און במילא עפּידעמיעס. מאַטעסל,

וואָס איז סיי ווי געווען א קנאַפּער העלד, איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און איז שוין נישט אויפגעשטאַנען פון זיין קראַנקהייט. זיינע געשריבענע ווערק זיינען פאַרפאַלן געוואָרן און אפשר טאַקע בכיוון צעשטערט געוואָרן פון די חסידים. מער ווי די זאַכן, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין „ליכט" און שפּעטער אין „האַמער" און אין דער רומעניש־ציוניסטישער אויסגאַבע „התקוה" איז פון אים נישט געבליבן. ער האָט אין אַ גרויסער מאָס איבערגעלעבט די זעלביקע טראַגעדיע, וואָס זיין עלטער־פעטער דער ליעווער רבי; ער איז ווארשיינלעך געווען א טיפערע פּערזענלעכקייט ווי יענער, אָבער ער האָט געהאַט ווייניקער כוח. ער האָט אַמאָל געזאָגט: „בראַנדשטעטער (אַ גאַליציאַניש־משכּילישער העברעאישער שרייבער, וואָס האָט געשריבן איבערהויפּט סאַטירעס אויף חסידים) האָט געוויזן דעם חסידיזם אַזוי ווי ער דאַרף נישט זיין, פּרץ האָט אים געוויזן אַזוי ווי ער דאַרף זיין; דער ערשטער איז טאַקע געווען א מיטלמעסיקער שרייבער, דער צווייטער אַן ערשטראַנגיקער שריפטשטעלער, אָבער ביידע האָבן זייער שטאַרק מגזם געווען".

א. מ. פרידמאַן האָט פאַרמאָגט געדאַנקען און א לירישן אונטערגרונט; ער איז געווען אונטער דעם איינפלוס פון ניטשען און דעם יידישן ניטשע — בערדיטשעווסקין — און אין דער שפּראַך איז ער געווען באַאיינפלוסט פון פּרץ'ס חסידיש. ער האָט גענוצט די חסידישע און לומדישע שפּראַך אויך, ווען זי האָט נישט געפּאַסט. אין „אויסן טאָגבוך פון א נאַטור־מענטש" האָט ער אַזעלכע פראַזן: „אנשטאָט אנטקעגן צו גיין דעם דרור לעבן בתופים ובמהולות, פאַרצאַמט מען עם מיט חוקים און מיט סיגים א. אַ. וו." אָדער „גרעזעלעך און בלימעלעך, אַלפים ורבבות"...

עמיצער וואָלט געדאַרפט זיך געבן די מי און צונויפקלייבן אַלץ, וואָס מאַטעסל פרידמאַן האָט אָפּגעדרוקט און עס פאַרזען מיט אַ ריכטיקער מאָנאָגראַפיע און נישט לאָזן אַראָפּ אין תהום פון שכחה אַ פּערזענלעכקייט, וואָס טאָר נישט פאַרגעסן ווערן און דערמיט אויסלייזן א נפש מישראל, וואָס האָט אין זיך געהאַט טראַגישע צעריסנקייט און דערהויבנקייט.

עס דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן נאָך א נפטר פון דער גרופּע „ליכט" — דאָס איז אפרים וואַלדמאַן, אַ יונגער סטודענט (אַ ברודער פון מאָטיע ראַבינאָוויטשס פרוי), וואָס איז געווען פאַרליבט אין יידיש און האָט

שוין געהאַט אַ גאַנץ פּיין געמאַכטע אַרבעט וועגן פּרצן אין רומעניש און עטלעכע מיט חן־געשריבענע סקיצן, וואָס האָבן געהאַט דאָס רומענישע יידיש, דאָס דורך דער יידישער ליטעראַטור קוים באַרירטע יידיש פון מאָלדאַווע.

מיר קערן זיך איבער צום לעבן. פון ערשטן נומער „ליכט" ביז דעם צווייטן איז אַוועק אַ קנאַפּ יאָר. דאָס זאַמל־ביכל, וואָס האָט געהאַט אַ שער־בלאַט פון ר ו ב י ן (דעם היינטיקן ראובן), וועלכער שטעלט נאַאיוו פאָר אַ מלאך מיט אַ פאַקל, וואָס גיט אַזויפיל ליכט, אַז ער מוז זיך אַזש פאַרשטעלן די אויגן מיט די פליגל, האָט געמאַכט אַ רושם און אַרויסגערופן קעגנערשאַפט און אָנהענגערשאַפט. די אָנהענגער זיינען געווען צום מיינסטן נאַאיווע יונגע ציוניסטן פון דער פּראָווינץ און טיילווייז אויך סאָציאַליסטן; די קעגנער זיינען געווען די קעמפער פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג פון דעם שוין דערמאָנטן „פאַרבאַנד פון איינגעבירגערטע יידן". זיי האָבן געהאַלטן אין איין טרומייטערן, אַז יידן זיינען שוין עכטע רומענער און זייער שפּראַך איז שוין רומעניש און דאָ איז געקומען אַ גרופּע און „שלעפּט צוריק" צו יידיש. אין די רומענישע צייטונגען זיינען דאָ און דאָרט דערשינען גוטע אָפּרופן וועגן „ליכט", אין די רומעניש־יידישע צייטונגען „עגאַליטאַטעא" און „קוריערול איזראַעליט" האָט מען די גרופּע פאַרשוויגן.

דאָס צווייטע העפט „ליכט" איז דערשינען אין אַ שוואַרצן רעמל — י. ל. פּרץ איז דעמאָלט נפטר געוואָרן. די גרופּע „ליכט" האָט אַרויסגעגעבן אויך אַ פלוג־בלעטל וועגן פּרצן און האָט געמאַכט אַ טורנע איבער פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אין לאַנד און אָנגעפילט די לופט מיט פּרצן. איך האָב אין איין רעפעראַט אָנגעהויבן ריידן בלשון סתם און זאָגן „ער". „ער"... און איך האָב באַמערקט: „איך זאָג אייך נישט ווער, ווייל אַז איך וועל אייך זאָגן, וועט איר אויך נישט וויסן. אָט זאָג איך: „פּרץ", ווייסט איר דען? פּרץ האָט געדאַרפט שטאַרבן, אַז מען זאָל זיך אין רומעניע דערוויסן, אַז ער האָט געלעבט".

איינער פון אונדזער גרופּע, דער שוין דערמאָנטער אָסקאַר קרעמער, האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין דער צייטונג „וויטאָרול" פון די בראַטיאַנוס וועגן פּרצן, צו וועלכן די רעדאַקציע האָט צוגעגעבן אַ פוס־נאָטע, אַז געוויינלעך טראָגט אַ באַנקיר אַזאַ נאָמען, אָבער דאָס מאָל איז עס אַ נאָמען פון אַ גרויסן שריפטשטעלער...

איך קען נישט פאַרגעסן אָט אָ דעם פאַקט: אין דער שטאָט ראָמאַן, בעת אונדזער פּרץ־טורנע, האָט מיר מאַטיע ראַבינאָוויטש געזאָגט, אַז מען קוקט אויף אונדז ווי אויף נישט אינטעליגענטע מענטשן, ווייל מיר ריידן יידיש צווישן זיך און ער האָט מיר פאַרגעלייגט מיר זאָלן ריידן צווישן זיך העברעאיש. מיר האָבן מיט אונדזער טורנע אויפגערודערט די פּראָווינץ, אָבער אין אייניקע ערטער האָט מען אונדז אַרויפגעשריגן, אַז מיר זאָלן ריידן רומעניש.

אינטערעסאַנטע צוויי באַגעגענישן האָבן מיר געהאַט אין בראַילע — אַ האַפנשטאָט, וואָס ליגט ביים ברעג פון דער טינע (דונאי). מיר האָבן דאָרט געטראָפן צוויי אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייטן: דעם ד״ר סאָטעק, אַ ייד, וואָס האָט כל ימיו געקעמפט פאַר יידיש מיט לאַטייניש בוכשטאַבן און עליעזר כתבן — אַ העברעאיש־יידישן שרייבער פון דער השכלה־עפּאָכע. ד״ר סאָטעק האָט זיך באַטייליקט אין דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ און ער האָט אונדז באַגריסט אַלס אַן אַלטער קעמפער פאַר יידיש און דערציילט דערביי אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון אונדזער היסטאָרישער שפּראַך־קאָנפערענץ. אליעזר כתבן (קאַסוואַן) האָט שוין געערדט קעמפעריש און האָט גענומען דערווייזן, אַז אין יידיש זיינען פאַראַן אַלט־דייטשע ווערטער (ווי: איידעם, שוואַר א. אַ. וו.), וואָס זיינען שוין אין דייטש אָפּגעשטאָרבן און יידיש איז זייער וויכטיק פאַר די דייטשע שפּראַכפאָרשער... איך האָב דעמאָלט אָפּגעענטפערט דעם אַלטן כתבן (ער איז געווען אַ ייד קרוב לשבעים) און געזאָגט, אַז די וויכטיקייט פון יידיש געפינען מיר נישט אין דער דייטשער שפּראַכפאָרשונג, נאָר אין אונדזער לעבעדיק לעבן און דער אַלטער משכיל האָט זיך געפילט אַביסל פאַריקרע... אַ ווילער ייד געווען און האָט געשריבן נישט קיין שלעכטע, אַלטמאָדישע סאַטירעס. איינע פון זיי האָט געהייסן „די פּאַטשיילע" געדיינק איך. געלעבט האָט כתבן פון לערעריי און האָט היפּש געהונגערט, נישט פאַרלירנדיק דעם הומאָר. ער האָט זיך באַרימט, אַז גאָלדפאַדן פלעג זאָגן: „צוויי האָב איך באַגעגנט אין מיין לעבן, וואָס קענען גוט יידיש: אליעזר כתבן און מענדעלע מוכר ספרים"...

עס וואָלט אפשר כדאי געווען, אַז עמיצער זאָל אַמאָל נעמען אַלע פיר נומערן „ליכט" — זיי געפינען זיך נאָך אין ביבליאָטעק אין רומעניע און מאַטיע ראַבינאָוויטש האָט נאָך אויך אַלע פיר נומערן — און אָנשרייבן אַ רעפעראַט וועגן זיי. דעם פולסטן קינסטלערישן ווערט

האָבן דאָרט זיבער יעקב גראַפּערס לידער, וואָס זיינען געשריבן אין קלאַ־סיש־ראָמאַנטישן טאָן און געפינען זיך אין א מיט צווישן מאָרים ראָזנ־פעלד און — מאַני לייב. מען האָט דעמאָלט רעציטירט אויף אַלע ליטע־ראַרישע אָוונטן זיין ליד „זכרונות”, וואָס הייבט זיך אָן אָט אַזוי:

גערענקסטו אויף דער פּריזבע מיר פלעגן ביידע זיצן
ביים רבין פאַרן חדר און שפּילן זיך אין קנעפּ?
און דו פון ווייסן פּישביין אַ טייטל דיר פאַרשניצן
און איך אַ דריבנעם יידל מיט גלאָז אין ציגל קריצן,
צי שניידן אויס אין מייער געקינצלט שיינע טרעפּ.
דער הימל איז נאָך דאַן געווען גלייך ערשט געצויגן,
אין לויטער קלאָרער בלויקייט, א קינדער בליק פאַרטראַכט...

ווי באַשיידן מיר זאָלן וועלן זיין, מוזן מיר מודה זיין, אַז אַ געוויסן קינסטלערישן ווערט האָבן אייניקע זאַכן פון „ליכט” געהאַט; מ׳קען שוין אוודאי און אוודאי נישט לייקענען, אַז „ליכט” האָט געהאַט דעם פאַר־דינסט פון אַריינברענגען אַ פּאָר מענטשן אין אונדזער ליטעראַטור אַריין און פון אַרויסשטעלן רומעניע אויף דער מאַפּע פון דער יידישער ליטע־ראַטור. „ליכט” האָט איבערהויפּט געהאַט דאָס פאַרדינסט פון אָנהויבן אַ נייע באַוועגונג פאַר דעם געדרוקטן יידישן וואָרט און פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע. פּונקט ווי די „ריכטיגע יודישע צוקונפט” איז געווען דער עפּילאָג פון אַלטן יידיש, איז „ליכט” געווען דער פּראָלאָג צום נייעם יידיש אין רומעניע.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג און עס איז געקומען די ליטעראַטור

אין יאסי האָט אָנגעהויבן דערשיינען דער סאָציאַליסטישער זשורנאַל „דער וועקער" (שוין מיט איין „ק"), וואָס איז אַריבער צען יאָר נישט געהאַט דערשיינען. עס האָט אים געוויס אַרויסגערופן צום לעבן דאָס דערשיינען פון „ליכט". רעדאַקטאָר און כל ולך אין באַנייטן „וועקער" איז געווען איזאַק מאָסקאָוויטש (מ. איזאַק), וואָס איז געווען אַ שוואָגער פון דערמאָנטן סאָציאַליסטישן קדוש מאַקס וועקסלער. אונטער דעם פסעוודאָנים „יוסף" האָט דאָרט געשריבן פעליעטאָנען יוסף קיסמאַן וואָס איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די רומענישע אָנגעזעענסטע בונדישע פירער אין דער בוקאָווינע און איצטער דער היסטאָריקער פון רומעניש־יידישן לעבן. אין „וועקער" האָט מען דערמאָנט די שרייבער פון „ליכט", אַז בעת זיי זיינען נאָך „געזעסן אויף די פּריזבעס און געשפּילט אין קנעפּ", האָבן סאָציאַליסטן שוין געשריבן יידיש אין יאסי און אַרויסגעגיבן יידישע בלעטער. די קעגנער פון יידיש האָבן דעם „וועקער" נישט ווייניקער באַ־קעמפט ווי „ליכט" און ווען אין „וועקער" איז דערשינען אַן אַרטיקל פון דעם דעמאָלט שוין באַרימטן און שפּעטער נאָך מער באַרימט געוואָרענעם רומענישן סאָציאַליסטישן פירער קריסטיאַן ראַקאָווסקי האָט ס. לאַבין, דער סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד פון די רומענישע יידן געשריבן, אַז ראַקאָווסקי וויל אויך די יידישע באָבעס און זיידעס מאַכן פאַר סאָציאַליסטן, ווייל קיין יונגע לייענען נישט קיין יידיש...

צוליב אַ קוריאָזן טעות האָב איך געמוזט פאַרלאָזן פּאָלטיטשעני און זיך באַזעצן אין בראַילאַ — אַ האַפן־שטאָט ביים דונײַ, אַ שעה רייזע פון גאַלאַץ. עס איז געווען פולער אייראָפּעאישער קריג און אין רומעניע זיינען געווען דעזערטאָרן פון ביידע זייטן — פון בעסאַראַביע און פון בוקאָווינע און גאַליציע. און די רעגירונג האָט אייניקע פאַרשיקט אין די לאַגערן און אייניקע האָט זי נאָר געצוואונגען צו זיצן אויף אַ פּלאַץ און נישט טאָרן אַרויספאָרן. ביי מיר אין די פּאַפּירן איז געשטאַנען, אַז איך בין אַ „מעדיטאַטאָר" (לערער), האָט מען אָנגעשטעלטער פאַרשריבן „מע־דיאַטאָר" (מעקלער), איז קוים אַ מעקלער, איז זיין פּלאַץ ביים פּאָרט... און אין בראַילע האָט איך אָנגעהויבן אַרויסגיבן אַ צוויי־וואָכן זשורנאַל

א. נ. „דער האַמער" און די גאַנצע „ליכט" גרופּע האָט זיך אין אים באַטייליקט, אויסער יעקב גראַפּער, ווייל לידער האָבן זיך ווייניק אריינ־געפּאַסט אין קעמפערישן כאַראַקטער פון זשורנאַל. מאַטיע ראַבינאָוויטש פלעג שרייבן פעליעטאָנען א. פּ. „דער היציקער" און ער איז געוואָרן אַ גרויסער ליבלינג ביים עולם און ער האָט זיכער געפונען דעם וועג צו זיך און גראָד באַלד נאָכדעם איז ער געוואָרן אוים שרייבער און ער איז געוועזן־פאַרבליבן קרן היסוד סעקרעטאַר, פריער אין בוקאַרעשט און דער־נאָך אין תל אביב. „דער האַמער" האָט שאַרף באַקעמפט דעם „אוניאָניזם", ס'הייסט די קעמפער פאַר בירגער רעכט און שפּראַכלעכער אסימילאַציע און ער האָט אַלס אויסגעשפּראָכענע ציוניסטישע צייטונג געקעמפט אין ראַמען פון ציוניזם מיט ציין פאַר יידיש. נישט פאַר יידישיזם, אָבער פאַר יידיש. ער האָט נישט גערעדט וועגן מאָרגן, נאָר וועגן היינט. ער האָט אַגיטירט פאַר לערנען און קענען העברעאיש און פאַר ריידן און לייענען יידיש!

א גרויסן חלק אין דער איניציאַטיוו פאַר דעם „האַמער" האָט געהאַט אַ יונגער בחור אין בראַילע, וואָס האָט געהייסן אי שמחה גרינבערג, אי שמחה שמיד און איז שוין פּאָפּולער געוואָרן אַלס שרייבער אין רומעניש דורך אַ בראָשור, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יענער שפּראַך א. מ. „לצעירי עמי" (צו דער יוגנט פון מיין פאָלק). די בראָשור האָט ער אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים אורי בן הדור און ער איז שוין מיט אָט דעם נאָמען געבליבן. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר ניינצן־צוואַנציק און ער האָט זיך שוין געהאַט אנטוישט אין סאָציאַליזם און ער האָט גערופן די יוגנט אין די ציוניסטישע רייען. ער האָט די נשמה אַוועקגעגיבן פאַר דעם „האַמער" און ער האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג איבער זיך און אַליין געשריבן יידיש. פאַרבליבן איז ער אַ רומענישער און רומעניש־יידישער שריפטשטעלער און ער האָט באַקומען נאָך אין דער צייט פון דער רעאַקציע אַ וויכטיקע פּרעמיע פאַר זיין בוך מיט אײַנאַק־טערס אין רומעניש. די לעצטע יאָרן שרייבט ער כמעט נאָר אויף רומעניש פון יידישן לעבן.

וווינען אין בראַילע הייסט אויך וווינען אין אַ געוויסער מאָס אין גאַלאַץ, פון איין שטאָט אין דער אַנדערער איז נישט מערער ווי אַ קאַרגע שעה רייזע מיט דער שיף איבער דער שיינער דאַנוי. אין גאַלאַץ בין איך געווען היימיש. דאָרט איז געווען מיין ערשטע סטאַנציע אין רומעניע,

דאָר איז געווען די ציוניסטישע פעדעראַציע. צו יענער צייט האָט אין גאַלאַץ אָנגעהויבן דערשיינען אַ רומעניש־ציוניסטישער צוויי־וואָכן זשורנאַל א. נ. "Hatikwah". די איניציאַטיוו האָט גענומען אַ יונ־גער, ענטוזיאַסטישער ציוניסט לייבוש גאָלד, וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט געענדיקט די האַנדלס־אַקאַדעמיע אין אַנטווערפּן. ער איז געווען אַ פּשוטער; נאַיווער און האַרציקער בחור און ער האָט זיך פאַרן זשורנאַל מוסר־נפש געווען. דער דאָזיקער זשורנאַל האָט געהאַט די זעלביקע ריכטונג, וואָס „ליכט", האָט אָבער געהאַט מערער פּובליציסטיק, ווי ליטעראַטור. די ליטעראַטור איז הויפּטזעכלעך געווען איבערגעזעצט פון יידיש. די פּראָזע איבערזעצער זיינען געווען לייבוש גאָלד און אפרים וואַלדמאַן און די איבערזעצער פון פערזן זיינען געווען דר. מ. וויינשטאָק, דר. ענריק פאַרטונע און ב. פונדאָיאַנו. דער ערשטער האָט אַליין געשריבן יידישע פערזן (אונטערן פּסעוודאָנים מ. גפני). ער האָט זיך פאַרמאָסטן איבער־זעצן פּרצס „מאָניש". אין יידיש האָט ער געמאַכט שיינע פּאַראָדיעס. לייבוש גאָלד האָט געשטאַמט פון געגנט, וואָס געפינט זיך אויף אַ בערגל און איז דאָס יידישסטע פערטל אין גאַלאַץ. עס הייסט: מאָווילע. וויינ־שטאָק האָט אָנגעהויבן אַ פּאַראָדיע וועגן גאָלדן מיט אָט אַ די שורות:

„אויפן באַרג פון דער מאָווילע
האָט געלעבט אַמאָל אַן עילוי"...

די אַנדערע צוויי פערזן־איבערזעצער האָבן קיין יידיש נישט געקענט. דר. ענריקע פאַרטונע איז געווען אַ מיטלמעסיקער רומענישער דיכטער, ער האָט איבערגעזעצט ביאַליקס „דאָס לעצטע וואָרט", נישט גאָר פויגלדיק. ב. פונדאָיאַנו איז געווען אַ גאָר יונגער בחור, האָט אַרויסגעוויזן סימנים פון אָריגינאַליטעט, אַביסל פּאָזיאָרישע אויך. ער האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן מערער אַלס דענקער, ווי דיכטער. די רומענישע אַנטיסע־מיטישע דיכטער האָבן אים פאַראומערט דאָס לעבן און ער איז אַוועק קיין פּאַריז און היינט איז ער שוין אַן אָנערקענטער יונגער פילאָזאָף; ל. שעסטאָוו רעדט וועגן אים מיט גרויס ענטוזיאַזם. ער איז געשטאָרבן בשעת דעם צווייטן וועלט־קריג.

איך האָב אין דער "Hatikwah" געדרוקט אַ סך פּאָלעמישע נאָטיצן און אַ סך פּאָפּולערע קריטישע אַרטיקלען וועגן דער יידישער ליטעראַטור.

און אַזוי אַרום האָבן די ציוניסטישע יידישיסטן שוין געהאַט אויך אַ טריבונע אויף רומעניש.

אין בוקאַרעשט איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע גרופּע יידיש־ריידנ־דיקע, לייענענדיקע און שרייבנדיקע אינטעליגענץ; צום מייסטן איז זי באַשטאַנען פון דעזערטירן פון בעסאַראַביע. געווען אָבער אויך דעזערטירן פון אַנדערע געגנטן פון צאַרישן רוסלאַנד, העט ביז ליטע. צו אָט דער גרופּע זיינען צוגעשטאַנען אַ סך יונגעלייט פון רומעניע גופא, איבערהויפּט פון אַלט רומעניע, וואָס זייער שפּראַך איז געווען יידיש און וואָס האָבן ליב געהאַט יידיש. בראש פון אָט דער גרופּע איז געשטאַנען דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער פּאָעט און רעזשיסאָר יעקב שטערנבערג און אויך דער מאָדנער און אייגנאַרטיקער האַלבער שרייבער און העברעאישער לערער יעקב ראַבינזאָן (דער ברודער פון אַנאַ פּאַוקער. די היינטיקע רומענישע אויסערן־מיניסטאַרשע הייסט פון מיידלווייז ראַבינזאָן). די דאָזיקע גרופּע האָט דורכגעפירט ליטעראַרישע אָוונטן און האָט כסדר דערקוטשעט די ציוניסטן, אַז זיי זאָלן ריידן יידיש אויף זייערע אָוונטן. דאָס שוישפּילער־פּאָר משה און פּעלע גאַרבאַרזש פון רומעניע האָט געהאָלפן דורכפירן פּינקסים „שבתי צבי", וואָס האָט געצויגן די אויפ־מערקזאַמקייט פון דער בעסערער רומעניש־יידישער אינטעליגענץ, וואָס איז שוין געווען דערוווייטערט פון יידיש. דער שוין דערמאָנטער באַרבו לאַזאַרעאַנו, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ שטאַרק אָנערקענטער רו־מענישער שריפטשטעלער, האָט באַמערקט: „שפּילן קענען זיי נישט, אָבער אינטעליגענטע מענטשן זיינען זיי און מען דאַרף זיך באַקענען מיט זיי און דערנענטערן צו זיי".

די שטערנבערג־ראַבינזאָן־גאַרבאַרזש־גרופּע האָט אַלץ מער און מער אימפּאָנירט די נייע יידישע ליטעראַטור און מען האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן איר. מיט דער צייט איז דער אויסגעשפּראָכנטער פירער פון דער דאָזיקער גרופּע געוואָרן נאָר שטערנבערג, וואָס איז יאָרן לאַנג דערנאָך געווען איינער פון די וויכטיקסטע קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן ביי יידן אין רומעניע. שטערנבערג האָט אויף אוונטן פּאָרגעלייענט זיין עלטערן חבר און בן עיר אליעזר שטיינבאַרגס „משלים" און ער האָט מיט דעם געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג. ער האָט זיינע אייגענע לידער כמעט קיינמאָל נישט פּאָרגעלייענט, כאָטש מען האָט ביי אים כסדר פּאַרלאַנגט. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע פּיעטעט צו שטיינבארגן און ער

האָט אויך געוווסט, אַז מיט זיינע אייגענע היפּער־ראַפינירטע לידער, וועט ער צום עולם בשום אופן אזוי נישט אַריבערגיין ווי מיט שטיינבארגס משלים, כאָטש ער האָט געהאַט אויך לירישע לידער, וואָס זיינען געווען צוגענגלעך. איין ליד זיינס ענדיקט זיך אָט מיט די היינישע שורות:

פליסט אייך, פליסט אייך, כוואַליעס,
נעמט אויך מיינע טרערן,
איר וועט האָבן פּערל מערער,
מיר וועט גרינגער ווערן.

אין דער צייט, ווען רומעניע איז אַריין אין ערשטן וועלט־קריג, בין איך געווען אין בוקאַרעשט און שוין באַפריינדעט מיט שטערנבערגן און ווען בוקאַרעשט איז פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן און ווען עס איז דאָרט רואיקער געוואָרן, האָבן מיר געגרינדעט אַ רעווי־טעאַטער, (מסתמא דאָס ערשטע יידישע רעווי־טעאַטער אין דער וועלט), וואָס האָט עקזיסטירט צוויי סעזאָנען און איז געווען אַ המשך פון דעם קאַמף פאַר יידיש, אָבער בלי ספק אויך דער אַפּאָגיי פון אָט דעם קאַמף. דאָס דאָזיקע טעאַטער האָט געהאַט צענדליקער טויזנטער באַזוכער, צו וועלכע מען וואָלט מיט אַ גערעדט און געדרוקט יידיש וואָרט קיינמאָל נישט געגרייכט. די רעוויס האָבן מיר אַלעביידע געשריבן — יעקב שטערנבערג און מיין ווייניקייט. אָט זיינען די נעמען פון אונדזערע רעוויס: „צימעס״, „בוקאַרעשט־ירושלים״, „אין מיטן דרינען״, „פּאָאיע ווערדע — גרינע בלעטער״, „איקס מיקס דריקס״, „קוקורעקו״ און „שלום עליכם״. מיר האָבן אויך איינעם אָנגעשריבן אין איינאַקטער „הערשעלע אָסטראָפּאָ־ליער״. אין יענעם איינאַקטער האָט שטערנבערג פאַרגעשטעלט דעם רבין ר׳ ברוכל ווי אַ מרה שחורהניק צוליב אינערלעכע געראַנגלענישן, איך האָב זיך אים פאַרגעשטעלט ווי אַ שוואַכלינג, וואָס ווערט אויס פּחד אַ טיראַן און ווען איך האָב דערנאָך אַליין אָנגעשריבן אַ גאַנצע פּיעסע „הערשעלע אָסטראָפּאָליע״, האָב איך דעם ר׳ ברוכלען געמאַכט פאַר אַ מין יידישן „איוואַן דער גרויזאַמער״...

אַלט־רומעניע איז איבערגעטיילט געוואָרן אויף צוויי זאָנעס און אין דער מיט איז געווען אַ פראָנט. אין דעם טייל, וואָס האָט געהערט צו דער רומענישער רעגירונג האָט מען פאַרבאָטן צו ריידן יידיש נישט נאָר עפנטלעך, נאָר אַפילו פּריוואַט. געהיים־פּאָליציסטן פלעגן זיך אונטער־

הערן דורך שפּאַלטן פון טירן און זיי האָבן אַרעסטירט פאַר ריידן יידיש אין די הייזער. די גאַנצע יידיש־ליטעראַרישע טעטיקייט אין רומעניע איז אויף אַ שטיק צייט רעדוצירט געוואָרן צו אונדזער רעווי־טאַעטער.

דער סוף פון דער מלחמה האָט צוריק פאַראייניקט ביידע רומענישע טיילן און אַ סך פּראָווינצן, וואָס האָבן פריער געהערט צו רוסלאַנד, עסטרייך און אונגאַרן, זיינען געוואָרן רומעניש. עס זיינען געקומען צייטן פון סאָציאַליסטישן אויפשוואונג און נעכטיקע חברים זיינען געוואָרן היינ־טיקע קעגנער. איך בין פון אַלגעמיינעם ציוניסטישן לאַגער אַריבער צו די פועלי ציון און פון דאָרט צו סתם־סאָציאַליסטן. אויך יעקב שטערנ־בערג איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער רומעניש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט אַ יידישע סעקציע, וועלכע האָט אַרויסגעגיבן דעם „וועקער" (אין יאָר 1919), דאָס מאָל שוין אין בוקאַרעשט און אונטער דער רעדאַקציע פון יעקב שטערנבערג און מיר און ביידע האָבן מיר פּאַקטיש אויסגעפולט דעם זשורנאַל.

אין יענער עפּאָכע איז אַנטפּלעקט געוואָרן איציק מאַנגער, וואָס איז געווען אַ זיבעצן־יאָריק יינגל, און אָנפאַנגער אין יאסי. מאַנגער איז געווען נישט נאָר דער גרעסטער יידישער פּאָעט, וואָס אַלט־רומעניע האָט אַרויסגעגיבן, נאָר אויך איינער פון די גרעסטע יידישע פּאָעטן בכלל; ער איז זייער גיך אַריבער די גרענעץ און ער איז געוואָרן באַרימט און באַליבט אַלס דיכטער און רעדנער אין פּוילן. זיינע „חומש און מגילה לידער" האָט ער געשריבן אין גאַליציאַנישן דיאַלעקט, אָבער די ערשטע לידער זיינע האָבן זייער שורש אין דעם בעזהאַלאָוויעדיקן רומעניע, ווו עס איז פון אַלץ געווען צופיל און עפּעס האָט געפעלט און ווו די לבנה און די שטערן האָבן ממש פאַרשיכורט. מ'קען דערפילן איינפלוסן פון דייטשע באַלאַדן אין מאַנגערס סאַמע ערשטע לידער וועגן נאַכט, טויט און משוגעת (דאָס איז געווען מאַנגערס אַנטי־טעזע צו אליעזר שטיינ־בארגס „ליד, משל, מעשה"), אָבער איבערהויפּט האָבן זיי זייער שורש אין דעם אָריענטאַליש־האַלב הפקרדיקן לעבן פון רומעניע, ווו פון איין זייט איז געווען ווילדער לוקסוס און פון דער אַנדערער זייט זיינען מענטשן

געקומען אויסגעווייקט מיט נאַכט און ווינט,
די האָר צעשויבערט און די אויגן אויסגעלאָשן מאַט.

אין רומעניע גייט נישט אויף, נאָר עס ציטערט אויף דער טאָג, ווען עס ווערט גאָר פינצטער און ווען ביי מאַנגערן זאָגט אַ שאָטן פון דער ערד צו אַ מיידל „קום" און „די נאַכט פאַרשלינגט איר ווי און איר קלאָג", ציטערט ווייט אין מזרח אויף שטיל דער טאָג...

דאָס רומענישע יידנטום האָט אַרויסגעגיבן אַ היפּשע צאָל יידישע שרייבער. ד. הערמאַלין האָט געשפּילט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ראָליע אין דער שמר און זייפערט־עפּאָכע און ער האָט געהאַט אויסגעשפּראָכענעם באַלקאַנישן מאַניר. אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען געווען עטלעכע יידישע שרייבער פון רומענישן אָפּשטאַם, צווישן זיי דער יאַסיער לעאָן קופּערמאַן, וואָס האָט איבערגעזעצט ניט־שלעכט געטעס „פאַוסט" אויף יידיש. די קרוין פון די יידישע שרייבער אין אַלט־רומעניע קומט אויסער יעדן ספק מאַנגערן (ער וועט זיך געוויס נישט באַגניגענען נאָר מיט אָט דער קרוין, אָבער קיין אַנדערע קרוינען האָבן איך נישט אין מיין רשות), וועלכער האָט זיך ווי זיינער אַ העלד געלאָזט

מיט שווערע טריט אין שפּעטן דאָרף אַריין
נאָך אַ לאַבן ברויט און נאָך אַ בעכער וויין.

און אויך נאָך פולע הויפנס געזאַנג, וועלן מיר צוגעבן. ער האָט עכט־רומעניש פאַראייניקט דאָס געזאַנג פון בלוט מיט דעם געזאַנג פון וויין. אַ דאַנק אים האָט אַלט־רומעניע פאַרנומען אַ וויכטיק פּלאַץ אין דער מאַפּע פון דער יידישער ליטעראַטור.

אין 1923 האָב איך פאַרלאָזט רומעניע און זיך צו דעם אַ פּאָר מאָל אומגעקערט נאָר אַלס גאַסט. אַלט־ און ניי־רומעניע האָבן זיך אויף אַ צייט אויסגעמישט. איך האָב דאָ נאָר דערציילט נאָר וועגן אַלט־רומעניע אליין, ווו עס האָט זיך שפּעטער ווי אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פאַר יידיש, אָבער עס האָט זיך דאָך אָנגעהויבן און עס איז אויפגעגאַנגען אַ יידישע ליטעראַטור. היינט איז רומעניע ווידער רעדוצירט נאָר צו אַלט־רומעניע און צו אַ שטיקל טראַנסילוואַניע. בעסאַראַביע איז צוריק רוסלאַנד און בוקאָווינע אויך. דאָך זיינען אין רומעניע פאַרבליבן אַ סך יידישע שרייבער און וואָס עס וועט ווערן מיט דער אויפגעגאַנגענער יידישער ליטעראַטור און האָט געקראָגן אַ טיילווייזן תיקון ביי גראָפּערן און אַ פולן תיקון ביי מאַנגערן — וועלן מיר זען...

דאָס יידישע וואָרט אין אַרגענטינע

אַ קורצע הקדמה

די דאָזיקע אַרבעט איז אַ סינטעז פון אַ גאַנצער ריי אַרבעטן אויף אָט דער טעמע, וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין פאַרשידענע אויסגאַבעס, ווי „ביכערוועלט", „ליטעראַרישע בלעטער" און „וואָכנבלאַט" (וואַרשע), „די צוקונפט" און „אויפקום" (ניו יאָרק) און „די פרעסע" (ב. איירעס).

איך האָב דער ערשטער איינגעטיילט די אַרגענטינער יידישע ליטעראַטור אויף דריי עפּאָכן. איך האָב דאָס דאָזיקע געטון נאָך אין מיין גרעסערער אַרבעט, וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1929 אין „ביכערוועלט". די דאָזיקע איינטיילונג איז איבערגענומען געוואָרן ווי זי שטייט גייט אין אַרבעטן פון עטלעכע היגע שרייבער און קיין איינער האָט נישט געפונען פאַר נייטיק צו אָנווייזן, אַז זיי האָבן זי גענומען ביי מיר. איינער, שמואל ראָזשאַנסקי, האָט די דאָזיקע איינטיילונג אַריינגעשטעלט אין זיינער אַן אַרבעט, וואָס האָט אַ גאַנצע ריי אָנפאַלן אויף מיר און איך האָב אים עפנטלעך באַשולדיקט אין פּלאַגיאַט — נישט צום איינציקן מאָל, איך האָב אים אויך באַשולדיקט אין נאָכקאָפּירן מיינע יערלעכע איבערזיכטן וועגן געדרוקטן יידישן וואָרט און ער האָט זיי אויפגעהערט צו שרייבן, אָבער קיין ענטפער אויף די פאַרשידענע באַשולדיקונגען אין ליטעראַרישער גנבה האָט ער קיינמאָל נישט געגעבן, ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. איך וואָלט דעם דאָזיקן פיינלעכן ענין אויסגעמיטן, וואָלט נישט פאַרפירט קיין פּאָלעמיק, ווען דעם דערמאָנטן שרייבערס אַ בוך וואָלט נישט געווען „אויפן מאַרק" און שרייבער און לייענער וואָלטן נישט געקענט מיינען, אַז איך האָב נאָכקאָפּירט די

איינטיילונג אויף דריי תקופות ביים ה' ראָזשאַנסקי, בעת פּאַקטיש האָב איך זי געמאַכט מיט גאַנצע ניין יאָר איידער דעם דערמאָנטנס בוך איז דערשינען.

וואָרום איין שרייבער איז שוין טאַקע פאַרפירט געוואָרן, הגם וועגן אַן אַנדער ענין. אין דער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע אין יידיש", אין דעם באַנד „יידן ג", אין אַרטיקל פון י. שאַצקי „פּרעסע ביי יידן", זאָגט זיך, אַז „די ארגענטינער יידישע פּרעסע האָט געהאַט מזל צו יידי־שע פּאָרשער ביבליאָגראַפן, פון וועלכע דריי: פּ. כץ, ש. ראָזשאַנסקי און י. האָרן האָבן אַ סך בייגעשטייערט צו דער קענטעניש פון דער יידישער פּרעסע אין אַרגענטינע". קיין ביבליאָגראַפיע־פּאָרשער איז קיין איינער נישט פון די דערמאָנטע דריי. פּ. כץ איז אָבער אַ פּיאָנער און זיין בוך „צו דער געשיכטע פון דער יידישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע" איז עד היום דער בעסטער קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועגן די סאַמע ערשטע יידישע אויסגאַבן אין אַרגענטינע. די ארבעטן פון י. האָרן און ש. ראָ־זשאַנסקי זיינען דערשינען אייניקע יאָר נאָך דעם, וואָס אָט די אַרבעט מיינע איז דערשינען און זיי האָבן לחלוטין די זעלביקע אינפאָרמאַציע, וואָס איז פאַראַן אין מיין אַרבעט און מיט וואָס זיי האָבן בייגעשטייערט מער צו דער קענטעניש פון דער יידישער פּרעסע אין אַרגענטינע ווייסט — חוץ שאַצקין — איין גאָט... אָבער וואַרשיינלעך איז געשען אַ פּשוטע מיספאַרשטייעניש. דער מחבר פון ענציקלאָפּעדיע־אַרטיקל האָט מיין אַרבעט נישט געזען.

I.

די זשורנאַליסטיק

א.

די ראָליע פון געדרוקטן וואָרט אין אַרגענטינע

דאָס יידישע וואָרט בכלל און דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט בפרט, האָבן געשפּילט און שפּילן עד היום אַ קאָלאָסאַלע ראָליע אין יידישן לעבן פון אַרגענטינע.

מאַקסים גאָרקיס אַ העלד זאָגט, אַז אַ מענטש דאַרף האָבן אַ „פּאַר־טשעפּעניש”, אַן אָנהאַלט אין לעבן. אין די אַלטע היימען האָבן די יידישע מאַסן אַמאָל געהאַט אַ „פּאַרטשעפּעניש”, זיי האָבן געהאַט די רעליגיע, וואָס איז געווען אַ סך מער ווי אַ גלויבן, זי איז געווען די אַקס, אַרום וועלכער עס האָט זיך געדרייט ס׳גאַנצע לעבן, און זי איז געווען דער קערנדל פון דעם שטייגער, וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט פעסט און זיכער אין משך פון דור־דורות. די רעליגיע איז געווען די זאַלץ פון לעבן — די יום טובים, די שמחות, דער טרויער, דער ערנסט, דאָס באַנייען א קלייד אפילו — אַלץ איז אַרויסגעקומען פון דער רעליגיע און האָט זיך אַרום איר געדרייט. און ווען די השכלה האָט צוריק מיט א קארגן יאָר־הונדערט גענומען באַקעמפן די רעליגיע, פריער נאָר אין אירע פאנאטישע טיילן און דערנאָך אויך אין איר תוך, איז נאָך אַלץ דאָס יידישע לעבן נישט געבליבן אָן שטיינער און אינהאלט. א גרויסע טייל פון די יידישע מאסן איז געבליבן רעליגיעז ווי פריער און דער דאָזיקער טייל, וואָס

איז געוואָרן אויס רעליגיעז, האָט זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט פון דעם גאַנצן שטייגער און פון די אַלטע לעבנס־פאָרמען. עס זיינען געבליבן די יום־טובים און עס איז געבליבן די גאַנצע אַטמאָספערע. ס׳האָט געפעלט די הויפּט־אידייע, האָט דאָס לעבן אַליין געצוואונגען זי צו זוכן. דעם מיטל־קלאַס און איין טייל פון קליינבירגער־קלאַס האָט דאָס זוכן געפירט צום ציוניזם, דעם ארבעטער און אַן אנדער טייל פון קליינבירגער־קלאַס האָט עס געפירט צום סאָציאַליזם און, ביידע אידעאַלן האָבן אין אַ געוויסער מאָס פאַרנומען דעם פּלאַץ פון רעליגיעזן גלויבן.

אויפן וועג צו ביידע אידעאַלן זיינען געלעגן גרויסע שטיינער און ס׳איז געקומען צו קריזיסן, וואָס האָבן געפירט צו צווייפל, אנטוישונג און פאַרצווייפלונג. זיינען געקומען מאָמענטן פון זוכענישן און מאָמענטן פון ראָמאַנטישן אומקערן זיך צוריק. ווען די יידן זיינען געווען אין דער מדבר און האָבן דאָרט שטאַרק געליטן, האָבן זיי פאַרגעסן אין די נאָך גרעסערע ליידן, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין מצרים און זיי האָבן געזאָגט: „לאָמיר זיך מאַכן אַן עלטסטן און לאָמיר זיך אומקערן קיין מצרים". אזעלכע באַוועגונגען פון וועלן זיך אומקערן, געשעען נישט נאָר בעת פיזישע ליידן, נאָר אויך בעת גייסטיקע ליידן. נישט געפינענדיק דעם וועג פאָרויס, האָט מען גערעדט פון אומקערן זיך צוריק. אויב פּרץ האָט זיך געפּרוווט אומקערן צוריק, בכדי צו געפינען דאָרט דעם פאָדים און גיין פאָרויס, זיינען שלום אַש, אַנבי א. אַ. סתם געגאַנגען צוריק און ווייטער האָט דירעקט גערופן צו בלייבן אין דער פאַרגאַנגענהייט: דאָס זעלביקע האָט געטון א הלל צייטלין, אַ סטופּניצקי א. א.

די גאַנצקייט, וואָס דאָס יידישע לעבן האָט פאַרמאָגט איידער די השכלה האָט דורכגעפירט דעם גרויסן און פאַרשידנאַרטיקן קאַמף קעגן דער רעליגיע, די דאָזיקע גאַנצקייט האָט געפעלט, אָבער אַ לעבן מיט פאַר־מען און מיט אַן אייגנאַרטיקן שטייגער און מיט א פאַרשטענדעניש, איז נאָך געבליבן.

אַנדערש איז געווען אין די נייע היימען. אהער האָבן די יידישע אימיגראַנטן־מאַסן נישט געקענט מיטברענגען די אַלטע פאָרמען און דעם אַלטן שטייגער. די הויפּט־פאַקטאָרן פון אַלטן שטייגער זיינען געווען דער שבת און די יום־טובים, אין דער נייער היים האָט מען זיי אָדער גאָר־נישט דערהאַלטן, אָדער דערהאַלטן אין אַ זייער שוואַכער און בלייכער פאָרם. די גאַנצע סביבה האָט געצוואונגען צו פאַרבייטן דעם שבת אויף

זונטיק און די יום־טובים זיינען גיכער געבליבן אַ דערמאָנונג, ווי אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר, אַפילו די שול איז אין דער אַלטער היים געווען אַ נעסט פון שטייגער, אַ פלאַץ,ווו מענער, פרויען און קינדער האָבן זיך אויסגעלעבט. אין די נייע היימען האָט די שול פאַרלוירן די דאָזיקע קראַפט, זי איז נישט געווען מער ווי אַ פלאַץ אויף אַריינצושמעקן דריי אָדער זעקס מאָל אין יאָר און אַפילו די דאָזיקע, וואָס גייען אַלע שבת אין שול (זייער צאָל איז זייער קליין) לעבן זיך אויך נישט אויס אין איר.

נישט נאָר די רעליגיע איז אין אַרגענטינע געוואָרן אויס „פאַר־טשעפעניש" און אָנהאַלט, נאָר דער גאַנצער יידישער לעבנס־שטייגער איז דאָ קיין אָנשפאַר נישט געווען. און ווער ווייסט, צי די יידישע מאַסן וואָלטן זיך נישט געווען פאַרלוירן אין די נייע היימען, ווען נישט דאָס יידישע וואָרט. דאָס דאָזיקע וואָרט איז דאָ געווען די פאַקטישע באַריערע ביים גרענעץ פון תהום.

אין אָט דעם פרט איז דעם יידישן וואָרט אויסגעקומען צו שפילן אַ סך אַ גרעסערע ראָליע אין אַרגענטינע און אין דרום־אַמעריקע בכלל, ווי אין צפון־אַמעריקע. אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָט די יידישע אימיגראַציע אָנגעהויבן פליסן אַ סך פריער ווי קיין אַרגענטינע, זי האָט אַהין אָנגעהויבן פליסן, ווען דער אַלטער שטייגער איז אין דער אַלטער היים געווען נאָך שטאַרקער. דערצו איז זי געפלאָסן אין גרויסע מאַס און ס'האָט זיך דאָרט באַלד געשאַפן אַ קאָמפאַקט יידיש לעבן, וואָס איז בכוח געווען צו דערהאַלטן כאָטש טיילן פון די אַלטע פאָרמען. קיין אַר־גענטינע האָט די יידישע אימיגראַציע אָנגעהויבן פליסן שפעטער, ווען אין דער אַלטער היים האָט דער אַמאָליקער שטייגער אָנגעהויבן צו ווערן אָפגעשוואַכט און דערצו איז די אימיגראַציע געפלאָסן אין קליינע מאַסן, קיין גאָר קאָמפאַקט לעבן איז דאָ נישט געשאַפן געוואָרן. אין ניו יאָרק איז דער שבת עד־היום נאָך אַביסל שבת, אין בוענאָס איירעס — נישט. (אין די יידישע קאָלאָניעס איז עס אַנדערש געווען). אין אַרגענטינע איז דאָס יידישע וואָרט געוואָרן דער עיקר־אָנהאַלט.

אוודאי איז ביים אָנהויב געווען נאָר דאָס גערעדטע — ס'הייסט: דאָס לעבעדיקע וואָרט, אָבער דער אינסטינקט האָט שוין אונטערגעזאָגט, אַז אַ גערעדט וואָרט אָן אַ געשריבנס און געדרוקטס, איז נאָך ווייניקער ווי אַ בילד אָן אַ ראַם, ס'איז צומאָל ווי פאַרבן אויף דער פאַלעטרע, ס'פעלן די קאָנטורן, די ליניעס...

און אויב דער ישוב אונדזערער איז היינט אַלט פופציק יאָר*), איז דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט נישט קיין סך יינגער. אמת, זייט ס'איז דערשינען די ערשטע היגע יידישע אויסגאַבע. „דער ווייעדער קול" (וואָס איז דערשינען נישט געדרוקט, נישט טיפּאָגראַפירט, נאָר ליטאָגראַפירט), איז ערשט דאָ נישט מער ווי 40 יאָר, אָבער יידישע צייטונגען און ביכער האָבן דאָ די יידן גענומען לייענען באַלד אַזוי ווי זיי זיינען אָנגעקומען. סידורים, מחזורים, סליחות און אַנדערע הייליקע ספרים האָט מען די היגע יידן געשיקט פון דער אַלטער היים, יידישע ביכער און צייטונגען האָבן זיי אַליין באַצויגן.

דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט אין אַרגענטינע האָט זיך שווער גע־ראַנגלט ביז ס'האָט זיך דורכגעזעצט. ס'האָט ביים אָנפאַנג געהאַט גרויסע ירידות און זייער קליינע עליות. מיכל הכוהן סני, רעדאַקטאָר און אַרויס־געבער פון „דער ווייעדער־קול", וואָס איז געווען די ערשטע יידישע אויסגאַבע אין אַרגענטינע — מיכל הכהן סני דערציילט, אַז ווען אים איז איינגעפאַלן אַרויסצוגעבן אַ יידיש בלאַט אין אַרגענטינע, האָט ער זיך געקלערט: „וויפל יידן ווי דאָ אין אַרגענטינע איז דאָ, געוויינלעך געפינען זיך דאָ אונטער זיי סופרים, חכמים, וואָס זיינען נישט פרעמד דער יידישער פעדער..." חכמים זיינען אפשר געווען אַ סך, אָבער סופרים — שרייבער, הייסט עס — זיינען געווען גאַנץ ווייניק. דאָס געדרוקטע וואָרט האָט אין אַרגענטינע געהאַט אויסצושטיין אַ שווערע קאָנקורענץ מצד די יידישע צייטונגען פון נאָרד־אַמעריקע און אפילו אייראָפּע, וועל־כע האָבן געהאַט אַלס מיטאַרבעטער באַוווסטע יידישע זשורנאַליסטן, פּובליציסטן און ליטעראַטן. איי, די דאָזיקע בלעטער פלעגן אָנקומען נאָך פיר און אפילו זעקס וואָכן, — האָט מען זיך דערמיט נישט גערעכנט, ווייל בעיקר זיינען נישט געווען די נייעסן, נאָר די אַרטיקלען, פעליע־טאָנען, דערציילונגען און שירים. דאָס היגע געדרוקטע יידישע וואָרט האָט זיך דורכגעזעצט צוריק מיט פיר־און־צוואַנציק יאָר, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה און די יידן האָבן פריער נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן פיר און זעקס וואָכן אויף די נייעס און שפּעטער האָבן זיי אינגאַנצן נישט געקענט באַקומען קיין יידישע בלעטער פון

*) אַט די שורות זיינען געשריבן אין יאָר 1938.

אויסלאַנד, ווייל די מלחמה האָט אָפּגעשניטן אַרגענטינע אי פון איירָאָפּע, אי פון צפון־אַמעריקע.

דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין אַרגענטינער יידישן לעבן זייט דעם ערשטן מאָמענט. דאָס היגע געדרוקטע יידישע וואָרט איז אַלט פּערציק יאָר און די גרויסע ווירקונג דערפון איז אַלט אַ קנאַפּ פערטל יאָרהונדערט. אָבער פאַר דעם איז דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט דער הויפּט־פאַקטאָר אין אויספורעמען דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע. דאָס היגע געדרוקטע יידישע וואָרט גיט אינהאַלט און אָנהאַלט דעם יידישן לעבן פון אַרגענטינע, און עס פאַרבינדט דאָס היגע יידישע לעבן מיטן יידישן לעבן און שאַפן אין דער גאַנצער וועלט.

ב.

פון 1898 ביז 1918

ווען עמיצער זאָל וועלן זיך באַקענען גענוי מיטן געדרוקטן יידישן וואָרט אין אַרגענטינע זייט „בראשית", ס'הייסט: זייט 1898, ווען עס האָבן אָנגעהויבן דערשיינען די ערשטע דריי אויסגאַבעס „דער ווידערקול", „דער יידישער פאָנאָגראַף" און „דיא פאָלקס־שטיממע", ביז היינט צום טאָג, וועט דאָס אים נישט נאָר אָנקומען שווער, נאָר עס וועט אים, אין אַ גרויסער מאָס זיין אוממעגלעך, ווייל ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ, וווּ אַלע היגע יידישע אויסגאַבן זאָלן זיין אַרכיווירט און מען געפינט זיי שוין אויך נישט ביי יחידים. נאָך מער: עס איז שוין אוממעגלעך צו שאַפן אַ גענוי פאַרצייכענונג פון די אַלע אויסגאַבעס, וואָס זיינען דאָ דערשינען. אין זיין בוך „די יידן אין ארגענטינע" (דערשינען אין יאָר 1914) גיט דוד גאָלדמאַן אָן, אַז עס זיינען דערשינען אין אַרגענטינע לערך פערציק יידישע אויסגאַבעס, (ביז 1914 נאַטירלעך) לערך, נישט גענוי. אויסרעכענען, רעכנט ד. גאָלדמאַן אויס נאָר זיבן־און־צוואַנציק אויסגאַבעס, וועגן די דאָזיקע, וואָס ער דערמאָנט נישט, זאָגט ער, אַז זיי זיינען אָוועקגעשטאָרבן זייער יונג און האָבן אפילו קיין זכר נישט איבערגעלאָזן הינטער זיך, אפילו זייערע נעמען זיינען פאַרגעסן געוואָרן.

אויך פּ. כץ, וואָס געהער צו די קאָמפּעטענטסטע אויפן געביט פון געדרוקטן יידישן וואָרט אין אַרגענטינע, דערמאָנט נישט אין זיין „צו דער געשיכטע פון דער יידישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע", אַלע יידישע אויסגאַבעס, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיי אַלע צו זען. אָבער מיר שרייבן דאָ נישט די געשיכטע פון היגן געדרוקטן וואָרט, נאָר מיר פאַרצייכענען די הויפּט־מאָמענטן.

אין דער געשיכטע פון געדרוקטן יידישן וואָרט אין אַרגענטינע, זיינען פאַראַן אַ סך וויכטיקע מאָמענטן, וועלכע דאַרפן באַזונדער אויסגעטיילט ווערן. פאַראַן מאָמענטן, וואָס זיינען וויכטיק צוליב זייער כראָנאָלאָגישן ווערט און מאָמענטן, וואָס זיינען וויכטיק אַן און פאַר זיך. די מאָמענטן, וואָס זיינען וויכטיק כראָנאָלאָגיש וועלן מיר, אָנרופן — פּאַזיסן.

די הויפּט־פּאַזיסן זיינען: 1) דאָס דערשיינען פון דער ערשטער אויסגאַבע „דער וויעדער־קול" (1898); 2) דאָס דערשיינען פון „דיא פאָלקס־שטיממע" (1898), דאָס וואָכנבלאַט, וואָס האָט געהאַט דאָס לענגסטע לעבן (ס'איז דערשינען קנאַפּע זעכצן יאָר כמעט אָן איבעררייס) און וואָס האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס אויפן היגן לעבן; 3) דאָס דערשיינען פון דעם זשורנאַל „דער יידישער קאָלאָניסט" (1909) (געווען אויך פריער אַ זשורנאַל מיט אַזאַ נאָמען, אָבער קיינער ווייסט נישט ווו מ'קען אים געפינען) און פון זשורנאַל „דער פּערטהיידיגער" (1912), וואָס זיינען ביידע געווען די ערשטע אויסגעשפּראָכענע קאָלאָניסטישע אויסגאַבעס; 4) דאָס דערשיינען פון „נאַכריכטן" (1909), די ערשטע טעגלעכע יידישע צייטונג אין אַרגענטינע; 5) דאָס דערשיינען פון חודש־זשורנאַל „דער אוואַנגאַרד" (1908), וואָס איז געווען דער ערשטער יידיש־סאָציאַליסטישער און בכלל דער ערשטער יידיש־פּאַרטייאישער אָרגאַן אין אַרגענטינע; 6) דאָס דערשיינען פון דער מאָנאַטשריפט „די יידישע האָפנונג" (1908), וואָס איז געווען די ערשטע ציוניסטישע אויסגאַבע אין לאַנד; 7) דאָס דערשיינען פון דעם וואָכנבלאַט „דאָס אַרבעטער לעבן" (1908), די ערשטע אַנאַרכיסטישע אויסגאַבע אין לאַנד; 8) דאָס דערשיינען פון צוויי־וואָכנזשורנאַל „ברויט און ערע" (1909), וואָס איז בשעתו געווען דער פּאָפּולערסטער יידישער זשורנאַל אין אַרגענטינע און אין אויסלאַנד; 9) דאָס דערשיינען פון חודש־זשורנאַל „שטראַהלען" (1913), וואָס איז געווען דער ערשטער אילוסטרירטער זשורנאַל אין אַרגענטינע; 10) דאָס דערשיינען פון דער טעגלעכער צייטונג „דער טאָג"

(1913), וואָס איז פאַקטיש געווען די ערשטע טעגלעך־יידישע צייטונג אין אַרגענטינע (די פריער דערמאָנטע „נאַכריכטן" איז געווען אַ ביולעטין); 11) דאָס דערשיינען פון דעם טעגלעכן בלאַט „די אידישע צייטונג" (1914), וואָס איז געבליבן די סטאַבילע באַלעבאַטישע יידישע צייטונג אין אַרגענטינע און 12) דאָס דערשיינען פון „די פרעסע" (1918), דאָס אומפאַרטייאישע עמכ'דיקע יידישע בלאַט אין אַרגענטינע.

די לייענער, וואָס ווילן וויסן גענויער וועגן די אַלע אויסגאַבן, דאַרפן לייענען דאָס שוין דערמאָנטע בוך פון פ. כץ „צו דער געשיכטע פון דער יידישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע", וואָס איז ביז היינט דאָס איינציקע אויף דעם דאָזיקן געביט. מיר וועלן דאָ געבן קורצע כאַראַקטעריסטיקעס וועגן די אַלע אויסגאַבן און איך בין מכריז ומודיע, אַז אין פיל פון די וועל איך נישט קענען אויסמיידן כצ'ס השפעה, כאָטש מיט זייער אַ סך פון די אויסגערעכנטע אויסגאַבן האָב איך זיך פערזענלעך באַקענט און איך האָב זיי געלייענט. מיר וועלן די כאַראַקטעריסטיקעס ברענגען לויט דער אָרדענונג, אין וועלכער מיר האָבן אויסגערעכנט די פאַזיסן.

1) „דער ווייעדער קול" איז, ווי געזאָגט, די ערשטע יידישע אויסגאַבע אין אַרגענטינע, געגרינדעט האָט זי מיכל הכוהן סני, אַ רבס אַ זון, דעמאָלט, אין יאָר 1898, אַ יונגערמאַנטשיק, אַ בחור אַ מושלם. קיין יידישע דרוקעריי איז נאָך נישט געווען און דער רעדאַקטאָר האָט אַליין אויסגעשריבן דעם גאַנצן נומער מיט געדרוקטע אותיות און אים געגעבן אין אַ ליטאָגראַפיע. קיין גאָר באַשטימטע ליניע האָט דער זשורנאַל נישט געהאַט, דאָך האָט מען געקענט טרעפן אין אים צוזאַמען מיט יידישלעכקייט אויך סימפאַטיעס צום סאָציאַליזם, אפילו אַביסל אַנטי־ציוניזם און צומאָל אויך שאַרפע ארויסטריטן קעגן דער „ייקא". עס זיינען אין זשורנאַל געווען פאַרעפנטלעכט חוץ אַרטיקלען און פעליעטאָנען, אויך דערציילונגען און לידער. חוץ דעם רעדאַקטאָר, האָבן אין „ווידערקול" מיטגעאַרבעט אברהם ווערמאָנט, דער שפעטערדיקער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון „דיא פאָלקסשטיממע", בלעם בן קורח, איש יהודי (ווערמאָנט?), י. ש. ליאַכאָוויצקי, דער רב סני א. אַ. די שפּראַך פון „ווייעדער־קול" איז דייטשמעריש. די אויסלייגעכץ איז נאָך מער דייטשמעריש, ווי די שפּראַך גופא. מ'האָט געשריבן „פאָן", „זאָ", „מוסען" א. אַ. וו. מען טרעפט אַזעלכע פראַזן ווי „דאַהער מוסען וויר וואַרטען" א. אַ. וו. „דער ווייעדער קול" האָט זיך גערופן וואָכנזשורנאַל, אָבער דער צווייטער נומער איז

דערשינען צו די צוויי וואָכן און ביים דריטן נומער האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, ווייל דער רעדאַקטאָר איז געווען פאַרמאַטערט און דערשעפּט.

צווישן „ווידער קול" און „פאָלקס שטיממע" דאַרף דערמאָנט ווערן „דער יידישער פּאָנאָגראַף" (1898), וואָס איז געווען אַ וואָכנבלאַט. ער איז שוין געווען געדרוקט, ניט ליטאָגראַפירט און עס זיינען פון אים דערשינען קנאַפּע 40 נומערן. געגרינדעט האָט אים אַ גרופּע באַלעבאַטים און ער איז געפירט און געשריבן געוואָרן פרידלעך. די גרויסע קאָנפליקטן צווישן דער „ייקא" און די קאָלאָניסטן האָט ער אינגאַנצן פאַרשוויגן. אויך נייעס האָט ער געגעבן ווייניק. אַלס רעדאַקטאָר האָבן די באַלעבאַטים אָנגעשטעלט דעם „ייקא"־לערער פאַביאַן ש. הלוי, וואָס האָט דערקלערט, אַז ער קען נישט קיין זשאַרגאָן. איינער פון די באַלעבאַטים, דער ציוניס־טישער מנהיג שלמה ליבעשוץ האָט אים געגעבן אַן עצה, אַז ער זאָל שרייבן דייטש מיט יידישע אותיות... און ער האָט טאַקע אַזוי געשריבן. הויפּט־מיטאַרבעטער איז געווען דער ציוניסטישער פירער יעקב יאָסעלע־וויטש (בן יוסף), אַ משכיל, וואָס האָט געשריבן אַ זייער אָפּגעהיטן יידיש. אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל: „דער יידישער פּאָנאָגראַף" האָט אַמאָל אָפּגעדרוקט אַ פּאָליציי נייעס וועגן די פרויענהענדלער, זיינען אויפן צווייטן טאָג צוריקגעקומען אַ סך צייטונגען. אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס אַ סך אַבאָנענטן האָבן געבעטן מ'זאָל זיי שיקן דעם זשורנאַל אין אַ קאָנווערט, בכדי מ'זאָל נישט אָנזען די יידישע אותיות. „דער יידישער פּאָנאָגראַף" האָט לאַנג נישט עקזיסטירט, ווייל ער איז געווען צו שטיל, און ער האָט גאָרנישט געזען, גאָרנישט געהערט און וועגן גאָרנישט דערציילט.

2) „דיא פאָלקס־שטיממע" איז אין משך פון 16 יאָר געווען די פּאָפּולערסטע יידישע וואָכנשריפט אין אַרגענטינע. דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 11טן אויגוסט 1898. דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער איז געווען אברהם ווערמאָנט, אַ רומענישער ייד, וואָס שטאַמט פון אַ באַרימטער יידישער פאַמיליע אין באָטאָשאַן און גאַלאַץ. פון דער היים אַרויס האָט ווערמאָנט געהייסן גרינבערג (ווערמאָנט איז אַ גענויע אי־בערזעצונג פון גרינבערג). זיין פאָטער האָט געהייסן סאַניע שוחט און זיינע ברידער זיינען אָנגעזעענע מענטשן אין רומעניע — איינער אַ מאַ־לער און איינער אַן אַנטראָפּאָלאָג — רופן זיך סאַניעלעוויטש. אברהם ווערמאָנט האָט פריער אומגעוואַנדערט איבערן באַלקאַן איידער ער איז

אָנגעקומען קיין אַרגענטינע און מ׳זאָגט, אַז ער האָט זיך אַפילו געשמדט דאָרט. אויב מען זאָל וועלן פּאַראַפראַזירן אַ באַקאַנט וואָרט און זאָגן, אַז „יעדעס פאָלק האָט די צייטונג, וואָס עס איז ווערט״, דאַן איז עס זייער צוגעפּאַסט צו דער „פאָלקס שטיממע״ פאַר יענער צייט. דער שטאָטישער ישוב האָט דעמאָלט — חוץ געוויסע און היפּשע אויסנאַמען — געהאַט אַזאַ פּנים ווי „די פאָלקס שטיממע״... א. ווערמאָנט האָט נישט געהאַט קיין שום באַשטימטן צוגאַנג צו זאַכן. ער האָט געקענט זיין מאָנאַרכיסטיש געשטימט, ווייל ערגעץ איז אַ קעניג געווען גוט צו יידן און ער האָט געקענט זיין סאָציאַליסטיש געשטימט, ווייל אַ באַרימטער סאָציאַליסט האָט געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגן יידן. אין יידישע ענינים איז ער געווען אַ תלמוד־תורהד און קהלה־ייד. ער איז געווען פאַר בויען אַ יידישלעך לעבן אויפן פּלאַץ. ער איז געווען אַרכיפּאַטריאָטיש געשטימט. דער ציוניזם איז אים געווען פרעמד. מען באַשולדיקט ווערמאָנטן אין האָבן געווען אַ שאַנטאַזשיסט. פּ. כץ האַלט, אַז ער איז דאָס נישט געווען, כאָטש ער האָט געקענט פאַר פינף פּעזעס איינעם לויבן, אָדער גאָר באַליידיקן זיין קעגנער. פּ. כץ מיינט, אַז ווערמאָנט איז געווען אַ קרבן פון די קלאָגעדיקע אומשטענדן און ער האָט געמוזט אויף אַ מיאוסן אויפן אויסשווינדלען זיין נישטיקע פּרנסה. אויך די באַשולדיקונגען אין חברן זיך מיט די פרויען־הענדלער וואַרפט אָפּ כץ. ווערמאָנט פלעגט באַקעמפן די פרויען־הענדלער און האָבן מיטלייד מיט די פרויענצימערס; וועלכע ער האָט באַטראַכט אַלס קרבנות. „די פאָלקס שטיממע״ איז געווען אָפן פאַר יעדן, קאָלאָניסטן האָבן געפונען פּלאַץ אויף אירע עמודים אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן און אויסדריקן זייערע פּראָטעסטן קעגן דער „ייקאַ״. „די פאָלקס שטיממע״ איז בכלל געווען אַן אָפענע טיר פאַר יעדן. חוץ דעם רעדאַקטאָר און זיין הויפּט־מיטאַרבעטער, האָט דאָרט אָפּט מיטגעאַרבעט דער עלטסטער יידישער שרייבער אין אַרגענטינע, מ. אַלפּערסאָן. ס׳האָט אָבער דאָרט געשריבן אויך ווער ס׳האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרצן. „די פאָלקס שטיממע״ האָט מיט אַ סך געהאָלפן בויען דאָס באַלעבאַטישע יידישע לעבן אין ב. איירעס און האָט אַ גרויסן חלק אין אויפבוי פון אַזעלכע אינסטיטוציעס, ווי דער שפּיטאָל, מושב זקנים, ביקור חולים א. אַ. „די פאָלקס שטיממע״ האָט געפירט פּאָלעמיקעס מיט די אַנדערע יידישע אויסגאַבעס, וואָס זיינען דערשינען אין איין צייט מיט איר (ווי „דער יידישער פּאַנאָגראַף״ „דער (די) פויק״ א. אַ.). די פּאָלעמיק איז געווען

באַווירצט און באַפּעפּערט און דער ווייניק קולטורעלער עולם פּלעגט זיך פון דעם פּאַסמאַקעווען. „דער יידישער פּאָנאָגראַף" האָט געהייסן ביי ווערמאָנטן „דער פּיפּערנאָטער", האָט מען „די פּאָלקס שטיממע" אַ נאָמען געגעבן „די פּאָלקס שמאַטע". אַלס באַוויז, אַז די באַלעבאַטישע אַנשטאַלטן האָבן באַטראַכט „די פּאָלקס שטיממע" אַלס זייער אָרגאַן, קאָן דינען דער פּאַקט, וואָס צום 30־יעריקן יובילײ פון דער „פּאָלקס־שטיממע" האָט ווערמאָנט באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל פון דער „עזרה" (יידישן שפּיטאָל) און פון אַנדערע צדקה־אַנשטאַלטן. די שפּראַך פון „די פּאָלקס שטיממע" איז געווען — ווי לויט דעם שרייבער. מיכל הכוהן סני האָט געשריבן אַ ריינערן יידיש, ווערמאָנט אַליין האָט געשריבן אַי פּאָלקסטימלעך, אַי דייטשמעריש, אַזוי ווי רומענישע יידן ריידן. אונטער־געגאַנגען איז „די פּאָלקס־שטיממע", ווייל ווערמאָנט איז געוואָרן אַלט און ווייל ס'האָבן גענומען אונטערוואַקסן טעגלעכע יידישע צייטונגען.

3) מיר דערמאָנען דאָ דר"י אויסגאַבעס, וואָס זיינען אין גייסט געווען נאָענט צו דער „פּאָלס שטיממע", אָבער ס'האָט געפּעלט דער טעמפּעראַ־מענט און — טאַלאַנט פון ווערמאָנטן. די דאָזיקע אויסגאַבעס האָבן געהייסן „דער פּויק" (דערשינען 31 נומערן אין יאָר 1899), „דיא בלום" (דערשינען אַ זעכצן נומערן אין יאָר 1890) און דער „פּאָלקסבלאַטט" (דרייצן נומערן אין 1908). די ערשטע זיינען געווען אַרויסגעגעבן פון דעם דרוקער וו. צייטלין, וואָס האָט דערנאָך געשפּילט אַ געוויסע ראָליע אין דער היגער יידישער פּרעסע און איז געווען רעדאַקטירט פון ז. לעווין. וו. צייטלין האָט אַרויסגעגעבן די דערמאָנטע צוויי בלעטער אַלס בפירושע קאָנקורענץ צו דער „פּאָלקס „שטימע", ווייל זי האָט זיך נישט געדרוקט אין זיין דרוקעריי. „דער פּויק" האָט געפירט אַ שמוציקע פּאָלעמיק קעגן דער „פּאָלקס שטימע" און וו. צייטלין האָט אפילו איינגעאָרדנט אַ רעווי־פּאָרשטעלונג „ווערמאָנט אויף דער קאַטרע" 1) און צייטלין אַליין האָט גע־שפּילט ווערמאָנטן. (מען זאָגט, אגב, אַז דאָס איז געווען די ערשטע יידישע טעאַטער־פּאָרשטעלונג אין ב. איירעס). דער סוף איז געווען, אַז ווערמאָנטס „פּאָלקס שטיממע" איז איבערגעגאַנגען צו צייטלינען אין דער דרוקעריי... „דער פּאָלקסבלאַטט" איז געגרינדעט געוואָרן פון שיפס־קאַרטן־אַגענט ג. ב. איצקאָוויטש און זיין שותף יואל ראָזנבליט (וואָס

1) אַ צונויפגעלייגט בעטל.

איז אגב געווען אדמיניסטראַטאָר פון „וויעדער קול") צוליב פּראָפּאַגאַנדע צוועקן. רעדאַקטאָר איז דאָ ווידער געווען פּאַביאַן ש. הלוי, וואָס האָט געשריבן דייטש מיט יידישע אותיות. מיכל הכהן סני האָט אויך דאָ מיט־געאַרבעט פון צייט צו צייט. דאָס „פּאָלקסבלאַטט" איז שפּעטער פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין „יודיש אַרגענטינישעס וואָכענבלאַטט" און דאָ באַווייזט זיך צום ערשטן מאָל עוזר בומאַזשני, דער גרינדער און אַדמיניסטראַטאָר פון „די פּרעסע". עוזר בומאַזשני האָט יאָרנלאַנג געשריבן פּעליעטאָנען אונטערן פּסעוודאָנים ר' עוזרל און האָט פון צייט צו צייט איבערזעצט דערציילונגען פון רוסיש. וו. צייטלין האָט שפּעטער אָפּגעקויפט דאָס „יודיש אַרגענטינישעס וואָכענבלאַטט" און דעמאָלט איז שוין י. ש. ליאַכאָוויצקי געווען אַן אָפּטער מיטאַרבעטער. אויך משה רובין, וואָס איז געווען איינער פון די עלטסטע יידישער שרייבער אין אַרגענטינע, דעבוטירט אין „וואָכענבלאַטט" מיט פּאָפּולער־וויסנשאַפט־לעכע אַרטיקלען און דערציילונגען.

4) ד. גאָלדמאַן דערמאָנט אין זיין בוך „די יודען אין אַרגענטינע" אַ זשורנאַל „דער יידישער קאָלאָניסט", וואָס זאָל האָבן דערשינען אין יאָר 1889 אונטער דער רעדאַקציע פון ר. גרינבערג. פּ. כץ שטעלט פעסט, אַז ס'איז איינער גרינבלאַט, אַ זעצער, וואָס איז ביים אָנהויב געווען אַנאָנ־סירט אַלס אַדמיניסטראַטאָר פון דער „פּאָלקס שטיממע" און איז שפּעטער פאַרשיקט געוואָרן קיין פייערלאַנד פאַר גניבה און פרויענהאַנדל. נישטאָ היינט איינער, וואָס זאָל האָבן געזען דעם דאָזיקן זשורנאַל, יעדנפאַלס האָט ער מיט קאָלאָניסטן געהאַט אַ קנאַפּע שייכות. אַלס דער ערשטער קאָלאָניסטישער זשורנאַל דאַרף באַטראַכט ווערן דער צוויי־וואָכן־זשורנאַל „דער יידישער קאָלאָניסט", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין קאָלאָניע קלאַראַ (ענטרע ריאָס) דעם 15טן נאָוועמבער 1909. דער זשורנאַל איז אַנאָנסירט געוואָרן אַלס אָרגאַן פון „פאָנדאָ קאָמונאַל" און „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ איזראַעליטאַ". רעדאַקטאָר איז געווען ישראל פינגערמאַן, וואָס האָט, ווי פּאַביאַן ש. הלוי, געשריבן דייטשמעריש און מיט אַ סך פּסוקים. צווישן די מיטאַרבעטער טרעפט מען דאָ אָפט דעם שפּעטער באַוווּסט־געוואָרענעם באַגאַבטן קאָלאָניסטישן שרייבער ברוך בענדערסקי, ווי אויך צבי שניידער, חיים שמואל שניידער און די באַקאַנטע קאָלאָניס־טישע טוער און זשורנאַליסטן יצחק קאַפּלאַן און ש. הורוויץ. „דער קאָלאָניסט" איז אַ סך מער געווען אַ זשורנאַל פאַר קאָלאָניסטן ווי פאַר

קאָלאָניסטישע אינטערעסן. ער האָט געפּרעדיקט ערדאַרבעט, אָבער ער האָט זעלטן ווען עפּעס פאַרעפנטלעכט וועגן די שאַרפע קאָנפליקטן וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישן די קאָלאָניסטן און דער „ייקאַ". און ווען מרדכי אַלפערסאָן אונטערן פּסעוודאָנים ב. י. (בן ישראל) האָט געפרעגט ביי דער רעדאַקציע פאַרוואָס זי פאַרשוויגט די דערמאָנטע קאָנפליקטן, האָט ער געקריגן שאַרף אָפּגעשניטן. אָבער אין 1910, ווען די קאָלאָניסטישע קאָאָפּעראַציעס האָבן זיך גענומען גרייטן צו אַ קאָנגרעס אויף צו שאַפן אַ פעדעראַציע פון אַלע קאָאָפּעראַטיוועס און די „ייקאַ" איז דערמיט נישט געווען צופרידן, האָט „דער קאָלאָניסט" פאַרעפנטלעכט גאַנץ שאַרפע אַרטיקלען קעגן דער „ייקאַ" פון שמשון און משה פּוסטילניק און פון ש. הורוויץ (וואָס איז היינט אַ הייסער „ייקאַ"־אַדוואָקאַט). ישראל פינגערמאַן ווערט באַזייטיקט אַלס רעדאַקטאָר און דער זשורנאַל פאַרעפנטלעכט קלאַגעס קעגן דער „ייקאַ" און עס דערשיינט מרדכי אַלפערסאָנס אַ קרעפטיקער פּאַמפלעט אונטערן נאָמען „קאַזשאַאָ 216"[1]) אָבער דער דאָזיקער טאָן האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, דער זשורנאַל ווערט דאַן נישט נאָר נייטראַל, נאָר אויסגעשפּראָכן „ייקאַ"־פריינטלעך און ער טרעט אָפּט אַרויס קעגן די טענות פון די קאָלאָניסטן. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער זייער טאַקטישער און שטילער קאָלאָניסט אברהם ראָזנפעלד וואָס איז געווען אַ ייד א למדן און אַ גרויסער עניו, האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל קעגן דער „ייקאַ" אין דער „פאָלקס שטימע" און אין בריוול צו ווערמאָנטן האָט ער געשריבן, אַז ער ווייסט, אַז „דער קאָלאָניסטישער זשורנאַל וועט זיך אַנטזאָגן צו דרוקן דאָס אַרטיקל, כאָטש עס איז אין דעם אינטערעס פון די קאָלאָניסטן". אין 1912 איז „דער קאָלאָניסט" ווידער געצוווּנגען געווען אַרויסצוטרעטן קעגן דער ייקא צוליב אַ קאָנפליקט מיט אַ לערער, אַ מאַראָקאַנער, וואָס האָט זייער פיינט געהאַט מזרח־יידן. די „ייקאַ" האָט צוליב דעם לערער באַליידיקט די קאָלאָניסטישע קאָאָפּעראַטיווע „פאָנדאָ קאָמונאַל", נישט פרעגנדיק אפילו, וואָס ס'איז פאָרגעקומען. אין אַ צייט אַרום איז ווידער געוואָרן שלום. אין זעלביקן יאָר ווערט „דער יידישער קאָלאָניסט" אַריבערגעפירט קיין ב. איירעס אַלס אָרגאַן פון דער קאָנפעדעראַציע פון די יידישע קאָאָפּעראַטיוועס. די קאָנפעדעראַציע האָט גיך געפּלאַצט און דער זשורנאַל איז אונטערגעגאַנגען.

1) די גאַס און נומער פון דער „ייקאַ"־רעזידענץ.

„דער פּערטהיידיגער" האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם צווייטן אַפּריל טויזנט נײַנהונדערט צוועלף אין שטעטל קאַרלאָס קאַסאַרעס, נעבן דער דעמאָלט גרויסער יידישער קאָלאָניע מאָוריציאָ. די באַלעבאַטים פון דעם דאָזיקן זשורנאַל זײַנען געווען די ברידער יהודה און הערמאַן קראַסילאָווסקי, ביידע טיפּאָגראַפן, וואָס האָבן פון צייט צו צייט געשריבן, אָדער איבערגעזעצט פון שפּאַניש. דער זשורנאַל איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון אַ פּרעסע־קאָמיטעט, אין וועלכן עס זײַנען אַרײַן חוץ די דערמאָנטע ברידער קראַסילאָווסקי — מ. אַלפּערסאָן, דער שוחט ר' גלאַזערמאַן, א. ראָזענפעלד און ה. שקאָלניק. „דער פּאַרטיידיקער" איז געווען שאַרף אַנטי־ייקאַאיסטיש און ער האָט איבערהויפּט פּאַרטיידיקט די פאָדערונג פון די מאָוריציער קאָלאָניסטן צו באַקומען „טיטולאָס" אויף זייער ערד. מרדכי אַלפּערסאָן און ה. שקאָלניק האָבן צוגעגעבן גלאַנץ דעם זשורנאַל. „דער פּאַרטיידיקער" האָט אויך געפירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן די פּראָצענטניקעס, וואָס האָבן אויפגעפרעסן די קאָלאָניסטן. הערמאַן קראַסילאָווסקי איז אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר געזעסן אַ פּאָר חדשים אין טורמע פאַר אַן אַרטיקל קעגן אַ רייכן פּראָצענטניק. אין טויזנט נײַנהונדערט דרייצן איז דער „פּערטהיידיגער" איבערגעפירט געוואָרן קיין ב. איירעס און דאָ איז ער גיך פאַרמאַכט געוואָרן, נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעגעבן אַ זאַמל־בוך מיט מוסטערן פון די אַרבעטן, וואָס זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פּערטהיידיגער". ס'איז געווען דאָס ערשטע יידישע זאַמל־בוך אין אַרגענטינע.

5) „נאַכריכטן" — אָפיציעל די ערשטע טעגלעכע יידישע צײַטונג אין אַרגענטינע — איז געווען אַ סך מער אַ קוריאָז ווי אַ צײַטונג. אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט האָט „נאַכריכטן" מ. פּאָליאַק, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ ס. ס. און איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די באַקאַנטסטע סאָציאַליסטישע יידישע טוער און איינער פון די בעסטע רעדנער אויף אונדזער גאַס. „נאַכריכטן" איז געווען אַ מין ביולעטין, וואָס האָט געהאַט אַביסל טעלעגראַמעס און אַביסל פּאָליציי־נײַעס, וועלכע פּאָליאַק האָט אַליין איבערזעצט פון רוסיש. געמאַכט דעם ביולעטין האָט דער דרוקער וואָלף אייזנבערג אַביסל צוליב אידעאַליזם און אַביסל צוליב רעקלאַמע פאַר זײַן דרוקערײַ. געלייזט האָט מען פינף סענט אַ צײַטונג, אָבער מען האָט נישט געקויפט. אייזנבערג איז באַלד מיד געוואָרן און אַנשטאָט אַלע טאָג איז דער ביולעטין באַלד דערשינען איינמאָל אין צוויי טעג.

אינגאַנצן זיינען דערשינען ניינצן נומערן. די שפּראַך איז געווען אַזאַ מין, אַז בכדי צו פאַרשטיין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט מען געדאַרפט אין געדאַנק צוריק איבערזעצן אויף שפּאַניש. מען טרעפט, אגב, ביז היינט נאָך איז די טעגלעכע צייטונגען איבערזעצטע אינפאָרמאַציע פון שפּאַניש, וואָס מ׳קען זיי פאַרשטיין נאָר ווען מען קען שפּאַניש...

6) „דער אַוואַנגאַרד", דער ערשטער סאָציאַליסטיש־יידישער זשורנאַל און איבערהויפּט דער ערשטער פּאַרטייאיש־יידישער זשורנאַל אין אַרגענטינע, האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין אויגוסט 1908 אַלס חודש־שריפט און ער איז דערשינען מיט געוויסע איבעררייסן ביז 1920. פּ. כץ האָט שוין אָנגעוויזן, אַז דער נאָמען „אַוואַנגאַרד" שטאַמט פון דעם, וואָס דער אָרגאַן פון דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי הייסט „לאַ וואַנגואַרדיאַ". ס׳איז געווען אַ בונדיסטישער זשורנאַל, וואָס האָט געהאַט זייער פיינע אַרטיקלען פון די אויסלענדישע בונדיסטן ווי וולאַדעק, אָלגין, צביון א. אַ. די אינלענדישע זיינען געווען שוואַכע סיי שפּראַכלעך, סיי אינהאַלטלעך און ס׳האָט אין זיי געפעלט אַ באַשטימטער צוגאַנג צו די לאָקאַלע פראַגן. „דער אַוואַנגאַרד" האָט נישט אָנגעגעבן, אַז ער איז בונדיסטיש, ווייל אויסער רוסלאַנד, ליטע, פּרייסן און פוילן האָט, לויט די דעמאָלטדיקע באַגריפן, נישט געקענט זיין קיין בונד. אין „אַוואַנגאַרד" געפינט מען אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל וועגן דער אַסימילאַטאָרישער שטעלונג צו יידן פון דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, די דאָזיקע שטעלונג האָבן אַהין אַריינגעפירט — רוסישע יידן... דער „אַוואַנגאַרד" איז פריער רעדאַקטירט געוואָרן פון ש. קאַפּלאַנסקי, דערנאָך פון מ. יאַראָשעווסקי און גאָר אַ לאַנגע צייט איז זיין רעדאַקטאָר געווען דער היינטיקער מיטרעדאַקטאָר פון „די פּרעסע" פּ. וואַלד. צווישן די מיטאַרבעטער פון „אַוואַנגאַרד" דאַרפן דערמאָנט ווערן אויסער די דריי רעדאַקטאָרן מ. ראָזען און ש. גרינגלאָז. טראָץ זיין נישט דעפינירטקייט אין לאָקאַלע פראַגן און געוויסער הילפלאָזיקייט, האָט דער „אַוואַנגאַרד" באַשטימטע פאַרדינסטן, סיי געזעלשאַפטלעכע, סיי זשורנאַליסטישע, סיי ליטעראַרישע, און ער באַטייט דער אָנהייב פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע אין אַרגענטינע.

7) מיר ווילן דאָ דערמאָנען „די שטימע פון אַוואַנגאַרד", דעם אָרגאַן פון די יידישע „איסקראָווצעס", וואָס האָבן געהאַט מער מזל, ווי דער בונד און זיינען יאָ אַריינגענומען געוואָרן אַלס באַזונדערע קערפּער־

שאַפט אין דער היגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווייל זיי האָבן גאָרנישט געפאָדערט און ווייל זייער שפּראַך איז געווען רוסיש. די „איסקראָווצעס" האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע שרייבער און זיי האָבן צוגענומען דעם דעמאָלט יונגן שריפטשטעלער נח וויטאל (אַן עסעסאָוויעץ) אַלס רעדאַקטאָר. נח וויטאל האָט געהאַט אַ רעכט נאָר צו געבן דערציי־לונגען און לידער. דעם איבעריקן מאַטעריאַל האָבן געליפערט די איסקראָווצעס אַליין, וואָס האָבן געשריבן אויף רוסיש און אויף שפּאַניש. איבערזעצט זייערע אַרבעטן האָט דער רעדאַקטאָר פון „די פּרעסע", פּ. כץ. פון דעם דאָזיקן זשורנאַל זיינען דערשינען פינף נומערן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום ווירקונג.

8) „די יודישע האָפענונג", דער ציוניסטישער חודש־זשורנאַל, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין יאָר 1908 און איז דערשינען ביז 1917, איז פאַקטיש אַ ריינערע און פּערפעקטערע אויפלאַגע פון „אידישן פּאַ־נאָגראַף". אויך אין „פּאַנאָגראַף" איז יעקב יאָסעלעוויטש (בן יוסף) געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער, אָבער „די יודישע האָפענונג" איז געווען אינגאַנצן זיין זשורנאַל און דערצו איז ער דערשינען איין מאָל אין חודש און דער רעדאַקטאָר האָט געקענט זיפּן דעם מאַטעריאַל אַזוי אויף אים גוט אַכטונג געבן. י. יאָסעלעוויטש איז אַמאָל געווען אַ סאָציאַליסט, אין אַרגענטינע איז ער געוואָרן אַ רייכער פאַבריקאַנט און ער איז געוואָרן אַ ציוניסט, אָבער — פון די דעמאָקראַטישע ציוניסטן. צו יידיש האָט ער געהאַט נישט נאָר אַ פּאָזיטיווע באַציאונג, נאָר אומגעהייערע פּיעטעט. אַלס נאָענטע טעכנישע מיטאַרבעטער האָט יאָסעלעוויטש געהאַט אהרן אייבערמאַן און דוד ראָזנבלום — מענטשן, וואָס זיינען פאַרשווונדן פון אונדזער אויבערפלאַך. ברוך בענדערסקי איז געווען אַן אָפטער מיטאַר־בעטער אין דער „יודישער האָפענונג. ישראל העלפמאַן האָט דאָ דעבו־טירט נישט מיט דערציילונגען, נאָר מיט אַרטיקלען. שלום עליכם האָט ספּעציעל צוגעשיקט אַ דערציילונג פאַר יאָסעלעוויטשעס זשורנאַל. „די יודישע האָפענונג" איז געווען דורכאויס נאָר ציוניסטיש און האָט קיינמאָל נישט רעאַגירט אויף קיין היגער פּאָליטיק. און ווען דער זשורנאַל „שטראַהלען" האָט דורכגעפירט אַן אַנקעטע צווישן אַרגענטינער פּערזענ־לעכקייטן וועגן ביילים־פּראָצעס, האָט יאָסעלעוויטש געהאַלטן, אַז מען ברענגט דערמיט אַן אומגליק אויף אַרגענטינער יידן. „די יודישע האָפע־נונג" איז געווען פּראָ־ייקאַאיסטיש. אין 1912 האָט זי אָנגעהויבן

דערשײַנען אַלס װאָכנבלאַט. אין 1917 האָט „די יודישע האָפענונג" געקראָגן דעם נאָמען „די אידישע װעלט" און אונטער אָט דעם נאָמען דערשײַנט זי עד היום אַלס אָרגאַן פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע. יאָסעלעװיטש איז דעמאָלט געװאָרן אױס רעדאַקטאָר און װי מען שמועסט האָט ער געקוקט מיט אומצוטרױ אױף זײַנע נאָכפאָלגער.

9) „דאָס אַרבעטער לעבן" איז די ערשטע יידיש־אַנאַרכיסטישע אױסגאַבע אין אַרגענטינע. אָנגעהױבן דערשײַנען האָט עס אין מערץ 1908. דערשינען זײַנען אינגאַנצן אַכט נומערן. רעדאַקטאָר איז געװען אַן אַנאַר־כיסט, װאָס איז געקומען פון לאָנדאָן, שאַפּירא האָט ער געהײסן. דער זשורנאַל איז געװען פון קראָפּאָטקינס שיטה און ער האָט געגעבן חוץ טעאָרעטישע אַרטיקלען אױך ליטעראַטור און ער האָט געהאַט אַ גרױסע װירקונג אױף דער װײַטערדיקער אינטענסיװער קולטור־טעטיקײט פון די אַנאַרכיסטן און ראַציאָנאַליסטן, אַ קולטור־טעטיקײט, װאָס קענער קע־נען נישט פאַרלײקענען איר װערט. אַ קולטור־טעטיקײט, װאָס באַשטײט אין גרינדן ביבליאָטעקן און אױך אַרױסגעבן אין בוכפאָרם די ערשטע איבערזעצונגען פון שפּאַניש.

10) „לעבן און פרײַהײט" — אױך אַן אַנאַרכיסטישע אױסגאַבע, אָבער פון דער אולטראַ־אינדיװידואַליסטישער שיטה, האָט אָנגעהױבן דערשײַנען באַלד װי „דאָס אַרבעטער לעבן" האָט זיך געשלאָסן. „לעבן און פרײַהײט" איז געװען אַ חודש־זשורנאַל, דערשינען זײַנען פון אים אינגאַנצן דרײַ נומערן. די רעדאַקטאָרן זײַנען געװען יצחק עדלשטײן און פעדראָ שפּרינגבערג. צװישן די מיטאַרבעטער זײַנען געװען פּ. כץ, נ. װיטאַל, ישראל העלפמאַן און דער מיט דער צײַט פאַרשװוּנדענער דיכטער איציק װאָלקאָװינצער. אױך בײַ דער אַנאַרכיסטישער צײַטונג „לאַ פּראָ־טעסטאַ" איז אין 1908 דערשינען אַ יידישע זײַט.

11) „ברױט און עהרע" איז געװען אַ צװײ־װאָכנזשורנאַל, װאָס האָט אָנגעהױבן דערשײַנען אין 1909. ער איז דערשינען אױף דער איניציאַ־טיװ פון באַרימטן פּועלי ציון פירער לעאָן כאַזאַנאָװיטש, אָבער װען דער ערשטער נומער איז דערשינען, איז שױן כאַזאַנאָװיטש נישט געװען אין אַרגענטינע. ער האָט דאָ, װי באַקאַנט, אָנגעפירט אַ שאַרפן קאַמף קעגן דער „ייקאַ" און ער האָט געכאַפּט אַ שרעקלעכן אָפּשניט, מ'האָט אים אַרעסטירט און אַרױסגעשיקט פון לאַנד אַזױ װי אַ פאַרברעכער. די איני־ציאַטיװ איז גענומען געװאָרן אין ברײטן מאַסשטאַב מיט אַ קאָמיטעט און

מיט אַקציעס. באַטייליקט זיינען געווען אי פּועלי ציון, אי קאָלאָניסטן, אי סתם חסידים פון כאַזאַנאָוויטש, אָבער ווען מ'האָט דעם הויפּט־איני־ציאַטאָר אַרויסגעשיקט, איז דער קאָמיטעט געוואָרן קלענער. דערשינען איז „ברויט און עהרע" אונטער דער רעדאַקציע פון אַ קאָלעגיום בראש מיטן גרינדער פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי אין אַרגענטינע זלמן סאָרקין. דאָס לייט־אַרטיקל פון ערשטן נומער איז געווען כאַזאַנאָוויטשעס. דער זשורנאַל, וואָס האָט געזאָלט זיין איבערהויפּט קאָלאָניסטיש, איז מער געוואָרן אַן אַרבעטער־זשורנאַל, ווי אַ קאָלאָניסטיישער. ער האָט אויך גע־האַט פיינע ליטעראַטור. נח וויטאַל האָט דאָ געדרוקט זיינע גלענצנדיקע קאָלאָניע־בילדער. י. העלפמאַן איז דאָ געווען אַן אָפטער מיטאַרבעטער. צווישן די הויפּט־מיטאַרבעטער איז געווען פּ. כץ און ער האָט דאָ אַריינגעבראַכט אויסער זיין קרעפטיקע פּעדער אויך זיין ליבע און פּיע־טעט צו יידיש און מאַקע זיין זאַפטיקן און פּאַרביקן יידיש. אין 1910, נאָכדעם וואָס ס'איז דערשינען דער 6־טער נומער, איז ז. סאָרקין אַרעס־טירט געוואָרן און אין צוויי חדשים אַרום האָט מען אים אַרויסגעשיקט פון לאַנד. דעם זיבעטן נומער האָט רעדאַקטירט פּ. כץ און דער אַכטער נומער איז שוין נישט דערשינען. פּ. כץ באַמערקט, אַז „ברויט און עהרע" איז געווען דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע און ס'איז אין דעם קיין גוזמא נישט פאַראַן.

12) „שטראַהלען" איז געווען די ערשטע אילוסטרירטע יידישע אויסגאַבע אין אַרגענטינע. דערשינען איז ער אין 1913. ביים אָנהויב איז ער דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון פּעדראָ שפּרינבערג און פּ. כץ, שפּעטער האָט זיך דער לעצטער צוריקגעצויגן פון דער רעדאַקציע, ווייל דער זשורנאַל האָט אָנגענומען אַ רעקלאַמע פון צוויי באַקאַנטע פרויענהענדלער. „שטראַהלען" דערמאָנט אין די אַרגענטינער „רעוויסטאַס", אָבער ער האָט געהאַט פיינע מיטאַרבעטן פון משה פּינטשעווסקי, י. העלפמאַן, פּ. כץ. דער טאַלאַנטירטער צייכנער מ. אייטשלבוים האָט דאָ דעבוטירט. אויסערלעך איז „שטראַהלען" אַרויסגעגעבן געוואָרן זייער שיין. טעכניש איז ער זיכער געווען דער בעסטער זשורנאַל ביז דעמאָלט און אויך ביז היינט איז קיין שענערער דאָ נישט דערשינען. צו די גרויסע פאַרדינסטן פון „שטראַהלען" געהער אַן אַנקעטע וועגן ביילים־פּראָצעס צווישן באַרימטע אַרגענטינער פּערזענלעכקייטן. אין דער דאָזיקער אַנ־קעטע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ סך אינטערעסאַנטע און אַ סך פאַר

יידן גינסטיקע מיינונגען, עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין אַבסורדן. ניט קיין אַנדערער ווי דער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער דר. כ. ב. כוסטאָ האָט געזאָגט, אַז „וואָס אַנבאַלאַנגט רעליגיע און אַבערגלויבן, האַלט איך אַלץ פאַר מעגלעך"... כוסטאָס פרוי איז געווען אַ יידישקע, און כוסטאָ אַליין האָט שיר נישט געגלויבט אין גלות־בלבול...

13) „דער טאָג", די פאַקטישע ערשטע טעגלעכע יידישע צייטונג אין אַרגענטינע, האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם 1טן יאַנואַר 1914. געגרינדעט האָט אים דער דרוקער וו. צייטלין, וואָס האָט באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען זיין „יודישעס אַרגענטינישעס וואָכענבלאַט" אין אַ טאָגבלאַט. אַלס רעדאַקטאָר האָט ער אַנגאַזשירט ש. י. ליאַכאָוויצקי — אַ פּעאיקער זשורנאַליסט, וואָס האָט געלערנט בא פּראָפ. געצל זעליקאָוויטש אין חדר. סיי דער נאָמען פון אַרויסגעבער — אַן אַלטמאָדישער ייד — סיי דער נאָמען פון רעדאַקטאָר — אַן אַלטמאָדישער שרייבער — האָבן נישט אימפּאָנירט, דאָך האָט מען פון אַלע קרייזן נישט פאַרלייקנט די וויכטיקייט פון דער געשעעניש. צווישן די אָפּטע מיטאַרבעטער האָבן זיך דאָ באַוויזן די דיכטער משה פּינטשעווסקי און אבאָ קליגער. משה פּינטשעווסקי האָט אונטערן פּסעוודאָנים „דער טעלעגעשטער קאַבאַזשעראָ" פאַרעפנטלעכט געגראַמטע פעליעטאָנען. אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער איז דאָרט געוואָרן פּ. כץ, וואָס האָט איבערזעצט טעלעגראַמעס, דערציילונגען פון שפּאַניש און אַ סענסאַציאָנעלן ראָמאַן. עוזר בומאַזשני האָט דאָ געשריבן פעליעטאָנען אונטערן פּסעוודאָנים ר' עוזרל. אין „טאָג" האָט זיך אָנגעהויבן דער טרויעריקער שפּיל פון שטרייק און פאַראַט, וואָס איז געווען אַן אָפּטע דערשיינונג אין דער אַרגענטינער יידישער פּרעסע אין דער ערשטער צייט. קיין גוואַלדיקער צאָלער איז וו. צייטלין נישט געווען, האָט דער רעדאַקטאָר אָפּגעאַרבעט אַ „שפּיצל", ער איז אַרויס אין שטרייק און די אַנדערע מיטאַרבעטער האָבן זיך מיט אים סאָלידאַריזירט. און ווי נאָר אַלע זיינען אַרויס איז ער צוריק אַריין. „דער טאָג" האָט געהאַט אַ מאָמענט פון אויפשוין אין 1915. ליאַכאָוויצקי האָט שוין דעמאָלט געאַרבעט אין דער „אידישער צייטונג" און דאָרטן האָבן אויך מיטגעאַרבעט העלפמאַן, וויטאַל, א. בראָדסקי, פּינטשעווסקי, אבאָ קליגער, פּ. כץ. ליאַכאָוויצקי האָט געשטעלט אַ באַדינג, אָדער ער, אָדער כץ. האָט דער באַלעבאָס פון דער „אידישער צייטונג" אָפּגעזאָגט דעם לעצטן, האָבן זיך אַלע דערמאָנטע שריפטשטעלער סאָלידאַ־

ריזירט מיט אים און זיינען אוועק אינאיינעם מיט אים אין „טאָג", וועלכער איז אויף א מאָמענט דערהויבן געוואָרן. אונטערגעגאנגען איז די ערשטע טעגלעכע יידישע צייטונג אין ארגענטינע צוליב א סקאנדאל מיט געזעלשאפטלעכע געלטער. כאראקטעריסטיש און סימפטאָמאַטיש. דער לעצטער אקאָרד פון אן עפּאָכע...

14) געגרינדעט „די אידישע צייטונג" האָט ליאַכאָוויצקי אינאיינעם מיט עטלעכע דרוקער־ארבעטער אין נאָוועמבער 1914. איניציקן האָט מ. סטאָליאר אָפּגעקויפט די דאָזיקע צייטונג, אינאיינעם מיט ל. מאָס. מ. סטאָליאר איז אַמאָל געווען אַן עסעסאָוויעץ, ל. מאָס איז געווען א בונדיסט, אָבער די צייטונג האָט געקראָגן א באַלעבאַטיש־ ציוניסטישע ריכטונג. וועלכע זי האַלט אָן ביז היינט. ווי שוין געזאָגט, זיינען צווישן די מיטארבעטער פון דער „אידישער צייטונג" געווען פּ. כץ, פּינטשעווסקי, העלפמאַן, וויטאַל, בראָדסקי, קלינגער און ווען מ'האָט אָפּגעזאָגט כצן זיינען אַלע מיט אים אוועק. מיט דער צייט איז געקומען צו אן אויסגלייך און די דערמאָנטע שרייבער זיינען צוריק געוואָרן מיטארבעטער אין דער „איד. צייטונג" און ליאַכאָוויצקי איז באַזייטיקט געוואָרן. צווישן די מיטארבעטער פון דער „אידישער צייטונג" איז דעמאָלט געווען אויך עוזר בומאזשני וואָס האָט דאָרט פארעפנטלעכט אי ערנסטע ארטיקלען, אי פעליעטאָנען. א צווייטער גרויסער שטרייק האָט אויסגעבראָכן אין דער „אידישער צייטונג" אָנהויב אויגוסט 1917. איך דערמאָן דעם דאָזיקן שטרייק, ווייל ער איז אין א גרויסער מאָס א היסטאָרישער, ער האָט געהאָלפן קאָנסאָלידירן די דערמאָנטע צייטונג גופא און ער איז געווען דער גרעסטער שטויס צו דער גרינדונג פון „די פּרעסע" א פינף חדשים ארום. דעם שטרייק האָבן דערקלערט די דרוקער־ארבעטער. וואָס האָבן פאַרלאַנגט א זיבן מיט א האַלב־שעהדיקן ארבעט־טאָג און א באַוואָרעניש, אַז קיינער זאָל נישט אָפּגעזאָגט ווערן.

די באַלעבאַטים האָבן נישט געוואָלט נאָכגעבן און די ארבעטער זיינען ארויס אין שטרייק. מיט די ארבעטער האָבן זיך סאָלידאריזירט דער רוב פון די מיטארבעטער פון רעדאקציע און אַלע צוזאמען האָבן דעם זעקסטן אויגוסט ארויסגעגעבן א צייטונג א. נ. „די נייע צייטונג", „שטרייק נומערן", ארויסגעגעבן פון דעם פאַרשטרייקטן פערסאָנאַל פון דער „אידישער צייטונג". זיי האָבן די צייטונג ארויסגעגעבן בכדי די דאָזיקע, וואָס וועלן זיך סאָלידאריזירן מיט זיי, זאָלן נישט בלייבן אָן קיין

ציַיטונג. דער שטרייק האָט ארויסגערופן גרויס אויפרעגונג ביי די מאסן. דער שטרייק איז גיך דערליידיקט געוואָרן אויף א גינסטיקן אופן פאַר די שטרייקער און דער גאַנצער פערסאָנאַל איז צוריקגעגאַנגען צו דער ארבעט. אָבער ביי די ברייטע מאַסן איז דערוועקט געוואָרן א פאַרלאַנג צו האָבן אַן אייגענע ציַיטונג.

דער דאָזיקער שטרייק האָט, ווי געזאָגט, היפּש קאָנסאָלידירט „די אידישע ציַיטונג" גופא, וואָס דערשיינט שוין באַלד 35 יאָר. א לאַנגע ציַיט איז ל. מאַס געווען רעדאַקטאָר פון דער „אידישער ציַיטונג". ביי טראַגישע אומשטענדן האָט ל. מאַס פאַרלאָזט זיין אַמט און יוסף מענדעלסאָן האָט אים פאַרנומען אויף א לאַנגער ציַיט. א לאַנגע ציַיט זיינען געווען שטענדיקע מיטאַרבעטער פון דער „איד. ציַיטונג" די פּיאָנערן פון דער יידישער ליטעראַטור אין ארגענטינע, ישראל העלפמאַן און נח וויטאַל. די פּראָפעסיאָנעלע נישט אָרגאַניזירטקייט פון די היגע זשורנאַליסטן האָט געפירט דערצו, אַז ביידע זאָלן מוזן פאַרלאָזן זייערע פּאָסטנס. אויך י. מענדעלסאָן איז שפּעטער געוואָרן אוים רעדאַקטאָר, אָבער ער איז געבליבן אַלס מיטאַרבעטער. צווישן די אינערלעכע מיטאַר־בעטער פון דער „איד. ציַיטונג" זיינען היינט: י. מענדעלסאָן, מ. רעגאַלסקי, א. ל. שוסהיים, שמואל ראָזשאַנסקי, יצחק איסאַקסאָן, י. ראָסיאַנסקי, י. גלאַזער, פּ. ניעמאָי, י. סעגאַל און ז. וואַסערצוג. רעדאַקטאָר איז היינט דער באַלעבאָס אַליין מ. סטאָליאַר.

15) „די פּרעסע" האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם ערשטן יאַנואַר 1918 אַלס אַן ארבעטער קאָאָפּעראַטיוו אָן באַלעבאַטים. אַלע באַטייליקטע זיינען געווען ארבעטער — דרוקער, זשורנאַליסטן און אדמיניסטראַציע־ארבעטער — און די ריכטונג איז פון ערשטן טאָג אָן געווען א פּראָלעטאַ־רישע. „די פּרעסע" האָט געהאַט אויסצושטיין שווערע אָנגריפן מצד דער „אידישער ציַיטונג", וועלכע האָט געפּרוּווט ארויסרופן א באָיקאָט אויף איר, ווייל זי דערשיינט אום שבת, כאָטש אין בוענאָס איירעס איז קיינמאָל קיין זכר נישט געווען פון שבת. „די פּרעסע" האָט פאַר זיך געהאַט נאָך טויזנטער שוועריקייטן, מיט וועלכע זי האָט זיך געראַנגלט. געווען ציַיטן ווען די קאָאָפּעראַטיוו־מיטגלידער האָבן גאָרנישט באַקומען פאַר זייער ארבעט וואָכן־לאַנג, א סך זיינען אַוועק און ווען נישט די עקשנות און גלויבן פון גרינדער און אדמיניסטראַטאָר עוזר בומאַזשני, וואָלט זי זיך מסתמא געווען צעפאַלן. עס זיינען דערנאָך געקומען אַנדערע ציַיטן און

„די פרעסע" איז געוואקסן, געגאנגען פון פראגרעס צו פראגרעס. „די פרעסע" איז געווען די ערשטע, וואס האט זיך פארשאפן אן אייגענע ראטאציאנס־מאשין און אדאנק דעם איז זי טעכניש פערפעקציאנירט, אינהאלטלעך האט זי געהאלטן אין איין באריייכערט ווערן און זי איז אין אלעע פרטים געווארן די גרויסע צייטונג פון די ברייטע מאסן.

„די פרעסע" האט די ערשטע איינגעפירט די מאדערניזירטע יידישע אויסלייגעכץ און זי האט אפגעשאפט די שטומע „עינען" און „הא'ען" און אין יאר 1931, ווען דער ווילנער ייווא האט באשלאסן צו נאטוראליזירן דעם העברעאישן אויסלייג, האט דער ייווא־אפטייל אין בוענאס איירעס דורכגעפירט א לאנדס־צוזאמענפאר וועגן אט דעם ענין און יענער צוזאמענפאר האט באשטעטיקט דעם באשלוס פון דער צענטראלע און „די פרעסע" האט באלד אנגענומען און דורכגעפירט אין דער פראקטיק די דערמאנטע אויסלייגעכץ. דער מחבר פון אט די שורות איז דעמאלט געווען דער איינציקער קעגנער פון דער דאזיקער פראקטיק, וואס האט אירע גרויסע מעלות און גרויסע חסרונות. דער הויפט־חסרון באשטייט אין דעם, וואס די צייטונג האט געקראגן אן אנדער אויסזען און איר אינערלעכקייט שטימט אפט נישט מיט איר אויסערלעכקייט. די דאזיקע אויסלייגעכץ האט דערלייכטערט פאר זייער א סך דאס לייענען יידיש און האט פאר אנדערע — שווער געמאכט. די אויסלייגעכץ פון „די פרעסע" האט אין זיך פון דעם „ויחד יתרה" — פאראן אין איר אי פרייד אי פארדרוס...

רעדאקטאר פון „די פרעסע" איז דער פיאנער פון געדרוקטן יידישןווארט אין ארגענטינע פיניע כץ, מיטרעדאקטארס: י. אקסענצאוו, יעקב באטאשאנסקי פ. וואלד, ד"ר ל. זשיטניצקי, נ. פרוכטער. יארן־לאנג איז צווישן די רעדאקטארס געווען ש. פריילעך, וואס איז פריצייטיק אוועק. צווישן די אינעווייניקסטע מיטארבעטער אין „די פרעסע" זיינען פאראן משה גראניטשטיין און פאליק לערנער.

ווען מען פארגלייכט די דריי נומערן „ווידער קול" מיט אן איצטיקן נומער „די פרעסע", דאן גלויבט מען זיך קוים, אז צווישןביידע ליגט א מהלך נישט מער ווי פערציק יאר, עס דוכט זיך, אז יארהונדערטער ליגן פארלוירענע צווישן זיי. און נישט נאר טעכניש ליגן יארהונדערטער צווישן זיי, נאר אויך אינהאלטלעך און שפראכלעך.

ג.

פון 1918 און ווייטער

דאָס עקזאָטישע און דאָס אַזוי צו זאָגן פּרעהיסטאָרישע פון געדרוקטן יידישן וואָרט אין אַרגענטינע פאַרשווינדט טיילווייז מיטן דערשיינען פון דער ערשטער טעגלעכער צייטונג און איבערהויפּט פאַרשווינדט עס נאָכן היסטאָרישן שטרייק אין דער „איד. צייטונג" און מיטן דערשיינען פון „די פּרעסע". נאָך דער מלחמה גיט זיך אָן אַ לאַז אַ נייער אימיגראַציע־שטראָם. דער ישוב ווערט גרעסער, פּיליזייטיקער און — בפירוש קריס־טאַליזירטער. עס פאַרשווינדט אין אַ גרויסער מאָס דאָס עקזאָטישע פון לעבן און במילא פאַרשווינדט עס אויך פון דעם געדרוקטן וואָרט. דאָ און דאָרט גיבן נאָך אַ בליץ אויף פונקען פון „אַלטע פייערן" און אַ בלי אויף „בלימלעך" פון אַלטן געמויזעכץ, אָבער אין אַלגעמיין ווערט אַנדערש דאָס לעבן און אַנדערש דאָס געדרוקטע וואָרט. די אַמאָליקע זשורנאַלן און זשורנאַלעכלעך ווערן אָדער אײַנגאַנצן פאַרשוואונדן, אָדער זיי דעכען קוים, אָבער זייער איינפלוס פאַרלירן זיי דורכוים. דעם הויפּט־פּלאַץ פאַר־נעמען די צוויי טעגלעכע צייטונגען, וואָס גיבן דעם לייענער דעם מאַק־סימום, וואָס ער פאַרלאַנגט. די פּאָזיציע פון די צוויי טעגלעכע צייטונגען איז אַזאַ פעסטע, אַז עס ווערן געמאַכט שפּעטער פּרוּוון צו שאַפן אַ דריטע צייטונג. אַזוי גרינדעט דער דרוקער ד. גורפינקל אין 1925 די טעגלעכע צייטונג „דאָס פאָלק". אַלס רעדאַקטאָר אַנגאַזשירט ער דעם העברעאיש־יידישן זשורנאַליסט י. ל. גאָרעליק. די צייטונג האָט אָנגע־הויבן דערשיינען דעם צענטן מערץ 1925 און אויפגעהערט דערשיינען האָט זי נאָך אַ פּאָר חדשים. נישט קיין סך בעסער מזל האָט די צייטונג „דער אַרגענטינער טאָג", וועלכן ס'האָט געגרינדעט דער דרוקער ווייס־ביאָט. אַלס רעדאַקטאָר האָט ער אַנגאַזשירט ה. ברוסילאָווסקי. אָנגעהויבן דערשיינען האָט די צייטונג דעם ערשטן דעצעמבער 1928 און דער לעצטער נומער איז דערשינען דעם פערצנטן מאַרץ 1929. אין יאָר 1935 האָט אָנגעהויבן דערשיינען „די מאָרגנצייטונג", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אַלס קאָאָפּעראַטיוו און איז אין אַ צייט אַרום איבערגעגאַנגען צו אַ גרופּע באַלעבאַטים. ביים אָנהייב איז אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס רעדאַק־טאָר ה. ברוסילאָווסקי און שפּעטער האָט מען אים פאַרביטן אויף אהרן

ספּיוואַק. „די מאָרגנצייטונג" האָט געהאַט לערך די זעלבע באַלעבאַטיש־ציוניסטישע אָריענטאַציע, וואָס די „איד. צייטונג". די אינערלעכע מיטאַרבעטער זיינען געווען: וו. ברעסלער, ב. וויינשטאָק, פּ. לערנער, ג. סאַפּאָזשניקאָוו, נ. צוקער און מ. קויפמאַן.

די צייטונג האָט עקזיסטירט פינף יאָר און זי איז געשלאָסן געוואָרן.

אַ שטיק צייט איז אין בוענאָס איירעס דערשינען אַן אָוונט־צייטונג א. נ. „היינטיקע ניים", רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן פון ב. וויינשטאָק, היינט דערשיינט „ה. נ." אַלס וואָכנבלאַט.

אַ דריטע טעגלעכע צייטונג דערשיינט דאָך זייט אַ פּאָר יאָר אין בוענאָס איירעס. די דאָזיקע צייטונג געהער צו אַן אויסגעשפּראָכענער ריכטונג און זי האָט פריער געהייסן „דער וועג" און איצטער הייסט זי „דער היינט". צווישן אירע מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָרס זיינען פאַראַן יאָסל גאָלדבערג, מ. זאַקס, י. לינקאָווסקי, פאַליק קאַטאָווסקי א. אַ.

די לייענער דאַרפן זיך נישט מאַכן קיין פאַלשע פאָרשטעלונג, אַז מיט דעם פאַרפעסטיקן זיך פון די טעגלעכע צייטונגען זיינען די זשורנאַלן און זשורנאַלעכלעך אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. אַבסאָלוט נישט! אויב ד. גאָלדמאַן האָט ביז 1914 אָנגעציילט פערציק אויסגאַבן, וואָלט איך פון נאָך 1914 געקאָנט אָנציילן אַ סך מער. שרייבנדיק אָט די שורות האָב איך אונטער דער האַנט פאָלגנדיקע זשורנאַלן: „די אידישע וועלט", „דער רויטער שטערן", „פאַר גרויס און קליין", פנימער און פנימלעך", „ראָזאַריער וועקער", „דער קאָלאָניסט", (נישט פאַרבייטן אויף דעם „אידישן קאָלאָניסט"), „די פען", „די פאַרם", „ראָזאַריער וואָכנבלאַט", „ראָזאַריער שטימע", „זילבערלאַנד", „דרום אַמעריקע", „אויפגאַנג", „נייוועלט", „ניילאַנד", „אין גאַנג", „דער אַקער", „דער פּויער", „אויף דער וואַך", „די וואָך", „אַרגענטינער מאַגאַזין", „דער שפּיגל", „די טריבונע", „פאַר שול און היים", „שול טריבונע", „זאַנגען", „אַרגענטינער לעבן", „דאָס אַרגענטינער לעבן", „סאָציאַליסטישע בלעטער", „דאָס פרייע וואָרט", „אונדזער אַרבעט", „שול חבר", „טעאַטער", „פאָלקס־געזונט", „אַרבעטער אָרגאַניזאַציע", „קינדער־וועלט", „דערציאונג", „בלימעלעך", „אַרגענטינע", „אין קינדערלאַנד", „אַרבעטער־ פאַלעס־טינע", „גראַפישער זשורנאַל", „דער קונדאַס", „די קאַריקאַטור", „זעגלען", „ניי־טעאַטער", „אונדזער וואָרט", „דאָס נייע וואָרט", „די געזעלשאַפט", „שטערנדלעך", „דער מזיק"... איך האָב דאָ אויסגערעכנט

52 זשורנאַלן און וואַרשיינלעך איז דאָ פאַראַן אפשר אַ העלפט פון דעם, וואָס ס'איז דערשינען. און דאָך האָבן די אַלע זשורנאַלן אינייַנעם נישט געהאַט קיין צענטל ווירקונג וויפל ס'האָבן געהאַט און האָבן די טעגלעכע צייטונגען.

צווישן די אויסגערעכנטע זשורנאַלן זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס עקזיסטירן אָדער האָבן עקזיסטירט זייט יאָרן און יאָרן („די אידישע וועלט" דערשיינט איינונצוואַנציק יאָר און זי איז דאָך פריער דערשינען אַ פּאָר יאָר אונטער דעם נאָמען „די יודישע האָפענונג"), „דער רויטער שטערן", „פאַר גרויס און קליין", „פנימער און פנימלעך" זיינען דער־שינען אין משך פון אַ סך יאָרן. „דער שפיגל" און „דער קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר" דערשיינען שוין אויך זייט אַ סך יאָרן. פאַראַן ווידער אַזעלכע, וואָס האָבן ווייטער פון צווייטן נומער נישט געגרייכט. פאַראַן צווישן די אויסגערעכנטע ערנסטע זשורנאַלן פון פאַרטייען, וואָס האָבן הינטער זיך מאַסן און פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זיינען, אָדער זיינען געווען — קיינעמס נישט. פאַראַן זשורנאַלן פאַכמענישע, אַרויס־געגעבן פון אָרגאַניזאַציעס און פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען אויסן געווען צו שאַנטאַזשירן געוויסע פאַכן; פאַראַן זשורנאַלן, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט די בעסטע שריפטשטעלער פון לאַנד און פאַראַן זשורנאַלן פון גראַפאָמאַנען, פאַראַן צווישן די אויסגערעכנטע — פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן, קינדער־זשורנאַלן, קאָלאָניסטישע זשורנאַלן, טעאַטער און קינאָ אויסגאַבעס א. אַ. וו. א. אַ. וו. און אַלע צוזאַמען האָבן קיינמאָל נישט געהאַט, ווי געזאָגט, קיין צענטל ווירקונג וויפל די טעגלעכע צייטונגען. אפילו די פּאַרטיי־צייטונגען האָבן נישט געגרייכט אויף אַזויפיל צו זייערע רעספּעקטיווע אָנהענגער. און דאָס איז נישט אָן אַ פּאַר וואָס. אַט ווי אומפּאַרטייאיש די טעגלעכע צייטונגען זיינען, קומט דורך זיי צום אויסדרוק אויך דאָס פּאַרטייאישע. די אַלע פּאַרטיי־מענטשן, וואָס קענען נאָר האַלטן אַ פעדער אין דער האַנט, קריגן פּלאַץ אין די טעגלעכע צייטונגען, וועלכע האַלטן עד היום אָן די טראַדיציע פון הכנסת אורחים און האַלטן אָפן די עמודים פאַר כלל־און קולטור־טוער. איך האָב שוין אַמאָל באַמערקט, אַז אומעטום איז אַ מנהג, אַז זשורנאַליסטן לייענען נישט און לייענער שרייבן נישט, ביי אונדז זיינען פאַראַן זשורנאַליסטן, וואָס לייענען און די לייענער שרייבן. אין אַ געוויסער מאָס דערקלערט זיך דערדאָזיקער פאַקט דערמיט, וואָס די ערשטע זשורנאַליסטן זיינען דאָ

נישט געווען קיין פּאַבלייט — אייניקע זיינען עס מיט דער צייט געוואָרן — און זיי האָט נישט געאַרט, אַז אויך כּלל־טוער זאָלן קומען צום אויסדרוק.

ווען מען זאָל נעמען קלאַסיפיצירן די היגע נישט טעגלעכע יידישע אויסגאַבעס, וועט מען באַמערקן, אַז די גרעסטע צאָל זשורנאַלן זיינען קאָלאָניסטישע, וואָס זיינען על־פּי־רוב דערשינען אין פּראָווינץ. אויפן צווייטן פּלאַן קומען — נאַטירלעך — ליטעראַרישע זשורנאַלן און דאַן ערשט — קינדער־זשורנאַלן (וואָס זיינען על־פּי־רוב געווען אויך הומאָ־ריסטישע). פאַראַן אויך אַ גאַנץ היפּשע צאָל פּראָווינציעלע זשורנאַלן (דאָס ערשטע פּלאַץ פאַרנעמט ראָזאַריע, וואָס האָט שוין זייט אַ סך יאָרן אַ שטענדיק יידיש וואָכנבלאַט, וואָס האָט פריער געהייסן „דער וועקער" און לעצטנס הייסט עס „ראָזאַריער וואָכנבלאַט").

כמעט אַלע זשורנאַלן האָבן עקזיסטירט, אָדער עקזיסטירן, נישט מיטן כּוח פון דער גלייכער הכנסה — טיראַזש און אַנאָנסן — זיי האָבן אַלע געמוזט און מוזן זיך באַנוצן מיט אַנדערע מיטלען. פּאַרטיי־צייטונגען האָבן שטענדיק געמוזט, ווי אומעטום, אַפּעלירן צו די מיטגלידער און סימפּאַטיזירער, נישט קיין פּאַרטייאישע האָבן געמוזט אָנקומען צו פאַרשידענע מיטלען, צומאָל נישט נאָר אומסימפּאַטישע — ווערמאָנטעס מעטאָד פון אַ חנפה־טון דעם קונה איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן — נאָר אויך פון טריפהנע מיטלען. און די דאָזיקע אויסגאַבעס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פּאַרטייען (אָדער געהאַט קליינע פּאַרטייעלעך) און האָבן זיך געהאַלטן אין דער מעלה און זיך נישט גענוצט מיט קיין אומסימפּאַטישע און טריפהנע מיטלען, זיינען, חוץ קליינע אויסנאַמען, אומגעקומען. אַ מערקווירדיקע דערשיינונג. די צוויי פּאָפּולער־מעדיצינישע זשורנאַלן זיינען געווען די איינציקע, וואָס האָבן זיך אויסגעהאַלטן נאָר מיטן כּוח פון טיראַזש. די דאָזיקע זשורנאַלן זיינען אַ סך געלייענט געוואָרן אין שטאָט, אָבער נאָך מער אין דער פּראָווינץ און ס'איז זיכער, אַז זיי פאַר־ביטן זייער אָפט אַ דאָקטאָר. היינט דערשיינט נאָר איין זשורנאַל פון דעם מין.

פאַראַן גרויסע היגע יידישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געפּרוווט אַרויסגעבן אייגענע זשורנאַלן — די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע, די יידישע האַנדלס־קאַמער — לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן זיך געפּרוווט און פּרווון עד־היום אַרויסגעבן אייגענע זשורנאַלן און קיין איינע פון די אַלע אויסגאַבעס

קענען זיך נישט באַרימען מיט קיין גרויסע טיראַזשן. מעגלעך, אַז דאָס איז נישט נאָר דערפאַר, ווייל די טעגלעכע צייטונגען געבן דעם לייענער אַלץ, נאָר ס׳איז אויך, ווייל אין אַ טעגלעכער צייטונג קען אַ היינטיקער מענטש זיך נישט באַגיין און מער ווי אַ טעגלעכע צייטונג איז נישטאָ קיין צייט צו לייענען.

פאַראַן צווישן די נישט־טעגלעכע אויסגאַבן אַזעלכע, וואָס פאַרדינען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. אייניקע — צוליב זייער לאַנגיאָריקער עקזיסטענץ און אויסגעהאַלטנקייט, אַנדערע צוליב זייער נישט־אויסגע־האַלטנקייט; אייניקע צוליב זייער פיינער טעכנישער אויסשטאַטונג, אַנדערע צוליב זייער ווילדער נאַכלעסיקייט (פאַראַן זשורנאַלן אַן — נומערן...), אָבער — דאָס איז אַן ענין פאַר אַ ספּעציעלן שטודיום. פאַראַן זשורנאַלן, וואָס דאַרפן ספּעציעל שטודירט ווערן — אַ שטייגער ווי דער מאָנאַטלעכער זשורנאַל „אַרבעטער אָרגאַניזאַציע״, דער אָרגאַן פון די יידישע מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1920־22. דער דאָזיקער זשורנאַל איז ספּעציעל אינטערע־סאַנט צוליב דעם, וואָס בכלל האָבן די היגע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אַ גאַנץ נעגאַטיווע שטעלונג צו אַלע אימיגראַנטן־שפּראַכן און צו יידיש בפרט. ס׳איז נישט איבעריק צו באַמערקן, אַז דער קאָאָפּעראַטיוו „די פרעסע״ האָט אַרויסגעגעבן זיבן און זעכציק נומערן פון דעם וואָכנבלאַט „פאַר גרויס און קליין״, וואָס איז געווען אַ פאַמיליען־בלאַט מיט פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, צוגענגלעכע ליטעראַטור און אויך אַרטיקלען אויף געזעלשאַפטלעכע טעמעס. אַ שטיקל צייט האָט דער היגער אידישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין אַרויסגעגעבן אַ צוויי־וואָכנזשורנאַל „די פען״, וועלכן ער האָט באַקומען אַלס מתנה פון אַ יידן, וואָס האָט געהאַט אַ געשעפט פון מאַנטלען (מאַיאַנץ רמז הייסט ער), און וואָס האָט דעם זשורנאַל אַרויסגעגעבן איבערהויפּט אַלס רעקלאַמע פאַר זיין געשעפט. (פאַר וואָס ער האָט גראָד געהייסן „די פען״ — בלייבט אַ סוד). אַלס אָרגאַן פון מאַנטל־געשעפט איז פון „די פען״ דערשינען זיבעצן נומערן און אַלס אָרגאַן פון ליטעראַטן פאַריין זיינען קוים דערשינען פינף נומערן...

דאָס הויפּט־פּלאַץ אין היגן געדרוקטן יידישן וואָרט פאַרנעמט, ווי געזאָגט און באַטאָנט, די טעגלעכע צייטונג, אָבער ווער עס וועט וועלן

שטודירן גענוי דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע וועט מוזן אָנקומען אויך צו די נישט־טעגלעכע אויסגאַבן.

באַרירן באַזונדערע מאָמענטן אין געדרוקטן יידישן וואָרט פון אַר־גענטינע מיינט דאָ אַריבערגיין די גרענעצן פון אַן איבערזיכט איבער דעם געדרוקטן וואָרט און געבן אַן איבערבליק איבערן גאַנצן לעבן. איך מיי־אוים אפילו דעם גרויסן טעאַטער־קאָנפליקט פון 1926, וואָס האָט אויפ־גערודערט דאָס גאַנצע אַרגענטינער (און נישט נאָר אַרגענטינער) יידישע לעבן און וואָס געהער צו די דראַמאַטישסטע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון אונדזער ישוב. דער קומענדיקער היסטאָריקער וועט דאָס קאַפּיטל געוויס פאַרענדיקן מיט די ווערטער, אַז דער טעאַטער־קאָנפליקט האָט געמאַכט אַ סוף צום „מענטשן פון בוענאָס איירעס" און „די פּרעסע" האָט דאָ געהאַט דעם גרעסטן פאַרדינסט.

אָפיציעל האָבן מיר דאָ דרייערליי אויסלייגעכצן: א) אַלטפּעטערישער אויסלייגעכץ, 2) ייוואָ־אָרטאָגראַפיע, ג) נאַטוראַליזירטער אויסלייג פון העברעאישע ווערטער. פאַקטיש אָבער — אָן אַ שיר. עס הערשט אַ מוראדיקער כאַאָס און קינדער, וואָס הייבן אָן לייענען יידיש, פרעגן באַלד פאַר וואָס איז דאָ אזוי און דאָרט אַנדערש... אַזאַ אויטאָריטעט, וואָס זאָל אימפּאָנירן אַן איינהייטלעכע אויסלייגעכץ איז נישטאָ און — לאָ־מיר עס נישט לייקענען — עס פעלט נאָך קאָמפּעטענטער פּערסאָנאַל אויף צו קענען דורכזעצן אַן איינהייטלעכע און אויסגעהאַלטענע אָרטאָגראַפיע. געווען דאָ אַ צייט, ווען — חוץ געוויסע און נישט גרויסע אויסנאַמען — די זעצערס זיינען געווען די ספּעציאַליסטן אויף אויסלייגעכץ, און עס זיינען טאַקע געווען און פאַראַן עד היום לינאָטיפּיסטן, וואָס קענען זייער גוט יידיש און זייער גוט אָרטאָגראַפיע. געווען אַ צייט, ווען די זעצער האָבן געהאַט אַ ביטול־באַציאונג צו די שרייבער, ווי צו עם־הארצים. פאַראַן ביי מיר אַ עקזעמפּליאַר פון אַ וויכטיקן היגן וואָכנ־זשורנאַל, אין וועלכן עס איז אַריין אַ „שטאַרקע" און שמוציקע באַמערקונג פון אַ לינאָטיפּיסט וועגן רעדאַקטאָר. יענע צייט איז שוין אַביסל ווייט, אָבער דאָס מין, וואָס מען רופט „המכה בעברתו" — אַ מכה אין דער עברי — פעלט אויך איצטער נישט ביי אַ סך היגע זשורנאַליסטן. און ווען עס זאָל זיך געפינען אַן אויטאָריטעט, וואָס זאָל אימפּאָנירן אַן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפיע, וואָלט דאָס געדאַרפט גיין צוזאַמען מיט — קורצטערמיניקע קורסן פאַר זשורנאַליסטן.

דאָס היגע געדרוקטע יידישע וואָרט האָט געליטן און לײַדט פון אַ סך שוועריקייטן. די הויפּט־שוועריקייט שטעקט אין דעם, וואָס צייטונגען מוזן אַרויס גרויסע, (ווען אָט דאָס בוך דערשיינט הערשט ווי אַ נאָכוויי פון וועלט־קריג אַ מאַנגל אין פּאַפּיר און די צייטונגען דערשיינען מיט אַ זייער באַשרענקטער צאָל זייטן), מוזן זיי אָננעמען אַ סך אַנאָנסן און אויף זייער ביליקע פּרייזן. די אַנאָנסן מאַכן אָפּט צו שפּאָט דעם אויסזען פון די צייטונגען. דער אומבאַדינגטער מוז צו געבן אַ סך זייטן צווינגט די היגע בלעטער אָנצוקומען צו דער שער און צווינגט די זשורנאַליסטן צו שרייבן אַ סך אַריבער די כוחות. די צייטונגען, איבערהויפּט די עלטערע צוויי, האָבן די שוועריקייטן היפּש בייגעקומען. זיי מאַכן אָנשטרענגונגען צו אויסמיידן די שער און האָבן ספּעציעלע מיטאַרבעטן פון די וויכטיקסטע יידישע פּובליציסטן, זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער און זיי מאַכן אויך אָנשטרענגונגען, אַז די צייטונגען זאָלן דערשיינען שיין און נישט אויסזען ווי קאַטאַלאָגן פון אַנאָנסן. איין פּרט מוז דאָ באַטאָנט ווערן: די היגע יידישע בלעטער האָבן מער אינזינען דאָס קינד, ווי אַלע יידישע צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט — זיי האָבן אַלע קינדער־זייטן. און נאָך אַ מאָמענט זאָל דאָ באַטאָנט ווערן: דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט גייט דאָ נישט אין די וועגן פון דער ניו־יאָרקער יידישער פּרעסע און זי מיידט אוים ווי ווייט מעגלעך די שפּאַניאָליזמען. נישט פאַראַן דאָ קיין הצי־יידיש פּאָלאָווינע גויאיש און נישט פאַראַן קיין דייטשמעריש.

מיר וועלן זיך דאָ פאַרנויגן פאַר די טויטע. אברהם ווערמאָנט, י. יאָסעלעוויטש, לוי מאָס, ה. שקאָלניק, ש. י. ליאַכאָוויצקי, ישראל העלפּמאַן. דער לעצטער איז לויטן געמיט געווען אַ ליטעראַט, אָבער לויטן פאַך — אַ זשורנאַליסט. אברהם ווערמאָנט און ש. י. ליאַכאָוויצקי האָבן געהאַט אַ סך, אַ סך פעלערן, אָבער מ'קען נישט לייקענען, אַז זיי זיינען געווען די פּיאָנערן פון געדרוקטן יידישן וואָרט און אברהם ווערמאָנט איז אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ מאַרטירער. י. יאָסעלעוויטש איז נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער זשורנאַליסט און ער בלייבט דאָך נישט נאָר אַלס בויער, נאָר אויך אַלס איינער פון די בעסטע יידישע זשורנאַליסטן אין אַרגענטינע. לוי מאָס איז געווען אַ שטילער און אַ טאַקטישער זשורנאַליסט, אָבער אַ גאַנץ קערנדיקער און זיין נאָמען בלייבט אויך אַלס בויער פון געדרוקטן יידישן וואָרט אין אַרגענטינע. ה. שקאָלניק איז נישט געווען קיין זשורנאַליסט מיט פאַרנעם, אָבער דערפאַר מיט באַציאונג

און אחריות. אַז ער האָט זיך צוגערירט צו אַן אויסגאַבע, איז די שפּראַך באַלד געוואָרן ציכטיק. ישראל העלפּמאַן איז געווען אינדיווידואַליסטיש פּאַראַדאָקסאַל און ער איז געווען אַ קאַפּריזנע דערשיינונג אין געדרוקטן יידישן וואָרט אין אַרגענטינע. ישראל העלפּמאַן — און אפשר אויך ל. מאַס — איז אין אַ היפּשער מאָס געווען אַ קרבן פון דער נישט סאָלידאַריטעט צווישן די היגע זשורנאַליסטן. ביי אַזאַ באַשרענקט פאַך ווי די יידישע זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע, וואָלט מען געדאַרפט האָבן אַזאַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, ווי דער ניו־יאָרקער י. ל. פּרץ שרייבער פאַריין, וואָס דערלויבט קיינמאָל נישט אָפּצוזאָגן קיין זשורנאַליסטן.

אויך ש. פריילאַך (ליטמאַן געלטמאַן) איז שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. ער איז אַ שטיק צייט געווען דער באַליבטסטער פעליעטאָניסט פון „עמך" אין אַרגענטינע. ער האָט געשריבן לייכטע, שפּילעוודיקע און צוגענגלעכע פעליעטאָנען און פעליעטאָניסטישע בילדער און ער האָט אַ שטיק צייט פאַרנומען ביי אונדז דאָס זעלביקע פּלאַץ, וואָס באַקאַנטע טאָג־הומאָריסטן בראש מיט דעם טונקעלן אין פּוילן. זיין ריכטיקן תיקון האָט דערנאָך ש. פריילאַך געקראָגן אין דער קינדער־מעשה. זיין פעליעטאָן וועט אָבער נישט פאַרגעסן ווערן. ער האָט אין פעליעטאָן אויסגעדרוקט דעם טרויער און די הילפלאָזיקייט פון גרינעם אין אַרגענטינישן לאַנד.

ווען עס קומען אויסלענדישע יידן צו אונדז, באַוווּנדערן זיי אונדזער געדרוקט וואָרט. די היגע יידישע פּרעסע איז בלי שום פּסק איינער פון די הויפּט־שטאַלצן פון ישוב.

שגיאות מי יבין... פעלער זיינען אומפאַרמיידלעך, אָבער בכלל האָט דאָס היגע געדרוקטע יידישע וואָרט געשפּילט און שפּילט עד היום אַ שיינע ראָליע אין לעבן פון ישוב. דאָס געדרוקטע וואָרט האָט פון איין זייט געהאָלפן דעם ישוב אויסרייניקן, פון דער צווייטער זייט אים געהאָלפן בויען און פון דער דריטער זייט זיך אָנגעשטרענגט צו אָנפילן מיט מענטשלעכן און קולטורעל־יידישן אינהאַלט דאָס לעבן פון די היגע מאַסן.

II.

די ליטעראַטור

א.

די ליטעראַטור פון דער ערשטער עפּאָכע

אַז יידן האָבן איבערגעפּיבערט אין דעם היגן קלימאַט, האָט אויך זייער יידיש וואָרט איבערגעפיבערט. און אַז די דאָזיקע יידן זיינען דאָ פאַר־שוואַרצט און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, איז אויך זייער וואָרט פאַרשוואַרצט און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. און אַז יידן האָבן דאָ אָנגעהויבן טרינקען אַנשטאַט טיי — מאַטע, אַ געטראַנק, וואָס איז אי זיס, אי ביטער, און האָבן זיך „אַריינגעלעבט" אין היגן לעבן, וואָס איז אויך אי זיס, אי ביטער, איז אויך זייער יידיש וואָרט אַזוי געוואָרן.

איז טאַקע שווער צו וויסן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָ־צעס פון יידישן שאַפן אין אַרגענטינישן לאַנד. עס איז אויסער יעדן ספק, אַז דער סאַמע אָנהויב איז געווען נישט קיין שריפטלעכער, נאָר אַ מינדלעכער. די ערשטע שפּראָצן זיינען זיכער געווען ווערטלעך, לידלעך, מעשהלעך און שפּאַסן, וואָס דאָס פּאָלק אַליין האָט געשאַפן און וואָס זיינען פאַרלוירן געגאַנגען. אַלע קענען אָט אַ דעם געגראַמטן שפּאַס:

אַרגענטינע אַ לאַנד,
אַלאַמברע 1) אַ וואַנט,
אַלפּאַרגאַטן 2) אַ גאַנג
מאַטע — אַ געטראַנק.

לײדער האָט נאָך קײנער נישט געפּרוּווט זאַמלען דעם אַרגענטינער יידישן פאָלקלאָר און די סאַמע ערשטע שפּראָצן פון דער אַרגענטינער יידישער שאַפונג זיינען געבליבן פ א ר ה ו י ל ן. די באַדינגונ־גען פאַר שאַפונג זיינען, ווי געזאָגט, באַלד געווען. וואָרום וועלכע דען זיינען די באַדינגונגען, וואָס שאַפן אַ ליטעראַטור, אויב נישט דאָס לעבן, פיבערן, איבערלעבן, ליידן און פרייען זיך אין אַ שפּראַך? מסתמא האָט זיך דאָ די יידישע ליטעראַטור אָנגעהויבן נאָך צוריק מיט פערציק יאָר. זי האָט זיך אָנגעהויבן: אויב נישט ווען דער ערשטער ייד האָט דאָ דעם פוס געשטעלט, איז ווען דער ערשטער יידישער קאָלאָניסט האָט די לאָפּאַטע אין דער אַרגענטינער ערד אריינגעגראָבן. און ערשט, ווען דער ערשטער קאָלאָניסט האָט באַגראָבן אַ קינד, וואָס האָט דעם היגן קלימאַט נישט אויסגעהאַלטן... און אפשר גאָר, להבדיל באַלף אלפי הבדלות, ווען די ערשטע יידישע זונה האָט זיך דאָ צעוויינט מיט אַ ליד... דער מחבר פון די דאָזיקע שורות האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו הערן פון פאָלקס־זינגער אייזנבערג אומגעהייער אינטערעסאַנטע זונה־לידער. איין ליד הייבט זיך אָן מיט די שורות:

„טרערן מיינע, גיסט זיך אויס
און ווערט פון זיי (?) אַ טייך,
דען מיין חורבן איז דאָך גרויס
מיט דעם בית־המקדש צוגלייך"...

מרדכי אַלפּערסאָן, להבדיל באַלף אלפי הבדלות דערציילט, אַז דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע איז פאָרגעקומען אין 1891טן יאָר, בשעת ער האָט אויף אַ „טיש" פון ערד אָנגעשריבן זיין ערשטן בריוו צום „המליץ", אין וועלכן ער האָט געזאָגט: „ברויט וועלן מיר האָבן, אָבער ביכער און קולטור, ווו וועלן מיר נעמען?" און ס'האָט

---

1) דראַט־פאַרצוימונג, 2) לייוונטענע שיך.

אָנגעהויבן אָנקומען ביכער פון דער גאַנצער וועלט, לכתחילה העברעאישע אומזיסט און שפּעטער יידישע, דווקא פאַר געלט. און דווקא האָבן אַריינגעדרונגען נישט די אומזיסטע העברעאישע ביכער, נייערט די באַצאָלטע יידישע...

ווען ס'איז אַמאָל פאָרגעקומען אַ שטיקל מחלוקת צווישן „געלע" און „גרינע" יידישע שרייבער אין אַרגענטינע, האָט יעקב שטרייכער פאַרעפנטלעכט אין „די פּרעסע" פון 27טן יאַנואַר 1928 אָט דאָס לידל:

„מיך אַרט נישט און אויך נישט די מייניקע,
וואָס איר גרויסע פענהאַלטער
באַציט זיך מיט ביטול צו אונדזער שאַפן
אין דער יונגער אַרגענטינע.
איר זייט געבוירן
אויף פעלדער שוין צעאַקערטע
און ביי קוואַלן שטראָמענדיקע
זיך געקילט...
אונטער דעכער פון געפאַרבטע בלעך און שינדלען
זיך פון רעגנס אויסבאַהאַלטן
און פון קעלט זיך געוואַרעמט.
און מיר, אין יונגן אַרגענטינע,
האָבן וועלדער מיט יאָרן אָנגעשפּיקעוועטע,
ביימער דיקע מיט וואָרצלען אויסגעגראָבן,
מיט שלענג און קראָקאָדילן
אַ קאַמף געפירט
און דעם באָדן אויסגעגלייכט!
נישט קיין קוואַלן האָבן מיר געטראָפן,
נאָר ברונעמס ערשט געדאַרפט גראָבן
טיף און טיפער,
ביז צו קאָנען שלעכטע וואַסער
פון דער טיפעניש באַקומען!"

די דאָזיקע שורות דאַרף מען נעמען בוכשטעבלעך, נישט סימבאָליש. דאָס פערזענלעכע לעבן איז דאָ געווען אַ מאַרטירער־ און פּיאָנערן־לעבן. דער רוב פון די ערשטע יידישע שריפטשטעלער און דיכטער אין אַרגענ־

טינע איז באַשטאַנען פון ארבעטער און פון.... אַרבעטסלאָזע; מענטשן, וואָס האָבן חוץ אָרעמס גאָרנישט פאַרמאָגט, קיין פאַך אויך נישט. „סולת" האָט זייער שאַפן נישט געקענט ווערן, אין בעסטן פאַל האָט געקענט זיין ראָזעווע מעל פון פראָסטן מין.

מען האָט ביי אונדז דיסקוטירט און מען הערט נישט אויף צו דיסקוטירן, צי ס'איז שוין פאַראַן אַן אַרגענטינער יידישע ליטעראַטור. ווען היגע שריפטשטעלער האָבן געמאָנט אָנערקענונג ביי ניגערן, צי ביי לייוויקן, ווען זיי זיינען דאָ געווען אין געסט, האָבן זיי זיך נישט געשעמט צו ענטפערן: שאַפט פריער ווערק, די אָנערקענונג וועט שוין במילא קומען.

ש. ניגער האָט פאַרגליכט די יידישע ליטעראַטור בכלל צו אַזאַ בוים, וואָס ער האָט געזען אין פלאָרידאַ, וואָס געבוירט אַנדערע ביימער. אין צפון אַמעריקע האָט די יידישע ליטעראַטור שוין געבוירן אַ בוים, ביי אונדז האָבן מיר דערווייל אַ צווייגל.

כ'האָב אַמאָל געזאָגט, אַז אונדזער ליטעראַטור איז קיין צווייגל אויך נישט, זי איז נאָך אַזאַ געוויקס, וואָס וואַקסט ביי דער ערד און האָט זיך נאָך נישט אויפגעהויבן. ס'איז די מדרגה פון — קאַרטאָפליעס.

דאָס לעבן איז נישט געווען קיין סטאַבילירטס, אַן אימיגראַנטן־לעבן, וואָס האָט כסדר געהאַלטן אין ווערן, אַ לעבן, וואָס איז כסדר געשטאַנען אויף דער פור. אין אַזאַ לעבן ווערן גיכער געבוירן לידער, ווי פּראָזע. זיינען טאַקע אַ סך מערער פּאָעטן, ווי שריפטשטעלער.

אָבער מזל האָט די פּראָזע דאָ געהאַט אַ סך מערער ווי די פּאָעזיע. די פּראָזע האָט אין דער ערשטער עפּאָכע געהאַט באַשטימטע און באַדייטנדיקע טאַלאַנטן. איינער פון די גאָר ערשטע היגע פּראָזאַיקער, מרדכי אַלפּערסאָן, האָט אָנגעהויבן מיט סקיצן פון קאָלאָניסטישן לעבן, האָט אָבער זיין תקון באַקומען אַלס מעמואַרן־שרייבער. זיינע „מעמואַרן פון אַ יידישן קאָלאָניסט", אונטערן נאָמען: „דרייסיק יאָר אַרגענטינע", וואָס זיינען ביז איצט דערשינען אין דריי בענדער, האָבן חוץ אַ היסטאָרישן ווערט אויך אַ היפּשן ליטעראַרישן ווערט. זיי אַנטהאַלטן אַ סך גלענצנדיקע בילדער פון קאָלאָניסטישן לעבן. נאָמבערג האָט אַלפּערסאָנען אָנגערופן „דער יידישער ראָבינזאָן קרוזאָ", אָבער יעדער פאַרגלייך הינקט אַביסל און איז אַביסל גוזמאדיק. מ. אַלפּערסאָן האָט געזען און געלעבט אַ לעבן, וואָס איז ענלעך צו ראָבינזאָן קרוזאָס, אָבער אַלפּערסאָנס באַ־

שרייבונגען זיינען נישט קיין עקזאָטיק, נאָר רוי לעבן, „באַפּוצט" מיט אויפריכטיקע שטראָף־רייד. מ. אַלפּערסאָן איז אַ קינסטלער, אַ מוסר־זאָגער. ער האָט אויף זיך די השפּעה פון אַ סך יידישע מוכיחים און שרייבער, אין דעם טאָן פון מוסר זיינען אָנגעשריבן זיינע צוויי דראַמעס: „די קינדער פון דער פּאַמפּאַ" און „גלות". און זיינען ווי אַ המשך פון די מעמוארן. איבערהויפּט איז פול מיט מוסר די דראַמע „גלות", וואָס גיט איבער אַ קאָנפליקט צווישן אַ קאָלאָניסט און אידעאַליסט פון עבודת־אדמה (ערד־אַרבעט) און זיינע קינדער, וואָס אַנטלויפן אין שטאָט אַריין. יידן האָבן דאָ געזאָגט, אַז די דאָזיקע דראַמע איז... אַנטיסעמיטיש.

איך האָב מערער מאָל שוין איינגעטיילט דאָס אַרגענטינער יידישע שאַפן אין דריי עפּאָכעס. מרדכי אַלפּערסאָן איז פּאַקטיש דער סאַמע ערשטער פון דער ערשטער עפּאָכע, אויב נישט דער פּאַרטאַג. דעם ערשטן דערפאָלג, ווי געזאָגט, האָט ער געהאַט מיט זיין ערשטן באַנד מעמוארן ער האָט דערלעבט ביז צום טיפן עלטער פון אַריבער אַכציק יאָר און ער האָט אָנגעשריבן נאָך אַ סך דראַמעס און ראָמאַנען און ער האָט כסדר געבענקט נאָך זיין נצחון־דעבוט... ער האָט געשריבן דראַמען אויף ביבלישע טעמעס („רות", „איוב") און ראָמאַנען פון היגן יידישן לעבן („דער לינדזשערא" א. א.), אָבער פאַרבלייבן וועט ער איבערהויפּט מיט דעם ערשטן באַנד „דרייסיק יאָר אין אַרגענטינע", וואָס איז דער בראשית פון אַרגענטינער ישוב און האָט דעם ווערט אי פון דאָקומענטן, אי פון ליטעראַטור.

די ערשטע עפּאָכע אין אונדזער ליטעראַטור הייבט זיך אָן מיט דעם אימיגראַנטן־דור פון 1898 און ציט זיך ביז העט נאָך דער וועלט־מלחמה; די צווייטע עפּאָכע ציט זיך פון 1918 ביז 1925 און די דריטע — פון 1926 און ווייטער. פאַרשטייט זיך, אַז די שריפטשטעלער פון דער ערשטער עפּאָכע האָבן געשאַפן בעת דער צווייטער און דריטער און שריפטשטעלער פון דער צווייטער שאַפן בעת דער דריטער, אָבער אויף יעדן פון די שריפטשטעלער און אויף זייערע שאַפונגען איז געבליבן דער חותם פון זייער עפּאָכע.

דער הויפּט־סימן פון די שריפטשטעלער פון דער ערשטער עפּאָכע איז — אַרגענטיניש. זיי האָבן זיך אַלע דאָ שנעל אַקלימאַטיזירט, דורכ־געפיבערט און אַקלימאַטיזירט. מרדכי אַלפּערסאָן, משה פּינטשעווסקי, אבא קליגער, ישראל העלפמאַן, נח וויטאַל, ברוך בענדערסקי, יעקב שטריי־

כער, יעקב אייזנשטיין — ביי אַלע איז פּאַראַן אַרגענטינע מיט פולע מאָסן. אפילו ביים ראָמאַנטישן אַהרן בראָדסקי, וואָס האָט נישט אויפגעהערט בענקען אַהיים קיין בעסאראַביע, אין פּאַראַן אַרגענטינע. זיין דראַמע „בוענאָס אייערעסער קינדער" איז אוודאי אַרגענטיניש. די שריפטשטעלער פון דער צווייטער און דריטער עפּאָכע האָבן זיך שוין שווער געראַנגלט — און ראַנגלען זיך נאָך ביז איצטער — מיט אַרגענטינע. אפשר איז עס, ווייל די שריפטשטעלער פון דער ערשטער עפּאָכע האָבן איבערגעלאָזט די אַלטע היים אין אַ ווייניקער קאָמפּליצירטער לאַגע, ווי די שריפטשטעלער פון די לעצטע צוויי עפּאָכעס. און דער קאָפּ איז זיי דאָרט ווייניקער געלעגן. און אפשר איז עס, ווייל די ערשטע האָבן געטראָפן אַ קלענערן ישוב און האָבן אים לייכטער איינגעביסן און זיי זיינען געצוואונגען געווען מער צו וואַנדערן איבערן לאַנד און מער זיך אריינלעבן און אקלימאַטיזירן. אייניקע פון די ערשטע שריפטשטעלער האָבן געאַרבעט אין פעלד, די שפּעטערע האָבן אין פעלד נישט געאַרבעט און זיי קענען כמעט נישט די קאָלאָניע.

און ווייל די שרייבער פון דער ערשטער עפּאָכע האָבן זיך באַלד אַרגענטיניזירט, האָבן זיי געהאַט אַ קנאַפּע שייכות מיט דער יידישער ליטעראַטור פון דער אַלטער היים אין יענעם מאָמענט. נישט געווען דאָ דער פרומער שבת־יום־טוב, נישט געווען דאָ קיין אַלטע בית־עלמינס און די היגע שרייבער האָבן נישט געצויגן אויף צוריק. די סביבה פון אַרום איז נישט צוגעפּאַסט געווען פאַר קיין ראָמאַנטיק, זי איז געווען האַרט און רוי און מ'האָט געדאַרפט „מיט די ציינער מאָלן שטיינער" אויף איינצובייסן זי. די אַרגענטינער יידישע ליטעראַטור איז גיכער געווען ענלעך צו דער יידישער ליטעראַטור אין צפון־אַמעריקע, וואָס האָט אויך געהאַט אַ פרעמדע, האַרטע סביבה און זי איז געבליבן ניכטער. ביי די ערשטע פּאָעטן פון נאָרד־אַמעריקע עדלשטאַט, באָווּשאָווער, ווינטשעווסקי, ראָזנפעלד — און ביי די ערשטע פּראָזאַאיקער — קאָברין, ליבין, גאָרדין — איז נישט פאַראַן קיין ראָמאַנטיק.

די אַרגענטינער יידישע ליטעראַטור האָט דעם אָנהויב רעגיסטרירט פּראָסט און פּשוט, און צומאָל אויך צו־פּראָסט און פּשוט, די אָנהויבן פון אַ ניי לעבן, אויף אַ נייער ערד, און נייע באַדינגונגען. דאָס נייע לעבן איז באַשטאַנען אין ראַנגלענישן מיט דער עקזאָטישער נאַטור, מיט דער עקזאָטישער סביבה און מיט די אַלטע, אייביקע געזעלשאַפטלעכע

אומרעכטן. די ליטעראטור האָט דעמאָלט רעגיסטרירט נישט צוגעפאסט־קייט, נויט, עלנט, סאָציאַלע אומגערעכטיקייט און געלאָזט הערן נויט־קרעכצן, קאמפס־געזאנגען און צומאָל אויך הפקר־געשרייען. בעת דוד איינהאָרן האָט אין דער אַלטער היים געזונגען וועגן פארבלייבן אין דער אַלטער שול, האָט אין ארגענטינע געזונגען משה פינטשעווסקי (שטאמט פון בעסאראַביע, איז היינט אַ סאָוועטישער דיכטער):

אין וואַלד אריין, פי פי! פא פא!
און האָסטו אַ מיידל, נעם זי מיט
און האָסטו נישט —,
כי כי! כא כאַ!
נישטאָ קיין צוים, נישטאָ קיין גאָט,
פי־פי, פא־פא, דער וועלט אַ פייג.
און קוש דעם בוים און קוש זיין בלאַט
און זינג דאָס ליד פון גראָז און צווייג.

און די פּראָזע איז אויך געווען אנדערש ווי אין דער אַלטער היים. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ געראנגל צווישן ראָמאנטיק און רעאַליזם, צווישן ייִדענע יחוס־יידן און צווישן האָרעפּאשניקעס, אין ארגענטינע זיינען קיין ייִדענע יידן נישט געווען. אין די קאָלאָניעס זיינען געווען געוועזענע ייִדענע יידן, וואָס זיינען געוואָרן האָרעפּאשניקעס. מרדכי אַלפּערסאָן האָט געהאַט שייכותן מיט מענדעלע מוכר ספרים, אהרן בראָד־סקי און ישראל העלפמאן ע"ה און — צו לענגערע יאָר זיי — נח וויטאל און ברוך בענדערסקי, די פיר הויפּט־זיילן פון די פּראָזאַאיקער פון דער ערשטער תקופה, האָבן אַ סך מער שייכות מיט ל. קאָברין און ז. ליבין ווי מיט שלום עליכעמען און פּרצן.

אהרן בראָדסקי האָט געשטאמט פון דובאָסאר, אַ שטאָט, וואָס איז אָפיציעל כערסאָנער גובערניע, פאקטיש אָבער איז זי דורך און דורך בעסאראביש. די שפּראַך, די זיטן, די מאכלים, דאָס אויסזען פון די מענטש — אַלצדינג איז דאָרט בעסאראביש. זיין פאָטער איז געווען אַ רייכער, פרומער ייד וואָס האָט זיין זון געגעבן אַ רעליגיעזע דערציאונג. צום לעבן האָט ער אים נישט צוגעגרייט. אין 1904טן יאָר איז בראָדסקי אָנגעקומען קיין אַרגענטינע, וווּ ער האָט זיך אויסגעלערנט אַ מלאכה און

געאַרבעט שווער אויף זיין ביסן פּרנסה. ער האָט די אַרבעט פיינט גע־
האַט, און האָט אַ סך מאָל נישט געאַרבעט און נישט געגעסן...

געשריבן האָט א. בראָדסקי סקיצן, איינאַקטערס, דראַמעס, לידער
און אויך אַ ראָמאַן. ער איז אָבער אין אַלעמען געווען א ליריקער און
האָט אומעטום געזען נאָר זיך און זיך, רק געוואָלט אָנטרעפן אויף איי־
גענעם שאָטן און די אייגענע הילפלאָזיקייט. עס ווייעט מיט אן אומגע־
הויערן אומעט פון אַלעמען, וואָס בראָדסקי האָט אָנגעשריבן. ער האָט א
דערציילונג „סאַלאַניאַ", וואָס שפּיגלט אָפּ די ליידנשאַפט־דערוואַכן בא
קינדער, עס איז נישט פאַראַן קיין פּיצל פרייד אין דעם דאָזיקן דער־
וואַכן, עס ווייעט דערפון מיט אימה...

די הויפּט־זאַך בראָדסקיס איז „טאַמאַראַ" — אַ דראַמע, איבער
וועלכער ער האָט געאַרבעט צוויי צענדליק יאָר און ערשט האָט ער זי
נישט פאַרענדיקט. די הויפּט־העלדן פון דער דראַמע זיינען: טאַמאַראַ
— אַ יונג טרוימעריש מיידל, און אַליאָשאַ, איר פלימעניק — אן אומ־
רואיקע קינסטלער־נאַטור. אַליאָשאַ איז פאַרליבט אין זיין מומען, און
די ליבע זיינע איז פאַרמשפּט פון לכתחילה, מ'טאָר דאָך מיט אן איי־
גענער מומע נישט חתונה האָבן. ער איז אַ מאָלער און אויך זיין קונסט
איז אַ פאַרבאָטענע: דער זיידע זיינער צערייסט אים די בילדער מחמת
„לא תעשה לך כל פסל ותמונה". אַליאָשאַ דריקט אַזוי אויס זיין לעבנס־
חלום:

„וואָרום דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, דער גאַנצער אינהאַלט פון בילד.
אַ פאַרנאַכט, די זון האַלט ביים אונטערגיין און אירע לעצטע שטראַלן
שלאָגן אָפּ אויף די שפּיצן פון באַרג. און דאָרט אויבן, אויף איינעם פון
די באַרג־פעלזן, שטייט טאַמאַראַ, איר געזיכט איז געווענדט צום האָרי־
זאָנט, ווו די זון גייט אונטער: און אַראָפּצו, נידעריקער, שטייט איינער
איינגעהילט אין טונקעלן שאָטן... זיינע בליקן זיינען געווענדט אַרויף
צום באַרג. עס ציט אים אַהין און עס שרעקט אים... זיין לייב איז צע־
שטאָכן פון דערנער, אָבער זיינע אויגן שמייכלען... ער שטייט ווי צוגע־
שמידט און קאָן זיין בליק פון דאָרט נישט אָפּרייסן... און אין אָט דעם
איינעם האָב איך מיך אַליין פאַרקערפּערט".

און אָט ווי טאַמאַראַ דערציילט איר חלום:

„מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיר שיפן זיך ביינאַכט אויפן דניעסטער,
די נאַכט איז אַזאַ שטילע, א ליכטיקע געווען. און דאָס וואַסער האָט

אויסגעוויזן ווי א טייך פון זילבער, און שטיל, קוים וואָס מ׳האָט געהערט, האָט זיך אונדזער שיפל געגליטשט איניינעם מיט אונדז איבערן זיל־בערנעם טייך, אַלץ ווייטער און ווייטער. ביז ס׳האָט זיך שוין נישט אָנגעזען די ערדן־וועלט. און אַרום אונדז איז געווען א ווייסע, א ברייטע וואסער־וועלט, באַגאָסן מיט העלער שיין... (שווייגט אַ רגע) נאָר פּלוצ־לינג איז מיטאַמאָל פינצטער געוואָרן, א שטארקער ווינט האָט אָנגעיאָגט, און כוואַליעס, הויכע, שרעקלעכע כוואַליעס האָבן זיך גענומען טראָגן איבער אונדזער שיפל און עס געוואָרפן אויף אַלע זייטן, ביז עס האָט אָנ־געהויבן אונטערגיין... און מיר ביידע האָבן פאר שרעק זיך אָנגעכאַפּט איינער אין אנדערן, און געוואָלט אַרויס פון שיפל, זיך צונויפגיסן אינײ־נעם מיט די הויכע וואסער־בערג. נאָר מיר האָבן פון שיפל נישט געקענט אַרויס. און אַזוי האָבן מיר זיך געראַנגלט און געזונקען אַלץ טיפער און טיפער, — נאָר דאָ האָב איך פּלוצלינג דערהערט קלאַפּן אין טיר, איך האָב אויפגעוואכט, און דערזען דורכן פענצטער, אז ס׳איז שוין העלער טאָג״.

אליאָשא ענטפערט דערויף טאַמאַרען, אז זי איז „ווי געבוירן געוואָרן צו שאַפן טרוימען, כאָטש זיי קאָנען זעלטן ווען אין אונדזער לעבן פאַר־ווירקלעכט ווערן, דאָך זיינען זיי אינטערעסאַנטער פאר דער ווירקלעכ־קייט״. אַליאָשאַ פּרוווט זיך פאַרוואַנדלען דעם חלום אין דער ווירקלעכ־קייט, אָבער — — — אָבער די וואַנזיניקע, וואָס איז אין דער פּיעסע אַ סימבאָל, זאָלבט אים פאר איר חתן...

די דראַמע „טאַמאַרא״, וואָס וואָלט געמעגט הייסן „אַליאָשאַ״, איז נישט פאַרענדיקט, אָבער דעם דאָזיקן העלד טרעפן מיר ביי בראָדסקין א סך מאָל. אין איינאַקטער „די לעצטע זינד״ טרעפן מיר אים אלס שיכור, וואָס פירט א ליבע מיט אַ גאַסן־פרוי און זינגט:

וועז אויף העלע פליגל האָט געשוועבט
מיין יוגנט־טרוים פול רום און פּראַכט,—
דאַן האָבן שטילע שאָטנס שוין פאַרוועבט
מיין שווארצן שיקזאַל אין דער נאַכט.

מיר טרעפן אויך דעם דאָזיקן אַליאָשא אלס עליאַס אין דער דראַמע (אין 4 אקטן) „בוענאָס איירעסער קינדער״. די דאָזיקע דראַמע איז איינע פון די גאַנצסטע ביי בראָדסקין. זי שילדערט אומגעהייער בולט

די קאָרומפּירטע בוענאָס איירעסער סביבה: די קינדער פונעם יידישן מעבל־הענדלער גלאַסקין ווערן אַריינגעצויגן אין נעץ פון גנבה, זנות... דער איינציקער העלער פלעק איז גלאַסקינס אומרואיקער קרוב, עליאַס, וואָס רעדט שוין אביסל מעשה לץ, חוזקט פון „לאַנגווייליקן תכלית" און גייט נאָך ווי אַ שאָטן גלאַסקינס טאָכטער סימע, אין וועלכער ער איז פאַר־ליבט. סימע האָט חתונה פאַר אַ בוענאָס איירעסער אויסוואורף, און עליאַס ליידט, שווייגט און וואכט איבער זיין געליבטער. ער וואכט איבער איר אויך, ווען זי זינקט אין תהום פון זנות. עליאַס איז דער יידישער טרוי־עריקער פיעראָ.

בראָדסקי האָט געשריבן לעבעדיקע און זאַפטיקע בילדער פון אַר־גענטינער לעבן, בילדער וואָס זיינען פול מיט לירישן פיבער און אומע־טיקן הומאָר. דער לייט־מאָטיוו פון זיין שאַפן איז ער אליין, דער פרווו צו „פאַרוואַנדלען דעם חלום אין אַ ווירקלעכקייט".

געשטאָרבן איז אהרן בראָדסקי דעם 28טן אויגוסט 1925 אין עלטער פון 47 יאָר. פאַר דעם טויט האָט ער געפרעגט ביי דער קראַנקנשוועסטער: „סעניאָריטאַ, ווי אַזוי מאַכט מען מ'זאָל שטאַרבן גרינגער?..."

נאָכן טויט איז בראָדסקין לייכטער געוואָרן... ער האָט געהאַט אַ זעלטן־גרויסע לוויה מיט אַ סך שיינע רעדעס (ביים לעבן האָט ער געליטן פון הונגער און פאַראַכטונג). אפשר איז דאָס געווען דער „פאַרווירקלעכ־טער חלום"?... ניין! דער „פאַרווירקלעכטער חלום" איז געווען דער באַנד „געקליבענע שריפטן", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון ספּעציעל־גע־שאַפענעם בראָדסקי־קאָמיטעט. אַ באַנד שריפטן, וואָס מאָנט אַ שטיקל פלאַץ אין אונדזער ליטעראַטור פאַרן מחבר!

אַ. בראָדסקי איז געווען עגאָצענטריש, און אפילו, ווען ער האָט געשילדערט די היגע סביבה, איז זי אַוועק אויפן צווייטן פלאַץ. געשיל־דערט מערער די היגע סביבה האָבן ישראל העלפמאַן און — להבדיל בין החיים והמות — נח וויטאַל.

ישראל העלפמאַן איז אַהערגעקומען עפּעס שפּעטער פון בראָדסקין, געקומען איז ער אויך פון בעסאַראַביע, פונעם דניעסטער־שטעטל רעזינע. אָנגעהויבן שאַפן האָט ער אין 1909. ער האָט זיין אויג זייער אָפּט געלאָזט פאַלן אויפן „פאַרטראַכטן יחיד". אויב בראָדסקיס העלדן זינגען וועגן „שטילע שאָטנס, וואָס פאַרוועבט דעם שיקזאַל אין דער נאַכט", בעת דער „יונגט־טרוים פליט נאָך אויף העלע פליגל", ריידן העלפמאַנס העלדן

אויך זייער אָפט וועגן מענטשן, וואָס „ווערן געבוירן אין בין השמשות און דער חושך פארשלינגט זיי" (אין דער סקיצע „הארבסט"). אָבער העלפמאנס העלדן לעבן שוין דאָך אין דער ווירקלעכקייט און ראנגלען זיך נישט מיט קיין אבסטראקטן, נאָר מיטן ממשותדיקן לעבן.

אויך איבער העלפמאַנס סקיצן שוועבט אַ שלייער פון ראָמאַנטיש־קייט, אָבער שוין אויך פון איראָניע. אז ער שילדערט א שלימזל, שמייכלט ער פון אים. מען פארגלייכט זייער אָפט העלפמאנען מיט נאָמ־בערגן. פאראן אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן זיי ביידע. העלפמאן געפינט זיך אָפט אונטער נאָמבערגס השפעה; ווי דער לעצטער שילדערט אויך דער ערשטער שלימזלען און אויך מיט אַ שמייכל און ליבע. אָבער העלפמאנס העלדן זיינען אַלע אַקטיווער, ווי נאָמבערגס. זיי קוקן נישט אויף פרויען דורכן פענצטער, נאָר קומען אין נאָענטן קאָנטאקט מיט זיי, האָבן ליב, האָבן חתונה, נאָר זיי ליידן פון די פרויען, וואָס זיינען מוראדיק קאפריזנע. די גרעסטע דערציילונג העלפמאנס הייסט „בונין". דאָס איז אַ שיינע ליבעס־קאפריטשיא צווישן די צוויי מאָדנע נאַטורן פאַני און בונין. בונין איז נישט קיין פליגלמאן, פארקערט: ער קומט צווישן פרויען, רעדט פאטעטיש און ריטאָריש, שיט מיט איינפאלן, נאָר ער ווייסט אליין נישט, וואָס ער וויל. פאני איז אויך אַ מאָדנע, צווייפלט כסדר. ביידע נאטורן ראנגלען זיך, ראנגלען זיך און פאלן זיך דאָך סוף־כל־סוף אין די אָרעמס, בונין האָט נישט די קלענסטע קרובהשאפט נישט מיט פליגלמאנען און נישט מיט קיין שום פון נאָמבערגס פארשוינען, ער איז גיכער א האמסונישער טיפ. אָבער אין מאניר פון שרייבן פילט זיך נאָמ־בערג, און דערפאר מיינט מען, אז בונין איז א נאָמבערגישער העלד.

נאָך צוואַנציק יאָר שאַפן איז קוים דערשינען אַ באַנד נאָוועלן פון י. העלפמאַן אונטערן נאָמען „פ ו ן מ יי ן ג ע מ י ט" (אַרויס־געגעבן פון יידישן ליטעראטן־ און זשורנאַליסטן־פאַריין אין אַר־גענטינע אין 1929). די אַלטעגלעכע זשורנאליסטיק האָט העלפמאנען פארשלונגען, אָבער זיין באנד דערציילונגען גיט אים פאָרט א רעכט אויף אַ פלאַץ אין דער יידישער ליטעראטור. ערגעץ נעבן נאָמבערג, ווייטער, אָנכי וועט נישט געמינערט ווערן אַ פלאַץ פאַר העלפמאַנען, וואָס איז געשטאָרבן אין עלטער פון 49 יאָר אין יאָר 1395.

דער סאמע היפּוך פון העלפמאנען איז נ ח ו י ט אַ ל — טייל־וויז אַ שרייבער פון ווייסנבערגס חדר. ער באַשרייבט אַרבעטער. זיינע

„טאַזשער״־סקיצן („טאַזשער״ הייסט ביי אונדז וואַרשטאַט: אויב „שאַפּ״ איז יידיש, מוז „טאַזשער״ אויך זיין יידיש — הגם אין די „שאַפּן״ אַרבעטן הונדערטער טויזנטער יידן, בעת אין די „טאַזשערן״ אַרבעטן נאָר קוים טויזנטער) זיינען פּשוטע, בולטע און שאַרפע שילדערונגען פונעם יידישן אַרבעטער־לעבן. ער שילדערט זייער אָפּט עלטערע אַרבעטער, געבראָכענע, וועלכע פאַלן ביי דער אַרבעט, ווי פערד אונטערן יאָך, און לאָזן די זעג נישט אַרויס. וויטאַלס שילדערונגען זיינען רעאַליסטיש און גראָטעסק, ביי אים באַוועגט זיך אַ פיגור, „מאַכט משונהדיקע שטיק, וואַקלט זיך און טאַנצט אונטער נעבן אַן אַוועקגעלייגטן שטיקל מעבל, מען וואָלט געקענט מיינען, אַז עמיצער מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, דאַוונט איבער אַן אומזיכטבאַרן שטענדער״.

עס ווייעט מיט שוואַכקייט, געבראָכנקייט און אומעט פון וויטאַלס „טאַזשערן״, אָבער מיר פילן, אַז נישט דער מחבר איז אין דעם שולדיק. אַזוי זיינען זיי געווען די מענטשן, וואָס ער שילדערט. אין דער סקיצע „אַ שרפה״ קומט פאָר ווי אַן עלטערער באַלעבאָס, אַ קבצן, אַרבעט צו־זאַמען מיט זיין אַרבעטער, ביידע ווילן אַרויסענדיקן אַ גאַנג מעבל, און קאָנען נישט. דערצו צינדט זיך נאָך עפּעס אָן, ווערט אַ שרפה און שטערט שוין גאָר... ביידע גייען נישט אַהיים שלאָפן, נאָר „דאַווענען איבער די אומזיכטבאַרע שטענדערס״... עס פילט זיך אין אַלע „טאַזשער״־סקיצן דער בריענדיקער אָטעם פון אַרגענטינער קלימאַט. מ׳חלשט ביי דער אַר־בעט... די באַלעבאַטים, די קליינע, ווי די גרויסע, שינדן אַ הויט... אַרבע־טער דערגייען צו פאַטאַליזם. אין דער סקיצע „אַ שלעכטער טאָג״ פרייט זיך דער אַרבעטער וואָלף, וואָס מען האָט אַראָפּגעריסן פון די שכירות: „אים, וואָלפן, האָט אינערלעך טיף הנאה געטון, וואָס שעפטל האָט אַראָפּ־געריסן פון פרייז. אין יענע רגע האָט ער געוואָלט, אַז שעפטל זאָל נאָך מער אַראָפּרייסן, ער זאָל אויסזויגן דאָס בלוט ביזן לעצטן טראָפּן, אַזוי, אַז די העלדזער, שוין אויסגעדאַרטע פון הונגער, זאָלן זיך צונויפדריקן״.

נח וויטאַל האָט אויך געשריבן דערציילונגען פון קאָלאָניסטישן לעבן. קרעפּטיק איז זיינע אַ דערציילונג „צווישן הינט״, וואָס שילדערט, ווי אַ בחור גייט אַלע אינדערפרי צו אַ פרוי פון אַ שוואַכן, קרענקלעכן קאָלאָניסט. דער וועג איז צווישן הינט, און ער גייט... דער מאַן איז שוין ווייט אין פעלד, אָבער אַ יינגעלע האָבן זיי, ליידט ער. די סביבה לעבט, און דער אינהאַלט פאַרכאַפּט. נח וויטאַל איז בכלל אַ מדים צו

שילדערן ברוויזנדיקע לײדנשאַפט. ער טרעט דערבײ קײנמאָל נישט אַריבער דעם „רוביקאָן", ווערט נישט פּאָרנאָגראַפיש און נישט מוסר־זאָגעריש. ער האָט אַ דערציילונג „אין צוויי צימערן". אַ פרוי וווינט מיט אַ קראַנקן מאַן. עס פאַרבלאָנדזשעט צו איר אַ געליבטער. גיט זי אַכטונג אויפן קראַנקן מאַן אין איין צימער, און האָט זיך ליב מיטן געליבטן אין צווייטן צימער. דער מאַן קאָן נישט אַראָפּגיין פון בעט. ער פילט אָבער, אַז עפּעס קומט דאָרט פאָר און ליידט. און די פרוי ליידט אויך. ס'איז נישט קיין מאָראַל, נאָר ברוטאַלער רעאַליזם, וואָס איז פול מיט ליידן און פרייד, מיט קראַנקייט און געזונטקייט, מיט טויט און לעבן...

אויך וויטאַלן האָט די אַלטעגלעכע זשורנאַליסטיק פאַרשלונגען. אויך ער איז געווען זייער ווייניק פּראָדוקטיוו. און אַ שאָד! ביי וויטאַלן איז דער עיקר נישט ער אַליין, נאָר דאָס לעבן, די סביבה, צו וועלכער ער האָט אַ שאַרף אויג און אויב העלפמאַן און בראָדסקי האָבן זיך אויסגעדרוקט אויך אין די געציילטע ווערק, איז וויטאַלס „לידל נישט דערזונגען"... ערשט אין יאָר 1947 איז דערשינען זיין בוך דערציילונגען א. נ. „שטאָט און פעלד".

ברוך בענדערסקי שרייבט על־פּי־רוב פון לעבן פון די בהמות און חיות. זייער אָפט וואַקסט ביי בענדערסקין אויס די ברייטע אַרגענטינער פעלד־סביבה, בכלל אָבער זיינען די בהמות און היות ביי אים אַלעגאָריש. מענדעלעס „קליאַטשע" און שלום עליכמס „ראַבטשיק" שוועבן אים פאַר די אויגן. אַ חוש פאַר בהמות און חיות האָט ער דאָך און ווען ער באַפרייט זיך פון שלום עליכמס „ראַבטשיק" און „משותלח" שילדערט ער מיט זעלטענעם כוח עכט־אַרגענטינער טויטע און לעבעדיקע נאַטור. ער שילדערט אַ טריקעניש אין אַרגענטינע, ברענט דאָס בילד ממש אין מוח... ברוך בענדערסקיס אַ בוך סקיצן און שילדערונגען איז דערשינען אין יאָר 1931, א. נ. „אויף יידישע פעלדער".

קלמן פאַרבער איז געקומען קיין אַרגענטינע פון בעסאַראַביע אין יאָר 1904, אין עלטער פון 27 יאָר. ער האָט געשריבן גאַנץ זאַפטיקע דערציילונגען פון היגן קאָלאָניסטישן לעבן, וואָס פאַרמאָגן הומאָר און זיי האָבן אויך אַ קולטור־היסטאָרישן ווערט. זיין גרעסערע מעמואַרן־דערציילונג „אַ קאָסרילעווקער ביבליאָטעק" איז רוי לעבן, וואָס האָט דעם ווערט פון אַ דאָקומענט. פאַראַן סקיצן און הומאָרעסקן ביי קלמן פאַרבער, וואָס זיינען קרובהש צו מרדכי אַלפּערסאָנס מעמואַרן.

ה. י. פ אַ ר ב ע ר איז אַ ייִנגערער ברודער פֿון קלמן פֿאַרבער. ער איז געבוירן אין יאָר 1889 און ער איז געקומען אין לאַנד אַריין אַ פּופּצן־יאָריקער בחור. ער שרייבט קינדער־לידער און פֿאַבעלן.

פֿיניע כץ (קאַץ) איז איינער פֿון די פּיאָנערן פֿון געדרוקטן וואָרט, וואָס איז געווען רעדאַקטאָר פֿון אַ סך אויסגאַבעס און דער לערער פֿון אַ סך שרייבער. ער איז רעדאַקטאָר פֿון דער טעגלעכער צייטונג „די פּרעסע" זייט איר גרינדונג. ער איז געקומען קיין אַרגענטינע אין עלטער פֿון 24 יאָר אין יאָר 1906. ער שטאַמט פֿון אוקראַינע און ער איז רייף געוואָרן אין אָדעס. ער שרייבט אויסער זשורנאַליסטיק און פּובליציסטיק אויך ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען און עסייען און ער האָט געשריבן הקדמות צו ביכער פֿון עטלעכע אַרגענטינער יידישע שרייבער, צווישן זיי משה פּינטשעווסקי, אהרן פֿייערמאַן און מאַרקוס פֿאַרישעווסקי. ער האָט ביז איצטער אַרויס־געגעבן (דורך אַ ספּעציעלן קאָמיטעט ביים איקוף) ניין בענדער „געקליבענע שריפֿטן". דאָס וויכטיקסטע בוך זיינס איז, אויסער יעדן ספק, „צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע", וואָס באַשטייט פֿון מעמוארן, אָפֿט גאַנץ סוביעקטיוו געשריבענע, אָבער זיי זיינען דאָך דער הויפּטקוואַל פֿון ידיעות וועגן די אָנהויבן פֿון דער יידישער זשורנאַ־ליסטיק אין אַרגענטינע. פֿון באַדייטנדיקן ווערט זיינען זיינע מעמואַרן, געדרוקט אַלס דער ערשטער באַנד פֿון זיינע „געקליבענע שריפֿטן" א. נ. „אַ רייזע אין מיין לעבן". שטעלן פֿון זיין צוויי־בענדיק ווערק „אַ נסיעה אין ראַטנפֿאַרבאַנד" האָבן אַ גרעסערן ווערט ווען זיי זיינען רעמיניסצענצן און ווען דער מחבר שילדערט דאָס אָדעס פֿון אַמאָל. דאָרט ווו ער דערציילט וועגן דעם ראַטנפֿאַרבאַנד פֿון 1929, וואָס ער האָט געזען, איז ער מער אַדוואָקאַט־פּאַרטיידיקער ווי רייזע־באַשרייבער.

פֿיניע כץ איז געווען אַ גוטער לערער פֿון די יונגע שרייבער, וואָס האָבן געהאַט נישט קיין גענוגנדיקע צוגרייטונג און די נויטיקע עלעמענ־טאַרע בילדונג צו ווערן אַ שרייבער. ער האָט זיי געלערנט אויסלייגעכץ, אַ ביסל ריטם און צונויפֿבינדן די עקן פֿון אַ דערציילונג. אַלס קריטיקער איז פֿיניע כץ צו פֿיל מאָמענט־שטימונג־מענטש און ער קען זיך איבער־טרייבן באַגייסטערן צוליב אַ צופֿעליקער שטימונג און דאָס זעלביקע פֿאַרקערט. די מערסטע לויב־געזאַנגען און אַראָפּרייסעכצן פֿון פֿ. כץ שטאַ־מען פֿון צופֿעליקייטן, אָדער פֿון דער געטריישאַפֿט דער פּראָגרעסיווער ליניע (ביסטו פֿון מיין צד, ביסטו גרויס, ביסטו נישט פֿון מיין צד, ביסטו

גאָרנישט. ביז היים זשיטלאָווסקי איז נישט געוואָרן קיין לינקער, האָט ער פאר כצן נישט עקזיסטירט, אָדער עקזיסטירט אלס א גאָרנישט, אויב נישט נאָך ערגער...) אויף וויפל מען דארף זייער ערנסט נעמען פּיניע כּצן דעם זשורנאַליסט און פּובליציסט אויף אַזויפיל קען מען ווייניק נעמען אין באַטראַכט פּיניע כּץ דעם ליטעראַטור־קריטיקער, וועלכן עס פעלט אי קאָמפּעטענץ, אי סוביעקטיוויטעט, אי דער כח צו אַרויסברענגען דאָס דאָזיקע, וואָס ער וויל זאָגן. דאָס דאָזיקע פּאַרמינערט נישט כּצס ווערט פון איינעם פון די באַדייטנדיקסטע פּיאָנערן פון יידישן וואָרט אין אַרגענטינע, דעם קעמפער פאר יידיש, דעם פּובליציסט מיט דעם אָפּגעהיטן סטיל און דער איבערזעצער, וואָס ברענגט אַרויס דאָס געמיט און דעם תּמצית פון אָריגינאַל און דעם לערער פון נישט־געלערנטע שרייבער.

דער זשורנאַליסט פון דער סאַמע ערשטער עפּאָכע פּ. וואַלד, האָט אויך געשריבן מעמואַרן און מעמואַרן־דערציילונגען. פּ. וואַלד איז געקומען קיין אַרגענטינע פון פּוילן אין יאָר 1905 אין עלטער פון 19 יאָר און ער איז דאָ געווען אַן אַרבעטער, א קאָרעספּאָנדענט פון ארגענטינע פאַר בונדישע אויסגאַבעס אין אויסלאַנד, אַ רעדאַקטאָר פון בונדישע אויסגאַבעס אין לאַנד און זייט דער גרינדונג פון „די פּרעסע" אין יאָר 1918, איז ער איינער פון אירע מיטרעדאַקטאָרן. פּ. וואַלד האָט דאָ איבערגעלעבט אַ קאָשמאַר, וועלכן ער האָט באַשריבן אין א בוך, וואָס הייסט טאַקע „קאָשמאַר" (1929). אין יאָר 1918 האָט די אַרגענטינער רעגירונג זיך דערשראָקן פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע און זי האָט דורכגעפירט אַ ריי איבערפאַלן אויף יידישע אינסטיטוציעס און אַרעסטירט פאַרשידענע פּערזאָנען און פּ. וואַלדן האָט מען אַרעסטירט אלס דעם „פּרעזידענט פון דער סאָוויעטישער רעפּובליק אין ארגענטינע" און מען האָט אים אין אַרעסט געשלאָגן, צעבלוטיקט און געפּייניקט, אַז ער זאָל אויסזאָגן „דעם אמת". אין זיין בוך „בלעטלעך" באַשרייבט וואַלד פאַרשידענע לעבעדיקע מענטשן, וואָס האָבן געווירקט אין יידישן קולטור־לעבן פון זיין צייט. אייניקע פון די באַשריבענע זיינען פאַרבליבן אין דער געשיכטע פון אונדזער ליטעראַטור און טעאַטער (ווי **אהרן בראָדסקי** און די שוישפּילערן פאַני וואַדי־עפּשטיין), אַנדערע זיינען מיט דער צייט פאַרגעסן געוואָרן און וואַלדס „בלעטלעך" בלייבן דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון יידישן קולטור און פּאַרטיי־לעבן אין לאַנד.

יוסף מענדלסאָן, וואָס איז יאָרן לאַנג געווען רעדאַקטאָר פון „די

איד. צייטונג" האָט איינעם מיט פיניע כץ — כאָטש אין פאַרשידענע לאַגערן — געהאָלפן אַרויספירן יונגע שרייבער, אָבער ער האָט דאָס געטון מיט ווייניקער מילדקייט צו די שרייבער און מיט ווייניקער ליבע צו יידיש. יוסף מענדלסאָן איז פון די געלערנטסטע יידישע זשורנאַליסטן אין אַרגענטינע און ער האָט חוץ טעגלעכע אַרטיקלען און פעליעטאָנען געשריבן וואָגיקע און שווערלעכע אַרבעטן וועגן העברעאישע און יידישע שריפטשטעלער און געלערנטע. זיין וויכטיקסטע אַרבעט איז וועגן רש"י; זיינע מעמוארן וועגן נאָמבערגן האָבן אַ ווערט מיט זייערע שטריכן וועגן כאַראַקטער פון מחבר פון פליגלמאַן. מענדלסאָן איז געקומען פון אוקראַינע קיין אַרגענטינע אין יאָר 1910 אין עלטער פון 19 יאָר. זיין באַנד געקליבענע שריפטן א. נ. „אמאָל אין אַ האַלבן יובל" איז דערשינען אין יאָר 1943. יוסף מענדלסאָן האָט רעדאַקטירט דאָס זאַמלבוך „אויף די ברעגן פון פּלאַטאַ" (1919), וואָס די „ייד. צייטונג" האָט אַרויסגעגיבן און וואָס איז טיילווייז אַ שטיק אַנטאָלאָגיע פון אונדזער ליטעראַטור אין דער ערשטער עפּאָכע.

דער זשורנאַליסט נ. פּרוכטער, וואָס איז געווען רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „די. געזעלשאַפט" און איז מיטרעדאַקטאָר פון „די פּרעסע" כמעט זייט דער גרינדונג, האָט געשריבן אויך סקיצן און דערציילונגען. ער איז קיין אַרגענטינע געקומען פון גאַליציע אין 1908 אין עלטער פון 18 יאָר. ער האָט אין יאָר 1946 אַרויסגעגעבן „די געשיכטע פון אַרגענטינע" אין צוויי בענד.

דער מיטרעדאַקטאָר פון „די פּרעסע" י. אַקסענצאָוו, איז געקומען אַהער פון ווייס־רוסלאַנד אין יאָר 1908, אין עלטער פון 21 יאָר. האָט זיך געווידמעט איבערזעצונגען פון שפּאַניש און ער האָט איבערגעזעצט אַ סך וויכטיקע שפּאַנישע ווערק פון אַרגענטינער א. א. מחברים.

איינער פון די עלצטע שריפטשטעלער איז געווען משה רובין — אַ רעליגיעזער ייד, אַ ציוניסט. ער האָט געשריבן אי דערציילונגען, אי שירים, אי אַ היסטאָרישן ראָמאַן און אויך ביאָגראַפיעס פון פאַרשידענע יידישע דיכטער. לעצטנס האָט ער פאַרעפנטלעכט האַנט־ביכער וועגן יידישע מנהגים און יידישער געשיכטע. די דאָזיקע האַנטביכער זיינען ספּעציעל פאַר תלמוד תורות. ער האָט געשטאַמט פון דער שטאָט איזמאַיל, ניי־בעסאַראַביע און ער איז געווען באַאיינפלוסט פון שרייבער פון געצל זעליקאָוויטשעס שניט. ער איז געווען אַ קולטור־האַרעפּאַשניק און ער האָט

צוגעגעבן דער היגער יידישער ליטעראטור אביסל קאליר פון טראדיציע. ער איז אוועק אין דער אייביקייט אין עלטער פון 84 יאר אין יאר 1940.

דערמאנען מיר נאך ל. מאס, וואס איז שוין אויך א שכן עפר איינער פון די ערשטע היגע זשורנאליסטן — אמאל געווען א בונדיסט דערנאך א פייערדיקער ציוניסט — וואס האט צומאל א זינדיק געטון מיט ליטע־ראטור; געשריבן האט ער פאראדאקסאלע בילדלעך אונטערן נאמען „מאמענטן", געשריבן מיט שיינעם מאניר, אבער אבסטראקט פילאזא־פירנדיק.

אין סך־הכל האט די פראזע פון ערשטן דור געהאט מזל צו האבן פיינע טאלענטן, האט אבער נישט געהאט קיין מזל, אז די טאלענטן זאלן זיין גענוג פראדוקטיוו.

ב.

די פאעזיע פון דער ערשטער עפאכע

די פאעזיע האט ווייניקער מזל געהאט ווי די פראזע. בראשית איז געווען דער שטייגער גראפאמאניע. צענדליקער בחורים האבן אין פארשידענע זשורנאלן געגראמט „הערץ" מיט „שמערץ", „בוים" מיט „טרוים", „ליב" מיט „טריב", „נאכט" — „זאכט" א. א. וו. א פאר פון די גראפאמאנען האבן ארויסגעגעבן ביכער אויך.

דער ערשטער פאזיטיווער טאלאנט צווישן די היגע דיכטער איז מ ש ה פ י נ ט ש ע ו ו ס ק י. ער איז אין ראטנפארבאנד. משה פינטשעווסקי האט פארעפנטלעכט א בענדל לידער „צוויט". מער פון אלעמען פילט זיך אין פינטשעווסקיס ערשטלינג־לידער א סך אימפעט, א רייכע שפראך, און א בריהש באהערשן די טעכניק פון פערז. די גרויסע מעלה זיינע איז, וואס ער איז שטורמיש און רעוואלוציאנער, אבער זיין „רעוואלוציע" פארלאנגט נישט מער ווי הפקרות:

דיין ליפ פארקנייטש,
שטרעק אויס דעם האלדז
און שטארץ אין הימל גלייך אריין
און זעסטו דארט א גאט?

שפּעטער גייט שוין אוועק אַ סעריע לידער — אַ ליד אַ מיידל — לאָלאַ, סטעלאַ, פלאָרינדאַ, מאַרטאַ א. אַ. וו. אַ גאַנצע גירליאַנדע מיידלעך, וואָס ציט זיך פון דיכטערס געבורט־שטאָט ביז אַרגענטינע און בראַזיל.

אַ סך פון פינטשעווסקיס חסידים ריידן וועגן פרייד אין זיינע לידער. דער מחבר פון די דאָזיקע שורות האָט די דאָזיקע פרייד נישט געפילט. אדרבא, זיין ליבע איז אַזאַ שווערע, אַ שרעקנדיקע. די פערזן זיינען לייכט, אָבער נישט דאָס געמיט.

שווערמוטיק איז איבערהויפּט מ. פינטשעווסקיס אייפערזוכט, זי וואַרפט אָן שרעק, עס דאַכט זיך, אַז מיר לייענען אַ ווידוי פון אַ פאַר־ברעכער. ער זאָגט צו דער געליבטער, וואָס האָט אים פאַרלאָזן, אַז ער האָט אויף דעם הייליקן אָרט צען „אונטערטעניקע גייסטער" און די דאָזיקע גייסטער שאַפן זיך אַ גולם, וואָס וועט

„אַריינדרינגען דורך דיין פענצטער,
דיך וועט ער צערייבן אַזוי ווי אַ פליג,
דיין בחור צעמערזשען, דערשטיקן
און איך וועל באַטראַכטן אייער בלוט ווי עס שטראָמט
און וועל מיט נקמה זיך קוויקן..."

דער מהר"ל האָט געמאַכט אַ גולם צו ראַטעווען די יידן, און משה פינטשעווסקי רופט אַרויס גייסטער, בכדי נוקם זיין זיך אין אַ פאַלשער געליבטער.

משה פינטשעווסקי איז קיינמאָל נישט אַבסטראַקט, תמיד קאָנקרעט. פאַראַן ביי אים שאָטן, סביבה. מיר זעען ביי אים די נאַטור פון בעסאַראַ־ביע און פון אַרגענטינע. זיינע אַרגענטינער נאַטור־שילדערונגען זיינען די בעסטע אין יידיש. פאַראַן שטורעם, וואָס הייסט פּאַמפּעראָ. פינ־טשעווסקי האָט דעם דאָזיקן שטורעם ממש אָנגעכאַפּט ביי די פליגל און איבערגעגעבן זיין ריטם:

מיט צעשפּרייטע פליגלען שטאַרע,
מיט אַ שטים פון בראָנז און אייזן
טראָגט ער זיין גבורה ווייזן
ווען דער מעכטיקער פּאַמפּעראָ
דורך דונער, בליץ און כמאַרע...
נידערט פון די הויכע אַנדן,

אָנגעגורט מיט שטויב און זאמדן
און מיט וואָלקנס ברייטע, שווערע,
פילט זיך אין דער לופט דאָס שאַלן
פון א יונגן ווילן לעבן,
גלייך ווי טויזנט מענגעס לייבן,
וואָלטן עמיצן באַפאַלן...

דער איינציקער אינטעליגענטישער דיכטער אין יענער עפּאָכע איז געווען אבא קליגער. ער איז בשעתו געווען אזוי פּאָפּולער ווי משה פינטשעווסקי און ער איז אוועק פון דאַנען דורך צענטראַל- קיין צפון-אַמעריקע און ער איז געוואָרן א טעאַזאָף און ער איז מיט דער צייט פארפאַלן געוואָרן פאַר דער פּאָעזיע. ער איז דער איינציקער יידישער פּאָעט אין ארגענטינע, וואָס האָט זיך געלאָזט באאיינפלוסן פון דער שפּאַנישער פּאָעזיע און ער האָט געשריבן אין יידיש פונקט אזוי רעטאָריש און ניין מאָס ריידעוודיק ווי עס שרייבן שפּאַנישע פּאָעטן. אָט איז א מוסטער פון אבא קליגערס שרייבן:

מיך ציט וווהין, מיך ציט וווהין — — —
איך גיי ארום אָן ציל, אָן זין
און נישט איך שלאָף, און נישט איך וואַך
און קוק אָן טאָלק אויף יעדער זאַך...
צי וויל איך דאָס? צי דאַרף איך מער?
עס לעבט אין הארצן א באַגער,
נאָך אומבאַשטימט און טונקל שוואַך...

און אַלץ, וואָס אבא קליגער האָט געשריבן, איז געווען אזוי אַב-סטראַקט. נישטאָ קיין בילד, נישטאָ קיין האַנדלונג, עס איז דאָ נאָר שטימונג פון איינזאַמקייט און בענקשאַפט און א געוויסע לירישע פילאָ-זאָפיע וועגן זיי.

א טיפּישער ארגענטינער יידישער דיכטער איז יעקב שטרייכער, וואָס שטאַמט פון בעסאַראַביע און ער האָט אָנגעהויבן שרייבן און פאַרעפנטלעכן לידער לערך אין יאָר 1908. ער איז א דיכטער א האַרע-פּאַשניק מיט א שווער געמיט און א שווערן פּערז. ער דריקט זיך אליין אויס, אַז ביי אים „זיצט אין הארץ א שמיד״. בשעת ער שטייט ביי דער

אַרבעט, ברויזן ביי אים אין האַרצן געפילן פון צאָרן, שרעק, ליבע און פאַרצווייפלונג. האָט ער טאַקע נישט קיין פּרעטענזיעס אויף דיכטער:

פונקען גליען אין דיין האַרצן,
ס'גאַנצע האַרץ אין פונקען גליט,
וואָס מיר דיכטער, ווער מיר דיכטער?
ס'לעבן איז אַן אייביק ליד...

וואָלט שטרייכערס לעבן טאַקע געווען אַן אייביק ליד, וואָלט ער שוין גאָר געווען אַ דיכטער. דאָס לעבן ביי אים איז דווקא אַן אייביקער קרעכץ, שוין אין באַגינען זאָגט אים דער מאָרגנשטערן:

אַ גוט מאָרגן, שקלאַף, איך בין שוין דאָ!

פון דער אַרבעט ווערט ער אַלץ רייכער, ער קריגט זילבער אין די האָר... ער לעבט אין אייביקער שרעק:

עס וואַרט דיר אַ טאָרבע, אַ שטעקן און וועגן —
פאַרשידענע וועגן אָן אַ שיעור און אָן אַ צאָל,
וועט קומען דיין עלטער — וועסט נעמען אַ טאָרבע
און וואַנדלען מיט איר איבער באַרג, איבער טאָל...

די שרעק פאַר דער אַרבעט ווערט ביי אים אַ טייל פון זיין איך און ער הייבט אַזש אָן צו זינגען בעטלער־לידער און ממש באַזינגען די טאָרבע:

קלוגע טאָרבע, גוטער שטעקן,
זאָל דאָס גאָלד זייער תאווה וועקן,
אונדז אין דרייען איז פיל בעסער.

וואָלט דאָס בוך שטרייכערס אונטערן נאָמען „פונקען", וואָס דער יידישער ליטעראַטן־פאַריין אין אַרגענטינע האָט אַרויסגעגעבן אין 1932טן יאָר געווען פול נאָר מיט אָט דער פּערזענלעכער שרעק, וואָלט מען דערפון מיד געוואָרן, הגם די שרעק איז כסדר אַן אויפריכטיקע און אוממיטלבאַרע. שטרייכער זינגט אויך פון ליבע און זינגט אויפריכטיק, אָן קונצן, פונקט ווי ער האָט ליב:

אין אַ בלויען מאָרגן זיינען מיר אין פעלד געגאַנגען,
און דאָס וועלדל איז געווען נאָך פון נאַכט געפאַנגען,
האָסט ביים ברעג פון וועלדל מיך געצויבערט מיט די אויגן,
כ'האָב געקושט דיך — זיינען פייגל פון די נעסטן זיך צעפלויגן...

אין דער יידישער פּאָעזיע אין אַרגענטינע פאַרנעמט שטרייכער אַ חשובן פּלאַץ. ער איז דער ערלעכער, אויפריכטיקער און אוממיטלבאַרער אויסדרוק פון דעם ים גרויסע ליידן און קליינע פריידן פון יידישן אַרבעטער אין אַרגענטינע. די ליידן און פריידן זיינע פּערזענלעכע, אָבער זיי באַקומען דאָך אַ סאָציאַלן זין. די השפּעה פון מאָרים ראָזנפעלד איז צום אָנטאַפּן.

אַביסל יינגער פון שטרייכערן איז אברהם מאָשקאָוויטש, וואָס שאַפט שוין אויך זייט 1910. געקומען איז ער אַהער פון רומעניע, יאַסי, אָבער ער האָט — ריידנדיק מיט משה נאַדירס לשון, געלאָזט די היים אין דער היים; אין סאַמע אָנהויב פון זיין בוך „אין אַרגענטינע״ (דערשינען אין 1925) זינגט ער:

כ׳בין דערשוומען — פרעמדע ברעגן,
פרעמדע היימען, פרעמדע וועגן,
אַלץ וואָס נאָענט
ליב אין האַרץ,
איז פון אַלטער היים פאַרשוונדן.
ווי אַ יונגע גאַלאָנדרינע 1)
איז מיין נייאַנד אַרגענטינע
שוועבט מיין האַרץ
אין דינעם פּלאַטער
טויזנט פּעדעמדיק געבונדן.

מאָשקאָוויטש, פּונקט ווי שטרייכער, איז פון די דיכטער, וואָס זיינען אויפריכטיק, אָבער דאָס געמיט איז ביי אים נישט שווער. זיינע לידער זינגען זיך. ער האָט כסדר געלעבט צווישן די קאָלאָניסטן, ווו די אַרבעט איז מוראדיק שווער, אָבער זיין געמיט איז דערפון נישט שווער געוואָרן. מאָשקאָוויטש האָט באַשטימטע טענדענצן מיט אייניקע לידער: ער וויל בענטשן דאָס דאָרף און פאַרשעלטן די שטאָט. ער וויל, אַז די גאַנצע וועלט זאָל קלינגען מיטן ליד פון יידישן פּויער:

---

1) מעווע.

אוּן פון ווייטן ווייטן לאַנד
זינג איך, דיכטער, מיין ליד,
ס׳איז מיין יונג יידיש ליד
פון פאַרוואָרפענעם לאַנד.
אוּן עס טראָגט זיך מיין ליד
פון מיין לאַנד, פון מיין פעלד,
אַ גרוס דער וועלט
מיין יונג יידיש ליד.

ער זינגט צו די יידישע קאָלאָניסטן אַ לויבגעזאַנג אין אַ שפּראַך, וואָס איז פּראָסט, ווי פּראָסט ס׳איז ראָזאָווע ברויט:

קאָלאָניסטן יידישע,
אַ געזונט אין זייערע ביינער
ווי זיי פאַרדינען ערלעכער
דאָס ברויט פאַרדינט נישט קיינער.

ער טענהט מיט די שטאָטישע און פרעגט זיי, וואָס ס׳הייסט זיין „פאַרליבט אין פעלד״ און עס פילט זיך, אַז ער אַליין איז אַ שטאָטישער, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין פעלד.

אינטערעסאַנטער ווי אומעטום איז אברהם מאָשקאָוויטש, ווען ער שילדערט רואיק און אָן פּאַטאָס די יידישע פעלדער אין אַרגענטינע, אָדער די הייזער פון די יידישע קאָלאָניסטן.

אָט ווי ער הייבט אָן דאָס ליד „אין שטוב פון קאָלאָניסט״:

אַ מחיה איז אַריינצוקומען אין שטוב פון קאָלאָניסט,
פאַרהאָרעוועטע מי בלאַנקט פון יעדן ווינקעלע אַרויס
און ס׳שוועבט אַ פרומע ערלעכקייט אַרום אין גאַנצן הויז.

אָדער:

יאָגט פאַרשייט אַרום אַ ווינטל
שטיפעריש אין ברייטן פעלד.
און די זאַנגען, שטיל, פאַרכישופט
אַזאַ מעשהלע דערציילט:
אָט דאָ, אויף דיזעלבע פעלדער
פאַר אַ יאָרן כ׳האָב געזען,

זאנגען גאָלדענע זיך וואקסן,
אַט ווי איר איצט, שלאַנק און שיין.

אברהם מאָשקאָוויטש האָט אין זיין בוך איין באַלאַדע, „די באַלאַדע פון דער פאַרלאָזטער ראַנטשע" 1), איז זי אַביסל צעפלאָסן און צו עפּיש, עס פעלט אין איר אָבער נישט פיבער פון א באַלאַדע. און דאָ איז זיכער פאַראַן די השפּעה פון דעם אַרגענטינער פאָלסליד „סאמבא"; ער האָט אפילו דעם ריטם פון דער „סאמבא". אויב אַבאָ קליגער האָט געקראָגן השפּעה פון דער שפּאַנישער לירִיק צום שלעכטן, האָט מאָשקאָוויטש באַקומען השפּעה פון אַרגענטינער פאָלקסליד צום גוטן. מאָשקאָוויטש איז מסתמא דער עכטסטער אַרגענטינער יידישער דיכטער; אין דער יידישער ליטעראַטור קומט אים אַ פּלאַץ נעבן דער גאַנצער פּלעיאַדע דאָרפישע דיכטער אונדזערע: ווי איזי כאַריק, חנה וויינערמאַן א. אַ. וו. ער איז דער איינציקער אויסגעשפּראָכן דאָרפישער יידישער דיכטער אין אַרגענטינע און דאָרט ווו די דאָרפישקייט הערט ביי אים אויף, הערט אויך אויף די פּאָעטישקייט.

מיר גייען פאַרביי א. פרומקין, וואָס האָט אין יאָר 1920 אַרויסגעגעבן אַ באַנד „הערץ שמערץ"-לידער מיט אַ הקדמה פון מ. פּינטשעווסקי.

אַ דורכויס שטאָטישער דיכטער פון יענער עפּאָכע איז געווען יעקב אייזנשטיין, וואָס איז אַהער געקומען פון סאַווראַניע — אוקראַינע אין יאָר 1906 אין עלטער פון 18 יאָר און ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1948. אַ באַאיינפלוסטער פון די אַנאַרכיסטישע פּאָעטן, האָט ער געשריבן אין נוסח פון באָוושאָווער און עדלשטאַט. זיין פּערז איז געווען לייכטער ווי שטרייכערס — צו לענגערע יאָרן דעם לעצטן, דערפאַר אָבער ווייניקער אָנגעזעטיקט מיט אינהאַלט און בילד. אין יאָר 1935 איז דערשינען יעקב אייזנשטיינס באַנד „לידער און פּאָעמען". די מערסטע פון אַט די לידער און פּאָעמען זיינען ליריש-אַבסטראַקטע. אפילו דאָרט, ווו ער וויל שילדערן קאָנקרעטע ענינים, קומט אַנשטאָט אַ בילד אַ ליריש געזאַנג אין אַ באַקאַנטן נוסח. די בעסטע פּאָעמע זיינע, „אַרגענטינע" האָט דאָ און דאָרט אַביסל אַרגענטינער געמיט און ריטם, אָבער קיין מאָל נישט קיין אַרגענטינער בילד.

---

1) ראַנטשע — אַ פּויערישע כאַטקע.

„מיר גייען אויף פעלדער מיט האַרט־גרויע ערד,
מיר גייען צום פלוג און צום אייזן,
מיר ווערן דערהויבן דורך אַרבעט און מי,
מיר ווערן דיר גרויסקייט באַווייזן.“

ג.

אַ מיט צווישן דער ערשטער און צווייטער תקופה

די גאַנצע צייט צווישן די נײַנציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט און דעם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט געשטראָמט — אָדער געטריפט — אַן עמיגראַציע קיין אַרגענטינע, וואָס האָט געבראַכט קאָלאָניסטן און אַרבעטער און אינטעליגענץ און יידן פון אַלערליי אַנדערע קלאַסן און שיכטן, אָבער קיין שרייבער און זשורנאַליסטן זיינען אַהער נישט געקומען זיך צו באַזעצן. און אויב עס זיינען האַרט פאַר סוף דערמאָנטן וועלט־קריג צוגעקומען אַ פּאָר יידישע שרייבער, זיינען עס געווען אַזעלכע, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן פון דער אָרטיקער סביבה. זיי זיינען געקומען אַהער קינדער, אָדער יינגלעך און זיי זיינען געבליבן ביי יידיש אפילו ווען זיי האָבן געמאַכט אַרגענטינער שפּאַנישע שול.

עס איז צוגעקומען אין משך פון אָט דער צייט איין יידישער שריי־בער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַרגענטינע. דאָס איז דער פּאָעט, דראַמאַטורג און זשורנאַליסט שמואל גלאַזערמאַן. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1898 אין שטעטל אַלגאַראָבאָס, בוענאָס איירעסער פּראָווינץ און ער איז דערצויגן געוואָרן אונטער דער השגחה פון זיין ברודער — זיין פאָטער איז אים געשטאָרבן צו צוויי יאָר —, וואָס איז אַ רב. ער האָט באַקומען אַ רעליגיעזע דערציאונג און ער האָט דאָך געענדיקט מיטלשול און אָנגעהויבן שטודירן אין אוניווערזיטעט און ער איז דאָך געבליבן ביי יידיש. ער איז יאָרנלאַנג געווען דער איינציקער געבוירענער אין אַרגענטינע יידישער שרייבער (היינט טיילט מיט אים אָט דעם כבוד די יונגע שרייבערין ירדנה פיין), מען מוז אָבער וויסן, אַז די מערסטע פון

זיין דור, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין אַרגענטינע, זיינען געבליבן ביי יידיש, אויך ווען זיי זיינען נישט געוואָרן קיין יידישע שרייבער.

געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין סאַמע שוים פון דער אַרגענטינער נאַטור, האָט גלאַזערמאַן יאָרן־לאַנג געשריבן אַבסטראַקטע ליריק, וואָס וואָרצלט מער אין דער יידישער בענקשאַפט פּאָעזיע, ווי אין דער אַרגענטינער ווירקלעכקייט און ער האָט געשריבן פּיעסן און איינאַקטערס, וואָס האָבן אין זיך זייער ווייניק אַרגענטיניש. אין זיין בוך „יונגע וועגן", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1922, זיינען פאַראַן איינאַקטערס, וואָס זיינען, דאַכט זיך, פון יידישן לעבן אין אַרגענטינע און זיי שמעקן דאָך מיט קאַסריליווקע. עס איז שווער צו וויסן, צי איז דאָס לעבן אין אָט די שטעטלעך געווען אַ קאָפּיע פון דעם יידישן לעבן אין די קליינע שטעטלעך פון דער אַלטער היים, צי איז דער שרייבער אַריינגעפאַלן אין קאָפּיע. מיט יאָרן שפּעטער האָט גלאַזערמאַן זיך... אַרגענטיניזירט. זיין פּיעסע „זישע גוי" האָט שוין קאָלאָניסטיש־אַרגענטינישן קאָלאָריט. אין די בעסערע פּיעסן פון גלאַזערמאַנען — זיי זיינען דערשינען אין אַ גרויסן שיינעם באַנד א. נ. „טעאַטער" — איז פאַראַן השפּעה פון יעקב גאָרדין, פּרץ הירשביין און ל. קאָברין. די ליריק פון דעם ערשטן אין אַרגענטינע געבוירענעם יידישן שרייבער איז אַ גלאַטע און אַ לייכטע. אָט איז אַ מוסטער פון זיינע בעסטע פערזן:

קום, איך וועל דיר עפּעס זאָגן,
וואָס די ביימער מעגן הערן.
ביימער, קענסט זיי, זיי פאַרמאָגן
שטילע סודות און באַגערן.
ביימער הערן, ביימער שווייגן
קיינעם, קיינעם זיי דערציילן,
נאָר די בלעטער, נאָר די צווייגן
מיט די סודות זיך צעטיילן.

צווישן די אַרויסגעוואַקסענע פון אַרגענטינער סביבה, וואָס פאַרמירן די מיט צווישן דער ערשטער און צווייטער תקופה דאַרף מען צורעכענען די שרייבער ל. בעלאַגראַדסקי, י. גאַווינאַסער, א. זייד, מרדכי מיידאַניק און מאַרקוס פאַרישעווסקי. די ערשטע צוויי שרייבן אַזוי אַבסטראַקט־ליטעראַריש, אַז מער ווי דערמאָנען קען מען זיי נישט אין

אַזאַ אַרבעט. דער ערשטער שרייבט דערציילונגען, דער צווייטער — פּאָעזיע און פּראָזע.

אברהם זייד איז געקומען אין לאַנד אַריין אין יאָר 1904, אַ בחור פון אַ יאָר פערצן און ער איז אויסגעוואַקסן אין דער יידישער קאָלאָניע און ער איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ צייטונג, ביז ער האָט אָנגעהויבן שרייבן בילדער פון קאָלאָניסטישן לעבן. צום אינ־טערעסאַנטסטן איז אין זיידס סקיצן דער רויער שטאָף. מיר לייענען וועגן יונגע קאָלאָניסטן, וואָס גייען מיט די טאַטעס שבת אין שול אריין און זיי חלומען דאָרט פון ביבליאָטעקן און פּלאַנעווען ספּעקטאַקלען. די מיידלעך זיינען אַקטיווער ווי די יינגלעך. זיי זיינען האַלבע, אָדער גאַנצע אינטעליגענטקעס און זיי ברענגען מיט זיך דעם אומרו פון דער רוסישער ליטעראַטור און פון דער רעוואָלוציע פון 1905. די טעמעס און די טיפן וועגן אַריבער זיידס כוח. דער שרייבער באַהערשט נישט זיין מאַטעריאַל און די שרייב־טעכניק בכלל און די סקיצן זיינע בלייבן — פּאַקטישער מאַטעריאַל וועגן אַ לעבן, וואָס פאַרשווינדט...

מרדכי מיידאַניק איז קיין אַרגענטינע געקומען אַ יאָר פאַר אָנהויב ערשטן וועלט־קריג, אַ בחור פון אַ יאָר זעכצן. ער האָט דאָ פאַרענדיקט זיין בילדונג און ער איז מיט דער צייט געוואָרן אַ העברעאישער און יידישער שרייבער. ער איז אויך אַן אָנגעזעענער העברעאישער פּעדאַגאָג און רעדאַקטאָר פון דעם איינציקן העברעאישן זשורנאַל אין אַרגענטינע — „דרום" — און ער געהער צו די צוויי־שפּראַכיקע שרייבער אונדזערע. אין בוכפאָרם האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַנד דערציילונגען דוקא אין העברעאיש. פאַראַן רעמיניסצענצן פון די העברעאישע שרייבער פייער־בערג, גנעסין, מיידאַניק (אַ ווייטער קרוב פון אונדזער שרייבער) און ברענער אין איניקע פון מ. מיידאַניקס סקיצן. פאַראַן דער צעריסענער יידישער אינטעליגענט, וואָס פאַרבלאָנדזשעט אַזש צו דער פּאַמפּע. פאַראַן אָבער אויך דורכויס אַרגענטינער קאָלאָריט אין מיידאַניקס סקיצן און דערציילונגען. ער שילדערט אי איידעלע יידן, וואָס ראַנגלען זיך מיט דער פרעמדער סביבה און קענען זיך נישט אַריינפּאַסן אין איר און זוכן זי צוצופּאַסן צו זיך און פאַראַן ביי אים אויך פּראָסטע און גראָבע יידן, וואָס לעבן זיך גרינג אַריין אין דער פרעמדער סביבה און זיי ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון איר. דאָס מערקווירדיקסטע אין מיידאַניקס שרייבן איז זיין אָנשטרענגען זיך צו זיין דורכויס אַרגענטיניש. אין דעם פּרט

געהער ער צום ערשטן דור יידישע שרייבער דאָ און ער איז טאַקע אַן אייגענער פון וויטאַל און בענדערסקי.

מאַרקוס פּאַרישעווסקי איז אַ געבוירענער אין פראַנקרייך, מאַרסעל, אַ דערצויגענער אין פּוילן. געקומען קיין אַרגענטינע איז ער אין יאָר 1908, אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן. ער איז דער איינציקער יידישער שרייבער וואָס איז אויסגעפאָרן גאַנץ דרום־ און צענטראַל־אַמעריקע און ער האָט דורכגעמאַכט דאָס וואַלד־לעבן פון אַלע לענדער און דאָס לעבן פון די פּרימיטיווסטע שבטים און ער שרייבט עקזאָטיש און זיינע רייזע־איינדרוקן מאַכן אָפּט דעם איינדרוק פון פאַנטאַזיעס. זיין בוך „צווישן ווילדע און ציוויליזירטע" איז אַ געמיש פון רייזע־איינדרוקן און פאַנטאַסטישער ראָמאַן.

משה שענדעריי, אַ זשורנאַליסט, וואָס נוצט אַ האַלב בעלעטריסטישע פאָרם, געהער אויך צו אָט דער בין השמשות תקופה. ער איז קיין אַרגענטינע געקומען גאָר יונג און ער איז דערצויגן געוואָרן אין דעם אַרגענטינער „ירושלים", אין מאָזעסוויל און דאָ באַקומען אַלגעמיינע בילדונג און יידישע בילדונג און אַ סך פון זיינע אַרטיקלען און סקיצן שפּיגלען אָפּ דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינער דאָרף און זיי זיינען נאָך אין בוכפאָרם נישט דערשינען. זיי האָבן אַרגענטינער קאָלאָריט און אַרגענטינער יידישע שפּראַך און זיי האָבן אויך אַ פאָלקלאָריסטישן ווערט.

מ. רעגאַלסקי, איינער פון די פּאָפּולערסטע זשורנאַליסטן אין אַרגענטינע און דער פּאָפּולערסטער יידישער טריבון אין לאַנד, איז אַהער געקומען אין עלטער פון 33 יאָר אין 1918. רעפעראַטן האַלט רעגאַלסקי אויף ליטעראַרישע טעמעס, געשריבן וועגן ליטעראַטור האָט ער זעלטן, דאָך איז ער נישט געבליבן אָן ווירקונג אויף דעם גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע.

ד.

די צווייטע עפּאָכע

אַ סך פאַרביקער און שוין אוודאי שטורמישער ווי די ערשטע איז די צווייטע עפּאָכע אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע. עס וואָלט נישט געווען קיין גוזמא צו באַהויפּטן, אַז דער אָנזאָגער פון אָט דער תקופה איז געווען — פּרץ הירשביין. ער איז קיין אַרגענטינע אָנגעקומען צום ערשטן מאָל אין יאָר 1914 (ער איז דאָ געווען צום צווייטן מאָל אין יאָר 1925) און ער האָט אַ רודער געטון די געמיטער פון די לייענער און אויך פון דעם ביסל שרייבער און ער האָט שטילערהייט אָנגעזאָגט שטור־רעם. דאָס דאָזיקע, וואָס הירשביין האָט געשריבן וועגן אַרגענטינע געהער צו דער יידיש־אַרגענטינער ליטעראַטור פון דער ערשטער עפּאָכע. זיין באַשרייבונג פון יידישע קאָלאָניסטן גייט פּאַראַלעל מיט מרדכי אַלפּער־סאָנס מעמוארן און האָט דערצו הירשביינס אינערלעכן ציטער און זיין אויסערלעכע ווירטואָזיטעט. אָט ווי ער הייבט אָן אַ באַשרייבונג פון יידישע קאָלאָניסטן:

„געבוירענע רוקנס און גרויע ערד, דאָס פּנים צעקנייטשט און ברוין; און דער בליק זיכער און שטאָלץ — אַזוי שפּרייזן זיי איבער זייערע פעלדער מיט זיכערע טריט, די ערשטע יידן פון רוסלאַנד, וואָס האָבן אַזש קיין אַרגענטינע זיך געלאָזן גליק זוכן".

ווען נישט דאָס צוויי מאָל „זיכער" אין איין זאַץ, וואָלטן מיר דאָ געהאַט אַ פּראָזע — אַ מוסטער!

דאָס איז מער ווי פאָטאָגראַפיע. דאָס איז בילד. אַרגענטינע ליידט פון היישעריקן. די יידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע האָבן באַזונדערס געליטן פון פרעהס זיבעטער מכה. הירשביין האָט געגעבן אַן אויסשעפּנ־דיקע באַשרייבונג פון היישעריק. מער אויסשעפּנדיק ווי אַלפּערסאָן. ער איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון ערשטן דור יידישע שרייבער אין אַרגענטינע און ער האָט אָנגעזאָגט דעם צווייטן דור.

עס וועט אויך נישט זיין קיין גוזמא, ווען מיר וועלן באַהויפּטן, אַז אויך ה. ד. נאָמבערג איז געווען פון די אָנזאָגער פון דער צווייטער עפּאָכע. ער איז דאָ געקומען בערך אין איין צייט מיט די דאָזיקע, וואָס זיינען געוואָרן

די הויפּט־שריפטשטעלער אין דער צווייטער עפּאָכע — ל. מלאך און מ. ד. גיסער — און ער האָט אָרגאַניזירט אַ שרייבער פאַריין — דער פאַריין טראָגט דערפאַר ביז היינט זיין נאָמען — און געפּרוווט אָרגאַני־זירן אויך אַן אַקטיוון פאַריין און ער האָט געשאַפן מער אומרו ווי הירשביין. נאָמבערג איז נישט געווען אַזוי פּראָדוקטיוו ווי דער מחבר פון „אין ווייטע לענדער", אָבער עפּעס פון אַרגענטינע בכלל און פון יידישן לעבן בפרט האָט ער פאַרצייכנט אין פעליעטאָנען, וואָס האָבן נישט ווייניקער ווערט ווי די בעסטע סקיצן און דערציילונגען פון די אַרגענטינער יידישע שרייבער אין דער ערשטער תקופה.

די צווייטע תקופה באַשטייט פון שרייבער, וואָס האָבן זיך אָנגע־הויבן אַנטפּלעקן שוין אין דער אַלטער היים און פון שרייבער, וואָס זיינען ערשט אַנטפּלעקט געוואָרן אין אַרגענטינע. אָבער אַלע האָבן זיי געבראַכט דעם אומרו פון וועלט־קריג און פון די רעוואָלוציעס פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וואָס אייראָפּע האָט דורכגעמאַכט און זיי האָבן זיך דערפאַר זייער שווער אַקלימאַטיזירט. דאָס דאָזיקע, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין דער אַלטער היים, האָט זיי מער פאַרכאַפּט, ווי דאָס דאָזיקע, וואָס זיי האָבן געזען אין דער נייער היים. עס איז געווען אַ פּרווו צו דיקטירן אַלע היגע שרייבער, אַז זיי זאָלן באַהאַנדלען נאָר היגע טעמעס. פּ. כץ און ה. בלאָשטיין האָט געוואָלט אויף כוח אַרויפצווינגען „ארג.־באַשטעלונג"־ (אנשטאָט „סאָצ.־באַשטעלונג") ליטעראַטור און זיי האָבן אַרויסגערופן אַ גאַנץ שאַרפע דיסקוסיע, ווייל זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז שרייבער זאָלן באַשרייבן אַ לעבן, וואָס זיי קענען נישט און נישט באַשרייבן דאָס לעבן, וואָס זיי קענען. דער שטורעם איז אַריבער און געשריבן האָט יעדער דאָס דאָזיקע, וואָס ער האָט געקענט און די דאָזיקע, וואָס האָבן געקענט, האָבן זיך מיט דער צייט במילא אַרגענטיניזירט. ווען ש. ניגער איז דאָ געווען אין 1935, האָט ער געזאָגט: „נישטאָ קיין דאָ און דאָרט, פאַר דעם יידישן שרייבער איז דאָ איין יידיש לעבן".

צום מיינסטן און צום לייכטסטן האָט זיך אַרגענטיניזירט אין דער צווייטער תקופה דער דערציילער אהרן פּייערמאַן, וואָס איז קיין אַר־געגנטינע אָנגעקומען אין יאָר 1922. ער איז געקומען זייער יונג, ער האָט געבראַכט אַ קליינעם באַגאַזש פון דער אַלטער היים און ער האָט באַלד גענומען שרייבן סקיצן און דערציילונגען פון אַרגענטינער יידישן לעבן. פאַקטיש האָט ער איבערהויפּט באַשריבן איין העלד, וואָס טראָגט דעם

סימבאָלישן נאָמען קלימענט בענקמאַן. (קלימענטע זאָל הייסן קלעמע־ניש). ער האָט כסדר געשילדערט דאָס נישט קענען אַריינלעבן זיך פון אַ „גרינעם" אין אַרגענטינע. בייטאָג „קלאַפּט" קלימענטע בענקמאַן און ער פאַרקויפט זאָקן זייער ביליק און ווען עס ווערט טונקל, גייט ער אין קאַפע. שפּעטער פאַרברענגט ער מיט אַ ליטוועטשקע — ער קוקט אויף איר און שווייגט. דאָס איז דער קערן פון פייערמאַנס אַלע זאַכן. עס איז איין מעלאָדיע, וואָס ווערט קוים, קוים וואַריאירט.

אייגנטלעך איז ביי פייערמאַנען פאַראַן וועלט־שמערץ און קאָס־מישער פּעסימיזם. לויט דער פילאָזאָפיע פון זיין העלד קומט אויס, אַז עס איז נישטאָ צוליב וואָס צו לעבן אויף דער וועלט. די דאָזיקע פילאָ־זאָפיע איז גורם אַרגענטינער סביבה, ווייל זיין העלד לעבט אין אַרגענ־טינע. וואָלט ער געלעבט ערגעץ אַנדערש, וואָלט אַן אַנדער סביבה דערצו גורם געווען. פייערמאַן האָט אין זיין ראָמאַן „איז געקומען אַ ייד אין וואַלד" איבערגעדרייט זיין טעמע און ער האָט געוויזן אַ העלד, וואָס איז געוואָרן דריי־הונדערט פּראָצענטיק אַרגענטיניש. ער ווערט אויף אַזויפיל אַרגענטיניש, אַז ער האָט חתונה מיט אַן עכטע אַרגענטינער פּריצה און ער איז אויף דעם וועג שיר־נישט צו ווערן גובערנאַטאָר פון דער פּראָווינץ, אָבער עס מישט זיך אַריין דער היטלעריזם. דער דאָזיקער ראָמאַן, וואָס איז אייגנטלעך אַ לענגערע דערציילונג, איז געשריבן נישט אין דעם ביטערן טאָן, אין וועלכן פייערמאַן שרייבט, נאָר איז — האָט אַ. מוקדוני אָנגעוויזן — געשריבן זיסלעך־שונדיסטיש; דאָ און דאָרט זיינען אין דעם ראָמאַן פאַראַן שטעלן פון געווייסן ווערט. אָבער נישט ווי טיילן פון אַ ראָמאַן, נאָר ווי סקיצן. פ. כץ, וואָס האָט דעם ראָמאַן רעקאָמענדירט אין אַן ענטוזיאַסטישער הקדמה, האָט אַן איבעריק מאָל באַוויזן, אַז ווען ער גייט אַריבער די גרענעץ פון זשורנאַליסטיק צו ליט־עראַטור־קריטיק, קומט ער אַריין אין אַ מחיצה, וואָס איז אים גאַנץ פרעמד און אַז ער איז קינדיש־ענטוזיאַסטיש.

ל. מלאך איז געקומען אַהער שוין מער אָדער ווייניקער מיט אַ נאָמען. ער האָט אין וואַרשע געדרוקט באַלאַדן און אויך אַ ביכל האָט ער שוין געדרוקט אין גיטלין־פאַרלאַג — „אָפּפאַל" האָט עס געהייסן. אין דער פאָרם פון ל. מלאכס באַלאַדן האָט זיך קיין אייגנאַרטיקייט נישט געפילט. עס איז געווען אַ גלאַטער ריטם, געשריבן שילעריש. און דער אינהאַלט איז ביי אים על־פי־רוב געווען אַ פאָלקס־מעשה. אין דער פּאָעמע —

אזוי רופט ער זי — „אָפּפאַל", פילט זיך שוין אַ גראַנגל מיט דער פאָרם און מיט דער שפּראַך, און אַן אָנשטרענגונג צו ווייזן אַ סביבה און פאַרשווינען.

אין אַרגענטינע האָט ל. מלאך אָנגעהויבן זיך באַווייזן מיט רייזע־בילדער, אין וועלכע ס'איז פאַראַן אַ צאַרט־זיידענע שפּראַך, אַן אָנ־שטרענגונג צו שאַפן שטימונג, וועלכע גליטשט אָפּט, און פיינע באָאַבאַכ־טונגען. ל. מלאך איז קיין אַרגענטינע געפאָרן לאַנגזאַם, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין בראַזיל און ער האָט מיטגעבראַכט בראַזיל קיין אַרגענטינע. די נטיה צו „זוכן פּערל אין תהום" („אָפּפאַל") האָט ער אויך אין בראַזיל נישט איבערגעלאָזט, ער האָט מיטגעבראַכט אביסל צופיל הייזל פון דאָרט... אויך אין ב. איירעס האָט ער געשעפּט בילדער פון „תהום", אָבער פון גראָבן נאַטוראַליזם האָט ער זיך שוין דאָ אָפּגעזאָגט און דער תהום איז שוין ראָמאַנטיש באַהויכט. ל. מלאך איז אין זיינע ערשטע רייזע־איינדרוקן אונטער דער השפּעה פון פּרץ הירשביין.

ל. מלאך האָט זיך באַטראַכט, ער האָט זיין רויזען פון „אָפּפאַל" מחיה־מתים געווען, זי געפירט קיין בראַזיל און געמאַכט פון איר אַ ר אָ ס י נ אַ. אונטערן נאָמען „ראָסינאַ" האָט ער געשאַפן אַ פּאָעמע, אין וועלכער ער באַזינגט זי, דעם וועג און די רייזנדיקע. „ראָסינאַ" איז אין בוכפאָרם נאָך נישט דערשינען. מלאך האָט זי פראַגמענטנווייז געדרוקט אין „די פרעסע", אָבער זי האָט זיך איינגעשניטן אין זכרון. ס'איז אַ מין רייזע־פּאָעמע, וואָס עמאַציאָנירט.

קיין דואַלאָגיע שרייבט מען נישט, האָט ל. מלאך געגעבן זיין רויזע אין אַ דריטן טייל און אַזוי אַרום געשאַפן אַ טרילאָגיע. דער דריטער טייל איז אַ דראַמע, איר נאָמען איז באַקאַנט: — זי האָט פּראָוואָצירט אַ סקאַנדאַל אין גרויסן מאַסשטאַב — „איבערגוס" הייסט זי. אין דרום אַמעריקע איז געווען אַן אייביקער קאָנפליקט צווישן טמאים, אָדער רופיאַנעם (פרויענהענדלער) און „ווײַטישע" (אָנשטענדיקע). די ערשטע שטאָטישע יידן זיינען דאָ, ליידער, געווען פרויענהענדלער און ס'האָט שיר נישט געהאַלטן דערביי, אַז אַ ייד (אַ „רוסאַ") זאָל זיין סינאָנים מיט פרויענהענדלער. קאַמפן זיינען געווען פאַרביטערטע און אפילו בלוטיקע. די „ווײַטישע" יידן האָבן לייכט פאַרשטויסן די טמאים פון זייערע קאָפּע־הייזער, געזעלשאַפטן, שולן און בית־עלמינס. פון איין פּלאַץ האָבן זיי זיך נישט געלאָזט פאַריאָגן. פון יידישן טעאַטער. זיי האָבן

אויף אים געהאַט אַ שטיקל חזקה. דער יידישער אַקטיאָר האָט זיך אָפּט געפּילט היימיש מיטן מילדן אונטערוועלט־מענטש... ל. מלאכס דראַמע „איבערגוס" קומט פאָר אין בראַזיל. רויזע, אָדער ראָסינע, דאָ הייסט זי — רייזל, איז געוואָרן אויס פּראָסטיטוטקע, האָט זיך איבערגעגאָסן אין אַן אָנשטענדיקער און לעבט מיט אַ דאָקטאָר, אַ דעפּוטאַט, נישט קיין ייִד, נאַטירלעך, אַ נעגער דערצו, אָבער אין די נייע יידישע ישובים פון דרום־אַמעריקע איז אַ נישט־יידישער מאַן אַ קליינער חטא. רייזל איז אַ מיטגליד אין אַלע „וויטישע" געזעלשאַפטן, אָבער בעת אַ סקאַנדאַל אין טעאַטער, ווייזט עמיצער אָן, אַז רייזל איז אויך פון יענע לייט. דערנאָך שיקט מען איר שוין דעמיסיעס פון די אָנשטענדיקע פאַריינען און — אויס „איבערגוס" — דער תהום שלעפּט צוריק. די פרויענהענדלער זיינען געשילדערט בולט און אפילו אביסל טענדענציעז. אָבער אויך די „וויטישע" קומען אַרויס נאַאיוו און אויך לעכערלעך און לגבי רייזלען אפילו פאַרברעכעריש. דער מאָטיוו איז גענומען פון הוגאָס „לע מיזעראַבל", אָבער די דראַמע איז נישט קיין אַלטע, נאָר אַן אייביקע. נאַטירלעך האָט די דראַמע געקענט שאָקירן די פרויענהענדלער און נאָך מער אַ געוויסען סאָרט אַקטיאָרן און טאַקע די לעצטע האָבן זיך געטומלט אַרום איר. דער מחבר פון די דאָזיקע שורות האָט „איבערגוס" רעקאָמענדירט צו אַ טעאַטער און דער דירעקטאָר האָט אים געענטפערט: די הויפּטקליענטן אונדזערע וועלן ברוגז ווערן... צוריקפרעגנדיק אים, צי פאַר „וויטישע" האָט ער נישט קיין מורא, האָט ער געענטפערט, אַז „זיי וועלן סיי ווי סיי גיין". איך האָב אים געדראָט מיט פאַרעפנטלעכן זיינע ווערטער און ער מיר — מיט שיסן. דאַן איז געוואָרן אַ סקאַנדאַל, אַ קאַמף מיט די צדדים און דער רעזולטאַט איז געווען: אַן אויפשריפט איבער אַלע יידישע טעאַטערס „פאַר טמאים דער אריינגאַנג פאַרבאָטן", וואָס האָט געהאָנגען צוויי סעזאָנען. היינט איז עס אַ מעשה פון אַמאָל. דער ישוב און די מלוכה האָבן די פרויענהענדלער פאַריאָגט און פון זיי איז קיין זכר נישט געבליבן.

„איבערגוס" האָט אַלזאָ, געהאַט אַ קולטורעלן ווערט, זי איז אָבער אַן אינטערעסאַנטער שטאַפּל אין ל. מלאכס שאַפן. ער איז דאָ רייף געוואָרן און האָט זיך געוויזן מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן: שטימונג, הומאָר און פיינערע מעלאָדראַמאַטיק. פאַראַן דאָ אַן אָנהויב פון אַ סאָציאַלן מאָטיוו.

ל. מלאך האָט געפּרוּווט אויך ביי מיסטיק אין זיין דראַמע „אין גאָרנשטיבל”, אָדער „די מויד פון לודימיר”. די טעמע איז אַן אינטערע־סאַנטע ביז גאָר. דער געראנגל אין אַ פרוי צווישן איר ווייבלעכקייט און — גרויסקייט. ל. מלאך האָט די דאָזיקע פּיעסע אַ סך מאָל איבערגעאַרבעט און די לעצטע איבעראַרבעטונג קען איך נאָך נישט.

זיין וועג געפינט, דאַכט זיך, ל. מלאך אין זיין ראָמאַן „דן־דאָמינגאָס קרייצוועג”. דאָס איז זיכערע שילדערונגען אין דרום־אַמעריקאַנער יידישן לעבן אויף ברייטע לייוונטן.

דאָס יידישע לעבן ווערט באַווירקט פון דעם אַרום פון דעם גרויסן בראַזיל און פון די אומאויפהערלעכע רעוואָלוציעס. וואָס קומען דאָרט פאָר און מיר זעען אין אָט דעם ראָמאַן די אייגנאַרטיקע קאָנסטרוקציע פון גרעסטן דרום אַמעריקאַנער לאַנד און די גאַנצע עקזאָטיק. דער מחבר דרינגט אפילו אריין אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די עכטע בראַזיליענער. „דן־דאָמינגאָס קרייצוועג” געהער צו די בעסטע ראָמאַנען אין יידיש און מלך ראַוויטש האָט ריכטיק באַמערקט, אַז דער דאָזיקער ראָמאַן פאַר־שאַפט כבוד דער יידישער ליטעראַטור.

ל. מלאך האָט פאַרלאָזט אַרגענטינע און ער האָט יאָרן־לאַנג געלעבט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, פּוילן, מערב־אייראָפּע, ארץ ישראל און ער האָט איבערהויפּט געשריבן רעפּאָרטאַזשן. סאָלידע, פעסט־געבויטע רעפּאָרטאַזשן, מיט אַ סאָציאַלן צוגאַנג און מיט אַ לירישן אָטעם. ליידער איז ער נישט געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן און כמעט פאַרשוויגן געוואָרן. אין אַרגענטינע האָט ער געלעבט קנאַפּע פינף יאָר, געשטאָרבן איז ער אין פּאַריז, אין חודש יוני 1936 אין עלטער פון 42 יאָר. 37 יאָר האָט ער געלעבט אויסער אַרגענטינע און דאָך איז ער פאַרבליבן אַ יידיש־אַרגענטינער שרייבער, כאָטש די סענסאַציאָנעלסטע דראַמע („איבערגוס”) און זיין בעסט ווערק („דן־דאָמינגאָס קרייצוועג”) זיינען פון בראַזיליע־נער לעבן.

נאָך ל. מלאכן איז געקומען קיין אַרגענטינע מ. ד. גיסער. אויך ער איז אַ וואַרשעווער און האָט זיך דאָרט געהאַט געדרוקט. שוין אין די ערשטע לידער גיסערס זיינען געווען צווייערליי גאַנץ פאַר־שידענע סטילן. פון איין זייט: אַ ליד, וואָס האָט נישט קיין אַנדער כוונה, ווי צו זינגען און צו שילדערן. ריינע ליריק פון דער ריינסטער קונסט לשם קונסט־פּראָבע. און פון דער אַנדערער זייט: אַ ליד מיט אַרעמאַנסקע

קרעכץ. נישט קיין פּלאַך־רעאַליסטישע שילדערונג וואָס האָט אַ רחמנותדיקן מוסר־השכל, נאָר סתם אַ קרעכץ. דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פון די דאָזיקע לידער הייסט „ווי אָרעם איך בין" און דערציילט פּשוט, אַז דעם אָרעמאַן איז קאַלט, ער איז הונגעריק, א. אַ. וו. דאָס דאָזיקע ליד האָט אויסגעשפּאַנט אַ האַלבע יידישע פּרעסע פון אַ גאַנצער וועלט (יידן גיט אַ צופּ אָן אָרעמאַנסקע קרעכץ), אָבער לידער פון אָט דער קאַטעגאָריע האָט גיסער געשריבן זייער ווייניק, הויפּטזעכלעך האָט ער געשריבן ריינע ליריק. ער האָט אין די ערשטע לידער געוויזן סמנים פון אַ קרעפּטיקן טאַלאַנט. זיין כוח איז איבערהויפּט געווען אין בילדערישקייט. גיסער איז אַ צייט געווען אין קעלן און זיינע לידער פון קעלן־קאַלק (אַ געגנט אין קעלן) מאַכן דעם איינדרוק פון פרעסקאָס, נעם און קלעפּ זיי צו צו דער וואַנט. דאָס בולטע בילד האָט גיסער ליב איינצוהילן אין ריטערלעכקייט. עס פילט זיך בלי־שום־ספק די השפּעה פון די פּוילישע (פּוילישע, נישט פּויליש־יידישע) ליריקער אין גיסערס לידער און אויך די השפּעה פון די דייטשע ריטערלעכע דיכטער (איך פיל תמיד טעאָדאָר קערנערן אין גיסערס לידער). די השפּעה איז ביי אונדזער דיכטער אַ גוט דורכגעקאָכטע, אָבער איר פילט פּאָרט אַ געוויסע פרעמדקייט אין דער ריטערלעכקייט.

אַ כאַראַקטעריסטישער מאָמענט אין גיסערס שאַפן: פּאָרנדיק קיין אַרגענטינע האָט ער באַזונגען דעם וועג, דעם ים, די שיף, די רייזע, די בראַזיליענער האַפן־שטאָט באַהיאַ, פּערנאַמבוקאָ א. אַ. וו. און קומענדיק קיין בוענאָס איירעס האָט ער פון אַרגענטינער לעבן גאָרנישט געשריבן אין משך פון עטלעכע יאָרן און די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט געשריבן פון אַרגענטינער לעבן איז געווען די פּאָעמע „רעקאָלעטאַ" — אַ געזעגנג צום אַלטן, אַריסטאָקראַטישן, קאַטוילישן... בית עולם פון ב. איירעס. דער וועג איז גיסערן געווען ראָמאַנטיש און ווירדיק באַזונגען צו ווערן, דאָס לעבן נישט. אין וועג האָט ער געהאַט שיינע פּייזאַזשן און די אייגענע בענקשאַפט און פון ביידע האָט ער געפלאָכטן זיינע לידער. אָט באַזינגט ער באַהיאַ:

זונטיק וויגן זיך די לאָדקעס אָנגעלאָדן מיט פּירות,
און די כוואַליעס די צעוויגטע פּליעסקען צו צום טאַקט אַ ניגון,
גרינע, לענגלעכע באַנאַנען ליגן פרישע מיט די צווייגן,
און די קאָקוס ניס די גרויסע, ווי די פּאַטריאַרכן בערדיק,

יונגע מאַלפּעס מאַכן לוסטיק אין די שטייגלעך זייערע קונצן.
לאָזן נישט מיט שפּאַט פאַרשטעלן זיך פון די זאַפטיקע אַרבוזן.
און די גרינע פּאַפּוגייעס, שרייען, פּאַכנדיק מיט פליגל.

די סאָציאַלע רעאַליטעט אין די לידער איז אַן אומגעהייערע. אַליין אַן אַרבעטער, שטייט אַפילו נאָענט צו די לינקע פּועלי ציון, פונדעסטוועגן זעט ער נישט די סאָציאַלע סיבה פון לײדן, די סיבה פון ליידן איז ביי אים כסדר אַ קאָסמישע. און דערזעט ער שיינקייט, מיינט ער, אַז ער זעט שוין גוטסקייט. ער האָט פון דער שיף אַראָפּגעקוקט אויף דער בראַזיליאַנישער שטאָט פּערנאַמבוקאָ, זינגט ער:

דיינע פייגל האָבן זיכער פעטע קערנער פולע הויפנס.
דאַרפן זיי שוין מער נישט קומען צו דעם ים נדבות בעטן.
שטאָלצע פּלאַטערן די פענער, ווען זיי קומען צו דיין באָרט,
און דו שמייכלסט זיי אַקעגן גרין געשפּרענקלט פול מיט וועלדער,
דיינע העלע שיינע ברעגן וויגנדיק זיך אין זון־ליכט —
זעען אויס ווי גאָלדענע סטעזשקעס פאַר די וועלן פון פּאַלאַצן.
פון די הייבן דיינע שימערט בלאָלעך גאָלד אויף גרינע לענטעס,
און אַ העלע שאַרלעך־רויטקייט שניידט זיי דורך אויף טויזנט
שטרייפן.
יעדער גלויבט, אַז דיינע ביימער ברעכן זיכער זיך פון פּירות.

ער קאָן זיך בשום אופן נישט פאָרשטעלן, אַז אין דעם דאָזיקן שיינעם פּערנאַמבוקאָ זיינען נישט אַלע זאַט און עס איז דאָרט פאַראַן שווערע פּראַצע, נויט און הונגער... און דערפילט אין זיין רייזע הונגער, נויט און דלות און אָפּפאַל פון נאַציעס צוועלף, זינגט ער אַ געבעט צום ים, אַז ער זאָל נישט צאָרענען און זאָל „פירן צו אַ גליקלעך לאַנד". און בעט ער נישט צום ים, שרייט ער צום קאַפּיטאַן:

קאַפּיטאַן! קאַפּיטאַן! צו אונדז אינעם קאַמער —
קום ווען עס שלאָפן די מידע געמיטער,
ווען ס'מישט זיך דער אָטעם פון פעלקער צוזאַמען,
און ווערט אינעם אוויר — אַ פּלאַם אַ צעגליטער,
אַזש ס'הייבן די אייזערנע ווענט אָן צו בליפּען,
און ס'טריפן די בעלקעס מיט זידיקע טרערן.

און ס'קרעכצן די שטרוי־זעק צעוויטיקט און סקריפּען,
אי גאַרוגג, אַז ס'זאָל זיי כאָטש עמיץ דערהערן.
קאַפּיטאַן! קאַפּיטאַן! ווי קענסטו איצט שלאָפן —
און זיין נישט געפּייניקט פון בייזע געשטאַלטן,
וואָס קומע צו חלום און מאָנען מיט צאָרן,
פאַר די, וואָס זיי קאָנע קיין רו נישט געפונען —
קאַפּיטאַן!... קאַפּיטאַן!...

איך האָב ציטירט דאָס ליד אינגאַנצן אי בכדי צו אילוסטרירן אונ־דזער דיכטערס קראַפט (ס'איז אַ ליד פאַר אַן אַנטאָלאָגיע) און זיין סאָציאַלע רואיקייט. דער קאַפּיטאַן קען אי גוט שלאָפן, אי הוליען מיט קאָקאָטעס ביי שוימענדיקן שאַמפּאַניער. און אפשר שרייט גיסער צו אַן אַנדער קאַפּיטאַן...

אונטערן דראַנג פון דער צייט האָט גיסער אָנגעהויבן שרייבן אַרבע־טער־לידער. ער פאַרבייט אָפּט דעם אָרעמאַנסקע קרעכץ אויפן מוטיקן אַרבעטער וואָרט, ער וויינט זייער אָפט, ער זינגט אָבער אויך מוטיק. און דאָס געוויין ווערט שוין אָפט פאַרביטן אויף צאָרן. אין געזאַנג פון האַלב־פאַרצווייפלטע, איז נאָך פאַראַן נאָר צער און שרעק:

האַלב פאַרצווייפלט, האַלב אין שרעק
האַלב מיט פינסטערניש פאַרדעקט,
דורכגעקרייצט מיט צער און גרויל,
איז דאָס ליד פון אונדזער מויל.

אָבער אין ליד „צייט פון אייביקייט" דערפילט ער אין זיך אַן אַנדער כוח און אַן אַנדער סטיכיע:

דו האָסט מיט קראַפט מיך אָנגעפילט,
ווי קריגן ערדענע מיט ווייַן;
ווי קוואַלן לויטערע, וואָס לויפן רוישנדיק
דורך שאָטנס פון אַ וואַלד,
האָב איך דערהערט דיך זינגענדיק
ריזלען דורך מיין בלוט.

און היינט ווייסט שוין מ. ד. גיסער, אַז אַרבעטער וויינען נישט, נאָר זיי זינגען:

מיר זיינען נישט קיין בעטלערס, מיר שרעקן נישט קיין הענט,
מיר זיינען אייביק היטערס ביים פייער פלאַם, וואָס ברענט.
מיר גראָבן טונקלען אייזן, מיר שמעלצן הארטן שטיין
און האָבן מיר אַ ווייטיק, פאַרקריצן אים די ציין.
מיר האָבן הענט ווי שטאַנגען און פיס ווי שטאַמען שטאַרק,
און ס'ליגן וועלטן גלויבן מיט פרייד אויף אונדזער קאַרק.
אין אונדזער פויסט דער האַרטער, דער גורל ליגט פאַרקלעמט,
פון אַ גאַנצער וועלט, וואָס מאַכט אונדז ווילד און פרעמד.
מיר קענען הייליק שווייגן, נאָר יענעם טאָג אַ לויב —
ווען ס'וועט די צייט באַפאַרבן מיט אונדזער בלוט דעם שטויב.
ווען ס'וועט די שעה באַפעלן אין שטורעם מיט געפייף,
און ס'וועלן אונדז די ברוסטן ווי פעלדזן ווערן שטייף.
דאַן וועלן מיר מיט שטאַנגען און צוואַנגען אין די הענט,
דורך פוסטע גאַס שפּאַנען מיט הויכגעשטרעקטע ווענט.
דאַן וועלן מיר מיט אויגן דערהויבן צו דער הויך,
זיך פייערלעך באַגריסן מיט ברידערלעכן רויך.

נישט כסדר זינגט גיסער אַזוי, ער פאַלט נאָך אָפט אַריין סיי אין ריטערלעכן טאָן, סיי אין ראָמאַנסקע, אָדער ער ראַנגלט זיך מיט ביידע און ער באַזיגט זיי. ער נעמט שוין נישט קיין טעמעס פאַר זיינע בילדער־לידער אַלטע אַריסטאָקראַטישע בית־עלמינס, נאָר די קאָנווענטיזשאָס (אין ענגליש הייסט עס טענעמענט־הייזער), דאָס זיינען גרויסע הויף אין וועלכע עס וווינען אַ סך משפחות אין ענגשאַפט און אומריינקייט..

די פרייד צוזאַמען מיט דעם אומעט
קראַנק — און נאַקעטיקערהייט אַרומעט.
דאָרט זינגט אַ פויגעלע און גרינע פאַפוגייען,
שעלטן: „אין דער מאַמען", מיט שרעקלעכע געשרייען,
און ס'גריילצן ווייבער שמוציקע — און פוילע איטאַליענער —
רייסן אויף די העלדזער זיך מיט הייזעריקע טענער.
דאָרט גייט די שווערע נויט מיט קראַנקע קינדער טאַנצן
און ס'טראָגט אַ ריח זיך, פון שפּאַרעס פול מיט וואַנצן
און ס'איז דער הויף מיט אָפּפאַל פול, פון שפּייז און ציגאַרעטן,
און שוואַרץ־פּאַלירטע פליי שפּרינגען אום אויף בעטן.

גיסער איז אונדזער טאַלאַנטירטסטער צושטייער צו דער יידישער פּאָעזיע פון דער צווייטער תקופה.

ליידער זיינען ביי אים די קערנער אָפּט צוזאַמען מיט דעם שטרוי. די לעצטע יאָרן וווינט מ. ד. גיסער אין טשילע, אָבער ער איז פאַרבליבן דער אַרגענטינישער יידישער פּאָעט.

עס וואָלט איצט געדאַרפט קומען אין דער ריי — יעקב באָטאָשאַנסקי, וואָס איז געקומען באַלד נאָך גיסערן קיין אַרגענטינע, געקומען שוין נישט קיין אָנפאַנגער, מיטגעבראַכט מיט זיך אַ באַגאַזש פון דער אַלטער היים, פון וועלכן ער האָט זיך עד היום נאָך נישט באַפרייט און זיך דאָך שוין אָנגעהויבן איינלעבן אין אַרגענטינע, אָבער — וועגן זיך אַליין שרייבט מען נישט.

מיר האַלטן ביי ה. בלאָשטיין. אַ קאַפּיטל, וואָס איז אַ סך מער פּיינלעך ווי אַנגענעם. מיר וואָלטן געקענט אָנווענדן לגבי ה. בלאָשטיין זיין מעטאָד לגבי אונדז: „מנוול” און דערמיט ליקווידירן דעם גאַנצן ענין. און מיר וואָלטן געהאַט אַ גרויסע באַרעכטיקונג דערצו. בלאָשטיין האַלט אין איין באַנוצן דאָס וואָרט „מנוול” און ער זאָגט, ווייסט ער מסתמא וואָס ער זאָגט. דעם כלל: „כל הפוסל במומו פוסל”, אָדער ווי איך פאַרטייטש עס: „דער קוימענקערער שפּייט מיט סאַזשע”, דער דאָזיקער כלל איז נאָך פון קיינעם נישט אָפּגעלייקנט געוואָרן...

אָבער דעם רשע באַשטראָפט מען נישט גייענדיק אין זיינע וועגן און מיר וועלן אויך בלאָשטיינען נישט ליקווידירן מיט מיין עפּיטעט. ה. בלאָשטיין איז חוץ דעם וואָס ער איז, אויך אַ דיכטער, און נישט אַזוי דיכטער ווי אַ מייסטער. ער קען די מלאכה פון שרייבן פערזן און קען זיך באַנוצן מיט אַלערליי ריטמען און זשאַנרן. דאָס איז דער העכסטער קאָמפּלימענט, וואָס מ׳קען בלאָשטיינען מאַכן. אָבער אויף וויפל זיין פאָרם גלאַנצט, אויף אַזוי פיל בלאָזט זיין אינהאַלט קאַלט.

מיר זיינען דאָ געווען עדות פון ה. בלאָשטיינס פּאָליטישן איבער־ברוך. ער איז דאָ געווען אין לאַגער פון די „לינקע נאַציאָנאַליסטן” (מ׳האָט נאָך דעמאָלט דעם דאָזיקן טערמין נישט גענוצט) און איז געווען אַ סך ווייניקער קאָמוניסטישער מיטלויפער, ווי אַ סך פון אונדז. פאַר אונדז איז ראַטנפאַרבאַנד געווען די איינציקע מלוכה, וואָס גיט זיך אָפּ מיט לייזן די עקאָנאָמישע יידישע פראַגע, פאַר בלאָשטיינען איז זייער אָפּט דער קאָמוניסט געווען דער סינאָנים מיט כאַם. און פּלוצים איז

בלאָשטיין געוואָרן אַ קאָמוניסט. מיר גיבן זיך נישט אָפּ מיטן דיכטערס פּאָליטישער טעטיקייט און נישט מיט זיין ביאָגראַפיע און מיר לאָזן אויס די סיבות, וואָס האָבן אים געפירט אין קאָמוניסטישן לאַגער. מיר ווילן אָבער דאָ בולט מאַכן איין שטריך פון זיין שאַפן, וואָס קען דינען אַלס מאַסשטאַב ביים שאַצן זיין שאַפן. פאַרן איבערברוך האָט בלאָשטיין געשריבן לידער אַזוי ווי מען שרייבט אויסער ראַטנפאַרבאַנד — אין ווייסע פערזן, אין געגראַמטע פערזן. דעם ערשטן טאָג נאָכן איבערברוך האָט ער גענומען שרייבן פּונקט אַזוי ווי מען שרייבט אין ראַטנפאַרבאַנד: מיט אַסאָנאַנסן. אָבער דעם ערשטן טאָג. מיר ווייסן, אַז אין פאָרמען דאַרף מען זיך אַריינלעבן, אויך בלאָשטיין ווייסט עס. אין זיינער אַ רעצענזיע וועגן י. אייזנשטיינס „לידער און פּאָעמען", געדרוקט אין צווייטן נומער „דרום אַמעריקע", שרייבט בלאָשטיין (אונטערן פּסעוודאָנים ה. דאָווידס) „נייע אינהאַלטן און פאָרמען קענען קומען האַנט ביי האַנט מיט נייעם לעבן. איך באַצי מיך דעריבער תמיד מיט חשד צו איטלעך „ניי" בוך, וואָס קומט פון אַזאַ ווינקל אויף דער ערד, וווּהין די גרויסע לעבנס-ענדערונגען און אויפברויז האָבן דערגרייכט נאָר דורך די צייטונגען און ביכער". אָט מיט דעם זעלביקן חשד האָבן מיר זיך גענומען באַציען צו די נייע לידער בלאָשטיינס, וואָס זיינען געקומען אָן קיין שום לעבנס-ענדערונגען. מיר האָבן דערפילט באַשטעלטעס אין די דאָזיקע לידער. און אַריינלייענענדיק זיך אין בלאָשטיינס פריערדיקע לידער, האָבן מיר דערפילט, אַז אויך זיי זיינען — באַשטעלט. בלאָשטיין קען צו יעדער צייט באַשטעלן ביי זיך אַליין אַ ליד אויף וואָסערע טעמע ס'איז נישט איז, אין וואָסער פאָרם ס'נישט איז און אין וואָסערע טענדענץ ס'איז נישט איז און דאָס אָנשרייבן. און ווייל ער האָט נישט קיין אייגענע אינערלעכע וועלט, האָט ער כמעט פון ערשטן טאָג אָן, וואָס ער איז אַראָפּ פון שיף, גענומען שרייבן פון אַרגענטינער לעבן. שרייבנדיק לויט באַשטעלונג, קען ער שרייבן וואָס ער וויל.

אויף די זעלביקע טעמעס, אויף וועלכע פעליעטאָניסטן האָבן געשריבן, אָנקומענדיק אַהער, פעליעטאָנען, האָט בלאָשטיין געשריבן לידער. אַרגענטינער דירהס האָבן צום מיינסטן נישט קיין פענצטער, זיינען געווען געדרוקט צענדליקער פעליעטאָנען וועגן דעם, אַז דער חלום פון גרינעם איז אַ פענצטער און בלאָשטיין האָט וועגן דעם געשריבן אַ ליד. מען האָט פעליעטאָנעוועט וועגן דעם, וואָס די מענער דרייען זיך דאָ אום עלנטע

אין די גאַסן און די פרויען אינדערהיים שניידן זיך אויף די אָדערן און בלאָשטיין האָט וועגן דעם געשריבן אַ ליד. אונדזער דיכטער דאַרף נישט מער ווי אַ טעמע, בכדי אָנשרייבן אַ ליד, שפּראַך און ריטם האָט ער כסדר איבער דער מאָס. ער מאַכט זייער אָפט דעם אָנשטעל פון אַ סענטי־מענטאַלן דיכטער, אָבער זיין סענטימענטאַליזם לאָזט קאַלט. בלאָשטיינס ליד געפעלט, אָבער ווירקט נישט. איך ציטיר די ערשטע שורות, וואָס קומען מיר צום אויג:

„ווי רייף צעגליטער ווייבער גוף,
איז תאווהדיק די טונקל בלויע נאַכט
און אָטעם היים און מיד,
ווי זים פאַרחלשטע מינוטן פון באַהעפטונג.
און מיר,
אַזעלכע יונגע, קרעפטיקע און פלאַמיקע
המונות גאַנצע וואַנדלען מיר אַרום
אויף גאַסן נאַכטישע,
און יעדער טראָפּן בלוט אין אונדז,
פאַרצאַפּלט דופקט אוים אַ ווילד פאַרבענקט געבעט
און אָפּגעפּלייצט מיט פלאַקערדיקן
אין פיבער קאָרטשעט זיך די נשמה
בלוט,
ווילד
און פליסטערט מיט דאָס ליד
פון שיר היחוד"

מען פילט נישט דעם פלאַקער פון בלוט, מען פילט נישט דעם פיבער פון דער נשמה, מען הערט נאָר ווערטער פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט, אַז עס איז אַזוי. ווער עס קען בלאָשטיינען מיט זיין גרינקייט און אויס־געטרוקנטקייט און מיט זיין אויסגערעכנטער קאַלטקייט, קאָטשעט זיך פאַר געלעכטער, ווען ער לייענט ביי אים אַזאַ שורה, ווי:

„און מיר,
אַזעלכע יונגע, קרעפטיקע און פלאַמיקע..."

איבערגייענדיק אָפיציעל אין אַ קאָמוניסטישן לאַגער, האָט ה. בלאָ־שטיין אָנגעשריבן אַ פּאָעמע „איך" — אַ פּאָעמע, וואָס געהער צו די

רייפסטע זאַכן זיינע. ער גלאַנצט דאָ מיט זיין גאַנצער מייסטערשאַפט פון אַ פערזנמאַכער אַ בעל־מלאכה און האָט דערביי אַ לאַנגן אָטעם. ער קען דערציילן און דערציילן, עס פעלן אים נישט קיין ווערטער, פערזן, גראַמען און אַסאָנאַנסן, איבערהויפּט אַסאָנאַנסן. אָבער בלאָשטיין איז מיט דער דאָזיקער פּאָעמע אויסן געווען צו דערוויזן זיין רעוואָלוציאָ־נערישקייט, זיין אָנגעהעריקייט אין דער יוגנט צו רעוואָלוציאָנערע קרייזן — גלייך ער וואָלט געווען אין דעם פּרט אַן אויסנאַם, גלייך מיר אַלע האָבן נישט געהערט צו די דאָזיקע קרייזן און נישט פאַרזוכט דעם טעם פון תפיסה. ער שטרענגט זיך אויך אָן צו דערוויזן זיין... פּראָלעטאַרישן אָפּשטאַם. אין איינעם פון די פראַגמענטן פון דער פּאָעמע „איך", וואָס הייסט „די מאַמע האָט דערציילט", זאָגט בלאָשטיין, אַז זיין מאַמע האָט דערציילט:

— „אין מיין משפחה
איז אין מיין חופה־טאָג געווען דער טרויער גרויס:
דיין טאַטע איז געווען דער ערשטער בעל מלאכה,
וואָס האָט פאַרשוועכט דאָס יחוסדיקע הויז
ער איז געווען דער ערשטער שטאַפּל פון ירידה
מיט זיינע ביינערדיקע פּראַצעדיקע הענט;
און די רבנים אַלע און די גוטע יידן,
זיי האָבן גלייך אין אויג אים קוקן נישט געקענט...
דיין זיידע האָט געזאָגט: — „אויף בלומענבייט אַ דאָרן...
אָ, גאָט מיט וואָס האָב איך פאַרדינט די שטראָף?" —
נאָר העלפן נישט געקענט; געווען צו אָרעם,
ער זאָל כאָטש קענען טראַכטן פון אַ רב...
נאָר איך האָב גיך דיין טאַטן ליב געקראָגן:
ער איז געטריי און גוט, און שטיל אַזוי געווען.
און כ'האָב מיך איינגעשפּאַנט און מיטגעשלעפּט דעם וואָגן.
ס'איז שווער געווען! זעסט? — בלויע אָדערן אויף מיינע הענט...
און איך בין דאָך געווען די לעצטע אין משפחה —
האָט ביי מיין קדושין־רינג געפּלאַצט די יחוס־קייט" — — —

יעדער דערפילט, אַז די מאַמע האָט נישט געקענט זאָגן דעם אַפאָריזם „האָט ביי ביין קידושן־רינג געפּלאַצט די יחוס־קייט", און אַז די גאַנצע געשיכטע קלינגט דורך און דורך פאַלש, מאַכט דעם איינדרוק פון אַ ליגן.

איינע פון די גרעסטע ארבעטן בלאָשטיינס איז זיין פּאָעמע „ארבשולאָרג״ (ארבעטער שול אָרגאַניזאַציע) וואָס דער „ארבשולאָרג״ האָט אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם. די זאַך שטרעבט צו ווערן אַ מין אָדיסעע פון אַ צווייג פון אַרגענטינער יידישן אַרבעטער שול־וועזן. אַז די פּאָעזיע דאַרף „אַראָפּנידערן״ צום לעבן און כסדר אַריינברענגען דעם יום טוב פון געזאַנג אין דער גרויקייט פון דער שווערער פּראַצע און פון קאַמף, איז זיכער. די פּאָעזיע דאַרף ווירקן פונקט ווי עס ווירקט די מוזיק אין מאַרש. עס גייען מידע סאָלדאַטן, און אַז די מוזיק גיט אַ שפּיל, ווערט לייכטער צו גיין. אָבער ווירקט אַזוי בלאָשטיינס פּאָעמע? איך בין שטאַרק מסופּק. עפּעס ווייעט פון „ארבשולאָרג״ פון צו שטאַרקער פערזן־לייכטקייט. די שורות שיינע, עלעגאַנטע, אָבער נישט קיין קרעפטיקע שיטן זיך פון מויל און פון קאָפּ, עס פעלט זיי פלייש, בלוט, האַרץ און זיי ליידן פון אַן איבערפלוס פון פּאָזע.

אָט אַ דאָס איז דאָס גאַנצע שאַפן בלאָשטיינס.

שיין, עלעגאַנט,
לייכט, פּאָזעדיק,
בריהש אויסגעטראַכט
און קלוג צוגעטראַכט,
אָן פלייש און בלוט
אָן האַרץ און אָן נשמה.

ער ווייסט וואָס עס פעלט אים און ער פאַרמאַכט די אויגן, מאַכט טונקל פּאַפּוליאַוועס אַרום זיך, אַן אָנשטעל פון סענטימענטאַליזם און אי־בערצייגט נישט... איך לייען איבער צום צענטן מאָל די פּאָעמע און זי גיט קיינמאָל נישט קיין ברי. ס'איז נישט קאַמף, נאָר בראַוווּר, ביי די טוער איז זיכער פאַראַן קאַמף, אָבער ביים דיכטער ווערט דאָס נישט מער ווי בראַוווּר. ציטאַטן קלויבן איז נישט נויטיק, מען קען נעמען מן הבא בידי. און איך ציטיר טאַקע, וואָס עס טרעפט זיך מיר אונטער דער האַנט; אָט ווי ער באַשרייבט די דערעפענונג פון אַ קינדער־ביבליאָ־טעק:

דער לאַנגער הויף פון „ערשטער שול״
איז ווידער היינט מיט שמחה פול —
מיט קינדער, עלטערן און געסט:

מען זיצט, מען שטייט צונויפגעפּרעסט.
די ווענט באַפּוצט מיט בענדער רויט;
און איבער אונדז אַ הימל בלויט,
אַ זומער־אָוונט קיל און מילד —
דאָס וועטער האָט אונדז צוגעשפּילט!

פּרוווט דאָס זינגען און איר וועט נישט קענען, ווייל ס'איז דאָ אַלצדינג, וואָס אַ ליד דאַרף האָבן, חוץ פלייש, בלוט און נשמה, בלאָשטיין נעמט מעשים און בייט זיי אויס אויף ווערטער, אויף שיינע, וואוילקלונגענדיקע און גאַרנישט ווירקנדיקע ווערטער. יעדער בירגערלעכער פּערזנמאַכער וועט אויף באַשטעלונג אויך קאָנען מאַכן אַזעלכע פּערזן...

צווישן די דאָזיקע, וואָס זיינען געקומען אַהער רייפע, דאַרף מען צורעכענען א. מאַרגאָלין, וועמען די פּראָלעטאַרישע, רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטישע שרייבער־גרופּע „נייוועלט" האָט אַרויסגעגעבן אַ באַנד דערציילונגען, א. מ. „צווישן רעדער". די דאָזיקע דערציילונגען זיינען — מילד געריעדט — פון קליינעם ווערט און זייער נישט פּראָלעטאַריש.

נחמיה צוקער איז אַהער געקומען כמעט אין איין צייט מיט מלאכן און גיסערן. ער האָט אין דער אַלטער היים שוין געהאַט געדרוקט צוויי דראַמעס — „די חליצה" און „קרבנות פון פאַנאַטיזם". אין ביידע איז פאַראַן טעמפּעראַמענט, בונטאַרישקייט און משכילישע מעלאָדראַמאַטישקייט. פאַראַן אין זיי אפילו די השפּעה פון י. ל. גאָרדאָן. אין אַרגענטינע האָט נ. צוקער געשריבן איינאַקטערס, סקיצן, פּאַראָדיעס, קיבעץ, צייטפּיעסן. ער האָט אויך געשריבן מעמוארן פון שוישפּילער און ראָמאַנען.

י. ל. גרוזמאַן איז קיין אַרגענטינע געקומען פון רומעניע אין יאָר 1922, אין עלטער פון 20 יאָר. ער שטאַמט פון בעסאַראַביע, ער האָט אַ צייט געלערנט אין אדעס און ער האָט אָנגעהויבן שרייבן העברעאיש. ער האָט לכתחלה געשריבן סקיצן און לידער אין פּראָזע און מיט דער צייט איז ער איבערגעגאַנגען צו פּובליציסטיק און זשורנאַליסטיק. ער רעדאַקטירט זייט קנאַפּע צוואַנציק יאָר דעם זשורנאַל „שפּיגל", וואָס איז אַמאָל דערשינען וועכנטלעך און היינט דערשיינט ער חודשלעך. י. ל. גרוזמאַן האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דעם ביסל העברעאישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע און צונויפגעזאַמלט וועגן איר אויסשעפּנדיקע אינפאָרמאַציע.

שמואל ראָזשאַנסקי איז קיין אַרגענטינע געקומען אין יאָר 1922 אין עלטער פון 20 יאָר; ער איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע ביי ליטווישע

עלטערן. ער איז אין אַרגענטינע געווען אַן אַרבעטער, אַ לערער און האָט זיך געדרוקט אין פאַרשידענע אויסגאַבעס. היינט איז ער טעאַטער־קרי־טיקער און קאָלום־שרייבער אין דער „אידישער צייטונג". אין בוכפאָרם האָט ער איצט אַרויסגעגעבן „ד"ר חיים זשיטלאָווסקי" (1926), „דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט און טעאַטער אין אַרגענטינע", „הונגער צו זעט" (דערציילונגען און סקיצן), „אונדזערע אידייען, סביבה, עלטערן און קינדער", „אייגענע פרעמדע" (נאָוועלן און סקיצן), „אין בוענאָס איירעס" (סקיצן און מיניאַטורן) (1941).

ד"ר ל. זשיטניצקי איז געקומען קיין אַרגענטינע אין 1928 אין עלטער פון 34 יאָר. געבוירן געוואָרן איז ער אין קיעווער גובערניע. ער האָט אין קיעוו געענדיקט מיטלשול און יורידישן פאַקולטעט. ער איז מיטרעדאַק־טאָר פון „די פּרעסע" און ער שרייבט אויסער וועגן פּאָליטיק, וועגן ליטעראַטור, טעאַטער און אַלע קונסטן. אין בוכפאָרם האָט ער אַרויסגעגעבן „געשיכטע אויפפאַסונג" (1930) און „סען סימאָן" (1931).

יצחק איסאַקסאָן איז געקומען פון אוקראַינע אין יאָר 1921, אין עלטער פון 24 יאָר. ער שרייבט עסייען, צום מייניסטן וועגן אייראָפּע־אישע און אַמעריקאַנער שריפטשטעלער, דענקער און קינסטלער. ער שרייבט אויך וועגן דער העברעאישער ליטעראַטור און צומאָל וועגן יידי־שע קלאַסיקער. ביז איצט זיינען דערשינען זיינע צוויי ביכער: „עסייען און קריטיק וועגן ליטעראַטור און קונסט" (1933) און „עסייען" (היס־טאָריש־פּאָליטישע עסייען און פיגורן פון יידישן עבר און הוה) 1946. יצחק איסאַקסאָן האָט אויך איבערגעזעצט וויכטיקע ווערק פון פאַרשי־דענע שפּראַכן. ער איז איינער פון די געלערנטסטע שרייבער ביי אונדז. דאָס ערשטע בוך זיינס האָט באַקומען אַ באַגייסטערטע קריטיק פון ש. ניגער. דאָס צווייטע איז פאַרשוויגן געוואָרן.

דאָ איז דאָס פּלאַץ צו דערמאָנען די ברידער מנשה און משה קאָנ־סטאַנטינאָווסקי. ביידע זיינען קולטור־מענטשן, זיי שרייבן אי יידיש אי העברעאיש. זיי שרייבן לידער, פאַבלען. משה קאָנסטאַנטינאָווסקי שרייבט דערציילונגען (ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַנד דערציילונגען). מנשה קאָנ־סטאַנטינאָווסקי האָט אַרויסגעגעבן אַ וויסנשאַפטלעך ווערק וועגן לאָגיק און ער האָט רעדאַקטירט דעם יידיש־שפּאַניש ווערטערבוך פון י. ל. ווינאָקור און אַליין פאַרפאַסט אַ שפּאַניש־יידישן ווערטערבוך.

וועלוול טשערנאָוועצקי איז אַ זשורנאַליסט מיט אַ פאָלקסטימלעכן

טאָן און אַן אַריינזאָגער. ער איז קיין אַרגענטינע געקומען אין יאָר 1922 פֿון דער אוקראַינע אין עלטער פֿון 26 יאָר און ער איז באַלד געוואָרן מיטאַרבעטער פֿון פֿאַרשידענע אויסגאַבעס. זייט אַ סך יאָרן גיט ער אַרויס אַן אייגענעם חודש־זשורנאַל, וואָס הייסט „אַרגענטינער מאַגאַזין". ער איז באַקאַנט אויך אונטער דעם פּסעוודאָנים וועלוול טעפּליקער, אונטער וועלכן ער זאָגט אַריין שאַרף און דאָך באַלעבאַטיש די פּאַסטוכער פֿון דער אַרגענטינער געזעלשאַפֿטלעכקייט און ער האָט מוט צו זאָגן אַזעלכע אמתן, וואָס אַנדערע זאָגן זיי נישט. ער איז אַן אייגענער מענטש אין דער באַלעבאַטישער געזעלשאַפֿטלעכקייט און ער ווייסט די ביטערסטע אמתן און ער פֿאַרהוילט זיי נישט. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אין צוויי בענד מעמואַרן וועגן זיין אומגעבראַכטער היים א. נ. „טעפּליק מיין שטעטעלע".

אַ פּאָפּולערער און באַליבטער שעפֿערישער מענטש אין אונדזער ישוב איז געווען חבל כ"ץ. ער איז געווען אַ פֿאָלקס־זינגער, וואָס האָט זיך אַליין געשאַפֿן די לידער, וועלכע ער האָט פּאָפּולער געמאַכט דורך זיינע קאָנצערטן און דורך דעם ראַדיאָ. ער איז קיין אַרגענטינע געקומען אין יאָר 1930 אין עלטער פֿון 28 יאָר פֿון ווילנע. אין זיין היים איז ער געווען אַ דרוקער אַרבעטער און אַ קינסטלער אַן אָנפֿאַנגער. ער האָט אָנגעקניפּט אָנגעהעריקייט צו די „יונג־ווילנער". אין אַרגענטינע איז ער מסתמא אַ צייט געווען דער פּאָפּולערסטער ייד. זיינע לידער, צום מיינסטן געמאַכט אויף די מעלאָדיעס פֿון די טאָג־שלאַגערס, זיינען געוואָרן ד י ל י ד ע ר פֿון ישוב. עס האָבן זיי געזונגען בפּועל ממש קינד און קייט און אפֿילו נישט־יידן האָבן זיי געזונגען.

הבל כ"ץ האָט געשריבן פֿאַר זיך הומאָריסטישע לידער, פּאַראָדיעס, קופּלעטן און מאָנאָלאָגן. ער האָט באַזונגען דאָס לעבן פֿון „גרינעם" און פֿון דעם גוטמוטיק אָפּגעחוזקט. ער האָט איבערהויפּט אויסגעלאַכט די געמישטע שפּראַך פֿון גרינעם, דאָס באַנוצן זיך אויף אַ סנאָבישן אופֿן מיט שפּאַנישע ווערטער, שלעכט אַרויסגעזאָגטע דערצו. ער האָט זיך כסדר גענוצט מיט דעם ווילנער דיאַלעקט און ער האָט פֿאַרייניקט די אָרימע און פֿאַרטיפֿטע ליטע מיט דער שפּעדיקער און פֿלאַכער אַרגענטינע. ער האָט באַזונגען זיין ווילנע און ער האָט באַזונגען מאָזעסוויל און טוקומאַן. ער האָט געזונגען וועגן ווילנע, פֿון וואַנען עס שטאַמט דער ווילנער גאון און נאָך גדולים, אַז „פֿאַראַן דאָרט גרויסע מענטשן, וואָס

נישטאָ אין זייער גלייך" און ער האָט באַזונגען דאָס בלאָטיקע שטעגעלע פון קאָלאָניסט, וואָס האָט צוגעזאָגט צו ברענגען אַהער זיין כלה פון דער אַלטער היים

און אין צווייען
וועלן מיר אַקערן,
וועלן מיר זייען.

חבל כ"ץ איז פאַרשניטן געוואָרן אין בלי פון לעבן, אין עלטער פון 38 יאָר, אין 1940. ער האָט געהאַט די גרעסטע לוויה, וואָס אַ ייד האָט אין אַרגענטינע געהאַט. מען האָט געשאַצט, אַז אַריבער 50 טויזנט מענטשן האָבן אים באַגלייט צו זיין רו.

דער צווייטער דור האָט זיך פאַקטיש אויך געהאַלטן אין די ראַמען פון איינפאַכקייט און פּאָלקסטימלעכקייט, וואָס איז דער הויפּט סימן פון דער אַרגענטינער יידישער ליטעראַטור. קיין אינטעליגענטישע עקספּע־רימענטן האָט מען דאָ נישט געמאַכט נישט אין פּראָזע און נישט אין פּערז. די שרייבער פון אינטעליגענטישן אָפּשטאַם האָבן זיך דאָ פאַר־פּאָלקסטימלעכט. אינטעליגענטישער פון אַלע איז פאַרבליבן דווקא דער לינקער ה. בלאָשטיין.

אַזאַ קלאָר פּרצוף ווי אונדזער ליטעראַטור האָט דאָ געהאַט אין ערשטן דור, האָט זי אין צווייטן נישט געהאַט. דער צווייטער דור האָט מער אויפגערודערט און געגעבן אימפּולסן, ווי געשאַפן, אָבער די דאָזיקע אויפרודערונג, וואָס האָט געבראַכט כאָאָס איז געווען אַ פּראָדוקט פון דער צייט און במילא אַ מוז. זי האָט אין אַלגעמיין נישט געבראַכט קיין שאָדן דער אַרגענטינער יידישער ליטעראַטור, נאָר טאַקע נוצן. זי האָט אַריינגעבראַכט וועלט, וועלט־פּראָבלעמען און געמאַכט אונדזער ליטע־ראַטור גרויסשטאָטישער.

איינער פון די וויכטיקסטע שרייבער פון צווייטן דור — ל. מלאך — איז אוועק אין דער אייביקייט, צוויי — מ. ד. גיסער און ה. בלאָשטיין — זיינען אַוועקגעפאָרן. לידער, דערציילונגען און פאַרמעסטן אויף דראַ־מעס און ראָמאַנען זיינען געבליבן...

ה.

די דריטע עפּאָכע

די דריטע עפּאָכע האָט זיך אָנגעהויבן לערך אין יאָר 1925. זי איז די לענגסטע תקופה אין אונדזער ליטעראטור. זי ציט זיך שוין זייט באלד א פערטל יאָרהונדערט (די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן — אָדער קאָנטראָלירט — אין יאָר 1949) און זי קריגט צו אַלץ נייע און נייע שרייבער. עס זיינען אָבער נאָך גאַנץ אקטיוו אייניקע שרייבער פון דער ערשטער און שוין אוודאי פון דער צווייטער עפּאָכע. די סאמע ערשטע עקספּאָנאטן פון אָט דער תקופה זיינען געקומען אין לאַנד אריין צווישן 1923 און 1936 און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באוויזן עפנטלעך אין די יאָרן 1925-1926. דער הויפּט־סימן פון אָט דער עפּאָכע איז — ארגענ־טינישקייט. די מערסטע שרייבער פון דער דריטער תקופה בארירן כמעט נאָר ארגענטינער טעמעס. דער שטארקסטער אויסנאם אין אָט דעם פּרט איז משה גראַניטשטיין, וועלכער האָט אין ארגענטינע אָנגעשריבן א גאַנצע ריי ווערק וועגן דעם לעבן פון דער אַלטער היים און ער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן דער בלאָשטיין־כע „דיקטאטור" צו שרייבן נאָר וועגן דעם היגן לעבן. ער האָט פארבונדן א פּאָלעמיק מיט די צוויי דערמאָנטע און ער האָט נישט אויפגעהערט זאָגן, אז א שרייבער דארף זיך „אויסלאָדן" און ער קען נישט אריינלייגן אין חרם זיינע א וויכטיקע לעבנס־עפּאָכע. מיט דער צייט אָבער האָט זיך גראַניטשטיין אויף א נאטירלעכן אופן אַרגענטיניזירט און ער האָט אָנגעשריבן א גאַנצע ריי ווערק פון היגן לעבן, אָבער פון צייט צו צייט קערט ער זיך אום צום יידישן לעבן פון דער אַלטער היים און צו דער גאַנצער וועלט בכלל. ער האָט א נייגונג צו אוניווערסאליזירן דאָס יידישע לעבן און צו יידישן דעם אוניווערס.

די דריטע תקופה איז ענלעך צו דער ערשטער נאָר מיט דער אר־גענטינישקייט פון די טעמעס, אָבער נישט מיט דעם צוגאַנג און נישט מיט דעם אופן שרייבן. די שרייבער פון דער ערשטער עפּאָכע האָבן גע־האַט א מין משפּחה־צוגאַנג צום אָרטיקן יידישן לעבן, וואָס איז געווען קליין און ווי עפּעס איינגאַנצן אויף א טעלער. פאַראַן בענקשאַפט ביי די שרייבער פון דער ערשטער תקופה, אָבער נישט קיין אומרו. פאַראַן טאקע

א געוויסע מנוחהדיקייט. ביי די שרייבער פון דער דריטער תקופה איז פאַראַן דער אומרו פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אירע קאָנסע־קווענצן די רעוואָלוציעס. די סביבה איז די אַרגענטינער, די מענטשן און זייער גייסט זיינען אייראָפּעאישע.

משה גראַניטשטיין איז דער סאַמע ערשטער און דער עלטסטער פון די יונגע שרייבער. ער איז אַהער געקומען פון וואָלין אין 1926 און ער איז אויך איינער פון די לעצטע אין דער צווייטער תקופה. ער שטייט אייגנט־לעך אין דער מיט צווישןביידע און ער געהער מיט איין טייל פון זיין שאַפן צו דער צווייטער תקופה און מיט איין טייל שאַפן צו דער דריטער תקופה. ער איז דער פּראָדוקטיווסטער פון אַלע היגע יידישע שרייבער און ער האָט שוין ביז איצטער אַרויסגעגעבן דרייסיק ביכער. ער שרייבט בעלעטריסטיק, פּאָעזיע, סאָציאָלאָגיע און געשיכטע. ער איז פּונקט אַזוי־פיל פּראָבלעם וויפל שרייבער. די פּראָבלעמאַטישקייט פון זיין שרייבן באַשטייט אין דעם, וואָס די זשאַנרן ווערן ביי אים צונויפגעמישט און גאַנצע טיילן פון זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען הערן אויף צו זיין בעלעטריסטיק און זיי ווערן פּובליציסטיק און סאָציאָלאָגיע אין פּשוטסטן זין פון וואָרט. די לייכטקייט פון מאַכן אַ חנדל פון אויסמישן די זשאַנרען — ווי עס טוט יעקב גלאַטשטיין אין „ווען יאָש איז געפאָרן״ און „גע־קומען״ — האָט אונדזער שרייבער נישט און דערפאַר לייענט איר אים און איר נעמט אייך פרעגן: פאַרוואָס גיט ער בוידעם פאַר קלאָץ און פּאַרקערט?

משה גראַניטשטיין האָט אי וויסן אי טאַלאַנט און ער טוט אָפּט ביידע אויף צו להכעיס. ער קערט איבער דעם פּעלץ און די הויט פון די זאַכן און ער ווייזט זיי צו־להכעיסדיק און ער ברענגט אַרויס בילדער, וואָס ווירקן ווי פאַלשע מוזיק און געדאַנקען, וואָס ווען זיי זיינען פּאַראַ־דאָקסן איז דאָס גוט, זיי זיינען אָבער אַ סך מאָל אויך אַבסורדן.

משה גראַניטשטיין האָט אַ שוואַכקייט צו נעמען פּאַרטיקע נעמען פאַר זיינע ווערק. ער האָט ביכער, וואָס הייסן „נאַרא״, „ביים וואָקזאַל״, „מסעות פליגלמאַן״ א. א. וו. דאָס דאָזיקע ווערט געטון מסתמא אויך מיט א געוויסער כוונה צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון שרייבער — מ. ג. שרייבט מער פאַר שרייבער ווי פאַר לייענער, ער גיט זיינע ביכער אַרויס אין אַ נישטיקער צאָל עקזעמפּליאַרן און אַ סך פון זיי געפינט מען אינגאַנצן נישט צו קויפן—, אָבער ער טוט דאָס אויך, ווייל ער לעבט

פאַקטיש אין אַ ליטעראַטור־ספּערע און ליטעראַטור איז פאַר אים פּונקט אַזאַ רעאַליטעט ווי דאָס רעאַלע לעבן און אפשר איז טאַקע די ליטעראַטור פאַר אים מער רעאַל לעבן ווי די רעאַליטעט. אז ער נעמט עפּעס באַשרייבן, דערמאָנט ער זיך אַ ליטעראַריש ווערק, וואָס איז אַנאַלאָגיש צו דעם, וואָס ער וויל באַשרייבן...

ער איז דאָס דאָזיקע, וואָס בעל מחשבות האָט געזאָגט וועגן מנחם באָריישאָ, אונדזער גראַניטשטיין — ער איז אַ נולד מהול. ער איז געקומען אַ פּאַרטיקער מיט אַ סך שפּראַך און מיט אַ זיכערער פאָרם, אָבער עס האָט זיך נישט געפילט קיין אייגנס אין אים. ער איז פול געווען עפּעס ווי גאָטס און פרעמדס און ער איז אונטער דעם געלעגן ווי אונטער אַ באַרג; און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער ראַנגלט זיך מיט די פרעמדע סטילן און ער בלאָנדזשעט צווישן מענדעלען און בערגעלסאָנען, צווישן איבסען און ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע און ער זוכט אַ שטיקל אָנהאַלט פאַר זיינע מענטשן און פאַר זיך אַליין. און ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרויסזען אַ שטיקל אייגן פּנים ביי אונדזער שרייבער, ווען זיין געראַנגל פאַר אייגנס האָט אָנגעהויבן ווערן זיין אייגענער אויסדרוק, האָט ער אָנגעהויבן מאַכן אָנשטעלן פון אַן אָריגינעלן לץ און פּראַוון קאַפּריזן און צו להכעיס און זאָגן, אַז אַ שרייבער דאַרף אַזוי דערציילן אַזוי ווי, אַ שטייגער, אַ די וואַנט וואָלט דערציילט, ווען זי וואָלט באַקומען לשון און אויב מ׳קען דאָס נישט, דאַרף מען לאָזן בלויזן, אָפן ווי דער אָפּגרונט. גראַניטשטיין פּראַוועט זייער אָפט אויך לינקיזם, אָבער אויך אין דעם איז פאַראַן קאַפּריז און צו־להכעיס. און ווען אַרבעטער זינגען ביי אים נישט נאָר אַרבעטער־לידער, נאָר אויך „כל מקדש", איז דאָס נישט נאָר צולהכעיסדיקייט, נאָר אויך אָרגאַנישקייט. גראַניטשטיין איז אפשר מער ווי אַלע אַרגענטינער יידישע שרייבער אַריבער די גרעניץ פון אַרגענטינע — אויסער דעם יונג־פאַרשניטענעם ש. פרייליך, וואָס איז אַלס קינדער־שרייבער אונטערן פּסעוודאָנים ליטמאַן געוואָרן באַרימט אומעטום — אָבער ער איז אומעטום אַ פּראָבלעם און עס קומט אויס, אַז מען דאַרף זאָגן — „תיקו גראַניטשטיין"...

אבגדור שפּריצער געהער אויך צו די סאַמע ערשטע שרייבער פון דער דריטער תקופה און לויטן גייסט געהער ער אויך צו דער צווייטער תקופה. ער איז אַהער געקומען פון גאַליציע אין יאָר 1926 און ער האָט געבראַכט אַ געדרוקטע דראַמע „איוב", וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן

פאַרמעסט און בליצן פון פאַרווירקלעכונג. ער האָט דאָ געשריבן און פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי דערציילונגען פון היגן לעבן, קינדער־מעשהלעך, ער איז אין אַ היפשער מאָס דער ערשטער דורכויסיקער קינדער־שרייבער ביי אונדז, ער האָט זיך אויך ווייטער פאַרמאָסטן אויף דראַמעס מיט גרויסע פּראָבלעמען און אינהאַלטן. ער האָט יאָרן־לאַנג געשריבן אין פערזן „חומש און מעשהלעך פאַר קינדער" און ער האָט זיי נישט לאַנג אַרויסגעגעבן אין צוויי בענד.

אין די דערציילונגען איז אבגדור שפּריצער זייער באַאיינפלוסט פון י. אָפּאַטאָשו. אין אייניקע האָט ער געגרייכט ביז צו פּשוטער אימיטאַציע. אין די קינדער־דערציילונגען פעלט געמיט און הומאָר און זיי קומען אַרויס געמוטשעט און אויב קינדער זיינען די מאָסגעבנדיקע קריטיקער פאַר קינדער זאַכן, איז אבגדור שפּריצער דער פּראָדוקטיווסטער קינדער־שרייבער ביי אונדז, אָבער ווייט נישט דער באַליבטער... די חומש־מעשהלעך ווערן דערטרונקען אין גראַמען. דער פאַרמעסט פון שפּריצערס דראַמעס שטאַמט מסתמא פון דעם, וואָס ער האָט אין דער סאַמע יוגנט זיך פאַרלייענט מיט געטען און ער האָט געוואָלט ווערן — נאָך גרעסער. שפּריצער איז דער פּרעטענציעזסטער יידישער שרייבער ביי אונדז, אָבער קיין איין קריטיקער האָט נאָך נישט באַמערקט, אַז ער זאָל זיינע וועקסלען געוועזן האָבן געסילוקט.

צו די עלטערע שרייבער פון דער דריטער תקופה געהער א. א. פישער, וואָס שטאַמט פונקט ווי שפּריצער פון גאַליציע, און ווי ער געהער ער אויף העלפט צו דער צווייטער תקופה. ער איז געקומען קיין אַרגענטינע אַ געענדיקטער באַדן־אינזשיניר, אַ קולטור־מענטש און ער האָט שוין אין דער אַלטער היים געהאַט פאַרעפנטלעכט אייניקע ליטעראַרישע פּרוּוון. ער האָט געשריבן סקיצן, לידער און אויך דראַמען. ער האָט דאָ אַ היפשע צייט געשריבן פון לעבן אין דער אַלטער היים. דאָס אייניציקע בוך דערציילונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, „אין וועג" (1934) איז צום מייסטן פון ווינער לעבן. די לעצטע יאָרן שרייבט ער פון אַרגענטינער יידישן און אויך נישט־יידישן לעבן. א. א. פישער האָט זיך קיינמאָל נישט געווידמעט דורכויס דער ליטעראַטור און דערפאַר איז ער אין זיין שרייבן פאַרבליבן דילעטאַנטיש. זיינע זאַכן זיינען געשריבן קאָרעקט און אָרנטלעך און אייניקע פון זיי האָבן אינטערעסאַנטע באַאָבאַכטונגען, אָבער דאָס אייגענע קול פון שרייבער איז שווער צו דער־

הערן. עס איז אויך פאַראַן דאָס עקזאַקטע, דאָס אינזשינירישע אין זיין שרייבן. א סך שטעלן אין פישערס דערציילונגען מאכן דעם איינדרוק פון אַ באריכט; אָט איז אַ ביישפּיל:

„בליצשנעל האָט דער בלייכער בחור אַרויסגעריסן א רעוואָל־ווער פון דער קעשענע און ער האָט אויסגעשאָסן דער ערשטער. דער פּאָליציסט האָט געענטפערט מיט אַ שאָס. דער בחור האָט א געשריי געטון און זיך געלאָזט ווייטער לויפן. ווייט איז ער נישט דערלאָפן. ער איז באלד, אָן אויף טויט פארוואונדעטער, צוזאמענגעפאלן. אויך פונעם פּאָליציסטס אַ פוס איז גערונען בלוט".

אָבער דאָ און דאָרט גיט אַ בליץ מיט געמיט פון פישערס דערציי־לונגען. פאראַן בליצן, וואָס זאָגן עדות, אז ער וואָלט געקענט ווערן א סך מערער ווי ער איז, ווען ער וואָלט כסדר געשריבן. טאקע די דערציילונג „לינדזשעראס" (אַרגענטינער וואגאבונדן), פון וואנען עס איז געבראכט דער ציטירטער שטעל, פארענדיקט זיך מיט דעם, וואָס די קאָמיסיע האָט ביים דערשאָסענעם וואגאבונד נישט געפונען קיין שום דאָקומענט און „זיין קבר, א נידעריק בערגל ביי דער זייט פון באן, איז געבליבן אָן אן אויפשריפט אזוי לאַנג, ביז ער איז אינגאנצן אויסגעגלייכט געוואָרן פון רעגן און ווינט מיט פלאכן פעלד אַרום". און עס בלייבט אין געמיט א טרויער פון אַ מענטשן, וואָס איז מיט איין שאָס אָפּגעווישט געוואָרן. אזעלכע בליצן רופן אַרויס א באדויערן אויף דעם, וואָס א. א. פישער איז געבליבן נאָר א גאסטראָליאָר אַ שרייבער...

פּנחס ביזבערג, אַ געקומענער מיט אַ יאָר שפּעטער, געהער אויך אויף העלפט צום צווייטן און אויף העלפט צום דריטן דור שרייבער. ער שטאַמט פון פוילן, האָט אַ לאנגע צייט געלעבט אין דייטשלאנד, ווו ער האָט געענדיקט אויף אגראָנאָם און אַהער איז ער געקומען אין יאָר 1927. ער האָט דאָ געשריבן וועגן דער אַלטער היים און זיין באנד דערציי־לונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1939 הייסט „נייע היימען". פּנחס ביזבערג איז אַ זייער אַרבעטזאמער און ער איז דער רעדאקטאָר פון אַ סך ייווא־אַרבעטן און דער מחבר פון אַ גאַנץ אָרנטלעכער מאָנאָ־גראפיע וועגן פּאָטער פון אגראַרן קאָאָפּעראטיוויזם — נישט נאָר יידישן — אין אַרגענטינע, מיגעל סאכאראָוו. **ער שרייבט אויך דראמען און** זיין דראַמע „אַ נאַכט אין נירנבערגער געטאָ" האָט באַקומען אין יאָר 1947

די קאַסנער־פּרעמיע און זיין דראַמע „חנה סענעש — אַ יידישע העלדין" איז געשפּילט געוואָרן מיט אַ באַדייטנדיקן דערפאָלג אין אַ בוענאָס איירע סער יידישן טעאַטער.

פּנחס ביזבערג האָט די ערשטע צייט נאָך באַשריבן דייטשע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע. ער האָט אַ היפּשע צייט געלעבט צווישן דייטשע קאָלאָניסטן נישט ווייניקער ווי צווישן די יידישע און ער האָט געשריבן דערציילונגען וועגן דייטשע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע. דאָס דאָזיקע זאָגט עדות אויף זיין אָרגאַנישער צוגעבונדנקייט צו דייטשלאַנד און צו דייטשן. און די דאָזיקע צוגעבונדנקייט איז נישט געבליבן אָן השפּעה אויף זיין סטיל, אין וועלכן עס איז פאַראַן עפּעס דייטשישקייט. קיין דייטשמע־ריזמען זיינען דווקא נישט פאַראַן ביי אים, ער שרייבט אַן אָפּגעהיטן יידיש, אָבער עס איז פאַראַן דייטשישע שווערקייט אין זיין סטיל. פאַראַן, וואָלט איך געזאָגט, „געדיכטע זאַצן", וואָס דערמאָנען אין דייטש.

די מערסטע דערציילונגען פון פּנחס ביזבערג פאַרמאָגן בילד און געמיט, אָבער עס ווייעט פון זיי אַ פרעמדקייט. נישטאָ די אייגנקייט און אינטימקייט פון מחבר. עס פעלט דער יידישער אָטעם. אַן אויסנאַם איז אין דעם פּרט די דערציילונג „דער קראַנקער דאָקטער", וואָס איז בלי שום ספק די בעסטע זאַך פון ביזבערגן. די דערציילונג איז געווידמעט דעם אָנדענק פון דר. ירחי, וואָס איז געווען איינער פון די געציילטע העלדן פון אַרגענטינער יידישן ישוב. ער האָט געוווינט אין אַ קאָלאָניע אין ענטרע ריאָס און ער איז געווען אַן עכטער טיפּ פון אַ פאָלקס־דאָקטער אין בעסטן זין פון וואָרט און ער איז געווען באַליבט ביי גויים נישט ווייניקער ווי ביי יידן. דער באַוווּסטער אַרגענטינער און אַרגענטיניש־יידישער שרייבער אַלבערטאָ גערשונאָוו, האָט שוין אין זיין שפּאַנישן בוך „יידישע גאַוטשאָס" באַשריבן דאָקטער ירחין. ביי ביזבערגן וואַקסט די גאַנצע זאַך אויס שיר־נישט צו אַ פאָלקסטימלעכער געשיכטע.

ה. וואָלף איז קיין אַרגענטינע געקומען אין יאָר 1924 און ער האָט דאָ אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע ביכל לידער א. נ. „בלעטער" אין יאָר 1925. ער איז געקומען אַהער פון לאָמזשע, ווו ער האָט געהערט צו דער דאָרטיקער יוגנטלעכער גרופּע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם זאַמלבוך „טייפון". ער איז וואַרשיינלעך דער ערשטער פּאָעט פון דריטן דור. זיינע לידער זיינען געווען מער אָנזאָגן און צוזאָגן ווי פאַרווירקלעכונגען. ער האָט זיך געהאַט נויגונגען צו עקספּרעסיאָניזם אין דער פאָרם און צו

פּאָעטיש־מיסטיש־רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט. עס איז אין זיין שאַפן גע־קומען צו אַן איבערברוך, ער האָט איבערגעלאָזט די פּאָעזיע און בכלל די בעלעטריסטיק און ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט פילאָזאָפיע און מיט סאָציאָלאָגיע; אין יאָר 1936 איז דערשינען אין ווילנער פאַרלאַג „בזשאָזע" זיין ווערק „דער עטישער סאָציאַליזם" מיט אַ פאָרוואָרט פון י. נ. שטיינבערג און אַ נאָכוואָרט פון ש. ניגער. דאָס ווערק האָט עושה רושם געווען און ה. וואָלף איז געוואָרן אַ באַקאַנטע פערזענלעכקייט. אין יאָר 1937 איז דערשינען וואָלפס אַ צווייט ווערק א. נ. „די איבערגאַנג־געזעלשאַפט", וואָס איז אייגנטלעך אַ המשך פון „עטישן סאָציאַליזם". אין יאָר 1939 איז דערשינען אין ניו יאָרק וואָלפס מאָנאָגראַפיע „חפץ חיים", אין יאָר 1944 איז אין ב. איירעסער פאַרלאַג פון דוד לערמאַן דערשינען זיין „מענטש און גאָט" און אין יאָר 1946 איז דערשינען אין זעלביקן פאַרלאַג אַ נייע באַאַרבעטונג פון זיין „עטישער סאָציאַליזם" א. נ. „ביאָלאָגישע אויפפאַסונג פון מענטש און געזעלשאַפט", וואָס באַריִרט, ווי דער מחבר זאָגט אין זיין הקדמה, „די פונדאַמענטאַלסטע פּראָבלעמען פון מענטשן און זיין לעבן".

ה. וואָלף דער שרייבער האָט באַקומען אַ תיקון אין די אַלע אויס־גערעכנטע ווערק. ער באַווייזט זיך אין זיי ווי אַ פּובליציסט מיט וויסן, טעמפּעראַמענט און מיט שאַרפקייט. עס איז פאַרשוווּנדן דער פאַרגעפּל־טער און זוכנדיקער דיכטער און אויף זיין פּלאַץ איז געקומען אַ געלערנ־טער מיט אַ שניידיק וואָרט און מיט אַ לאַנגן אָטעם. די קריטיק פון דער היינטיקער געזעלשאַפט איז ביי וואָלפן נישט קיין נייע, אָבער זי פאַר־מאָגט אַזויפיל קראַפט, אַז זי ווירקט ווי ניי. צו דער עצם־טעאָריע פון וואָלפן האָב איך אין אייניקע אָפּהאַנדלונגען וועגן די ביכער, וואָס זיינען דערשינען בשעתם, אויסגעדריקט מיין דורכויסיקע נעגאַטיווע באַציאונג. איך גלויב נישט, אַז עס וועט אויסגעבויט ווערן אַן עטיש־סאָציאַליסטישער רעזשים דורך דעם, וואָס מען וועט דורך גוט־געשריבענע ביכער מאַכן אַגיטאַציע פאַר אַזאַ רעזשים. די אַגיטאַציע איז אין דעם פּרט נישט ניי, זי איז שוין דאָ ביי די נביאים און אין דער עוואַנגעליע און — ווו נישט? די ווירקלעכקייט האָט וואָלפס ביכער דערווייל געלאָזט נאָר אַלס ליטע־ראַטור.

עס איז דאָ איצטער דאָס פּלאַץ צו דערמאָנען די פיר אבידות פון דער דריטער תקופה פון אונדזער ליטעראַטור. דאָס זיינען יעקב פּלאַפּאַן

ש. גראַניעוויטש, מ. ז. גאָלדשטיין און ש. פריילאַך. יעקב פלאַפּאַן איז געווען איינער פון די טאַלאַנטירטסטע דערציילער ביי אונדז. ער איז געקומען קיין אַרגענטינע אין יאָר 1924, אין עלטער פון 27 יאָר. ער האָט געהאַט דעבוטירט נאָך אין יאָר 1922 אין קאָוונע, ווו ער האָט אין יאָר 1924 אַרויסגעגעבן א בוך. ער האָט זיך פאָרמירט אין בוענאָס איירעס, ווו ער האָט געאַרבעט אלס פאַבריקמאַכער און געלעבט ווי אַ האָרעפּאַשניק און ער האָט שווער געאַרבעט איבער זיך אלס שרייבער. ער האָט געשריבן לידער און דערציילונגען. אין די לידער האָט ער אויסגעדריקט אַ פערזענלעכע פרייד און אַ מין התנצלות דערפאַר, וואָס אין צייטן, ווען די מענטשהייט איז צעטרייסלט ביז אירע טיפסטע יסודות, זינגט זיך ביי אים. אין די דערציילונגען האָט ער געשילדערט צום מיינסטן ארבעטער און זייער אָפּט אַרבעטער פון סאַמע אָרימסטן מין, ווי גאסן־קערער, שטיוול־פוצער א. א. וו. ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו שילדערן דעם מין מענטשן, וואָס איז, דאַכט זיך, נאָענט צו דער בהמה, דעם „עם הדומה לחמור", אָבער אין אָט דעם מין מענטשן האָט ער געפונען דאָס מענטשישע. פאַראַן ביי פלאַפּאַנען א השפּעה פון אָפּאַטאָשון, אָבער ער האָט אַן אייגן קול און אַן אייגענעם טאָן. אין אייניקע ערטערס פון יעקב פלאַפּאַנס דערציילונגען און סקיצן איז פאַראַן אַ צו־שטאַרקע געדיכטקייט. עס דאַכט זיך דיר, אַז דו געפינסט זיך אי די סאַמע געדיכטסטע קאַמערלעך פון דעם מענטשלעכן בלוט, אין וועלכע דער מחבר פארקריכט ווי אין א לאַבירינט און ער קריכט שווער ארויס. אָבער די הערסט פלוצים דאָס געזאַנג פון אָט דעם בלוט. ווען אַכמעד, דער גאַסן־קערער, (אין דער דערציילונג מיט דעם זעלביקן נאָמען) שטעלט זיך פאַרטאָג אַ מידער צו דער ארבעט און דער בעזים קלערט זיך מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ: „איך האָב דעם כבוד צו רייניקן די גאַסן, אנו פּראָבירט וועך ליי־קענען", זעט ער פאַר די אויגן זיין מיידל סאַריטאַ און דערפאַר דערפילט ער דווקא „דעם פאַסקודנעם ריח פון דער גאַס"; און ער גרייט זיך צו ווי אזוי זיך צו דערקלערן איר אין ליבע און ער זעט ווי ער עפנט ברייט די טיר „אין יענעם שמאָלן, רויטן קאַסטן, גאַנץ אונטן אין פּאָרט". ער זאָגט גוט אָוונט און זי גיט אים מאַטע צו טרינקען און „פאַרלייגט די הענט אויפן בוזעם און וואַרט מיט שטילער געטריישאַפט, ביז ר'וועט ענדיקן". דאָס גאַנצע בילד ווערט צעשטערט דורך דעם, וואָס אכמעד שפּאַרט זיך צו־שטאַרק אָן אויף דעם בעזים און קערט זיך איבער...

אין דער סקיצע „שטאָטישער ברוק" שילדערט פלאַפאַן א בחור, וואָס כאַפּט זיך אויף אין באַגינען אין א שטיבל פון א זונה און עס געשעעט מיט אים אַ מאָדנע זאַך: ער שטעלט זיך אויף די קני פאַר דעם בעט פון דער מויד און ער רעדט אומפארשטענדלעכע ווייד אריין אין אָט דעם בעט און זאָגט, אז ער האָט ליב „אָט דאָס קינדישע ליפּל מיט די ווייסע ציינדלעך" און — „ר'איז דאָס אַזוי פארנומען געווען אין זיין שטילן ניגון פון זיין מאָדנעם בלוט, אז ער האָט גאָרנישט געזען ווי זי האָט די אויגן געעפנט, געוואָלט א שמייכל טון, האָט זי אָבער געזען א בלייך פּנים מיט צוויי גרויסע, בלויע פייכטע אויגן, וואָס האָבן שוין גאָרנישט אויף איר געקוקט, איז איר דער שמייכל אָפּגעשטאָרבן דאָרט אויפן פּנים" און ווען זי האָט דערזען דעם מאָדנעם בחור שטיין פאַר איר בעט אויף די קני, האָט זי ארויסגעלאָזט א געשריי און „זיך ביז אין די אויגן פארדעקט. זי האָט גאָרנישט פארשטאַנען, זי האָט אָבער דער־שפּירט מיט יענעם איבערגעבליבענעם מיידל־בלוט א טיפע חרפּה פאַר דעם קניענדיקן בחור".

יעקב פלאַפאַן האָט מיט זיין בלוט געשפּירט און דערשפּירט דאָס געזאַנג פון מענטשלעכן בלוט אין סאַמע תהום און ער איז דעם דאָזיקן געזאַנג נאָכגעגאַנגען און ווען ער האָט צו דעם דערגרייכט, איז ער אין עלטער פון 39 יאָר געגאַנגען דעם אייביקן וועג אין די בערג פון קאָר־דאָבע און געלאָזט ביי אונדז נאָך זיך א בלויז פון אַן עכטן דערציילער.

דער צווייטער נפטר פון אָט דער עפּאָכע איז דער דערציילער ש. גראַניעוויטש, וואָס איז אַהער געקומען פון פוילן אין יאָר 1928, אין עלטער פון 22 יאָר. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין דער עלטער היים און דרוקן האָט ער זיך אָנגעהויבן אין אַרגענטינע. א „חברים־קאָמיטעט" האָט אים געהאָלפן ארויסגעבן א באַנד דערציילונגען א. נ. „רויטלעכע פארנאַכטן". אין זיינע סקיצן און דערציילונגען האָט ער איבערהויפּט געשילדערט דעם אויסגעוואָרצלטן יידישן אינטעליגענט, דעם לערער און דעם רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט זיך נישט געקענט איינלעבן אין דער צו־פּראַקטישער סביבה פון לאַטיין־אמעריקאַנער לעבן בכלל און יידישן לעבן בפרט. עס ווייעט מיט די העברעאישע שרייבער בערשאַדסקי, גנעסין און ברענער פון גראַניעוויטשן. די איינציקע טרייסט אין א רויטלעכן פארנאַכט געפינט זיינער א העלד אין א קליין קינדיש גופל פון זיינעם א ניינעריקן תלמיד, וואָס באַציט זיך צו אים פריינטלעך.

ש. גראַניעוויטש האָט אין זיינע אויסגעוואָרצלטע העלדן געשילדערט צום מיינסטן זיך אַליין און ער האָט אַליין געבלאָנדזשעט אַן אומרואיקער צווישן אַרגענטינע, אורוגוויי און בראַזיל און ער איז אַוועק קיין ארץ ישראל ווו ער איז אין יאָר 1936 געשטאָרבן אין תל אביב, אַן איבערגעפּאָרענער פון אַ צוג. איניקע האָבן געזאָגט, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

מ. ז. גאָלדשטיין איז קיין אַרגענטינע געקומען אין יאָר 1923, אין עלטער פון 23 יאָר. דאָ איז ער געוועזן אַ שטריקער־אַרבעטער און ער האָט אָנגעהויבן שרייבן סקיצן און דערציילונגען, אין וועלכע עס איז נישט געוועזן קיין סך מער ווי מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס. דאָ און דאָרט איז געווען אַ פּרווו פון פּסיכאָלאָגישער פאַרטיפונג. אין דער דערציילונג „אָפּגעבראָכענע צווייגן" האָט גאָלדשטיין געשילדערט אַ ליבע פון אַן אימיגראַנט לעאָן צו זיין ערשט־אָנגעקומענער חברטע בערטאַ. זי וואָלט געוואָלט, אַז ער זאָל זיך נאָכפרעגן ביי איר אויף אַלע פריינט און חברים און אויף דעם גאַנצן לעבן אין דער אַלטער היים, ער אָבער האָט זי דערפילט, ער האָט אין איר דערפילט די זיסקייט און זאַפטיקייט פון אַ שיינעם עפּל, וואָס איז ביז איצטער געהאָנגען אויף דעם בוים און ער וויל זי איינגאַנצן. זי פּרווט אים פאַרינטערעסירן מיט דער אַלטער היים, זי נאַרט אים בדאי אָפּ און דערציילט אים, אַז זיין בעסטער חבר איז געשטאָרבן און ער בלייבט אַלץ דער אויסגעהונגערטער און דורשטיקער נאָך ליבע. איר דאַכט זיך, אַז מיט דעם, וואָס ער איז צופיל פאַרנומען מיט איר, האָט ער אין איר פאַרגעסן און זי וואַרפט אים דאָס פאָר. אין די דיאַלאָגן איז פאַראַן השפעה פון ליטעראַטור בכלל. קיין צופיל עכטקייט איז אין גאָלדשטיינס שרייבן נישט געווען.

אין 1932 איז מ. ז. גאָלדשטיין אַוועקגעפאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד און ער האָט זיך באַזעצט אין ביראָ־בידזשאַן און ער איז פאַקטיש געוואָרן דער סאַמע ערשטער בירא בידזשאַנער יידישער שרייבער און זיינע ביכער „ביי די ברעגן פון אַמור" און „בירא בידזשאַנער דערציילונגען" האָבן עושה רושם געווען און זיי האָבן געהאַט אַן אָפּקלאַנג. דער יונגער שרייבער איז געקומען צו זיך דורך אַרבעט און ער איז געוואָרן איינער פון די צוזאָגנדיקסטע יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד. אין יאָר 1942 איז גאָלדשטיין אַוועק אין קריג אַריין און ער איז אין 1943 געפאַלן אין אַ שלאַכט ביי טאַגאַנראָק; מיר האָבן אַלע געהאַט דאָס געפיל, אַז אויף דעם שלאַכטפעלד איז געפאַלן — אַן אַרגענטינער יידישער שרייבער.

דער פערטער נפטר פון אָט דעם דור איז דער פעליעטאָניסט, הו־מאָריסט, קינדער־שרייבער און דראַמאַטורג וואָס איז איבערהויפּט געבליבן באַקאַנט אונטער זיין פּסעוודאָנים ש. פרייַלאַך. זיין נאָמען איז געווען ליטמאַן געלטמאַן און די קינדער־זאַכן האָט ער אונטערגעשריבן ליטמאַן. ער האָט אויך אונטערגעשריבן „אַ מעזריטשער" און „אַ טרויעריקער". ש. פרייַלאַך איז קיין אַרגענטינע געקומען פון פּוילן אין יאָר 1924 און ער איז באַלד געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „די פּרעסע" און ער האָט פאַרעפנטלעכט אין משך פון יאָרן אַ גאַנצע ריי פעליעטאָנען און הומאָרעסקעס, וואָס האָבן געשילדערט דאָס לעבן פון דעם אימיגראַנט און די טראַגיקאָמישע מאָמענטן פון זיין לעבן און זיינע ראַנגלענישן מיט דער פרעמדער סביבה. ער האָט זייער אַ סך געשריבן וועגן דעם אימיגראַנטן לעבן פון יידישע שרייבער און לערער און זיין שרייבן איז על פּי רוב געווען קיבעץ און פּאַראָדיע. אין יאָר 1931, אַ דאַנק דער ווירקונג פון די אייגענע קינדער, ווערט פרייַלאַך אַ קינדער־דערציילער און זיינע קינדער־זאַכן ווערן באַלד באַליבט ביי לערער און תלמידים אין אַרגענטינע און זיין פּאָפּולאַריטעט שפּאַנט אַריבער גרענעצן. מען פאַרעפנטלעכט זיינע פאַנטאַסטיש־הומאָריסטישע זאַכעלעך, וואָס ווירקן אויך ווי געזאַנגען, אין פּוילן און אין די פאַרייניקטע שטאַטן; זיינע ביכלעך „פון אַלע זיבן זאַכן", „אַ ליכטיקע וועלט" און „פעטער שמחהס שפּאַסערייען" גרייכן צו צענדליקער טויזנטער קינדער אין אַלע עקן וועלט און דערוואַקסענע קוויקן זיך אויך מיט זיי. די נאַטירלעכקייט פון ליטמאַנס קינדער־מעשהס איז אַן אויסערגעוויינלעכע. עס דאַכט זיך, אַז זיי זיינען נישט קיין מעשה ידי אדם, נאָר אַרויסגעוואַקסן פון דער נאַטור אַליין. דאָס פאַנטאַסטישע איז ביי אים רעאַל און דאָס רעאַלע פאַנטאַסטיש. און דאָס יידישע לעבן פון ביידע זייטן ים ווערט אַזוי וווּנדערלעך באַהעפט אין די הערצער פון די קינדער. און עס איז דאָ טרויער פון דעם, וואָס פון יענער זייט האָט דאָס יידישע לעבן אויפגעהערט. פאַראַן זאַכעלעך ביי ליטמאַנען, וואָס וועלן נישט קענען אויסגעמיטן ווערן פון קיין שום יידישער כרעסטאָמאַטיע.

ש. פרייַלאַך האָט פון שטענדיק אַן געהאַט אַ נייגונג צו טעאַטער. ער האָט געשריבן באַלד נאָך זיין אָנקומען אין לאַנד אַריין מאָנאָלאָגן, דיאַלאָגן און סצענקעס. די לעצטע יאָרן האָט ער געשריבן פּיעסן און אייניקע פו זיי זיינען געוואָרן שלאַגערס אין יידישן טעאַטער, ווי: „אַמאָל

איז געווען אַ שטעטל", „דער בעל שם", „דער רמב"ם" א. א. וועג ש. פריילאַך האָט געהאַלטן אין בלי פון זיין דערפאָלג אַלס דראַמאַטורג, איז ער אין עלטער פון 49 יאָר אין יוני 1946 געשטאָרבן.

אַ שטיק צייט זיינען דריי יונגע שרייבער געווען דער צענטער פון דער דריטער תקופה און דער צוזאָג. שרייבער פון פאַרשידנסטן כאַראַק־טער, וואָס זיינען אַ שטיק צייט געגאַנגען איין וועג. דאָס זיינען שלמה סוסקאָוויטש, יוסף ראַבינאָוויטש און בערל גרינבערג.

שלמה סוסקאָוויטש איז געקומען קיין אַרגענטינע אין יאָר 1924, פון ווילנער גובערניע, אין עלטער פון אכצן יאָר. ער האָט דעבוטירט מיט הומאָרעסקן און דערציילונגען, וואָס האָבן געשילדערט דאָס יידישע אימיגראַנטן־לעבן אין לאַנד און דער ענטוזיאַסט פיניע כץ האָט אים געקרוינט מיט דעם נאָמען „דער אַרגענטינער שלום עליכם" סוסקאָוויטש האָט אין זיינע הומאָרעסקן דווקא ווייניקער פון אַלץ אַרויסגעבראַכט שלום עליכמדיקע שפּראַך. ער האָט בכלל ווייניקער פון אַלץ באַוויזן שפּראַך־מייסטערשאַפט. מיט די הומאָרעסקן האָט ער געהאַט מער דערפאָלג ווי מיט די דערציילונגען, מסתמא, ווייל מיט הומאָר האָט מען לייכטער דערפאָלג. זיין שרייבן פאַרמאָגט מאָס און טאַקט. דער איינ־דרוק איז צומאָל געווען, אַז ער איז צו־אינטעליגענטיש אין זיין שרייבן און אַז עס איז אָפט פאַראַן קאָפּ־אַרבעט דאָרט, ווו עס דאַרף זיין געמיט. אפשר האָט דאָס סוסקאָוויטש אַליין דערפילט און ער האָט געמאַכט אַן איבערברוך אין זיין אינערלעכקייט און ער איז אַריבער פריער צו ליטע־ראַטור־קריטיק און דערנאָך צום פילאָזאָפישן עסיי. ער האָט פאַרעפנט־לעכט אַ גאַנצע ריי עסייען וועגן אַרגענטינער יידישע שרייבער און וועגן ש. ניגער, ה. לייוויק, וו. נאַטאַנזאָן און אבאָ גאָרדין; ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט גאַנץ אינטערעסאַנטע פראַגמענטן פון זיין פילאָזאָפיש ווערק „עטישע עקוויוואַלענטן". סוסקאָוויטשעס עסייען „איראָניע" און „הומאָר" זיינען פיינע לעקציעס, וואָס זיינען צוגענגלעך אויך פאַר נישט־באַהאַוונטע אין פילאָזאָפיע. אונדזער שרייבער נוצט דעם אַנאַלאָגישן סיסטעם און דאָס העלפט אים קלאָר מאַכן אַן ענין. דורך אַנאַלאָגיע מיט סאַטירע ברענגט ער ארויס דעם תמצית פון איראָניע.

שלמה סוסקאָוויטש האָט געהאַט אַ גאַנץ באַדייטנדיקן תיקון אַלס רעדאַקטאָר. ער איז געווען דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער „אַנטאָ־לאָגיע פון דער יידישער ליטעראַטור", וואָס איז דערשינען אין יאָר

1944 צום פינף־און־צוואַנציק יאָריקן יובילֵיי פון „די פּרעסע”. ער האָט דעם מאַטעריאַל געקליבן און סעלעקציאָנירט. דאָס בוך האָט ביי די 950 זייטן אַלבום־פאָרמאַט און עס איז אַ מאָנומענטאַלס. עס איז אַביסל צו־גרויס און עס האָט אַריינגענומען מער מאַטעריאַל וויפל אַן אַנטאָלאָגיע דאַרף אַריינגעמען. אַביסל איז דאָס געווען צוליב רחמנות, אַביסל צוליב אַרויפגעצוווּנגענער פּראָטעקציע, און אַביסל איז עס אויך געווען, ווייל דער רעדאַקטאָר און די רעדאַקציע־קאָמיסיע האָבן געוואָלט אָפּשפּיגלען נישט נאָר די יידישע ליטעראַטור, נאָר אויך דאָס יידישע לעבן פון אַרגענטינע. עס איז אויסגעוואַקסן אַ מאָנומענטאַל ווערק, וואָס קיין שום יידישער ישוב האָט נישט אַזאַ מין. איך האָב נישט פּרוואָס צו שפּילן אין באַשיידנקייט און נישט צו אָנווייזן, אַז מיינע אַרבעטן וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע האָבן טיילווייז געדינט אַלס אָנווייזונג פאַר דער רעדאַקציע פון דער „אַנטאָלאָגיע”, איך וועל אָבער נישט פאַרלייקענען סוסקאָוויטשעס גרויסע פאַרדינסטן און איך וועל דאָ דערמאָנען, אַז ביים קאָנטראָלירן און דערגאַנצן אַ־ה אָ די אַרבעט, האָט די אַנטאָלאָגיע מיר געדינט אַלס האַנט־בוך און איך האָב ערשט דעמאָלט דערפילט איר ווערט. זי איז דאָס האַנט־בוך פון געדרוקטן וואָרט אין אונדזער ישוב און אין אַ היפּשער מאָס דער שפּיגל פון אונדזער לעבן.

יוסף ראַבינאָוויטש איז קיין אַרגענטינע געקומען אין יאָר 1924 אין עלטער פון 21 יאָר און ער האָט אָנגעהויבן דרוקן אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור און ער איז באַלד איבערגעגאַנגען צו דערציילונגען און לידער. די לידער זיינען דערשינען א. נ. „קאָנווענטיזשעס”. ראַבינאָוויטש האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ראָמאַן א. נ. „דורך פייער און וואַסער”.

די לידער ראַבינאָוויטשעס זיינען אין אַ היפּשער מאָס דערציילעריש. קיין ליריק איז אין זיי נישט פאַראַן. אַ סך פון זיי מאַכן דעם איינדרוק פון סקיצן. אָבער נאָך דעם, וואָס דו האָסט זיי איבערגעלייענט און זיי האָבן דיך נישט צו־שטאַרק מיטגעריסן, דערמאָנסטו זיך אין געוויסע מאָמענטן און דו געדענקסט שורות. געדענקסט אפילו אַזאַ שורה, אין וועלכער עס זאָגט זיך, אַז דער טאַטע „בלעטערט די באָרד”.

די דערציילונגען פון יוסף ראַבינאָוויטש זיינען עכטער און אָרגאַני־שער ווי זיינע לידער. אויך אין די דערציילונגען פעלט נישט ביי דעם אַרגענטינער־ביאַליסטאָקער דאָס צוגעטראַכטע און אויסגעטראַכטע און דאָס — ליטעראַרישע. ראַבינאָוויטש לאָזט נישט זיינע דערציילונגען סתם

וואַקסן. ער פוצט זיי שטענדיק אַרום און ער גיט צו קונצעלעך און אָר־נאַמענטן. אין דער דערציילונג „שייע פערד" באַגניגנט זיך ראַבינאָוויטש נישט דערמיט, וואָס ער דערציילט, אַז ער, זיין העלד, „פאַררעכנט", אַז די נאַכט קומט צו אים שפּעטער ווי צו אַלע, נאָר ער אַליין ברענגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז די נאַכט גייט אייביק אום איבער דער וועלט „און קומט אָן צום חכם, אַזוי אויך צום נאַר אין דער זעלביקער פּראָפּאָרץ". אָבער ווען ראַבינאָוויטש באַפרייט זיך פון דער איבעריקער פילאָזאָפיע, וואָס איז אַמאָל אַ גוטער און אַמאָל ווייניקער ווי גוטער פעליעטאָן, מאָלט ער עכטע בילדער און מיר דערזען די „שאָטנס, וואָס הענגען ווי טיכער אויף די ווענט". און די בילדער ווערן דראַמאַטיש, ווען זיי גרייכן צו זייער אַפּאַגיי. שייע און זיין פרוי און קינד ליידן הונגער און די ליידן גרייכן אַזוי ווייט, אַז זיי הענגען אויף אויף דער טיר אַ מעלדונג, אַז „עס פאַרקויפט זיך אַ פערד". דאָס פערד איז נישט עמיצער אַנדערש ווי — שייע. דאָס ווייב זאָגט צום פרעמדן, וואָס קומט קויפן אַ פערד: „נעמט אים, ער וועט אייך דינען ווי אַ פערד. מיר האָבן שוין נישט קיין כוח צו הונגערן, ס'וואַסער איז שוין איבערן האַלדז. קוקט נישט, וואָס ער זעט אויס ווי אַ שוואַכער. ער וועט טון אַלץ אַזוי ווי אַ פערד." און דער דאָזיקער מאַקסימאַלער אויסדרוק פון פאַרצווייפלונג, וואָס ווירקט אי ווי אַ ליטעראַרישער טרוק, אי מעלאָדראַמאַטיש, אי אויך עכט, ווערט נישט איבערגעריסן בילד, נאָר ער ווערט ווייטער געצויגן. די פרוי זאָגט צום פרעמדן, אַז באַלד וועט ער עפּעס אַ זאָג טון איר מאַן, וועט ער ווערן אַן אַנדערער. דער פרעמדער פרעגט, צי ער איז אַ שטומער, פרעגט זי, צי ער דאַרף ער זאָל ריידן און זי הייסט איר מאַן גיבן לשון און שייע גיט אַ וויג מיט די הענט און זיי לאָזן אים נישט ריידן און ווען דער פרעמ־דער גייט אַוועק, שטייט שייע נאָך אַלץ און באַוועגט מיט די הענט.

דער דאָזיקער סיסטעם פון טרוק, מעלאָדראַמאַטישקייט און אויס־ציען די פיין פון מענטשלעכע ליידן ביז מאַקסימום און ביז פאַרצווייפ־לונג, ווידערהאָלט זיך אין זייער אַ סך ראַבינאָוויטשעס דערציילונגען און דעם מחבר פעלט אין דעם פּרט קיינמאָל נישט קיין פאַנטאַזיע. און אויב די פיין קומט נישט פון אינעווייניק — אָפט איז דער העלד אַ בעל־מום, אַ בלינדער, אָדער אַ שטומער — קומט זי פון דרויסן, קומט זי פון פּאָפּוגיי, וואָס פירט מיט זיין באַלעבאָס אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, דער פּאָפּוגיי מוטשעט דעם באַלעבאָס מיט זיין שרייען און מיט

זיין צערייצן די שכנים און דער באַלעבאָס פּייניקט אים דערפאר מיט דורשט. קומט ראַבינאָוויטשעס א העלד אויס צו ארבעטן אין א שאָפּ ביי וואַשן אויטאָס, דארף ער האָבן אַלס שותף צו דער ארבעט א הוסטנדיקן נעגער, וואָס שפּייט און פייפט.

יוסף ראַבינאָוויטש האָט די לעצטע יאָרן ארויסגעגעבן דריי בענד דערציילונגען אויף שפּאַניש און זיי האָבן געקראָגן א גאַנץ וואַרימע אויפנאַמע און זייער א סך ארגענטינער אויסגאַבעס האָבן דעם מחבר געלויבט און אויסגעפונען, אז זיינע דערציילונגען געהערן צו די בעסטע, וואָס מען שרייבט אין ארגענטינע. די יידישע ליטעראַטור־קריטיק פון אויסער ארגענטינע האָט ראַבינאָוויטשן נאָך נישט אַנטדעקט.

יינגער מיט א יאָר דריי פון ראַבינאָוויטשן איז בערל גרינבערג און ער איז קיין ארגענטינע געקומען אין זעלביקן יאָר 1924, א בחור פון א יאָר אַכצן. אין וואַרשע האָט ער שוין געהאַט געלערנט אין חדר, אין גמינע שול, געאַרבעט ביי הוטן. אין ארגענטינע האָט ער די ערשטע צייט געוווינט אין קאָרדאָבע, וווּ ער האָט געאַרבעט ביי סטאָלעריי, בעקעריי א. א. האָט אָפּגעדרוקט זיין ערשטע דערציילונג אין „די פּרעסע" סוף יאָר 1925. באַלד האָט ער פאַרעפנטלעכט נאָך איין דערציילונג און נאָך איינע און ער האָט געווען די אויפמערקזאַמקייט פון די היגע יידישע לייענער און שרייבער. זיינע דערציילונגען האָבן פאַרמאָגט א וווילטויגישן חן. געווען אין זיי פרישקייט, א שטילער ליריזם און א פיינע, צומאָל דינע און אָפּט בייסנדיקע איראָניע. בערל גרינבערג איז דער צום מיינסטן באַמערקטער ארגענטינער יידישער שרייבער אין אויסלאַנד. וועגן זיינע צוויי ערשטע ביכער „מאָרגן־ווינט" און די „אייביקע וואָך" האָט ד"ר א. מוקדוני פאַרעפנטלעכט באַגייסטערטע אָפּהאַנדלונגען. אברהם רייזען האָט גרויסע התפּעלות פאַר גרינבערגן. מלך ראַוויטש, ווען ער איז געווען אין ארגענטינע, האָט גרינבערגן געהאָלפן ארויסגעבן דאָס צווייטע בוך זיינס און אָנגעשריבן צו דעם א זייער וואַרעמע הקדמה. אין דעם ענגלישן זאַמל־בוך פון קורצע יידישע דערציילונגען, וואָס איז דערשינען אין לאָנדאָן, איז איבערגעזעצט בערל גרינבערגס א דערציילונג.

אין דער דערציילונג „דער מאָרגן־ווינט", וואָס איר נאָמען טראָגט בערל גרינבערגס ערשטע בוך, זאָגט דער שרייבער, אז עס גלוסט זיך אים, ווען עס בלאָזט דער מאָרגנווינט, ארויפקלעטערן אויף דעם העכסטן באַרגשפּיץ, צעעפענען די הענט, ווי זיי וואָלטן געווען פליגל און אראָפּ־

שפּרינגען. דאָס דאַזיקע וויל ער טון, נישט חלילה, ווייל ער וויל באַגיין זעלבסטמאָרד, נאָר ווייל אים דאַכט זיך, אַז ער וואָלט געפלויגן... בערל גרינבערגס שרייבן האָט אין זיך עפּעס פון מאָרגן־ווינט — קיל און דאָך וואַרעם, צאַרט און דאָך שטורמיש. און זיינע העלדן זיינען אויך אַזעלכע, וואָס וואָלטן געוואָלט פליען. זיינע העלדן זיינען אַלע דער זעלביקער אימיגראַנט, וואָס איז אַמאָל אַ לערער, אַן אינקאַסענט פון אַ זשורנאַל, אַמאָל אַ שרייבער און אַמאָל אַ שלעפּער, אַ וואַגאַבונד. אַמאָל איז דער זעלביקער אימיגראַנט שוין אַ באַלעבאָס פון אַ פאַבריק, אָבער אַזאַ איינער איז קיינמאָל קיין שלעפּער נישט און ער ווערט באַלד אַ פּראַקטישער מענטש ביי זיין אָנקומען. די איראָניע זיינע לאָדט גרינבערג אויס אויף די באַלעבאַטים, וואָס צעכראַסטען זיך און צעטיילן זייערע אַרבעטער נאָזטיכלעך און ווען איינער פון זיי פאַרלירט אַ גאָלדענעם זייגער, מאַכט ער וויינען זיינע אַרבעטער.

בערל גרינבערג האָט אין „הלל, וואָס לעבט און הלל, וואָס איז געשטאָרבן" און אין „וווּנדערלעכן שפּאַציר" זיך פאַרמאָסטן אויף טעמעס, וואָס וואָלט געקענט זיין געגנוג פאַר ראָמאַנען. עס שיינט אַרויס פון אַט די דערציילונגען אַ ליכט, וואָס מאַכט דעם איינדרוק, גלייך אַ שטראַל וואָלט זיך געשפּיגלט אין אַ טייכל טרערן. בערל גרינבערג איז אויף דעם ריכטיקן וועג צו זיין פולסטער דערגרייכונג. זיינע אייגנאַרטיקייטן און אייגנשאַפטן קומען פול צום אויסדרוק. אים פעלט איצטער אויסברייטערן דעם האָריזאָנט און אַרבעטן. ער איז געווען דער צוזאָגנדיקסטער ייִדי־שער דערציילער אין אַרגענטינע און ער האָט אַ טייל פון זיינע וועקסלען געדעקט, אָבער נאָר אַ טייל.

נאָענט צו די דריי דערמאָנטע האָט זיך אַ צייט געהאַלטן איזי שאַפער (אייזיק שליאַפּאָטשניק), וואָס איז אַהער געקומען פון ליטע אין יאָר 1923 אין עלטער פון 22 יאָר. ער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין יאָר 1925. ער האָט אַרומגערייזט אין לאַנד און איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון לעבן פון די אינדיאַנער און זיינע דערציילונגען פון דעם מין האָבן געמאַכט דעם רושם פון רייזע־איינדרוקן. זיי זיינען געשריבן געווען פון איין זייט נאַאיוו האַרציק און פון דער אַנדערער זייט מיט צופיל בריהש־קייט. איזי שאַפער האָט געשריבן אַלץ ווייניקער און ווייניקער, ביז ער איז כמעט אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען.

אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג אין אונדזער ליטעראַטור איז

נאהאן מיזשעריצקי. ער איז א מעדיקער און א שרייבער. קיין ארגענ־טינע איז ער געקומען אין יאר 1911 אין עלטער פון 11 יאר. אין דער אלטער היים, אין וואלין, האט ער שוין געהאט געלערנט אין דער זווילער ישיבה. אין ארגענטינע איז ער געווען א שווארץ־ארבעטער אין א דרוק־קעריי און געלערנט מוזיק; אין עלטער פון זעכצן יאר האט ער אין איין יאר דורכגעמאכט דעם זעקס־יאריקן קורס פון דער עלעמענטאר־שול. אין דריי יאר האט ער געמאכט די מיטל־שול און ער איז אין עלטער פון 21 יאר אריין אין מעדיצינישן פאקולטעט און אים געענדיקט אין משך פון זיבן יאר און זיך די גאנצע צייט דערנערט פון שווארצער ארבעט. אין 1935, אין עלטער פון פינף־און־דרייסיק יאר, האט ער אנגעהויבן שרייבן און דווקא יידיש. צום מיינסטן האט ער געשריבן וועגן שפיטאל־לעבן. זיין איינציקער באנד דערציילונגען הייסט טאקע „צווישן די ווענט פון שפיטאל" (1942).

נ. מיזשעריצקי דערציילט מער ווי ער שילדערט. עס מאכט דעם איינדרוק, אז ער האט צופיל צו דערציילן און אז ער וועט קיינמאל נישט באוויזן צו דערציילן אלץ, וואס ער ווייסט. און ער איילט זיך. אבער פון דעם דערציילן וואקסט ביי אים ארויס שטימונג אויך און די האנדלונג ווירקט ווי מעלאדראמע, וואס איז באגלייט פון עכטער מוזיק. דער אינהאלט פון זיינע מעשהס זיינען ממש דאסטאיעווסקיש. די מעשהס ווערן ביי אים דערציילט פון זיינע קראנקע העלדן און זיי ווערן איבער־געריסן פון יאמערלעכע ספאזמעס און זיי ווערן באגלייט פון ווינטס וואיען, א ברומען פון שטראם און די הארמאניקע, וואס שפילט אמאל צו, זיפצט אויך מער ווי זי שפילט. מיזשעריצקי מאכט פינצטער אין זיינע דערציילונגען, אבער ווען דו לייענסט זיי איבער, לייטערט זיך עפעס אויס ארום דיר און עס ווערט ליכטיקער. דר. מיזשעריצקי איז א שרייבער א פראבלעם — — —

פון צייט צו צייט שרייבט דערציילונגען און ער פארעפנטלעכט זיי נאך א מעדיקער — דר. חיים גאלדשטרייך. ער שרייבט לחלוטין נישט „דאקטאריש", ער שרייבט רואיק, געמיטלעך און ער גיט אליין צו, אז דוד בערגלסאן איז זיין שטוים־קראפט. ער פרווט צו ארויסברענגען א מירעלע פון „נאך אלעמען" אין דער ארגענטינער סביבה.

כמעט אן ארגענטינער פראדוקט איז שמואל פיערט. ער איז אהער געקומען פון פראסקוראוו אין יאר 1923 אין עלטער פון צוועלף יאר און

ער האָט דאָ געלערנט אין אַ „באָראָכאָוו־שול" און ער איז געוואָרן אַ יידישער שרייבער. ער שרייבט איבערהויפּט פאַר קינדער און ער האָט אַרויסגעגעבן דריי ביכלעך: „שטערנדלעך" — 1935, „מענטשלעך אויף פּאַפּיר" — 1937 און „אין לאַנד פון די חיות" — 1938. שמואל פּיערט איז אַ שרייבער מיט טעמפּעראַמענט, אָבער ער האָט אַ נייגונג צו טרויער, פינצטערקייט און פּיין. זיין לערער איז מסתמא יונה ראָזנפעלד און זיין געמיט איז זייער וויניק פאַר קינדער.

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו איז אַן עסייאיסט און אַ שרייבער אויף פּעדאַגאָגישע טעמעס. ער איז קיין אַרגענטינע געקומען אין יאָר 1928 אין עלטער פון 20 יאָר און ער האָט אַ היפּשע צייט געהערט צום מאַרקסיסטישן לאַגער און ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע אין אַ דורכויס מאַרקסיסטישער באַלויכטונג. די לעצטע יאָרן האָט ער איבערהויפּט געשריבן וועגן דערציאונג און אין יאָר 1942 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך א. נ. „שמועסן מיט עלטערן".

זלמן וואַסערצוג איז קיין אַרגענטינע געקומען אין יאָר 1930 אין עלטער פון 26 יאָר. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין פּוילן און ער האָט דאָרט פאַרעפנטלעכט אין אַ פּראָווינץ־צייטונג און אין חודש־זשורנאַל „דאָס קינד" אַרטיקלען וועגן פּעדאַגאָגישע ענינים. אין אַרגענטינע האָט ער ביים אָנהויב געשריבן דערציילונגען פאַר קינדער און ער האָט אַרויסגעגעבן אין 1932 אַ בוך „פאַר די קינדערס וועגן". די זאַכן פאַר קינדער זיינען געשריבן פּעדאַגאָגיש פאַכמעניש מער ווי מיט שרייבערישער עכטקייט. זייט 1937 איז וואַסערצוג מיטאַרבעטער פון דער „איד. צייטונג" און ער פאַרעפנטלעכט אָפט בעלעטריסטישע עסייען. אַ מיט צווישן דערציילונג, עסיי און פעליעטאָן. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַנד פון אָט די עסייען א. נ. „מיט די אייגענע אויגן" (1945); ער נעמט געוויינלעך אַ טעמע — דער דראַנג פון אַ שרייבער צו וועלן זיין געדרוקט, ווי אַזוי אַ מענטש שטאַרבט, דאָס פאַרדינגען אַ צימער, אַ יידישער יום־טוב אין אַ פאַרשטעטל א. א. וו. — אָדער אַ טיפּ — אַ גאַסן־קערער, אַ שטיוול־פוצער, אַ לערער א. א. וו. — און ער מאַכט אַרום זיי אַ „טור דע פאָרס" פון געדאַנקען, שטימונגען און פּאַראַדאָקסן; אין געלונגענע פאַלן קומט אַרויס אַן עכט זאַכעלע, וואָס ווירקט ווי פּאָעזיע, צום מיינסטן אָבער

קומט ארויס א לערערישע לעקציע. אָט ווי וואסערצוג פאַרענדיקט זיין עסיי „א מענטש שטארבט”:

„דאָס שטארבן האָט זיך שוין זיין פעסטגעשטעלטן נוסח. און דאָך ווירקט דאָס אויף די ביישטייענדיקע (? י. ב.) גלייך דאָס וואָלט געווען דער ערשטער טויטפאַל אויף דער וועלט. דאָס איז דערפאַר, ווייל מיר זיינען איבערציינגט אין דער עכטקייט פון דער סצענע, מיר זיינען איבער־צייגט, אז דער מענטש שפילט איצט נישט און מאכט נישט קיין אָנ־שטעל... עכטע, אמתע געשעענישן ווירקן יעדעס מאָל, ווי באַנאַל זיי זאָלן שוין נישט זיין”.

דאָס איז געשריבן אפשר קוקנדיק מיט די אייגענע אויגן, אָבער אפילו נישט ציטערנדיק מיט דער אייגענער ברעם. ווען וואסערצוג שרייבט וועגן קלענערע זאכן ווי דער טויט, ווען ער שרייבט, א שטייגער, וועגן צימערס צו פאַרדינגען, פאַסט זיך בעסער זיין רואיקייט.

אָט ווי ער שרייבט וועגן דעם דערמאָנטן ענין:

„צימערן זיינען טאקע פאַראַן גענוג צו דינגען, אָבער יעדער האָט זיך שוין זיין חסרון: דאָ איז פינצטער, דאָרט איז צו־טייער דירה־געלט, דאָרט ווידער איז גאָר קיין קיך נישט פאַראַן, ערגעץ אנדערש קאַפּעט פון די ווענט”...

מיר האָבן זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן ביי פּראָזע־שרייבער. אין דער דריטער תקופה האָבן מיר א גאַנצע ריי פּאָעטן. אויסער דעם שוין דערמאָנטן ה. וואָלף, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט לידער און יוסף ראבינאָ־וויטש, וואָס האָט געשריבן אויך לידער, איז, דאכט מיר, יאָסל גאָלדבערג, געווען פון די סאַמע ערשטע פּאָעטן אין אָט דער תקופה. ער איז קיין ארגענטינע געקומען פון ווייסרוסלאַנד אין יאָר 1925 אין עלטער פון 20 יאָר און ער האָט דאָ באַלד אָנגעהויבן דרוקן לידער. די סאַמע ערשטע לידער זיינע — שמאָל־שורהדיקע, קורצאָטעמדיקע, שאַרף־בילדערישע. די טעמעס: דאָס נישט קענען זיך איינוואָרצלען, די שווערקייט פון דער אַרבעט, דאָס מוזן הענגען אויף די טרעפּלעך פון טראַמוויי ביים גיין צו דער אַרבעט, דאָס אַנידערפאַלן נאָכמיטיק ווי הרוגים, דאָס גיין פאַר־נאכט פון דער אַרבעט ווי מידע פערד, דאָס בענקען ביינאכט נאָך דעם אייגענעם שטארקן וואָרט און נישט קענען, די מורא, אז

ביז מיין הארץ ט'ארויסזינגען
זיין געזאַנג

װעט דער פײער פון מײנע אויגן
זײן שוין אויסגעלאָשן.
דאָס פּנים געל,
די האָר גראָ —
נישטאָ.

יאָרן־לאַנג האָט גאָלדבערג אינגאַנצן נישט געשריבן, דערנאָך האָט ער גענומען שרײַבן אַנדערש, מיט מער באַװוסטזײַן, אָבער מיט װײניקער עכטקײט. ער האָט אָנשטאָט געזאַנג געלאָזט הערן רייד און איז פאַר־לוירן געגאַנגען אין די װאַסערן פון אַ טעאָריע, װאָס ער האָט נישט געקענט באַהערשן. ער איז פון דער נאַטור געװען אַן אַרבעטער־דיכטער און װען ער האָט דאָס געװאָלט מאַכן „ספּעציעל״, האָט ער פאַרלוירן דאָס נאַטירלעכע קול.

יצחק בלומשטיין איז געקומען קײן אַרגענטינע אין עלטער פון 31 יאָר אין יאָר 1927. ער שטאַמט פון לאָמזשער גובערניע, ער האָט גע־לערנט אין װײַלנע און אָנגעהויבן שרײַבן העברעאיש און ער איז אַריבער צו יידיש. ער האָט אַ היפּשע צײַט געלעבט אין מענדאָסאַ, נעבן די אַנדן־בערג. הײַנט װוינט ער אין טשילע, װו ער איז רעדאַקטאָר פון אײנציקן יידישן װאָכנבלאַט אין יענעם לאַנד. ער איז אַ ליריקער פון אַלטן און אײביקן שניט. אין זשורנאַל „אין זיך״ איז זײַנס אַ ליד אַמאָל באַצײכנט געװאָרן אַלס דאָס בעסטע יידישע ליד פון חודש. בלומשטיין האָט אײ־בערהױפּט אַ נײגונג צו פּײזאַזש, אָבער אין זײַן פעלד איז שטענדיק דאָ אַ מענטש.

אַ גרױס נישט באַאַקערט פעלד,
אַ פּלױט,
און נעבן פּלױט — אַ מענטש,
אַ לעבעדיק שטיק נױט.

בלומשטיין האָט געזונגען דאָס געזאַנג „פונעם יונגן ישוב״ און ער האָט באַזונגען די יונגע רו, װאָס גײט אױף אין דעם נײַעם לאַנד פון דער ערד און ער האָט געװאָרנט און געזאָגט, אַז ס׳װעט זײַן װינד און װײ, װען דער קערפּער װעט װאַקסן הױך און ברײט און דער גײַסט װעט גײן פאַרשעמט מיט שטילע טריט אױף צוריק.

בלומשטיין האט איבערגעלעבט ווולקאן־אויפרייס אין די אנדן־בערג און ער האט די איבערלעבונג זיינע איבערגעגעבן אין א ליד, א. נ. „פאניק״, אין וועלכן עס קומט ארויס די קראפט דורך דער שרעק פון מענטשן, וואס פרעגט:

וואו זאל איך לויפן
פון שפייענדן קראטער?
עס זידט שוין דאס וואסער אין קוואל,
וו דו וועסט לויפן,
קומט אלץ דיר אנטקעגן
שפייענדע רשעות און גאל...

ווי גרויס ס׳זיינען די גרענעצן פון דער יידישער פאעזיע!

עליע ווערבלון איז געקומען קיין ארגענטינע פון ווילנע אין 1930, אין עלטער פון 22 יאר און ער האט גענומען פארעפנטלעכן לידער און איבערהויפט קליינע לידלעך אין פארשידענע אויסגאבן. ער האט אייניקע פון זיי צונויפגעזאמלט אין קליינע ביכלעך. זייט 1936 וווינט ער אין מאנטעווידעא, אורוגוויי, אבער ער איז פארבליבן ארגענטינער יידישער פאעט.

עליע ווערבלון איז אן אויסנאם אין אונדזער פאעזיע מיט זיין פעסימיסטישן, וואגאבונדישן און קרענקלעכן טאן. ער זעט אין זיך — דעם לעצטן מענטשן. די לעצטע יארן האט זיך ע. וו. געביטן. א דאנק זיין זונעלע האט ער דערזען — די זון און ער האט דערפילט, אז דאס לעבן ענדיקט זיך נאך נישט. דער דיכטער פילט ווי יעדן טאג עפנט זיך דעם זונס וועלט און עס וואקסט אויס זיין בליק, דערזעט ער אליין די וועלט און ער עפנט זיין אייגענעם בליק. די לעצטע יארן זעט זיך שוין עליע ווערבלון נישט ווי דעם לעצטן מענטשן און ער זינגט:

„ברידער, די וועלט זאלט איר היטן״...

פון אינטעליגענטישן מין איז דער דיכטער א. י. זאקוסקי. ער שרייבט ווייניקער נאטירלעך, ווי די מערסטע היגע פאעטן. זיין מעלה איז זיין ליטעראריש̈ער מאניר, ווען ער איז עכט, זיין חסרון — זיין געקינסטלקייט. ער איז געקומען פון בריסק קיין ב. איירעס אין 1925, אין עלטער פון 16 יאר. אין דער היים האט ער געלערנט פריער אין א רוסישער, דערנאך אין א פוילישער גימנאזיע און ער האט זיך געקליבן

צו לערנען אין ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר. אין אַרגענטינע איז ער פריער געווען אַן אַרבעטער, דערנאָך געוואָרן אַ לערער. ער האָט אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם צוויי בענדלעך לידער א. נ. „אני מאמין" (1935) און „פאַר מיר, פאַר דיר, פאַר אַלעמען" (1938) און אַן עסיי וועגן פּרצן (1942). זאַקוסקי איז אַ דיכטער אויך דעמאָלט, ווען ער שרייבט צו־ניכטער וועגן זאַכן, וואָס אַלע ווייסן צו־גוט, ווי אַ שטייגער:

ווער קען דען ווּיסן, וואָס ס'וועט מאָרגן זיין?
מען ווייסט נאָר איינס — דער סוף איז טויט.
נאָר אויב ביז דעמאָלט דאַרף מען ברויט,
ווער קען דען ווּיסן, וואָס ס'וועט מאָרגן זיין?
דערווייל האָב ליב דאָס ליד, דאָס ווייב, דעם ווײַן,
נישט טראַכטן פון שלעכטס און גראָער נויט —
ווייל ווער קען ווּיסן, וואָס וועט מאָרגן זיין,
חוץ, וואָס מען ווייסט, אַז דער סוף איז טויט?

א. ק אָ וו אַ ל איז קיין אַרגענטינע געקומען אין יאָר 1930, אין עלטער פון 22 יאָר פון פּוילן. ער האָט אין דער אַלטער היים געהאַט געדרוקט אייניקע לידער אין דער „נייער פאָלקסצייטונג". דאָ האָט ער געדרוקט לידער איבערהויפּט אין די זשורנאַלן פון דער „פּראָגרעסיווער ריכטונג". ער האָט געפּרוּווט שרייבן עפּישע פּאָעמעס אין ברייטע שורהס, אָבער נישט מיט קיין צו־לאַנגן אָטעם. געווירקט האָט ער דווקא מיט דעם לירישן טאָן, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון בערג רייד ווי אַן אַל פון אַ זאַק. ווען א. קאָוואַל האָט דערציילט, אַז זיין פריייד האָט זיך צעטאַנצט אין ווּיסטן פינצטערן געראַנגל פון אַרום און ער האָט דערזען זיין לעבן „אויסגעשפּרייט אויף בייטן מיט צעבליטן פלאַקס אין קאָרנדיקער פריייד", האָט ער ווייניקער איבערצייגט, ווי ווען ער האָט געפרעגט אין אַ ליד, וואָס זאָל טון אַ מענטש מיט צוויי הענט, וואָס וואַרטן אין אַרבעט פאַרשעמט און דאָס ווייב מאַטערט אים נאָך און רופט אים „פאַרדינער, שלימזל מיינער". אין דער סאַמע מיט גרילצנדיקע געזאַנגען וועגן אַן אויסגעטראַכטער פריייד, האָט א. קאָוואַל פּלוצים אַ קרעכץ געטון:

מיין טאָג איז נישט קיין זון און נישט קיין זונג און נישט קיין לאַך,
מיין טאָג איז שמוציקער טאָזשער מיט שפּיציקע שפּאָטערישע
אויגן פון באַלעבאָס.

מיין נאַכט איז נישט קיין היים און נישט קיין פרוי און נישט
קיין פרייד,
מיין נאכט — אַן אייזן־בעט און שטומע פולע הארץ.

זייט א פּאָר יאָר דערשיינען קאָוואַלס לידער מער נישט אין ערגעץ.

צוויי אויסגעשפּראָכענע קינדער־דיכטער האָט אונדזער ליטעראטור פון דער דריטער תקופה — שניאור וואסערמאן און שמואל צעסלער.ביידע זיינען מיט זייערע לידער פאר קינדער אריבער די גרענעץ פון אַרגענטינע, אַ סאך מער ווי אנדערע שרייבער אונדזערע דאָס איז מסתמא איבערהויפּט דערפאר, וואָס פאר קינדער זאָרגט מען מיט ליטעראטור מער ווי פאר דערוואקסענע, כאָטש דערוויל גרייכט אונדזער ליטעראטור אין אַלע עקן וועלט זייער ווייניק צו דער יוגנט און קוים, קוים צו די קינדער.

שניאור וואסערמאן איז געקומען פון פוילן קיין אַרגענטינע אין יאָר 1924, אין עלטער פון 25 יאָר און ער איז דאָ פריער געווען אַן אַרבעטער און דערנאָך אַ לערער אין די „באָראָכאָוו־שולן" און א פארטיי־טוער ביי די לינקע פועלי־ציון. ער האָט פארעפנטלעכט אַ גאנצע ריי פאראָדיעס אין פערזן און פּראָזע און ער האָט זיך מיט דער צייט געווידמעט נאָר דעם קינדער־ליד און ער איז איבערהויפּט באקאנט אלס א קינדער־דיכטער. זיין ליד „מאטע" געהער צו די פּאָפּולערסטע לידער ביי די ארגענטינער יידישע שול־קינדער. אין בוכפאָרם האָט ער ארויסגעגעבן „קינד און קייט" (1936), „שוועלבעלעך" (1938) און „דאָבעלע" (1946), וואַ־סערמאנס לידער זיינען געשריבן גלאט און מיט זייער א שטראָמענדיקן ריטם, אָבער מיט ווייניק פאנטאזיע און זיי דערמאָנען אין הונדערטער קינדער־לידער, וואָס מיר האָבן געהערט און געלייענט אין פארשידענע שפּראכן. אָט ווי עס קלינגט וואסערמאנס פערז:

קיטשע, קיטשע קעצעלע,
ווילסט מילך אַ טעצעלע,
סמעטענע אַ שיסעלע?
וואַרט נאָך צו אַביסעלע.

שמואל צעסלער איז געקומען קיין אַרגענטינע אין יאָר 1935 אין עלטער פון 31 יאָר. ער שטאמט פון נעבן ביאַליסטאָק. ער איז אין דער אַלטער היים געווען ניין יאָר לערער און ער האָט שוין געהאט געדרוקט

לידער אין פאַרשידענע אויסגאבן אין פּוילן און אין נאָרד־אַמעריקע. אין אַרגענטינע איז צעסלער אַן אָנגעזעענער לערער, אַ מיטרעדאַקטאָר פון אַ כרעסטאָמאַטיע און ער האָט דאָ פאַרעפנטלעכט אַ סך קינדער־לידער און קרייז־שפּילן. ער האָט אַרויסגעגעבן פיר ביכער קינדער־לידער — „פייגל אין דער לופטן" (טוקומאַן 1939), „אַ לעבעדיקע וועלט" (אַרויסגעגעבן פון ביאַליק־צענטער אין ווזשאַ קרעספּאָ — ב. איירעס, אין יאָר 1941), „הימל און ערד" (אַרויסגעגעבן פון לערער־קאָלעגיום פון דער שלום עליכם־שול ביי דער צווישאַ — 1944) און „פון גאַנצן האַרצן" (1946).

זייער אַ סך פון צעסלערס לידער זיינען געשריבן מעשה — לערער און זיי האָבן זייער פּעדאַגאָגישן ווערט. אייניקע לידער האָבן פיינע אויפּ־טועז און זיי בעטן זיך אויף מוזיק און אַ סך פון זיי זינגט מען טאַקע. זיין ליד „דער קיך־יום־טוב" שילדערט ווי די קעכן גייט אוועק אין מאַרק אַריין און אין קיך נעמט זיך אָפּשפּילן אַ יום־טוב:

סרימפּלט בעזעם, קערט דאָרטן וועלטן,
ער פירט אָן מיט דער מוזיק,
ס'איז די לאָקשן־ברעט זיין פידל
און דער וואַלגערהאָלץ זיין סמיק.
פּויקט דער קאָכלעפל אין פענדל
און האַלט אין טאַקט אָן די קלעפּ,
טאַנצט דאָס דעקל אויף דעם טשייניק
און די שטערצלעך אויף די טעפּ.

שמואל צעסלער האָט אַ ליד „די קראַנקע טשערעפּאַכע", געהער דאָס זיכער צו די שענסטע קינדער־לידער נישט נאָר אין יידיש. עס איז אַ ליד פאַר אַנטאַלאָגיעס. איך געפין פאַר נייטיק דאָס ציטירן אינגאַנצן:

איבער גלאַטע וועגן פלאַכע
קריכט די גרויסע טשערעפּאַכע,
אַך, אָך,
טשאַפּ, קראָך,
אָט אַזוי די גאַנצע וואָך.

איז איר פוס אין סאַמע מיטן
פון אַ שאַרפן שטיין צעשניטן,

אך, אָך,
טשאַפּ, קראָך,
אַט אַזוי די גאַנצע וואָך.

צו דער שלאַנג, דעם דאָקטער אירן
הינקט זי, שלעפּט זי זיך קורירן,
אך, אָך,
טשאַפּ, קראָך,
אַט אַזוי די גאַנצע וואָך.

קריכט זי צו די שלאַנגען־היילן,
ווייל איר קראַנקען פּוס פאַרהיילן,
אך, אָך,
טשאַפּ, קראָך,
אַט אַזוי די גאַנצע וואָך.

און ס'איז מעגלעך, אַז אינגיכן
וועט זי שוין אַהער דערגריכן.
אך, אָך,
טשאַפּ, קראָך,
אַט אַזוי די גאַנצע וואָך.

די באַדייטנדיקסטע צוויי דיכטער פון דער דריטער תקופה זיינען בלי שום ספק משה קויפמאַן און קהת קליגער.

משה קויפמאַן איז געקומען פון זיין היימשטאָט גראָדנע אין יאָר 1928 אין עלטער פון צוואַנציק יאָר. אין דער היים האָט ער געלערנט אין אַ יידיש־העברעאישער שול, זיך באַטייליקט אין דער חלוצישער באַוועגונג. אין ב. איירעס האָט ער געאַרבעט אַלס מעבל־פּוצער, אַ שטיק צייט געווען אַ לערער און אַן אינוויינקסטער מיטאַרבעטער אין דער טעגלעכער „מאָרגן־צייטונג". ער האָט צוזאַמען מיט י. האָרן רעדאַקטירט דעם חודש־זשורנאַל „דאָס נייע לעבן". אין בוכפאָרם האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַנד לידער און פּאָעמען א. נ. „אַרקע פון טאָל" (1936) און אַ באַנד לידער א. נ. „פון אַלע מיינע היימען" (1944).

אַ באַאיינפלוסטער פון דער סאָוועטישער יידישער דיכטונג פון איין זייט און פון לייוויק און משה לייב האַלפּערן פון דער צווייטער זייט,

פאַרמאָגט משה קויפמאַן איבערהויפּט אייגענעם טעמפּעראַמענט. דאָ און דאָרט זיינען פאַראַן רעמיניסצענצן פון אַ סך דיכטער אין זיינע לידער, אָבער עס איז פאַראַן אין זיי זיין אייגענער כח און זיין אייגן זינגענדיק בלוט. משה קויפמאַן האָט פּראָלעטאַרישע לידער, עכטע, נישט געקינצלטע און נישט קיין באַשטעלטע און ער האָט מיט ווייניקער נאַטירלעכקייט שוין געשריבן האַלב מיסטישע לידער וועגן פּנים פון דערלייזער. קויפמאַן האָט אויך געשריבן יידיש־נאַציאָנאַלע לידער, וואָס דערמאָנען אין מאָרים ראָזנפעלדן, כאָטש זיי שטרעבן צו ווערן ליעסיניש:

פעלקער מיט אַ האַרץ פון שטיין
קומען אום ווי פּרוכטלאָזע עקרות,
אָבער קיינמאָל וועט ישראל נישט פאַרגיין,
יעקב וועט אַריבערטראָגן אַלע צרות.

עכטער ווי אין אַלע אַנדערע מאָטיוון איז קויפמאַן דעמאָלט, ווען ער זינגט וועגן טאָג־טעגלעכן לעבן און ער ברענגט ארויס דאָס געזאַנג, וואָס גייט אויף דערפון, אויך דעמאָלט, ווען עס איז שווער און פול מיט נויט. אומגעהויער איבערצייגנדיק זיינען אַזעלכע שורות קויפמאַנס:

פאַראַנען דאָ שוין טעג און און הפקר־ייבש אָן ווערן היימיש
און וואַרעמקייט צעגייט אין אייזיק קאַלטער פרעמד —
דער עלנטער הענגט נאָך אַלץ, קומט אָנעט און דערגייט נישט
און לייגט זיך נאָך אַמאָל, ווי שטויב אויף אַרבעטס העמד.
נאָר בליקן ווערן ברייט און ווייטע ערד ווערט אייגן,
די ערד, וואָס ערשט נישט לאַנג כ׳וועל רופן לאַנד פון וואָגל.
איך וואָלט אין אַזאַ שעה מיט גאָר מיין הויך זיך לייגן
אויף נאַקעט פייכטער ערד און טויען פון פאַרטאָגן.

קהת קליגער שטאַמט פון וואָלין, ער איז אין אַרגענטינע געקומען אין עלטער פון 32 יאָר אין יאָר 1936. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין עלטער פון פופצן יאָר אין דייטש. אין עלטער פון צוואַנציק יאָר איז ער איבערגעגאַנגען צו יידיש. איידער ער איז געקומען קיין אַרגענטינע, האָט ער שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט לידער אין אייניקע אויסגאַבעס פון פּוילן. אין בוך־פאָרם זיינען פון ק. ק. דערשינען „געזאַנג אויף דער ערד" (לידער און באַלאַדן, 1941), און „מיט לייב און לעבן" (1943). קהת

קליגער איז בעצם אַ נאַטור־דיכטער, ווי די מערסטע יידישע פּאָעטן פון וואָלין, אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט צו מאַכן חנדלעך און רעוועראַנסן צום מאַנגערישן באַלאַדע־שטייגער און דווקא אין דעם פּרט איז ער צום ווינציקסטן איבערצייגנדיק. און מען גלייבט אים מער אין זיין ליכטיקן געזאַנג, ווי אין פינצטערקייט פון בלוט; ער איז עכט, ווען ער זינגט —

דיינע בלאָנדע האָר — אַ סטערטע זומערדיקע היי
און מיטן זון־פאַרפלייצטן שפילנדיקן פעלד —
אין מיטן פון דער פריידיקער זינגענדיקער וועלט.

אפילו אין די נעמען פון אייניקע פון זיינע לעצטע לידער איז פאַראַן מאַנגער־אימיטאַציע: „די באַלאַדע פון באָהעם און דעם שענקהויז מיידל", „די באַלאַדע פון קידוש לבנה", „די באַלאַדע פון דעם בעטלער און דער לבנה", „די באַלאַדע פון דעם באָרוועסן מאַן" א. אַ. וו. קהת קליגער איז אינגאַנצן ער, ווען ער זינגט:

אָ, זומערלאַנד פון וויינטרויבן, פון פייגן און מאַראַנצן, טאַנגאָ
ראָמאַנטיק
דו האָסט מיט טויזנט כישופן מיך געלאָקט אינגאַנצן,
איבער לענדער שטעט, איבער ימיקן(? י. ב.) אַטלאַנטיק.

קהת קליגער האָט איבערזעצט זייער פיין פון דער דרום־אַמעריקאַנער שפּאַנישער פּאָעזיע און פון דער נעגערישער פּאָעזיע.

די לעצטע יאָרן דערשיינט דאָ מיט לידער און מיט עסייען איבערהויפּט אין פּראָגרעסיווע אויסגאַבעם צאַלעל בליץ (פּסעוודאָנים פון אינזש. שמואל קאָגאַן). ער איז געקומען קיין אַרגענטינע פון ווילנער קאַנט אין יאָר 1937 אין עלטער פון 28 יאָר. ער האָט אין ווילנע געענדיקט אַ יידיש־וועלטלעכע גימנאַזיע און ער האָט זייער יונג אָנגעהויבן צו שרייבן. ער האָט דאָ פאַרעפנטלעכט לידער און עסייען. דער „איקוף" האָט ארויסגעגעבן זיין בוך עסייען „טרוימען אָנגעטון אין שטאָל" און אַ בראָשור וועגן דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואָס ער רופט די „טשערנאָוויצער קאָנסטיטוציע".

אין די „איקוף"־קרייזן איז צאַלעל בליץ פאַררעכנט אַלס אַ גדול. פּ. כּץ, וואָס קען זיך עד היום באַגייסטערן ווי אַ קינד, האָט אין אים געזען

נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַן אַרכיטעקט, אַ וויזיאָנער, וואָס איז פאַרבן־בליציק, שניידיק, קאָמבאַטיוו א. אַ. וו. אָבער מיר ווייסן שוין אַז אויף פיניע כצם מבינות קען מען זיך גאַנץ ווייניק פאַרלאָזן. צאַלעל בליץ מאַכט זייער אַ סך קאָזשעלקעס, איידער ער זאָגט אַרויס אַן עכט וואָרט, וואָס שטראָמט טאַקע פון ערגעץ דאָרט, פון וואַנען עס שטראָמט פּאָעזיע. דאָס בעסטע ליד זיינס, דאָס מעלאָדראַמאַטישע ליד „מיין קדיש", דערציילט פריער, אַז ער, דער דיכטער, האָט געוואָלט וויינען אויף זיין פון נאַצים אומגעבראַכטע מאַמען „ווי אַ וויכער פון צעשמי־סענע בליצן", איידער ער זאָגט די פשוטע און ווירקנדיקע ווערטער:

איך ווייס נישט, ווו עס וואַלגערט זיך דיין זאַמדיקער, פאַרשנייטער קבר,
אין וועלכע זומפּן ס'ווייקט זיך דיין געשענדעטער געביין.

ער הייבט אָן אַן עסיי מיט אַזעלכע רירנדיקע ווערטער, ווי: „עס לעבט אויף מיין פּען אַ טראָפּן בלוט פון מיין פאַרצוקטער מאַמען" און ער גיט צו דעם צו באַלד אַזאַ שפּראַכן־קונץ, ווי: „מיט דער קראַפט פון אַ צעוויגטן ים ברויזט דער דאָזיקער טראָפּן צווישן די שטאָלענע ברעגעס (? י. ב.) פון דער פּעדער און פאַרבלוטיקט אַלע מיינע געדאַנקען און טיקט אָפּ אין פּעך מיינע געפילן" א. אַ. וו.

עס זיינען צוגעקומען אין אָט דער עפּאָכע פינף זשורנאַליסטן און פּובליציסטן, וואָס לויט זייער עלטער און סטאַזש געהערן צוויי צו די שרייבער פון דער ערשטער עפּאָכע — אליהו טראָצקי און ד"ר משה מערקין — און צוויי געהערן צו דער צווייטער עפּאָכע — יוסף האָרן און מאַרק טורקאָוו. טראָצקי און טורקאָוו זיינען געקומען נישט על מנת להשתקע און דער קריג האָט זיי פאַרכאַפּט.

י. האָרן איז געקומען אַהער אין יאָר 1934; ער איז געווען שוין אין דער היים אַ זשורנאַליסט אַן אָנפאַנגער. ער איז פאַרליבט אין דער יידישער ליטעראַטור און ער ציטירט זייער אָפט פון דער יידישער פּאָעזיע אין זיינע אַרטיקלען. אין בוכפאָרם האָט ער אַרויסגעגעבן מעמוארן וועגן זיין געבוירן־שטאָט מעזריטש א. נ. „מיין חרובע היים" און אַ בראָשור „ה. ערליך און וו. אַלטער". ד"ר משה מערקין — אגב: אַ ברודער פון ד"ר מאַרק עריק — איז געקומען קיין טשילע אין יאָר 1935, זייענדיק שוין אַ מאַן פון 47 יאָר, אַ באַוווסטער אַדוואָקאַט אין רוסלאַנד, דאַנציג און דייטשלאַנד און ערשט אין דערמאָנטן יאָר האָט ער אָנגעהויבן שרייבן

יידיש. ער איז גיך אַריבערגעפּאָרן קיין אַרגענטינע און ער איז דאָ גע־וואָרן אַ זשורנאַליסט און צוליב דעם, וואָס ער איז אַרומגעפאָרן פאַר „אָרט־אָזע", האָט ער באַוויזן זיך צו באַקאַנען מיט דרום אַמעריקע בכלל און דרום־אַמעריקאַנער יידישע ישובים בפרט און ער האָט זיי באַשריבן אין אַ רייע רייזע־בילדער, וועלכע ער האָט דערנאָך אַרויסגעגעבן אין אַ בוך א. נ. „סילועטן פון דרום־אַמעריקע" (1946).

באַלעסלאַוו לעווין איז אַ היסטאָריקער אַ פאָרשער, וואָס איז געקו־מען קיין אורוגוויי פון פּוילן אין יאָר 1931 אין עלטער פון 23 יאָר. אין אַרגענטינע האָט ער זיך באַזעצט אין יאָר 1937. אין פּוילן האָט ער אָנ־געהויבן שרייבן פּויליש נאָך אין עלטער פון 14 יאָר און ער האָט זיך דאָרט באַטייליקט אין פאַרשידענע ראַדיקאַלע אויסגאַבעס. אין אורוגוויי האָט ער גיך אויסגעלערנט שפּאַניש און ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אויך יידיש און ער שרייבט עד היום אין ביידע שפּראַכן. אין שפּאַניש האָט ער מער מעגלעכקייטן צו דרוקן זיינע ווערק, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן פון פאַרשידענע פאַרלאַגן. אין יידיש האָט ער ביז איצטער פאַרעפנטלעכט אַ טייל פון זיינע שריפטן אין פאַרשידענע זאַמלביכער און איבערהויפּט אין די ייוואָ־אויסגאַבן. אין יידיש איז פון אים דערשינען, אויסער אַ בראָשור, וואָס איז אַ סעפּאַראַט אָפּדרוק פון די „ייוואָ־בלעטער" אין ניו יאָרק, אויך אַ ביכל „סאַרמיענטאָ, דער ריטער פון דער אַרגענטינער דעמאָקראַטיע". זיינע ווערק אין שפּאַניש „די מאַראַנען פאַמיליע פּינע־לאַ" און „דער ייד אין ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע" זיינען וויכטיקע צושטייערן צו דער געשיכטע פון די יידן אין לאַטיין אַמעריקע.

זייט 1937 וווינט און שאַפט אין אַרגענטינע דער יידיש־דייטשער שריפטשטעלער משה כ"ץ (נישט פאַרבייטן אויף משה ק"ץ און משה קאַטץ פון נ. אַמעריקע). אַ ייד פון פּוילן, איז משה כ"ץ אין יאָר 1914, אין עלטער פון זעכצן יאָר אַוועק קיין מערב דייטשלאַנד און ער האָט דאָרט פאַרעפנטלעכט עדרציילונגען אין פאַרשידענע דייטשע אויסגאַבן. אין 1933 איז ער אַוועק קיין האָלאַנד און ער האָט אויך דאָרט געדרוקט דערציילונגען און ראָמאַנען אין די האָלענדיש און האָלענדיש־יידישע אויסגאַבעס. משה כ"ץ שרייבט עד־היום אי יידיש, אי דייטש און ער דאַנגלט זיך מיט ביידע שפּראַכן. די דייטש־ריידנדיקע האַלטן, אַז זיין יידיש איז בעסער און די יידישע לייענער פילן אַ דייטשישקייט אין זיין

שרייבן. ער איז נישט אָן טאַלאַנט און זיין ראָמאַן „אין שאָטן פון האַקנקרייץ". וואָס איז דערשינען אין 1942 אי אין יידיש, אי אין דייטש, איז אַ ווערק מיט פאַרנעם און אויך מיט וויכטיקע דאָקומענטן פון דער צייט, אָבער די קללה פון שפּראַך־געמיש הויערט אין דעם דאָזיקן ווערק אין ביידע שפּראַכן.

אַ זשורנאַליסט און דערציילער מיט געמיט און ליכטיקייט איז פאַליק לערנער, וואָס איז אין 1927 געקומען פון בעסאַראַביע קיין אַר־גענטינע אין עלטער פון 24 יאָר. ער האָט אַ לאַנגע צייט געאַרבעט אין פאַבריקן און אין זיינע באַשיידענע און אָן פּרעטענזיעס געשריבענע סקיצן און דערציילונגען איז פאַראַן דער ריטם פון אַרבעט און פון פאַר־נעפּלטקייט העלן זיך אַרויס פנימער.

מאַרק טורקאָוו איז געקומען אַהער ווי אַ באַוווסטער יידישער זשור־נאַליסט און רעדאַקטאָר פון פּוילן. ער האָט נאָך זיין ערשטן באַזוך ביי אונדז — אין יאָר 1936 — פאַרעפנטלעכט אַ בוך וועגן אַרגענטינע. אין יאָר 1939 האָט אים דאָ פאַרכאַפּט דער וועלט־קריג און ער איז דאָ געבליבן אַ תושב און ער האָט חוץ אַרטיקלען וועגן אַקטועלע ענינים פאַרעפנטלעכט אין די פאַרשידנסטע אויסגאַבן אַרטיקלען וועגן יידישע שרייבער אין פּוילן און דאָס גרעסטע פאַרדינסט זיינס איז דאָס גרינדן ביים צענטראַל פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן דעם פאַרלאַג „דאָס פּוי־לישע יידנטום" (1946), וואָס האָט ביז סוף 1948 אַרויסגעגעבן פערציק ביכער, וואָס שפּיגלען אָפּ דאָס חרוב־געוואָרענע יידישע לעבן אין פּוילן און די תקופה פון חורבן.

אליהו טראָצקי איז ביז זיין קומען קיין אַרגענטינע אין יאָר 1938 געווען אַ באַוווסטער רוסישער און רוסיש־יידישער זשורנאַליסט און שריפטשטעלער. אין אַרגענטינע איז ער לאַנגזאַם איבערגעגאַנגען צו יידיש און ער איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע פּובליציסטן ביי אונדז. ער פאַרעפנטלעכט דאָ מעמוארן, וואָס שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן אין איי־ראָפּע בכלל און דאָס לעבן פון יידן אין דייטשלאַנד און די סקאַנדינאַווישע לענדער בפרט. אין דער פאָרם פון מעמוארן שרייבט א. טראָצקי דער־ציילונגען, וואָס האָבן דעם ווערט אי פון דאָקומענטן, אי פון ליטעראַטור. אַ שרייבער פון אַלטן און פיינעם רוסישן מאַניר, האָט ער דעם דאָזיקן מאַניר איבערגעפירט אין יידיש און זיין שרייבן איז פאַרבליבן מיט דער עקזאַטיק פון פרעמדקייט, וואָס ווערט פאַוואָליע אייגן. זיינע העלדן

זיינען צום מייסטן אַזעלכע, וואָס ריידן נישט קיין יידיש און דאָס מאַנע־רירטע, איבערגעזעצטע יידיש פּאַסט אויך זיי.

דר. יעקב העלמאַן דאַרף שוין פאַררעכנט ווערן ווי אַן אַרגענטינער יידישער שרייבער. ער איז קיין אַרגענטינע געקומען אין יאָר 1939 אַלס פאָרשטייער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און ער געפינט זיך זייט דעמאָלט דאָ און ער איז דאָ טעטיק ליטעראַריש. נישט צו־אָפט דערשיינט ער מיט אַן עסיי אין דער עפנטלעכקייט, אָבער זיינע עסייען זיינען אין אונדזער פּובליציסטיק געשעעניש. זיי פאַרמאָגן דעם סינטעז פון וויסן — אַלגעמיינעם און יידישן — און פון טעמפּעראַמענט. אייניקע עסייען — אַ שטייגער וועגן דר. חיים וויצמאַן, ד״ר יעקב קלאַצקין א. אַ. — זיינען פאַרענדיקטע און אויסשעפּנדיקע קליינע ווערק.

פּ ר ו י ע ן

די דריטע תקופה האָט אַ גאַנצע ריי פרויען־שרייבערנס. די באַדייטנדיקסטע צווישן זיי איז בלי שום ספק שרה בירנבוים, וואָס איז קיין אַרגענטינע געקומען אין יאָר 1937 אין עלטער פון 27 יאָר. זי האָט שוין אין פּוילן געהאַט זיך געדרוקט אין פאַרשידענע אויסגאַבעס. צאַרט־ווייבלעך און מאַמיש זיינען די לידער פון שרה בירנבוים. ליריק פון ריינסטן און שטילסטן מין:

ס׳וואַרט די נאַכט ווי איך,
ס׳וואַרט די נאַכט ווי דו
און קיין שטערן איז נישטאָ
און קיין שטערן איז נישטאָ.

שרה בירנבוים זינגט דאָס געוויין פון די מאַמעס ביי די שוועלן, וואָס די נאַכט הילט איין מיט אירע פליגל. די מאַמעס הענגען די טרערן אויף אויף יעדער טיר.

שרה בירנבוים האָט אייניקע שטילע קלאָג־לידער וועגן חורבן, וואָס זיינען עכטע און זיי צעטרייסלען מיט זייערע פשוטע ווערטער, וואָס קומען פון טיפסטן האַרצן און פרוון אַנצינדן גלויבן, אַז עס איז

געשען דער װוּנדער
יעדעם שטױבעלע אַש
זיך אין הערלעכע זונען צעגליט
און פאַרשרפהט דעם שונא
מיט זײַן גיפטיקער רוט...

אױך די קינדער־לידער פון שרה בירנבױם זײַנען פּשוט, אױפריכטיק און זײ װירקן נישט װי באַנאַליטעטן, כאָטש די דיכטערן זוכט נישט קײן אױפטועכן און מײַדט אױס געקינצלטקײטן.

מימי פינזאָן (פּסעװדאָנים פון אדעלא שליאַפּאָטשניק) שרײַבט איבערהױפּט ליטעראַטור־קריטיק. אירע עלטערן האָבן זי אַהער געבראַכט פון אוקראַינע אין יאָר 1914 אין עלטער פון פיר יאָר. איר יידיש פאַרמאָגט דעם שפּאַנישן אײַנפלוס, הגם ער איז אױסערלעך רײן און אָפּגעהיט. אירע עסײען װעגן אַרגענטינער פּערזענלעכקײטן זײַנען פון אַ געװיסן װערט. איר שרײַבן איז רואיק, אָבער אָן געמיט. עס פעלט לחלוטין דאָס פּערזענלעכע. פאַראַן אַן אָפּגעהיטע פּאָליטישע ליניע אין איר שרײַבן און — מעכאַנישקײט.

נחמה לערער איז אַהער געקומען אין יאָר 1928 אין עלטער פון זעכצן יאָר. זי האָט דאָ אָנגעהױבן פּאַרעפּנטלעכן לידער און זי האָט ביז איצטער אַרױסגעגעבן צװײ בענד — „מוטער חנה פון גראַבאָװיעץ" (1945 — דערשינען מיט אַן הקדמה פון מחבר פון אָט דער אַרבעט) און „אין בענקענדיקע שעהן" (1948). דאָס ערשטע בוך איז אַ פּאָעמע, אין װעלכער אַ טאָכטער באַװײנט אַ מאַמע, װאָס איז אומגעבראַכט געװאָרן אין װאָלין בשעת דעם דריטן חורבן. אַ פּאָעמע, אין װעלכער, װי איך האָב געזאָגט אין דער דערמאָנטער הקדמה, עס „ריזלען טרערן פון דער דיכטערן און מישן זיך אױס מיטן בלוט פון די קדושים". אין צװײטן בוך זײַנען פאַראַן מײדלישע בענקשאַפט־לידער, אין װעלכע עס איז דאָ איראָניע און סאַטירע אױף דעם לעבן־שטײגער אין דער נײַער הײם.

גאָלדע (גוטמאַן) קרימער איז קײן אַרגענטינע געקומען פון בעסאַראַביע אין יאָר 1923, אין עלטער פון זיבעצן יאָר און האָט דאָ באַלד אָנגעהױבן שרײַבן דערצײלונגען און ראָמאַנען. זי האָט ביז איצטער אַרױסגעגעבן אין בוכפאָרם „בעסאַראַביע 1918" (1940), „מײַן שטעטל יעדינעץ" (1944) און „מוטער רחל" (1948). די ראָמאַנען האָבן אַ סך

רויען שטאָף, ליטעראַריש נישט־פּאַרדייעטן. דאָס איז לייענשטאָף, וואָס האָט — דאָרט, וווּ ער איז נישט אויסגעטראַכט — דעם ווערט פון מעמואַרן.

די דיכטערן רחל מינצעס און מאַרי גאָלד האָבן ביידע אָנגעהויבן שרייבן פּויליש און אין אַרגענטינע זיינען זיי איבערגעגאַנגען צו יידיש. די ערשטע איז אַהער געקומען אין יאָר 1929, אין עלטער פון נייַנצן יאָר, די צווייטע איז געקומען אין 1938 אין עלטער פון פיר־און־צוואַנציק יאָר. ביי ביידע איז אין יידיש פאַרבליבן אַ טעם פון פרעמדקייט און וואַרשיינלעך איז די דאָזיקע פרעמדקייט די סיבה פון דער לאַנגזאַמער אַנטוויקלונג זייערער.

רחל מינצעסעס לידער זיינען זייער אָפט מער געטראַכטע, ווי געפילטע. זיי מאַכן על פּי רוב דעם איינדרוק פון דורכגעטראַכטע רייזע־איינדרוקן:

ציען פעלדער זיך אויף מיילן,
נישט פאַראַקערט, נישט פאַרזייט,
קוק איך אויף די פוסטע פעלדער
און עס טוט מיר אַזוי וויי.

אָדער:

קליינע הענטלעך, דאַרע הענטלעך,
וואָס דאַרפן ליאַלקעס גלעטן,
שטרעקן זיך צו יעדן איינעם אַ נדבה בעטן.

מאַרי גאָלד איז לירישער. זי האָט אין די ווינציקע לידער, וואָס זי האָט ביז איצטער פאַרעפנטלעכט מאָטיוון פון ליבע, מוטערלעכקייט און בענקשאַפט. אין ליד „באַגינען״ דערציילט די דיכטערן וועגן אַ פאַרטאָג, ווען אַ פייגעלע האָט געזונגען ביי איר פענצטער און אַ זון־שטראַל האָט מילד באַלויכטן איר שלאָפנדיק קינד, האָט זי געקוקט דורכן פאַרהאַנג אויף דעם העלן הימל און זי זעט ווי „אויסגעוואַשענע וואָלקנדלעך האָבן זיך ליב״ און איר האַרץ האָט אַ צאַפּל געטון מיט פריידיקער פּיין און זי האָט געפילט:

דעם פויגלס געזאַנג, דאָס שמייכל פון מיין קינד
און די אייביקייט —
לעבן אין מיר.

מאַשאַ שטוקער פּאַיוק איז אַהער געקומען אין עלטער פון 10 יאָר יאָר 1925. זי שטאַמט פון גראָדנער גובערניע. זי שרייבט לידער און אי־בערהויפּט קינדער־לידער. וויבערישער ציטער און מוטערלעכע הילפלאָ־זיקייט זיינען פאַראַן אין אַ סך לידער פון מאַשאַ שטוקער פּאַיוק. זי איז עכט איבערהויפּט דאָרט, ווו זי באַהאַלט זיך נישט מיט איר הילפלאָזיקייט און זי טוט תפילה צום געליבטן, צום קינד. זי בעט ביי איר קינד:

זיי מוחל מיר
די זינד
פאַר ברענגען דיך
אין אַזאַ וועלט.

און זי האָפט:

און נאָכדעם!
שפּעטער... שפּעט
ווען מיר וועלן שוין פאַרגיין,
וועסטו בלייבן דאָ
און ביז דאַן
עס מוז, עס וועט!
אויסקלינגען אַ נייע שעה.

די איינציקע שרייבערן, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַרגענטינע איז ירדנה פיין. זי איז געבוירן אין ב. איירעס אין יאָר 1917. זי שרייבט איבערהויפּט קינדער־מעשהס. זי האָט אויך איבערגעזעצט פון שפּאַניש. איר יידיש איז אַ נאַטירלעכער. זי איז געווען אַ לערערן און איז אַ שוישפּילערן און אין איר שרייבן נעמט דאָס לערערישע די אויבערהאַנט איבער דעם שוישפּילערישן. די דידאַקטישע כוונה שטראָמט אַרויס פון אירע זאַכעלעך, וואָס ווערן אָפט אַ געמיש פון אַ דערציילונג און אַ לעקציע. זי וועבט פון צייט צו צייט אויס אַ בילד, אָבער נישט אין די זאַכן פאַרן קינד. אירס אַ בילד איז אויסגעמוטשעט, אָבער נישט אָן קאָליר. אָט איז אַ מוסטער:

„צווישן וואָלקנדלעך, נישט גוט פאַרהעקלטע, שלייכט זיך דורך אַ באַפעדימטער שטראַל זון וואָס פאַלט אויף אַן עוקאַליפּט־בוים און בלייבט זיך וויגן צווישן צווייג און צווייג".

די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט דערציילונגען שרה ב. יעלען, דער־ציילונגען מיט בענקשאַפט צום פאַרלוירענעם לעבן אין דער אַלטער היים און מיט סאַטירע וועגן לעבן אין דער נייער היים.

ז.

געסט, ווערק, סך הכל

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויף דער ווירקונג פון געסט־שריפטשטע־לער אויף אונדזער ליטעראַטור. מיר האָבן דערמאָנט איבערהויפּט פּרץ הירשביין און ה. ד. נאָמבערג. עס קען זיין, אַז מיר וואָלטן געדאַרפט פאַרלויפן אויף נאָך פריער און אָנווייזן אויף י. ל. פּרצס אינטערעס פאַר דעם אַרגענטינער יידישן ישוב. אָן ווירקונג אויף אונדזער צווייג פון דער יידישער ליטעראַטור זיינען נישט געבליבן די אַלע געסט־שריפט־שטעלער, וואָס זיינען דאָ געווען, אָנהויבנדיק מיט זלמן רייזען עליו השלום און ענדיקנדיק מיט מלך ראַוויטש, צו לענגערע יאָר אים. ה. לייוויק, וואָס איז אַהער געקומען צום אינטערנאַציאָנאַלן פּען־קאָנגרעס, האָט אימפּאָנירט יידיש און די יידישע ליטעראַטור אויך פאַר די יידן, וואָס זיינען געווען שוין אָפּגערוקט פון יידיש און פאַר נישט־יידן. מען וועט געפינען עפּעס ביי מאַרק אָרנשטיין און יעקב רייזפעדער (ביידע קדושים), וואָס זיינע דאָ געווען אין געסט און האָבן מסתמא געשריבן וועגן אונדזער לעבן. די רעדאַקציע פון דער שוין אַזויפיל מאָל דערמאָנטער „אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע" האָט ליידער נישט באַוויזן צו געפינען די שריפטן פון די דערמאָנטע. לאַצקי בערטאָלדי האָט געכאַפּט דעם אָקס ביי די הערנער, ווען ער האָט געשילדערט די אַנדן־בערג. ער האָט אָנגעשריבן קאַפּיטלען, וואָס געהערן צו די שענסטע נאַטור־שילדערונגען אין יידיש. מאָלערישקייט האָט זיך אין די דאָזיקע שילדערונגען פאַראייניקט מיט דער עקזאַקטקייט פון אַ מענטש מיט וויסן.

ער האָט אויך געפּאַקט בילדער פון אַרגענטינער שטייגער און ער האָט גרינטלעך געמאָלן דאָס שפּילן לאָטעריע און אַלע אַנדערע אַזאַרט־שפּילן אין אַרגענטינע.

ב. שעפנער האָט פּעליטאַניסטיש־בעלעטריסטיש געשילדערט דאָס בענקען נאָך יום־טובדיקייט אין אַרגענטינער יידישן לעבן און דעם תהום ממש, וואָס הזיערט צווישן יום טוב און וואָך אין אָט דעם לעבן. היינט איז צוליב אַ יום טוב אַ טעאַטער איבערגעפּולט און מאָרגן גייט דער זעלביקער פּראָגראַם, אָבער שוין אָן יום טוב און דאָס טעאַטער האָט לחלוטין קיין מענטשן נישט און די בענק זיינען באַדעקט מיט שאָטנס. און כאָטש זייט שעפנער איז געווען ביי אונדז, האָט זיך אַ סך געביטן און עס פעלט שוין קיין נישט קיין וואָך אין אונדזער לעבן, איז אָבער דער אָפּגרונט צווישן יום טוב און וואָך נאָך אַלץ אין אַ ווילדער פּראָפּאָרץ.

עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די באַדייטנדיקסטע שאַפונג, וואָס אַ גאַסט האָט אונדז געלאָזט, געהער צו דער פעדער פון מלך ראַוויטש. ער איז דאָ געווען לענגער ווי אַלע געסט און ער האָט זיך אַריינגעלעבט אין אונדזער לעבן אריין און ער האָט אָרגאַניש דערפילט דאָס דאָרפישע יידישע לעבן אונדזערס און ער האָט דאָס וואונדערלעך באַזונגען אין זיין איינגאַרטיקער באַלאַדע „סימע לאה, די טאָכטער פון באַראָן”, וואָס איז — מיר זאָגן דאָס בפירוש נישט מעשה אייניקלעך פון אברהם אבינו — וואָרשיינלעך די וואָגיקסטע פּאָעטישע שאַפונג וועגן דער אַרגענטינער יידישער קאָלאָניזאַציע. מלך ראַוויטש, דער אינטעלעקטואַלער דיכטער, האָט זיך אין אָט דער באַלאַדע איינגאַנצן געביטן. ער איז דאָ אַ דוריכ־אויסיקער פאָלקס־דיכטער און ער דערציילט אין פאָלקסטימלעכן טאָן די געשיכטע פון באַראָן הירש, וואָס האָט פאַרלוירן זיין זון לוסיען און ער האָט געשוווירן צו מאַכן דאָס יידישע פאָלק פאַר זיין יורש און אַריינלייגן הונדערט מיליאָן אין אַרגענטינע און דאָרט שאַפן אַ יידיש לאַנד פאַר קאָלאָניסטן; און ער שילדערט ווי אַזוי פאַרנדיק איבער רוס־לאַנד, האָט אים אַ בלענד געטון פאַר די אויגן אַ מיידעלע מיט שוואַרצע אייגעלעך און דאָס דאָזיקע מיידעלע איז אים נישט אַרויס פון די געדאַנ־קען און ער האָט זי אין דער מחשבה געמאַכט פאַר זיין טאָכטער. און דער דיכטער שפּרינגט אַריבער פופציק יאָר. ער געפינט זיך אין אַרגענטינע אין די דרייסיקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט אין דער פּראָווינץ ענטרע ריאָס און ער ווערט איינגעלאַדן אויף אַ חתונה אין קאָלאָניע

נומער אכט און דארט טרעפט ער סימע לאה, די טאכטער פון באראן, וואס איז שוין זייט לאנג אן אלמנה און זי מאכט חתונה אן אייניקל. זי איז שוין געליימט און זי איז פול מיט ענערגיע. אים, דעם וואנדערנ־דיקן דיכטער, זאגט זי אויס, אז זי איז נישט אבי ווער, זי איז די טאכטער פון באראן. דערנאך אין דער סאמע מיט חתונה, זאגט זי דאס דאזיקע אויס דעם גאנצן עולם. און דער באראן אליין קומט אויף דער חתונה. איר געשטארבענער מאן ברענגט אים פון יענער וועלט. דער באראן וויל ווינסן, וואס ס׳איז געווארן פון זיין ירושה און צי איז שוין דא פאראן א יידיש לאנד. סימע לאה דערציילט אים ווי געטריי זי האט דא געארבעט און זי בייגט זיך אן און זאגט אים אויס דעם טרויעריקן סוד, אז אירס אן אייניקל האט זיך געשמדט. (עס דארף באמערקט ווערן, אז דאס איז א נישטיקער אויסנאם און ווארשיינלעך איז פאראן ערגערע זאכן צו דערציילן דעם באראן וועגן זיין ירושה, אבער אין פאלקסטימלעכן טאן פון ליד פאסט זיך אט דער עפיזאד אריין). די באלאדע ענדיקט זיך שוין אין הימל, ווו סימע לאה איז נישט די טאכטער פון באראן, נאר זי ווערט די כלה פון באראנס זון... דער איבערדערציילטער אינהאלט זאגט עדות, אז דא האנדלט זיך וועגן א נישט־געוויינלעכער שאפונג, וואס ברענגט ארויס דעם תמצית פון א ישוב, א חלום, וואס איז פאר־ווירקלעכט געווארן אביסל אויף דער ערד און מערער אין הימל...

די לעצטע יארן איז ארגענטינע געווארן א צענטער פון יידישן פארלאג־וועזן. דעם אנהויב האט געמאכט דער פארלאג „יידיש", וואס איז געגרינדעט געווארן פון מחבר פון אט די שורות, דעם זשורנאליסט וו. ברעסלער און דעם קולטור־טוער אברהם מיטלבערג. דער דאזיקער פארלאג האט ארויסגעגעבן אלע ווערק פון פרצן און אין א מער פולער אויסגאבע ווי קלעצקין און מיטן ייווא־אויסלייג. אין א צייט ארום האט דער זשורנאליסט מארק טורקאוו און דער דערמאנטער אברהם מיטלבערג געגרינדעט דעם פארלאג „דאס פוילישע יידנטום" ביים צענטראל פארבאנד פון די פוילישע יידן אין ארגענטינע. דער דאזיקער פארלאג האלט שוין ביי אריבער פערציק ביכער, אייניקע פון זיי פון אויסערגע־וויינלעכער וויכטיקייט און אלע אינאיינעם זיינען א מאנומענט דעם אומ־געבראכטן פוילישן יידנטום.

... עס האלט ביי סך־הכל. און מיר קערן זיך אום צום סאמע אנהויב. צו־הויך איז אונדזער ליטעראטור נישט געוואקסן. צענדליקער און צענד־

ליקער שרייבער האָבן מיר, אָבער מיר קענען נישט אָנווייזן אויף קיין וויכטיקע ווערק. מיר האָבן שפּליטערס, בליצן, אָבער נישט קיין איין ווערק, אויף וועלכן מען זאָל קענען אָנווייזן: „אָט דאָס איז עס!" אַן אויסנאַם איז מרדכי אַלפּערסאָנס ערשטער באַנד באַנד „דרייסיק יאָר אין אַרגענטינע" (מעמואַרן פון אַ יידישן פּויער). דאָס איז אַ ווערק, וואָס נעמט אַרום דעם בראשית פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע און שעפּט אים כמעט אויס. פאַראַן קאַפּיטלען אין אָט דעם ווערק, וואָס וועלן באַהעפט ווערן צו די אגדות וועגן אונדזערע קדושים. געווען מסתמא טאַלאַנטירטערע שריפטשטעלער ווי מרדכי אַלפּערסאָן, אָבער צו שאַפן ווערק פון אַזאַ ווערט האָבן זיי נישט זוכה געווען.

וואָרשיינלעך איז פאַראַן אין דעם גאַנצן אַרגענטינער לעבן עפּעס, וואָס רויבט אַוועק די אַרבעטזאַמקייט ביי שעפערישע מענטשן. אַרגענטינער שפּאַנישע שרייבער וואַקסן אויך נישט לויט זייערע כוחות. באַדייטנדיקע אַרגענטינער שרייבער האָבן פּאַרענדיקט מיט זעלבסטמאָרד און וואָרשיינלעך האָט אין דעם אַ חלק דאָס נישט קענען קומען צום פולן אויסדרוק. פון די אַרגענטינער יידישע שרייבער האָבן צוויי זיך פאַרמאָסטן אויף ווערק — ביידע זיינען שוין נישט צווישן די לעבעדיקע: ל. מלאך און מ. ז. גאָלדשטיין. ביידע האָבן דאָס געטון נישט אין אַרגענטינע, נאָר ערגעץ אַנדערש און ביידע האָבן אין זייערע ווערק אָפּגעשפּיגלט נישט דאָס אַרגענטינער לעבן.

אייניקע שרייבער זיינען פאַראַן אין זייער קלענערער, אָדער גרעסערער גאַנצקייט, אָבער נישט מיט קיין פלאַמען, נאָר מיט פונקען. און מאָדנע איז, וואָס דווקא זשורנאַליסטן־פּובליציסטן זיינען מער געקומען צו זייער פולסטן אויסדרוק דורך ביכער, ווי דיכטער און דערציילער. מ. רעגאַלסקי, דער זשורנאַליסט, דער פלאַם־פייערדיקער טריבון, דער פּועלי־ציוניסט און געטרייער יידישיסט (יעדנפאַלס פאַר דעם גלות און באַזונדער פאַר אַרגענטינע) איז פאַראַן אין זיין גאַנצקייט אין זיין זיבן־הונדערט־זייטנדיקן בוך, פון גרויסן אַלבום־פאָרמאַט, א. נ. „צווישן צוויי וועלט־מלחמות". דער געלערנטער זשורנאַליסט יוסף מענדלסאָן, וואָס וואָרצלט אין תנ"ך, תלמוד און גרייכט ביז ביאַליק און שלום עליכם און וואָס געהער צו די פּיאָנערן פון דער ציוניסטישער יידישער זשורנאַליסטיק און פּובליציסטיק אין אַרגענטינע, איז אין זיין אַריבער פינף־הונדערט־זייטנדיקן בוך, אויך פון גרויסן אַלבום־פאָרמאַט, אונטער דעם

פּרעטענציעזן נאָמען „אַמאָל אין אַ האַלבן יובל", אויך געקומען צו זיין פולסטן אויסדרוק מיט זיין געלערנטקייט, פאַרפּלאָנטערטן סטיל, וואָס בלאָנדזשעט צווישן פאָלקסטימלעכן הומאָר און גרינטלעכער שילדערונג און אומקלאָרקייט, מיט איין וואָרט — מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות. דאָס זעלביקע קען געזאָגט ווערן וועגן פּיניע כץ און זיינע געקליבענע שריפטן אין די ביז־איצט דערשינענע ניין בענדער. דער שאַרפזיניקער זשורנאַליסט און פּאָלעמיקער, דער פּועלי ציוניסטישער קעמפער א: ל. שוסהיים, וואָס געפינט זיך אין אַרגענטינע 22 יאָר, ווערט איצט געפייערט צו זיין זיבעציק יאָריקן געבוירנטאָג און מען גרייט אַן אויסגאַבע פון זיינע געקליבענע שריפטן און זיין פופציק יאָריקע שרייבערישע טעטיקייט וועט אַרויסקומען גאַנץ בולט דורך זיינע אַגי־טאַטאָרישע אַרטיקלען און דורך זיינע מעמואַרן וועגן גאַליציע, וואָס האָבן אַ קולטור־היסטאָרישן ווערט און וואָס דערגאַנצן די בלויזן, וואָס זיינען פאַראַן אין דער יידישער קולטור געשיכטע און אין דער בעלע־טריסטיק. וועגן ה. וואָלפּס ווערק האָבן מיר באַזונדער גערעדט. ליידער קענען מיר נישט אָנווייזן אויף קיין ווערק פון בעלעטריסטן, וואָס זאָלן זיין אַזוי ממשותדיק, ווי די ביכער פון די דערמאָנטע זשורנאַליסטן. פאַראַן טאַלאַנטירטע יידישע שרייבער אין אַרגענטינע, פאַראַן אַ יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט געוויזן דעם גוף און טיילווייז דאָס פּנים פון אונדזער ישוב און קיום, קוים עפּעס פון דער נשמה, אָבער עס איז נישט פאַראַן קיין ווערק, וואָס זאָל ווייזן אַ קינסטלערישע פּערזענלעכקייט אין פולן אויסדרוק. די נשמה שטעקט אין דעם ריינעם און פאָלקסטימ־לעכן יידיש, וואָס ווערט ביי אונדז גערעדט און געשריבן און עס בלאָנ־דזשען נאָך אַרום נשמות און זייערע געזאַנגען, וואָס זוכן אַ תיקון. אָבער אַ געוויסן תיקון האָבן אַלע, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן וואָרט אין אַרגענטינע — דאָס יידישע טעאַטער און די יידישע שול האָבן אַ גרויסן חלק אין דעם, אָבער מיין אַרבעט איז דערווייל געבליבן אין די גרעניצן פון דער זשורנאַליסטיק און דער ליטעראַטור — געגעבן דעם אַרגענטינער ישוב: זיי האָבן אים געגעבן דורך דעם יידישן וואָרט איי־נ־טימיטעט, טרייסט, באַהעפטונג מיט דעם יידישן שורש און מיט דעם וועל־שורש.

מען האָט אין אַרגענטינע איבערגעזעצט וויכטיקע ווערק פון דער אַרגענטינער, לאַטיין־אַמעריקאַנער און בכלל שפּאַנישער ליטעראַטור אויף

יידיש און מען האָט אויך איבערזעצט פון אַנדערע שפּראַכן אויף יידיש. די הויפּט־איבערזעצער זיינען: י. אַקסענצאָוו, י. איסאַקסאָן, חיים בראַ־קאַזש, פּ. כץ, י. מענדלסאָן און נ. פּרוכטער. מען דערוואַרט פון אונדז אַ „דאָן קיכאָט" איבערזעצונג. פּ. כץ האָט אָנגעהויבן. נ. פּרוכטער זעצט פאָר. די אַרבעט וואָלט געדאַרפט נעמען אויף זיך אַ קאָלעגיע.

אין די לעצטע יאָרן האָט אונדזער ישוב זיך אַ ווענד געטון אויך צו יידיש לעבן און צו ארץ ישראל. דער יידישער יום־טוב איז געוואָרן אויס נישט געוווּנטשענער גר אין אונדזערע הייזער און מיר האָבן פריער געהאָלפן אויפבויען דעם ארץ ישראל ישוב און איצטער העלפן מיר בויען די יידישע מדינה און מיר וואַרעמען זיך ביים פייער, וואָס קומט פון דאָרטן, אָבער עס זיינען געווען צייטן, ווען דאָס יידישע וואָרט איז געווען די איינציקע שיין און דער איינציקער שייטער, וואָס האָט באַלויכטן און וואַרעם געמאַכט דאָס יידישע לעבן. געווען צייטן, ווען דער אַלטער יידישער גלויבן און דער ציוניזם האָבן אין אונדזער ישוב געהאַט זייער אַ קנאַפּן אָנהאַלט און יידיש איז געווען די וואָך און דער שבת און יום־טוב פון אונדזער־לעבן און ווער ווייסט, וואָס פון דעם האַלבן מיליאָן אַרגענטינער יידן וואָלט געוואָרן, ווען נישט דאָס יידישע וואָרט — — —

★

נעמען־רעגיסטער

צוזאַמענגעשטעלט פון
מרדכי קאָרנהענדלער

א

איבערמאַן, אהרן — 175
אויערבאַך, אפרים — 9, 119, 120
אולמא, ר' זעליקמאַן — 51
אזיעלעסקו, יוסף — 138
איבסען, ה. — 238
אייזנבוים, אַנטאָני — 113
אייזנבערג, וואָלף — 173, 191
אייזנשטיין, יעקב — 195, 212, 228
אייכל יצחק — 57, 72
אייכנבוים — 114
אייטשלבוים, מ. — 177
איליער, ר' מנשה — 77
איינהאָרן, דוד — 137, 196
איצקאָוויטש, ג. ב. — 170
איסאַקסאָן, יצחק — 180, 233, 275
אָלגין, מ. ד"ר — 174
אַלטמאַן, משה — 118, 127
אַלטשולער, ר' משה — 49
אַלמי, א. — 64
אַלפּערסאָן, מרדכי — 169, 172, 173, 191, 193, 194, 196, 202, 217, 273
אַנכּי, ז. — 162, 200
אַנ־סקי, ש. — 63
אָפּאַטאָשו, יוסף — 239, 243
אָפּענהיימער, ר' דוד — 12
אָקסנצאָוו, י. — 181, 275
אָקסענפעלד, ישראל — 84, 85, 86, 87, 88, 89, 90, 108
אַריאָסטאָ, ל. — 32
אָרנשטיין מארק — 270
אַש שלום — 122, 162
אשכנזי, ר' יעקב בן יצחק — 42, 45

ב

באַבאַד, נחום — 124, 125
באָרעלי, טאָמאַס — 12
באָוושאָווער — 195, 212
באָקאַטשיאָ — 26
באָראָכאָוו, בער — 11, 14
באַריישאַ, מנחם — 238
בומאַזשני, עוזר — 171, 178, 179, 180
בונים, ר' נחמיה — 69
בחור, אליהו — 30, 31, 33, 34, 35, 36, 41, 90
ביאַליק, ח. נ. — 135, 154
ביזבערג, פּנחס — 240, 241
ביילינסאָן — 87
ביילים — 175, 177
ביק, י. ש. — 72
בירנבוים, שרה — 266, 267

בלאָשטיין, ה — 218, 227, 228, 229, 230, 231, 232, 235, 236
בלומשטיין, יצחק — 255, 256
בליץ, צאַלעל — 262, 263
בעל־מחשבות — 11, 238
בן אליקום, יצחק — 50
בן זאב — 72
בן חדור, ארי — 153
בן ציון (גוטמאַן) — 119
בעלאָגראָדסקי, ל. — 214
בעל־שם־טוב, ר' ישראל — 63, 65, 66
בענדערסקי, ברוך — 171, 175, 194, 196, 202,216
בערדיטשעווסקי, מ. י. — 69, 148
בערגלסאָן, דוד — 238, 252
בערשאַדסקי — 244
בראָדסקי, אהרן — 178, 179, 196, 197, 198, 199, 202, 204
בראָדער, בערל — 84, 98, 99, 100, 101, 103
בראַטיאַנו — 149
בראַנדשטעטער — 148
בראַסלאַווער, ר' נחמן — 66, 67, 68, 69, 85
בראַקאַזש, חיים — 275
ברוידעס, ראובן א. — 104, 105, 143
ברוסילאָווסקי, ה. — 182
בריל, יואל — 72
ברענער, י. ח. — 215, 244
ברעסלער, וואָלף — 183, 272

ג

גאַווינאָסער, י. — 214
גאָטלאָבער, א. ב. — 84, 85, 86, 90, 91, 107, 108, 109
גאָלד, לייבוש — 154
גאָלד מאַרי — 268
גאָלדבערג, יאָסל — 183, 254, 255
גאָלדמאַן, דוד — 165, 171, 183
גאָלדסמיט, אָליווער — 53
גאָלדפאַדען, אברהם — 99, 100, 115, 139, 150
גאָלדשטיין, מ. ז. — 243, 245, 272
גאָלדשטרייך, חיים ד"ר — 252
גאָניקמאַן, יצחק — 126
גאַרבאַרזש, משה — 155
גאַרבאַרזש, פעלע — 155
גאָרדאָן, י. ל. — 56, 106, 110, 232
גאָרדאָן, מיכל — 61, 84, 109, 110
גאָרדין, אבאָ — 247
גאָרדין, יעקב — 99, 122, 195, 214
גאָרין ב. — 58, 59
גאָרעליק י. ל. — 182
גורפינקל, ד. — 182
גינצבורג, מ. א. — 76
גיסער, מ. ד. — 218, 222, 223, 225, 226, 227, 232, 235
גלאַזער, י. — 180
גלאַזערמאַן, רב — 173
גלאַזערמאַן, שמואל — 213
גלאַטשטיין, יעקב — 237

גליקל פון האמעלן — 52
גנעסין — 215, 244
געטע — 158
געלערנטער, ל. ד״ר — 140
גערשונאוו, אלבערטא — 241
גראניטשטיין, משה — 181, 236, 237, 238
גראניעוויטש, ש. — 243, 244, 245
גראפפער, יעקב — 145, 146, 151, 153, 158
גרוזמאן, י. ל. — 232
גרינבערג, א. — 119, 127
גרינבערג, בערל — 247, 250, 251
גרינבערג, שמחה — 153
גרינגלאז, ש. — 174
גרעץ, פראפ. — 13

ד

דאנטע — 23
דאסטאיעווסקי — 252
דינעזאן, יעקב — 97, 98
דיק, א. מ. — 84, 94, 95, 96, 97, 98
דעפא, ד. — 54
דער טונקעלער — 88, 189
דער מלבים — 137

ה

האללע-וואלפסאן, א. — 58, 59
האלפערן, משה לייב — 260
האמסון, קנוט — 200
הארן, יוסף — 160, 263
הוגא, וויקטאר — 221
הורוויץ, ח. ח. — 59, 75, 76
הורוויץ, ש. — 171, 172
החסיד ר׳ יהודה — 18
היינע — 65
הירש, באראן — 270
הירשביין, פרץ — 64, 214, 217, 218, 220, 270
הלוי, אורי פייוויש — 46
הלוי, פאביאן ש. — 168, 171
הלוי, ר׳ יהודה — 62
העלמאן, יעקב, ד״ר — 266
העלפמאן, ישראל — 175, 176, 177, 178, 179, 180, 188, 189, 194, 196, 199, 200, 202
הערמאלין, ד. — 158

ו

וואלא, לאורעציום — 32
וואלד, פ. — 174, 181, 204
וואלדמאן, אפרים — 145, 148, 150, 153
וואלטער — 54
וואלף, ח. — 241, 254, 274
וואלקאווינצער, א. — 176
וואסערמאן, שניאור — 258
וואסערצוג, זלמן — 180, 253, 254
וויזל, נ. ה. — 72
וויטאל, נח — 175, 176, 177, 178, 179, 180, 194, 196, 199, 200, 201, 202, 216
וייטער, א. — 162, 200

וויטערבא, פּראַ עדזשידיאָ דא — 33, 34
ווילאָן, פראַנסואַ — 53
ווינאָקור, י. ל. — 233
ווינטשי, לעאָנאַרדאָ דא — 32
ווינטשעווסקי — 195
וויינערמאַן, חנה — 215
וויינרייך, מאַקס ד״ר — 11, 14, 17, 20, 30, 40
וויינשטאָק, ב. — 183
וויינשטאָק (גפני) מ. ד״ר — 147, 154
וויינשטיין, ישראל — 127, 128
ווייסביאָט — 182
ווייסנבערג, י. מ. — 200
וואָלאַדעק ב. — 174
וועקסלער, מאַקס — 140, 152
ווערבלון, עליע — 256
ווערלען — 65
ווערמאָנט, אברהם — 167, 168, 169, 170, 185, 188

ז

זאַקוסקי, א. י. — 256, 257
זאַקס, מ. — 183
זבאַרזשער, וועלוול — 61, 84, 101, 102, 103, 104, 105, 106, 107, 143
זייד א. — 214 215
זילבערבוש, י. ב. — 103
זינגער, י. י. — 27
זייפערט — 158
זשוויף, משה — 87
זשיטלאָווסקי, חיים ד״ר — 203
זשיטניצקי, ל. ד״ר — 181, 233
זעליקאָוויטש, געצל — 178, 205

ט

טאַגאָרע, ר. — 238
טאַרנאָפּאָלער, יאָאַכים — 114
טורקאָוו, מאַרק — 263, 265, 272
טראָצקי אליהו — 263, 265
טשאַרטאָריסקי, פּירשט — 70
טשערנאָווצקי, וו. — 233

י

יאָסעלעוויטש, יעקב — 168, 175, 176, 188
יאַסקי, משה — 123
יאַראָשעווסקי, מ. — 174
ירחי, ד״ר — 241
יעלען, שרה, ב. — 270

כ

כאַזאַנאָוויטש, ל. 176, 177
כאַריק, איזי — 212
כוסטאָ, כ. ב. ד״ר — 178
כ׳ץ, חבל — 234
כ׳ץ, משה — 264
כ׳ץ, פּיניע — 160, 166, 169, 171, 174, 175, 176, 177, 178, 179, 181, 203, 204, 218, 219, 236, 247, 260, 262, 263, 274, 275
כתבן אליעזר — 150

ל

לאַבין, ס. — 152
לאַזאַרעאַנו, באַרבו — 142, 155
לאַטיינער, י. — 139
לאַפּאַנטען — 132
לאַצקי־בערטאָלדי — 270
לודוויק — 99, 100
לוצאַטאָ, ר' משה חיים — 72
ליאַכאָוויצקי, י. ש. — 167, 171, 178, 179, 188
ליאָן ד'אָר, א. ל. — 83
ליבין — 195, 196
ליבעשוץ, שלמה — 168
ליווא פון רעגנסבורג — 30
לייוויק, ה. — 99, 193, 247, 260, 270
ליכטנשטיין־הערשענזאָן, י. ד. — 121, 122
ליליענבלום, מ. ל. — 56, 104, 115
ליניעצקי, י. י. — 135, 139
לינקאָווסקי, יואל — 183
ליעוו, מאַרק — 122, 123
ליפּפּע, קאַרפּעלעס ד"ר — 140, 141
לעבענזאָן, מ. י. — 109
לעהמאַן, ש. — 64
לעווין, באַלעסלאַוו — 264
לעווין, ז. — 170
לעווינזאָן, י. ב. — 56, 73, 78, 79, 80, 81, 82, 107, 108
לענגלער, וויליאַם — 23
לערמאַן, דוד — 9, 142
לערנער, י. י. — 88
לערנער, פאַליק — 181, 183, 265
לערנער, שבתי — 126
לערער, נחמה — 267

מ

מאַנגער, איציק — 157, 158, 262
מאַני לייב — 137, 151
מאַנילעוויטש, ברידער — 168
מאַס, לוי — 179, 180, 188, 189, 206
מאָסקאָוויטש, איזאַק — 152
מאַפּו, א. — 56, 104
מאַרגאָלין, א. — 232
מאַריינוס, ל. — 87
מאַרקוזע, משה ד"ר — 60
מאַרקס, קאַרל — 16
מאָשקאָוויטש, אברהם — 210, 211, 212
מהרם — 17
מוקדוני, א. ד"ר — 219, 250
מיידאַניק, מרדכי — 214, 215
מיזשעריצקי, נאַהאָן ד"ר — 252
מיטלבערג, אברהם — 272
מינצעס, רחל — 268
מינקאָוו, נ. ב. — 9
מלאַך, לייב — 218, 219, 220, 221, 232, 235, 273
מענדלסאָן, יוסף — 180, 204, 205, 273, 275
מענדעלסאָן, משה — 55, 56, 57, 70, 72, 73, 75, 76, 78, 107

מענדעלע מוכר ספרים — 11, 61, 84, 91, 98, 115, 116, 135, 150, 196, 238
מעסטל יעקב — 145
מערקין, משה ד"ר — 263
משה בר אברהם —— 112

נ

נאַדיר, משה — 210
נאַטאַנזאָן, ד. ב. — 81
נאַטאַנזאָן, וו. — 247
נאָמבערג, ה. ד. — 193, 200, 205, 217, 270
ניגער, שמואל — 68, 193, 218, 233, 242, 247
ניעמאָי, פּ. — 180
ניצשע, פ. — 148

ס

סאַטאַנאָווער, מענדל לעפין — 70, 71, 72, 73, 75, 93
סאָטעק, י. ד"ר — 142, 150
סאַכאַראָוו, מיגעל — 240
סאָסים, י. פּראָפ. — 51
סאָפּאָזשניקאָוו, גרשון — 183, 252
סאַפּיר, מ. גאָטליב — 59
סאָרקין, זלמן — 177
סוויפט, יאָנאַטן — 53
סוסקאָוויטש, שלמה — 247, 248
סטאָליאַר, מאָטיע — 179, 180
סטופּניצקי — 162
סמאָלענסקי, פּרץ — 56, 104, 107
סני, מיכל הכהן — 164, 167, 170
סני, רב — 167
סעגאַל, י. — 180
סערוואַנטעס — 22
ספּיוואַק, אהרן — 183

ע

עדלשטאַט, ד. — 195, 212
עדלשטיין, יצחק — 176
עזיאל, י. מ. — 138
עטיאַש, יוסף — 46
עטינגער, ווילהעלם — 91
עטינגער, שלמה ד"ר — 84, 90, 91, 92, 93, 108, 109, 145
עלזעט, יהודה — 83
עריק, מאַקס — 11, 14, 16, 18, 19, 20, 263

פּ

פּאָוקער אַנא — 155
פּאָטאָצקי, פירשט — 70
פּאַיוק, מאַשא ש. — 269
פּאָליאַק, מ. — 173
פּאָרטונע, עריק ד"ר — 154
פּאַרישעווסקי, מאַרקוס — 203, 214, 216
פּולטשי, לואידזשי — 32
פּוסטילניק, משה — 172
פּוסטילניק, שמשון — 172
פּושקין, א. — 88
פּינזאָן, מימי — 267
פּינטשעווסקי, משה — 177, 178, 179, 194, 196, 203, 206, 207, 208, 212

פינסקי, דוד — 155
פינסקער, י. ל. — 86
פינעס, מ. — 61, 76
פיראַגאָוו — 114
פּסאַנטער, יעקב —143
פּערל, יוסף — 70, 73, 83
פּפערערקאָרן — 73
פּרילוצקי, נח — 11, 60, 64
פּרץ, י. ל. — 69, 148, 162, 196, 257, 270, 272

פ

פאַרבער, ח. י. — 202
פאַרבער, קלמן — 202
פונדאַיאַנו, ב. — 154
פיכמאַן, יעקב — 9, 120
פיין, ירדנה — 213, 214, 269
פינגערמאַן, ישראל — 171, 172
פייערבערג — 215
פיערט, שמואל — 252
פייערמאַן, אהרן — 203, 218, 219
פישלזאָן, א. פּ. — 84
פישער, א. א. — 239, 240
פלאַפּאַן, יעקב — 242, 243, 244
פעדער, טוביה גוטמאַן — 71, 72
פרוכטער, נתן — 81, 205, 275
פרומקין, א. — 212
פרידלענדער, דוד — 56
פרידמאַן, א. מ. — 147, 148
פריילאַך, ש. — 181, 189, 238, 243, 246, 247

צ

צביון — 174
צוקער, נחמיה — 183, 232
צייטלין, ה. — 162
צייטלין, וו. — 170, 171, 178
צייטלין, יהושוע — 70
צינבערג, ישראל ד״ר — 61, 74, 77, 86, 87
צעדערבוים — 114
צעיר, רב — 136
צעסלער, שמואל — 258, 259
צפּור, י. ב. ד״ר — 128

ק

קאַברין, ל. — 195, 196, 214
קאַהאַן, אב.— 126
קאַוואַל, א. — 257, 258
קאַטאַווסקי, פאַליק — 183
קאַמפּע, י. ה. — 75
קאָנסטאַנטינאָווסקי, מנשה — 233
קאָנסטאַנטינאָווסקי, משה — 233
קאַפּלאַן, יצחק — 171
קאַפּלאַנסקי, ש. — 174
קויפמאַן, מיכל, ד״ר — 127
קויפמאַן, משה — 183, 260, 261
קופּערמאַן, לעאָן — 158
קיידענאָווער, צ. ה. — 50
קיסמאַן, יוסף — 152
קירהאַן, א. ה. — 50
קייש, אורי — 143, 144
קלינגער, אבאַ — 178, 179, 194, 208

קליגער, קהת — 260, 261, 262
קערנער, טעאָדאָר — 223
קראָכמאַל, נחמן — 70, 79
קראסילאָווסקי, הערמאן — 173
קראסילאָווסקי, יהודה — 173
קראָפּאָטקין — 176
קרילאָוו — 132
קרימער (גוטמאן) גאָלדע — 267
קרעמער, אָסקאר — 147, 149

ר

ראַבאַי, אייזיק — 119
ראבינאָוויטש, יוסף — 114
ראבינאָוויטש, יוסף — 122
ראבינאָוויטש, יוסף — 247, 248, 249, 250, 254
ראבינאָוויטש, מאָטיע — 145, 148, 150, 153
ראבינזאָן, יעקב — 155
ראַבלע — 32, 33, 39
ראַדעסקו, ליפּא — 139
ראָזנבלום, דוד — 175
ראָזנבליט, יואל — 170
ראָזנטאל, א — 126
ראָזנפעלד, אברהם — 172, 173
ראָזנפעלד, יונה — 252
ראָזנפעלד, מאָרים — 151, 195, 210, 260
ראָזען, מ. — 174
ראָזשאנסקי, שמואל — 159, 160, 180, 232
ראָוויטש, מלך — 222, 250, 270, 271
ראווניצקי — 135
ראָסיאַנסקי, י. — 180
ראקאָווסקי, קריסטיאן — 152
רובין, משה — 171, 205
רובין, ראובן — 140, 149
רוסאָ, זשאן זש. — 113
רוקח, אליעזר — 140, 143
רייכלין — 73
רייזמאן, יונה — 99, 100, 101
רייזען, אברהם — 9, 11
רייזען, זלמן — 11, 61, 78, 96, 270
רייזפעדער, יעקב — 270
ריטשארדסאָן — 54
רמב"ם — 70
רעגאלסקי, מארקאָס — 180, 216, 273
רש"י — 17, 42, 44, 52

ש

שאַפּיראָ — 176
שאפער, איזי — 251
שאצקי, יעקב ד"ר — 51, 83, 160
שאראגא, לאסקאר — 145, 146
שולמאן, אליעזר — 57, 58
שוסהיים, א. ל. — 180, 274
שטיינבארג, אליעזר — 118, 119, 127, 129, 130, 132, 133, 134, 155, 156, 157
שטיינבערג, יהודה — 69, 119
שטיינבערג, י. נ. — 242
שטיינשניידער, מאָריץ — 13
שטיף, נחום — 11, 14, 15, 35

שטערנבערג, יעקב — 119, 120, 127, 155, 156, 157
שטערנהאַרץ, ר' נתן — 57, 85
שטרייכער, יעקב — 192, 194, 208, 209, 210, 212
שיפּער, יצחק ד"ר — 11
שייקעוויטש, נ. — 127
שלום עליכם — 87, 97, 195, 196
שמ"ר — 98, 158
שניידער, חיים שמואל — 171
שניידער, צבי — 171
שענדעריי, משה — 238
שעפּנער, ב. — 270
שעקספּיר — 16, 32
שפּרינבערג, פּעדראָ — 176, 177
שפּריצער, אביגדור — 238
שקאָלניק, ה. — 173, 188

★

ביכער פון זעלבן מחבר

נאָך דער פאַרשטעלונג (גראָטעסקן און בילדער פון יידישן לעבן) 173 זייטן, בוענאָס איירעס, 1926.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער (טראַגיקאָמעדיע אין 3 אַקטן) 41 זייטן, בוענאָס איירעס, 1928. (אויספאַרקויפט)

פון ביידע זייטן ים (נאָוועלן, גראָטעסקן און בילדער) 156 זייטן, בוענאָס איירעס, 1929.

בעסאַראַביע (לעגענדעס, מעשהס און בילדער) 125 זייטן, בוענאָס איירעס, 1929.

משה לייב האַלפּערן (אַ קליין קרענצל אויפן קבר פון אַ גרויסן דיכטער), 56 זייטן, בוענאָס איירעס, 1932.

פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער, 277 זייטן, וואַרשע 1932. (אויספאַרקויפט)

דראַמען (ר' בער ליעווער, צווישן רעוואָלוציאָנערן, הערשעלע אָסטראָ־פּאָליער), 186 זייטן, בוענאָס איירעס, 1932.

די לעבנס-געשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט (מעמוארן)
ערשטער באַנד: 398 זייטן; בוענאָס איירעס, 1942
צווייטער באַנד: 414 זייטן; בוענאָס איירעס, 1942
דריטער באַנד: 444 זייטן; בוענאָס איירעס, 1942
(אַלע אויספאַרקויפט)

מיר ווילן לעבן (ראָמאַן אין פיר טיילן), 521 זייטן, ב. א. 1944. (אויספאַרקויפט)

בראשית פון מדינת ישראל (רעפּאָרטאַזשן) אין צוויי בענד, 536 זייטן, בוענאָס איירעס, 1948

Este libro fué terminado el 31 de
Mayo de 1949 en los Talleres
Gráficos de Zlotopioro Hnos.
Gascón 1231
Buenos Aires